STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00406

FUN UNZER FRILING

Reuben Eisland

Permanent preservation of this book was made possible by
Stanley & Marcia Revzin & family
in honor of
parents, Morris & Pearl Korsun who taught us to love Yiddish

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פון אונזער פרילינג

ליטעראַרישע זכרונות
און פאָרטרעטן — .

פון

ראובן אייזלאַנד



ארויסגעגעבן פון ה. אייזלאַנד
יובל קאָמיטעט מיאַמי ביטש.
פלאָרידאַ ...
אין פאַרלאַג אינזל ניויאָרק.
1954

FUN UNZER FRILING

by R. Iceland

Copyright 1954 *by*
R. ICELAND
Miami Beach, Florida

שער־בלעטער געצייכנט פון בנימין קאפמאן

געדרוקט ביי ברידער שולזינגער
Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING AND PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street, New York 3, N. Y.

אין ליכטיקן אָנדענק פון

ד ו ד ק אַ ז אַ נ ס ק י

אינהאַלט

ערשטער טייל

פאָרוואָרט VII

מיט זישא לאַנדוין........ 1

פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער........ 32

מיט מאַני לייבן........ 65

משה לייב האַלפּערן........ 109

דוד איגנאַטאָוו 115

י. י. שוואַרץ........ 121

אַננאַ מאַרגאָלין 129

י. קיסין 173

הערמאַן גאָלד 176

אַ היים פאַר אידישע שרייבער........ 181

גודמאַן און לעווינס רעסטאָראַן........ 187

זעכציק טעג מיט אברהם ליעסינען........ 195

צווייטער טייל

עלזאַ לאַסקער־שילער 221

פּאָעטן, קריטיקער און ציטאַטן........ 224

מדרש יוסף 231

וועגן שלום אַש׳ס „נאַזאַרין״........ 236

פון ריינער קונסט צו נאַציִשן משיחיזם........ 245

נאָכוואָרט צום „געזאַנג פון הירש״........ 256

חסידות אַ קונסט........ 260

קונסט און פּראָפּאַגאַנדע........ 275

וועגן עטיק און עסטעטיק........ 278

צו אַ דיכטער וואָס האָט זיך געפלייסט צו מאַכן גוטע איבערזעצונגען 280

פאָרוואָרט

מיט עלף פון די צוועלף אַרטיקלען, גרעסערע און קלענערע, וואָס גייען אַריין אין ערשטן טייל פון דעם בוך, בין איך בלויז אויסן געווען צו געבן אַן אינטימען איינבליק אין לעבן און שאַפן פון יענע פּאָעטן און דערציילער פון מיין דור, וואָס זיינען מיר פּערזענליך געווען נאָענט און טייער. פאַרשטייט זיך, אַז שרייבנדיק וועגן זיי, זייער צייט, זייערע טואונגען, זייערע שטרייטן, זייער קוק אויפן לעבן און זייער וועג אין דער וואָרט־קונסט, האָבן אויך געמוזט דערמאָנט ווערן אַנדערע פּאָעטן און דערציילער, וואָס זיינען געקומען מיט אונז אין איין צייט — צווישן 1905 און 1915. דאָס איז באמת געווען דער פרילינג פון דער נייער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. מיט די האַרבע ריחות פון אויפשפּראָץ, אַלע קאָלירן פון בלי, דעם אומרו, די ווייטיקן, די חלומות, די בענקשאַפטן, די דערוואָרטונגען און די האָפערדיקייט פון יונגען וואוקס, וואָס שפּירט זיך אין אַלע פרילינגען.

אויב נאָר באַשטימטע נעמען ווערן דערמאָנט, מיינט דאָס ניט, אַז אַנדערע זיינען מיט אַ כיוון אויסגעלאָזן געוואָרן. אויב נאָר וועגן געציילטע זיינען דאָ גרעסערע צי קלענערע אַרטיקלען, מיינט דאָס ניט, אַז נאָר זיי זיינען אין מיינע אויגן וויכטיק גענוג, אַז איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיי. איך האָב געשריבן נאָר וועגן די מיט וועלכע איך בין געווען אינטים נאָענט און האָב זיי ממילא געקענט גוט גענוג, אַז איך זאָל קאָנען זיין גערעכט צו זיי און זייער שרייבן. אויב איך האָב צו איינעם אין לויף פון די אַלע יאָרן ניט געקאָנט צוקומען גענוג נאָענט, ווייס איך, אַז ווער־ווער, איך טאָר וועגן אים ניט שרייבן. — מיט ווייטיק דערמאָן איך, אַז אין דעם בוך פעלן אַרטיקלען וועגן אַזוינע נאָענטע מענטשן מיינע ווי דוד קאַזאַנסקי, א. ראַבאַי, און אים צו לאַנגע יאָרן, יוסף ראָלניק. שולדיק דערין איז מאַנגל אין כוחות און צייט.

צום סוף וויל איך אויסדריקן מיין טיפן דאַנק צו מיין פריינט דעם מאָלער ב. קאָפּמאַן, פאַר צייכענען די שער־בלעטער צו מיין בוך; צום ראובן אייזלאַנד יובל קאָמיטעט מיט זיין פאָרזיצער דר. א. מוקדוני און זיין סעקרעטאַר דוד פרידמאַן בראָש, וואָס האָט מעגליך געמאַכט, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען; צו מיין פריינט הערמאַן פעלזען, מיינע ברידער חיים פסח און משה יעקב, מיין שוועגערין מאַלי אייזלאַנד און מיין לאַנדספרוי און אַלטע פריינדין רחל בערנקנאָפּף, וואָס אָן זייער מיטהילף, וואָלט דאָס בוך ניט געקאָנט אַרויסגיין.

ר. א.

ערשטער טייל

זכרונות און פארטרעטן

מיט זישאַ לאַנדוי

פיר זיינען מיר געווען. דריי האָבן געשריבן לידער און איינער ראָמאַנען. קנאַפּע דרייסיק יאָר געקניפּט און געבונדן. ליטעראַריש און פּערזענלעך. פאַרבראַכט אַ סך צוזאַמען, גע׳חלומ׳ט צוזאַמען, אינאיינעם אַרויסגעגעבן זשורנאַלן און זאַמלביכער, געקריגט און געריסן זיך, אַמאָל איבער נאַרישע קאַפּריזן, אַמאָל איבער פּאַרוואונדעטער איטלקייט און אַמאָל איבער ערנסטע פּערזענלעכע ענינים און טעאָרעטישע סכסוכים. אָבער קיינמאָל נישט איבערגעריסן. שטענדיק זיך איבערגעבעטן און ווידער געוואָרן איינס ווי פריער. איצט ווען איינער איז נישטאָ מער איז גאַנץ אָפּט פּוסט און נאָך אָפטער טרויער אין האַרצן. אָבער ווען איך זעץ זיך שרייבן וועגן אים מישט זיך אין טרויער אַריין פרייד. די פרייד פון אַ חבר, וואָס אים ווילט זיך דערציילן פון אַ חבר. — אַזוי און אַזוי און אַנדערש שוועבט זיין געשטאַלט פאַרביי מיר. ווי איך האָב אים געזען אין פאַרשיידענע צייטן, אין פאַרשיידענע מאָמענטן און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אַזוי און אַזוי און אַנדערש וועל איך וועגן אים דערציילן.

ערשטע באַגעגעניש

איך געדענק שוין נישט דאָס יאָר, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט זישאַ לאַנדוי. מיר איז אויך מער ניט קלאָר, צי דאָס איז געווען שפּעט אין האַרבסט אָדער פרי אין פרילינג. איך געדענק אָבער גענוי, אַז עס איז געווען אַן אָוונט אויף קאַנאַל סטריט, פאַר דעם אַמאָליקן דרוקערמאַנ׳ס ספרים געשעפט, אַז דער אָוונט איז געווען קאַלט, נעפּלדיק און בלאָטיק, און איך האָב געטראָגן אַ שווערן ווינטער־מאַנטל. אַלע פאַרבייגייער האָבן געטראָגן שווערע ווינטער־מאַנטלען און אַלע פון דער קליינער גרופּע יונגע שרייבער, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם ספרים־געשעפט און געוואַרט אויף עפּעס אַ נייער צייטשריפט, וואָס מען האָט געדאַרפט ברענגען פון דרוק, האָבן געטראָגן שווערע מאַנטלען, נאָר דאָס דינע, בלאַנדע בחור׳ל מיט די גרויסע בלויע אויגן, וואָס מען האָט מיר פאָרגעשטעלט אַלס זישאַ לאַנדוי, האָט געטראָגן אַ לייכט, שמאָל, זומערדיק איבערציערל פון לעדער קאָליר, וואָס האָט זיך ענג פאַרקנעפּלט איבער אַ שפּיציק בייכל.

פאַר די וואָס האָבן געקענט דעם שפּעטערדיקן ברייטן און שווערלייביקן לאַנדוי וועט זיין שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אויף זיין ניינצעטן צי צוואַנציקסטען יאָר איז ער געווען אַ דין, כמעט שמעכטיק אינגל, פונקט ווי זיי קאָנען

זיך מסתמא ניט פאַרשטעלן, אַז לאַנדוי פלעגט גיין אָנגעטאָן ווי אַ דענדי אין ענג־געפּאַסטע קליידער, אַ האַרטן שטייענדיקן קראַגן און דירבי. מיטן לעצטן איז ער אָבער ניט געווען קיין בן־יחיד. אַלע האָבן מיר אין יענע יאָרן געהאַט איינגעקאַרבטע רייפן אויף די שטערנס פון די האַרטע קיילעכדיקע קאַפּעלושן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געטראָגן.

„זישא לאַנדוי! זייט איר דאָס טאַקע זישא לאַנדוי?״ — האָב איך גע־פרעגט און אים נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס, „און וואו זיינען די וואָנצן?״

— דאָרט, וואו אייער גאָלד!״

מיין פראַגע האָט זיך באַצויגן אויף זיינעם אַ שלעכט ליד געדרוקט אונ־טער פינסקי׳ס רעדאַקציע אין „אַרבעטער״, אין וועלכן וואָנצעס זיינען געוואָרן „וואָנצן״, כדי ער זאָל זיי קאָנען באַנוצן אַלס ניט געלונגענעם גראַם צו „טאַנצן״. פאַר יענער צייט אָבער און נאָך פאַר אַן אָנהייבער דערצו, אַ טשי־קאַווע און אייגנאַרטיק ליד. זיין ענטפער האָט זיך באַצויגן אויף אַ גאַנצע ריי פון מיינע לידער אין יענער צייט, וואָס זיינען געווען פּונקט אַזוי שלעכט און גאָר ניט אייגנאַרטיק און אין וועלכע עס האָט געהאַלטן אין איין בליאַסקען מיט גאָלד. דאָס דאַזיקע גאָלד אין מיינע לידער האָב איך דווקא געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין דעמאָלסטיק שווער לעבן, און אָט ווי אַזוי:

ווי די מערסטע יונגע אידישע שרייבער אין אַמעריקע פון יענער צייט, בין איך געווען אַ פאַבריק אַרבעטער — אַ פעקער ביי קאָפּן. ווען איך האָב זיך באַקענט מיט לאַנדוי׳ן בין איך שוין געווען אַ חתונה געהאַטער. אַ טאַטע פון אַ קינד, און דאָס לעבן איז געווען זייער שווער. דער אייביקער יאָך און די אייביקע זאָרגן האָבן געדריקט און דערשלאָגן. אין דער פאַבריק וואו איך האָב געאַרבעט, כאָטש איינע פון די גרעסטע אין דעם פאַך און פאַר יענער צייט היגיעניש די בעסט איינגעאָרדנטע, זיינען, באַזונדערס אין מיין ווינקל, שטענדיק געשטאַנען וואָלקנס פּאַרע, וואָס האָבן מיט אַ צישעריי זיך אַרויס־געקנוילט פון גרויסע פירעקיגע קופּערנע קעסלען און פון מאָנסטערהאַפטע היידראַליק מאַשינען. אייביקע טריבקייט, שטיקעניש און אייביקער געשטאַנק, שטענדיקע ברעכעניש אין רוקן און ברענענדיקע זוילן פון שטיין יעדן טאָג צען און מער שעה אויף די פיס, איז דאָס געמיט שטענדיק געווען באַטריבט. נאָר איין ליכטיקער פּונקט איז געווען אין דעם דאַזיקן טריבן לעבן — די גאָלדענע קרוין אויפן טורעם־שפּיץ פון אַ וואָלקנקראַצער געביידע, וואָס מען האָט דעמאָלט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט אָדער געהאַלטן אין פאַרענדיקן. אויב דער טאָג איז נאָר געווען אַ שיינער, האָט די דאַזיקע קרוין אין אַ באַ־שטימטער שעה יעדן נאָכמיטאָג אויפגעכאַפּט די שטראַלן פון דער זון און איז אַליין געוואָרן אַ זון — אַ גליענדיקע גאָלדענע זון. אין מיין טריבן ווינקל אין

דער פּאַבריק האָט זיך די „זון“ באַוויזן ווי אַ נס. און כאָטש דער נס האָט זיך באַנייט כמעט יעדן טאָג, האָב איך פונדעסטוועגן שטענדיק געוואַרט אויף אים מיט אַ פלאַטער אין האַרצן, ווי מען וואַרט אויף אַ פרוי, וואָס מען האָט ליב. און וואָס האָט די דאָזיקע „זון“ ניט אָנגעצונדן אין מיר און אַרום מיר! וואונ־דערלעכע לאַנדשאַפטן האָבן אויפגעבליט פאַר מיינע אויגן אין מיטן די בערג היטלען און שטויסן קאַפּעלושן און נאָך גרעסערע שטויסן פּירעקיקע און קיילעכדיקע שאַכטלען צווישן וועלכע איך בין געשטאַנען ווי איינגעמויערט; אין אַלע מיידלעך פון שאַפּ האָב איך זיך איינגעליבט; זוניקע פעלדער האָבן געשוועבט דורך מיינע חלומות און טויזנטער זכרונות פון דער קינדהייט זיינען מיט אַמאָל געוואָרן זוניק און גאָלדיק און געזוכט אויסדרוק אויף פאַרשיידע־נערליי אופנים אין מיינע לידער. געזוכט, אָבער ניט געפונען. דאָס הייסט, איך האָב דעם אויסדרוק ניט געפונען, און באַקומען האָבן זיך גאָר שלעכטע לידער.

ווי אַ סך אָנהייבער, וואָס דערקענען נאָך ניט זייער אייגן קול, האָב איך, אפשר ניט ווילנדיק, געזונגען מיט אַ פרעמד קול, באַנוצט זיך מיט פאַעטישע אויסדרוקן וואָס אַנדערע פאַר מיר האָבן אויסגעמיגצט. ווי אַ סך אָנהייבער האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט, אַז די שטאַרקסטע איבערלעבונגען און טיפסטע עמפינדונגען מאַכן נאָך אַלץ ניט קיין גוט ליד. ערשט שפּעטער, ווען מען ווערט קינסטלעריש רייכער, דערגייט מען — און אָפטמאָל דורך גרויס פּיין — דעם סוד, אַז אַ סך מער ווי איינדרוק, איבערלעבונג און עמפינדונג דאַרף מען האָבן אויסדרוק. דאָס פּאַסיקסטע וואָרט אויף דעם פּאַסיקסטן אָרט, האָט נאָך קאָלערידזש געפאָדערט. וואָס דאָס מיינט שוין ממילא טאָן, ריטם און פאָרם, גילטיק בלויז פאַר דעם געגעבענעם ליד און ניט פאַר קיין אַנדערן.

צווישן מיר און זישאָ לאַנדוי איז עס ניט געווען קיין „ליבע פון ערשטן אויגנבליק“. מיר האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן זאָגן אמת׳ן, און דער אמת טוט ווי, בפרט נאָך ווען מען איז יונג. לאַנדוי איז געווען מיט אַ פינף יאָר איגגער פון מיר. אין מיינע אויגן בין איך געווען דער אינגסטער, מיט אַלע מעגלעכ־קייטן און האָפענונגען וואָס שטראַלן אַקעגן דעם אינגסטן, אָבער אויך מיט אַלע פּיינען און ספקות׳ן אין זיך, וואָס שליידערן פון איין תהום אין אַנדערן אַריין. יונג זיין מיינט האָפערדיק זיין, ווייל אויב נאָך ניט היינט דערגרייכט אַלץ פון וואָס דער יונגער פּאָעט חלומ׳ט וועט ער דאָך דאָס זיכער דערגרייכן מאָרגן, איבעראיאָר און אַפילו ערשט אין יאָרן אַרום. וואָס מאַכט עס אויס? יונג זיין מיינט אָבער אויך קרענקלעך עמפינדלעך זיין און איך בין געווען אי־בער־עמפינדלעך. דער קלענסטער פגיעת־כבוד האָט אין יענע צייטן געטראָפן ווי אַ שטיין. דאָס מינדסטע בייזע וואָרט האָט געשטאָכן ווי אַ שפּיז און טיף פאַרוואונדעט. און ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש האָט מיר לאַנדוי געזאָגט

אַ סך בייזע און שטעכיקע ווערטער. איך אים האָב אויך ניט געזשאַלעוועט. און מסתמא האָבן מיינע רייד אויך געטראָפן וואוהין זיי האָבן געצילט. לאַנדוי איז אָבער אין דער הינזיכט געווען דער געשיקטערער, און דאָס איז ער שטענדיק געבליבן. אַזוי אַריינזאָגן, אַז עס זאָל טרעפן אין דער זיבעטער ריפּ אַריין האָט צווישן אונז קיינער ניט געקאָנט.

יענע נאַכט האָב איך, ווי מען זאָגט אין אונזערע מקומות, געקאָפּעט דאָס ליילעך. אַזוי שטאַרק פאַרוואונדעט האָב איך זיך געפילט פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט לאַנדוי׳ן, אַז איך האָב יענע נאַכט אַן אויג ניט געקאָנט צו־טאָן. אויף מאָרגן בין איך דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען ביי דער אַרבעט אַן אויסגעהוילטער און אַז איך בין אַהיימגעקומען האָב איך קיין ביסן ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין. ביז דעמאָלט פלעגן ביי מיר אַלע ניט געדרוקטע לידער זיין זאָרגפעלטיק פאַרשריבן אין אַ ריינעם העפט און די געדרוקטע לידער איינגעקלעפּט אין אַ צווייטן. עטלעכע טעג נאָך מיין באַגעגעניש מיט לאַנדוי׳ן האָב איך גענומען דעם העפט מיט די געדרוקטע און דעם העפט מיט די פאַר־שריבענע לידער, זיי איבערגעריסן אין מיטן און זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ ברענענדיקן אויוון. דאָס איז געווען ניט צום ערשטן און ניט צום לעצטן מאָל, ווי איך האָב צעריסן מיינע זאַכן, און שטענדיק איז עס געווען צו רפואה.

דער דאָזיקער שטריך צו זאָגן אמת׳ן אָפן, באַזונדערס וועגן דיכטונג, און דאָס אַזוי שאַרף און בייסיק, אַז עס זאָל אַריין טיף אין די ביינער, איז לאַנדוי׳ן פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. וואָס נעענטער אַ מענטש איז אים געווען, אַלץ מער האָט זיך לאַנדוי דערלויבט די דאָזיקע אָפענקייט. גאַנץ אָפט איז עס געווען דער פּרואוושטיין צי וועט זיך קאָנען פאַרבינדן אַ חבר׳שאַפט צווישן אים און אַן אַנדערן דיכטער. אין דער רגע ווען לאַנדוי האָט דערפילט, אַז אַ דיכטער קאָן ניט הערן דעם אמת וועגן זיך אָדער זיין ליד, איז אים יענער געוואָרן אַ פרעמדער. ער האָט מיט יענעם זיך נאָך געקאָנט באַגעגענען גאַנץ אָפט, שפּילן מיט אים אין קאָרטן, באַרימען זיך פאַר אים מיט די איינגעמאַכצן וואָס ער קאָן פּרעגלען אָדער וואָס פאַר אַ גוטער קענער און געניסער פון גע־טראַנקען ער איז, אָבער וועגן דיכטונג האָט ער מיט יענעם מענטשן מער ניט גערעדט.

ניט אַלעמאָל איז לאַנדוי געווען גערעכט אין זיינע אורטיילן. דאָס וואָלט ניט אויסגעמאַכט, וויל ווער איז דען שטענדיק גערעכט? דאָס ערגסטע ביי לאַנדוי׳ן איז אָבער געווען, וואָס אין זיינע אויגן האָט ער קיינמאָל ניט געטאָרט זיין אומגערעכט. דעריבער פלעגט ער גאַנץ אָפט זיינעם אַן אומרעכט אויס־קויפן מיט אַ צווייטן נאָך אַ גרעסערן. דאָס, דוכט מיר, פּונקט ווי די מידה צו זאָגן אַ מענטשן דעם אמת גלייך אין די אויגן אַריין, האָט ער איבערגענומען בירושה פון דעם גוט־אידישן הויף, ביי זיין זיידן דעם סטריקעווער, וואו ער

איז אויסגעוואַקסן. רבי׳שע קינדער און אייניקלעך געוואוינען זיך צו פון קינדוויז אָן אַריינצוזאָגן. אין רבי׳שע הויפן, ווי אין אַלע הויפן וואו מען פירט שטאַט און ממילא אויך פּאָליטיק, איז מען אויך קיינמאָל ניט אומגערעכט. אומגערעכט איז שטענדיק דער צווייטער צד: דער הויף מיט וועלכן מען פירט אָן אָפענע צי אַ באַהאַלטענע מחלוקה. די מחלוקה מעג זיך זיין לשם שמים — צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדערן קנייטש אין דער עבודה. די מעטאָדן זיינען אָבער ניט שטענדיק לשם שמים׳דיקע. אַפילו אַן אינטריגעלע איז באַרעכטיקט, אויב זי איז נאָר נויטיק אָדער ווען מען מיינט, אַז זי איז נויטיק. לאַנדוי׳ס מחלוקת׳ן זיינען שטענדיק געווען לשם־שמים׳דיקע. אין תוך זיינען אפילו זיינע „אומ־רעכטן״ אָדער „רשעות׳ן״ ווי די געטראָפענע האָבן זיי אָנגערופן, ניט געקומען פון שלעכטס, פון סתם וועלן ווייטאָן, נאָר דערפון, וואָס ווי יעדער דיכטער האָט ער ניט שטענדיק געקאָנט זיין דער אָביעקטיווער קריטיקער. איפּאָליט טען האָט שוין אויפמערקזאַם געמאַכט דאַרויף, אַז יעדער אמת׳ער דיכטער מיט אַן אייגענעם וועג, מוז בטבע זיין איינזייטיק און אַפילו פאַנאַטיש איינ־געגלויבט, אַז נאָר זיין וועג איז דער ריכטיקער. ממילא קאָן ער שוין ניט אָפּשאַצן ווי געהעריק דעם ווערט פון אַן אַנדערן דיכטער, באַזונדערס ווען דער אַנדערער איז פון אַן אַנדערער ריכטונג.

פאַרברידערונג

אַ נענטערע באַקאַנטשאַפט צווישן מיר און זישא לאַנדוי האָט זיך אָנגע־הויבן פאַרקניפּן ביי די מיטינגען פון פאַראיין ליטעראַטור, וואָס האָט אַרויס־געגעבן די צוויי זאַמלביכער „ליטעראַטור״. גאָר נאָענט האָבן מיר אָבער אָנ־געהויבן ווערן ערשט אין זומער 1910, ווען מען האָט צוגעגרייט דאָס צווייטע זאַמלבוך „ליטעראַטור״. ביי די מיטינגען האָב איך זיך באַקענט מיט איגנאַ־טאָוו׳ן, לאַפּינ׳ען און משה וואַרשע. די מערסטע פון די וואָס זיינען אין צייט אָדער אַן אַנדערע צוגערעכנט געוואָרן צו דער גרופּע „יונגע״, ווי ראַלניק׳ן, שוואַרצ׳ן, האַלפּערינ׳עז, חיימאָוויטש׳ן, אָפּאַטאָשו׳ן און דילאָנ׳ען האָב איך געקענט נאָך פון פריער. מיט ראַבאָי׳ן האָב איך זיך ערשט שפּעטער באַקענט. קאַזאַנסקי און לייוויק זיינען געקומען שפּעטער. לענגער פון אַלע האָב איך געקענט מאַני לייב׳ן. מיט אים האָט מיך באַקענט זעלדין נאָך אין 1905. אָבער נאָענטע חברים זיינען מיר געוואָרן אויך ערשט אין זומער 1910.

צו די מיטינגען פון פאַראיין „ליטעראַטור״ פלעגן קומען צווישן זעכציק און זיבעציק יונגעלייט, וואָס האָבן פון צייט צו צייט אָפּגעדרוקט אַ ליד צי אַ סקיצע אין איינער פון די טעגלעכע אָדער וועכנטלעכע צייטונגען פון יענער צייט. די מערסטע פון זיי זיינען קיין שרייבער ניט פאַרבליבן. אַ טייל איז מיט דער צייט אַריין אין די צייטונגען. אַנדערע זיינען געוואָרן יוניאָן־פירער,

דאָקטוירים, דענטיסטן, אַפּטייקער צי גאָר דערפּאָלגרייכע געשעפטסלייט. ביי די מיטינגען האָט זיך פון אָנהייב אָן גענומען אויסשיילן די גרופּע, וואָס האָט שפּעטער געמאַכט געשיכטע מיט די זאַמלביכער „שריפטן". די גרופּע איז אויך צעפאַלן אין קלענערע גרופּן, און צו דער קלענסטער, וואָס איז באַשטאַנען פון מאַני לייב׳ן, לאַנדוי׳ן און מיר, איז מיט דער צייט איבערגעגאַנגען בירושה דער נאָמען „יונגע". צונויפגעוואָקסן מיט אונז און געוואָרן איינער פון אונז איז שפּעטער אויך דוד קאַזאַנסקי. לויט זייער צוגאַנג צו ליטעראַטור און לויט זייער דיכטערישן מהות האָבן צו דער גרופּע אויך אייגנטלעך געדאַרפט צו־גערעכנט ווערן ראָלניק און ראַבאָי. אָבער זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיט אונז.

דער נאָמען „יונגע" איז אורשפּרינגלעך געווען אַ שפּאָט־נאָמען פאַר אַ גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָט נאָך אין 1907 געהאַט די „חוצפּה" צו דערקלערן, אַז מען דאַרף דאָס ביסל אידישע ליטעראַרישע כוחות אין אַמע־ריקע באַפרייען פון דעם אַפּוטרופּסות פון די צייטונגען, און זיי האָבן געזוכט צו שאַפן אַן אייגענעם ליטעראַרישן ווינקל אין די דינע העפטלעך פון דעם חודש־זשורנאַל „די יוגענד". שפּעטער האָט מען מיט דעם נאָמען באַצייכנט אַלע אויף אַנדערשקייט פּרעטענדירנדיקע יונגע שרייבער, כאָטש קינסטלעריש האָבן זיי צווישן זיך גאָר קיין שייכות ניט געהאַט. ערשט מיט דער אויס־קריסטאַליזירונג פון אונזער גרופּע האָט דער נאָמען געקראָגן אַ באַשטימטן באַטייט. איצט איז ער געווען דער נאָמען פון אַן איינהייטלעכער שולע — די ערשטע ליטעראַרישע שולע ביי אידן. אַ שולע, וואָס איז קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען מיט קיין געשריבענע פּראָגראַמען און דאָך האָט זי געהאַט אַ קענטיקע פיזיאָנאָמיע, וואָס האָט זי אויסגעטיילט פון גאַנצן אַרום, און אַרויפגעלייגט אַזאַ שטעמפּל אויף דער אידישער דיכטונג, אַז ווייטער שרייבן אַזוי ווי מען האָט געשריבן איידער זי איז געקומען, האָט מען מער ניט געקאָנט.

דריי מענטשן, גרונט פאַרשיידן אין טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער; אין די, פאַר דיכטער אַזוי וויכטיקע, ערשטע קינדערשע איינדרוקן פון היים, לאַנדשאַפט און סביבה און ערשטע אויפגעכאַפּטע קלאַנגען פון ניגון, ליד און מעשה; גרונט פאַרשיידן אין דערציאונג, באַגעגענישן, חלומות, שטרעבונגען און איינפלוסן (עטישע, עסטעטישע און ליטעראַרישע) פון די פאַרמאַטיווע יאָרן; גרונט פאַרשיידן אין אופן פון שרייבן און דאָך געוואָרן די שאַפער פון אַן איינהייטלעכער שולע מיט אַ באַשטימטן גאַנג, באַשטימטן קוק און באַ־שטימטער קריטעריע. ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן איז פאַר מיר נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג אַ רעטעניש. טיילוויז דערקלער איך דאָס דערמיט, וואָס ביי אונזער גאַנצער פאַרשיידנקייט האָבן מיר דאָך געהאַט אין אייגנשאַפט אַ בשותפות׳דיקע: — וואַכקייט פון די חושים.

אַגב, אַ שטריך, וואָס איז אייגן אַלע קינסטלער, און מיר זיינען געווען, אויב־ניט די ערשטע קינסטלער איז די ערשטע באַוואוסטזיניקע קינסטלער־גרופּע אין דער אידישער דיכטונג. אונזער קוק, אונזער וועלט־באַנעם און אונזער צוגאַנג צו מענטש און וועלט איז געווען אַ קינסטלערישער. אונזערע פאָדערונגען צו אַלע אידישע דיכטער און קודם־כל צו זיך אַליין זיינען געווען ריין־קינסטלערישע. איינע פון די קאַרדינאַלע פאָדערונגען אונזערע איז געווען ניט צופרידן צו שטעלן זיך מיט דעם, וואָס מען ווייס, ווייל אַזוי איז אָנגענומען, ווייל אַזוי האָט מען געהערט אָדער ווייל אַזוי האָט מען „געלייענט אין די ביכלעך", נאָר צו יעדער דערשיינונג צוגיין מיט אָפענע אויגן און אַן אָפענעם מוח און פרוואוון זי אויפסניי דערקענען, אויף אַן אייגענעם אופן דערקענען. ניט אַזוי פיל מיטן שכל, ווי דורך די חושים. ניט לאָגיש, נאָר אינטואיטיוו, פּסיכאָלאָגיש.

די פאָדערונג איז אַליין געווען דער רעזולטאַט פון אַ דערקענטעניש. אַ דערקענטעניש, צו וועלכער מיר זיינען געקומען בהדרגה נאָך אַ לאַנגן פאָרשן, זוכן, לייענען און פאַרגלייכן; נאָך לאַנגע טעג און נעכט, וואָס מען האָט פאַרבראַכט אין פאַרטיפטע שמועסן וועגן אַן איינציקן ענין — די דיכטונג, וואָס איז געווען טייערער פון אַלץ און פאַר וועלכער מיר האָבן געקאָנט מקריב זיין אַלץ, אַפילו די אייגנליבע און אייטלקייט, וואָס איז ביי דיכטער פונקט אַזוי שאַרף אויב ניט נאָך שאַרפער ווי ביי פרויען. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געשאַנעוועט. אַלע חסרונות, וואָס מיר האָבן געזען איינער ביים אַנדערן האָבן מיר אָנגעוויזן. און ניט בלויז באַרירט מיט זיידענע הענטשקעס, חלילה, נאָר אויפן שאַרפסטן און בייסיקסטן אופן. געקאַטעוועט, אַז עס זאָל וויי טאָן, און עס האָט ווייי געטאָן. ביזן בלוט ווייי געטאָן. אָבער געהאַט די בויטיקע ווירקונג.

ווען מיר זיינען געקומען איז די אידישע דיכטונג געווען אין דינסט ביי אידייען און באַוועגונגען, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע. די דיכטער זיינען גע־שטאַנען הויך, האָבן פאַרנומען זייער אַ חשוב'ן אָרט. אָבער די דיכטונג איז, ווי יעדע דינסט, געלעגן טיף אין דער אדמה. מיר האָבן פּראָקלאַמירט איר פרייהייט און איר רעכט אויף אַן אייגן זעלבסטשטענדיק לעבן. מיר האָבן פאַרקינדיקט, אַז די דיכטונג דאַרף ניט לעבן אין זכות פון וועלכער עס איז אידייע, ווייל זי לעבט אין איר אייגענעם זכות. זי האָט איר אייגן אָרט און אירע אייגענע פונקציעס אין לעבן. דעריבער איז זי ניט מחויב, ניין, טאָר ניט נעמען אויף זיך קיין אַנדערע פונקציעס, ווייל דערמיט פעלשט זי קעגן זיך אַליין. אין אונזער ליטעראַטור האָט דאָס געקלונגען פרעמד דעמאָלט און קלינגט נאָך פרעמדער היינט, ווען פאַרטייען און באַוועגונגען באַהערשן

ווידער דאָס לעבן, און דאָס ווי קיינמאָל ניט פריער, און ווען זיי לייגן אַרויף זייערע דיקטאַטאָרישע לאַפּעס אויף אַלץ, און אַלץ מוז זיי דינען.

ווען מיר זיינען געקומען איז אונזער דיכטונג, באַזונדערס דאָ אין אַמעריקע, געווען גרילצנדיק־שרייעריש־באָמבאַסטיש און מעלאָ־דעקלאַמאַ־טאָריש, ווען זי האָט זיך צוגערירט צו סאָציאַלע טעמעס; אויסגעווייקט אידישלעך, מיט אַ ריח פון טשאָלנט און מקוה, ווען זי האָט זיך פאַרנומען מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און אויסגעסטראַיעט מיט דייטשמעריש־פּאָעטישע פּליטערלעך, ווען זי האָט געוואָלט אויסדריקן יחידישע, לירישע איבער־לעבונגען. אויף אַ היימישן, עכטן גוטן אידיש האָבן די אַמאָליקע פּאָעטן געשריבן בלויז זייערע סאַטירישע לידער, ווען זיי האָבן געוואָלט אָפּלאַכן פון עפּעס. ווייל קיין זאַך איז אין זייערע אויגן ניט געווען אַזוי לעכערלעך ווי דאָס, וואָס איז געווען עכט אידיש. אין דער הינזיכט זיינען זיי געווען לייבלעכע ברידער פון אונזערע אַמאָליקע שונד־ראָמאַנען פאַרפאַסער. אויך ביי אונזערע אַמאָליקע שונד־ראָמאַן־מחברים האָבן געערדט אַ גוטן אידיש נאָר די פאַרשימלטע, אָפּגעלעבטע „סמישנע“ פאַרשוינען. די העלדן און העלדיכעס אָבער, וואָס האָבן געהאַט די מחברים׳ס פולסטע סימפּאַטיעס, ווייל זיי זיינען דאָך שוין געווען „מאָדערנע, היינטוועלטיקע“ מענטשן און האָבן שוין געוואוסט וועגן אַזוינע „מאָדערנע“ זאַכן ווי „ליבע“, זיי האָבן שוין געערדט אויף אַ „פּאָעטיש“ דייטשמעריש לשון.

אַלס רעאַקציע קעגן דעם אַלעמען און קעגן אַלע שאַבלאָנען מיט וועלכע אונזער פּאָעזיע איז דעמאָלט פול געווען, האָבן מיר „יונגע“ זי גענומען פאַר־אָרימען סיי אין טעמעס און סיי אין שפּראַך. כדי אַליין ניט געשטרויכלט צו ווערן און אַליין ניט אַריינצופאַלן אין באָמבאַסטיק, האָבן מיר פאַרוואָרפן סאָציאַלע טעמעס; כדי זיך צו פאַרהיטן פון אַלע קוגל מליצות, האָבן מיר אויסגעמיטן נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און כדי צו קאָנען לייטיש אויסדריקן אַן אינטים לירישע געפיל, האָבן מיר איינגעזען, אַז מיר מוזן טאָן צוויי זאַכן: פון איין זייט זוכן זיך אַליין צו דערקענען און דערגרונטעווען, כדי מיר זאָלן זיין ביכולת צו דערקענען די וועלט, און פון דער אַנדערער זייט מוזן מיר אָפּ־רוימען דאָס גאַנצע מיסט, די אַלע ווילדע ווערטער, וואָס ניט דערוואַקסענע דיכטערלינגען און ניט־דערבאַקענע צייטונג־שרייבער האָבן צונויפגעקליבן אין פאַרשיידענע פרעמדע הויפן, און וואָס פון זיי זיינען דאָס אויסגעבריִט געוואָרן יענע מליצה׳דיקע אויסגוסן, וואָס האָבן ביי אונז דעמאָלט געגאָלטן פאַר דיכטונג.

פאַראָרימט אין אַלגעמיינע סקאַרבאָווע טעמעס האָבן מיר אונזער דיכטונג רייכער געמאַכט, ווייל מיר האָבן מיט אונזער דראַנג צו אייגענער דערקענונג

פֿאַר איר געעפֿנט אַזוי פֿיל טויערן און טירלעך פֿון דעם אינערלעכן יחידיש׳ן לעבן.

פֿאַראַרימט די שפּראַך, האָבן מיר זי דערמיט אַליין שוין רייכער געמאַכט. ווייל איצט אַן דעם פֿרעמדן ווילדן אַנוואוקס האָט אידיש אַנגעהויבן קלינגען אַנדערש: נאַטירלעכער און ממילא שוין שענער. דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסער אויפֿטו. אָבער דערביי זיינען מיר ניט געבליבן שטיין. דער קינסטלערישער אינסטינקט האָט אונז אונטערגעזאָגט, אַז עס פֿעלן ניט קיין ווערטער אין אונזער שפּראַך פֿאַר די טיפֿסטע און דינסטע איבערלעבונגען און פֿיינסטע שטימונגען. מען דאַרף זיי נאָר גיין זוכן אויפֿן ריכטיקן אָרט. אויב מיר וועלן ניט געפֿינען קיין פֿאַרטיקע ווערטער פֿאַר אַלץ, וואָס מיר דאַרפֿן, וועלן מיר אָבער זיכער געפֿינען ווערטער וואָס לאָזן זיך אויסשיילן, בייגן, איבערבויען און איבערשאַפֿן אַזוי, אַז אי זיי זאָלן דינען אונזערע צילן און אי זיי זאָלן זיין אין גייסט און קלאַנג פֿון אונזער שפּראַך. מאַני לייב איז אַוועק און האָט געפֿונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט אין פֿאָלקס מויל. לאַנדוי און איך — אין דעם אָנגעזאַמלטן פֿאָלקס אוצר: אין דער צאינה וראינה, דער תחינה, פֿאָלקס־ליד, מעשה־ביכל און חסידישע מעשה.

איך מיט לאַנדוי׳ן זיינען אַוועק נאָך ווייטער. מיר האָבן געפּרעדיקט, אַז מען דאַרף אינגאַנצן פֿאַרוואַרפֿן אַלע „פּאָעטישע״ מאָטיוון, און אָנשטאָט דעם זוכן צו פֿאַרדיכטן דאָס אייגענע, וואָכעדיקע, אַלטעגליכע לעבן. מאַני לייב׳ן איז די טענדענץ ניט געווען צום האַרצן. ביזן היינטיקן טאָג מיינט ער, אַז דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פֿון אַ שעדלעכער השפּעה, וואָס קאָליאַ טעפּער האָט געהאַט — באַזונדערס אויף לאַנדוי׳ן. ער פֿאַרגעסט דערביי אָבער, אַז דעם וואָכעדיקייט מאָטיוו האָב איך געבראַכט מיט מיינע לידער „פֿון אַלע טעג״, אין 1914, בעת איך האָב טעפּער׳ן כמעט ניט רעכט געקענט. איך האַלט, אַז גייענדיק צו דער אַלטעגלעכקייט זיינען מיר געקומען אפֿשר צום וויכטיקסטן פֿאַרדינסט פֿון די „יונגע״ — פּשטות. ווייל ערשט דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז אידיש זאָל ווערן אַ פֿיינער דיכטערישער אינסטרומענט.

איך בין דאָ ניט אויסן צו שרייבן די געשיכטע פֿון די „יונגע״. נאָך ווייניקער צו טאָן דאָס, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געטאָן — אויפֿצושטעלן דאָס פּראָגראַם פֿון די „יונגע״.

אַ קינסטלערישע שולע איז בכלל ניט מער ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט, פֿון וואַנען די קינסטלער וואָס געהערן צו איר גייען זיך פֿאַנאַנדער יעדער מיט זיין אייגענעם וועג, אויף וועלכן ער זוכט זיין אייגענע פּילזייטיקע אויסבילדונג און פֿאַרפֿולקומונג. בלויז די נאָכלויפֿער און נאָכמאַכער בלייבן שטעקן ביים אויסגאַנג פּונקט. אינמיטן וועג דערגייט יעדער קינסטלער דורך

דערפאַרונג און רייפקייט צו נייע דערקענטעניש, וואָס אין זייער ליכט ווערט די שולע און דאָס מערסטע פאַר וואָס זי איז געשטאַנען, אומבאַדייטנדיק, אָפט אַפילו קאָמיש אָדער גאָר אין גאַנצן פאַלש. אין לויף פון די יאָרן איז יעדער איינער פון די „יונגע" דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע ריי פאַרוואַנדלונגען, איטלעכער אויף זיין שטייגער, לויט זיין כאַראַקטער און לויט זיינע נייע לעבנס און קונסט דערפאַרונגען. געוועזן צייטן ווען אַט די נאָענטסטע פון די נאָענטע האָבן זיך געפילט פרעמד איינער צום אַנדערן — ביז צום אָפּשטויסן פרעמד. געשען איז עס אָפטער מיט מאַני־לייב׳ן און לאַנדוי׳ן, וויניקער צווישן זיי און מיר. לאַנדוי׳ן איז מיט אַמאָל דערעסן געוואָרן צום טויט מאַני לייב׳ס „זינגעוודיקייט". מאַני לייב האָט אין צייט ניט געקאָנט פאַרטראָגן לאַנדוי׳ס איבערגעשפּיצטע קליגלען זיך, און מען האָט ניט פאַרהוילן, וואָס איינער טראַכט פון אַנדערן.ביידע האָבן געוואָלט טרעפן און האָבן געטראָפן ביז דער זיבעטער ריפּ. אין ביידע פאַלן איז יעדער פון זיי געווען זיכער, אַז מער וועט מען זיך ניט טרעפן און מער וועט מען ניט ריידן איינער מיטן אַנדערן. אָבער גאָר אינגיכן האָט מען זיך ווידער געטראָפן און מען האָט זיך אַרומגעכאַפּט ווי קיינמאָל גאָר ניט. אויף וויפיל מיר זיינען אין די לעצטע יאָרן זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען זיינען מיר אין תוך געבליבן די זעלביקע. בלויז די צווייגן זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען. דער שטאַם איז געבליבן וואָרצלען אין די זעלביקע קיסטלערישע איבערצייגונגען.

זישא לאַנדוי

מען דערציילט וועגן ר׳ אברהמ׳ל טשעכאַנאָווער, אַז ווען מען האָט אים געזאָגט, מען האָט אויסגעטראַכט אַ וואָגן אָן פערד, האָט ער געפרעגט, צו וואָס מען דאַרף עס. און אַז מען האָט אים געענטפערט, ווייל אַ וואָגן אָן פערד וועט לויפן שנעלער ווי אַ וואָגן מיט פערד, האָט ער אין זיין גרויס תמימות זיך גע׳חידוש׳ט: „וואָס האָבן זיי אַזוינס קיין צייט ניט?"

זיין אור־אור אייניקל, זישאַ לאַנדוי, האָט שוין אַליין געטריבן אַן אויטאָמאָביל, און אויב ער איז ניט געפלויגן אין עראָפּלאַנען איז דאָס געווען בלויז אַ צופאַל. אַנשטאָט תמימות האָט ער שוין פאַרמאָגט — און אפשר אין אַ צו גרויסער מאָס — איבערגעשפּיצטקייט, אָבער אין תוך איז ער ניט ווייט אַוועק פון זיין גרויסן זיידן, דעם גאון און באַגרינדער פון דער טשעכאַנאָווער גזע. אויך זישאַ לאַנדוי האָט ניט איינמאָל מיט גרויס שטוינונג געפרעגט: „וואָס האָבן זיי אַזוינס קיין צייט ניט?" זיין חידוש׳ן זיך איז אָבער געווען געווענדט ניט אויף דערפינדער פון נייע פאַרקער־מיטלען אָדער פאַרפולקאָמענער און פאַרשנעלערער פון אַלטע, נאָר אויף שרייבער, וואָס שטופּן זיך מיט די עלנ־

בויגנס, רייסן איין וועלטן און ווענדן אַן אַלערליי מיטלען אַבי וואָס שנעלער אַנצוקומען אין לאַנד פון רום.

ווינציקער פון אַלץ האָט מען אין אונזער קרייז פון די „יונגע" געקאָנט פאַרטראָגן ליטעראַרישע אַלרייטניקעס. דאָס זיינען יענע פאַרשוינען, וואָס האָבן, באַרעכטיקט צי ניט באַרעכטיקט, „מצליח" געווען מיט זייער ליטעראַרישע סחורה, און ווי אַלע פאַרוועניוס קלינגען זיי מיטן ביסל מינץ אין זייערע קעשענעס און פאַרקלינגען אַ וועלט מיט זייערע דערפאָלגן. איך געדענקט ניט צי לאַנדוי, איך, אָדער גאָר עמיצער אַנדערש האָט געשאַפן דעם טערמין „ליטעראַרישער אַלרייטניק". אָבער קיינער פון אונז „יונגע" האָט ניט אַזוי אָפּגעשיידט שטאָלץ־יחסנ׳דיק פאַרצויגן די ליפּן און ניט אַזוי פאַרקנעפּלט זיך אויף אַלע קנעפּלעך, ווען אַזאַ ליטעראַרישער אַלרייטניק האָט זיך אָנגעהויבן גרויסן פאַר אים, ווי לאַנדוי.

לאַנדוי האָט אויך ניט געקאָנט פאַרטראָגן ווען דיכטער האָבן געוואָלט איינעמען די וועלט מיט זייטיקע, ניט דיכטערישע מיטלען.

ווען איינער פון די איצט זייער באַרימטע אידישע דיכטער האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן צווישן אונז, האָט אים קיינער ניט אַזוי שטאַרק מקרב געווען ווי זישאַ לאַנדוי. לאַנדוי איז אָבער אויך געווען דער ערשטער פון די „יונגע" זיך צו דערווייטערן פון אים, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערזעט ביי דעם זייער טאַלאַנטירטן נייעם דיכטער אַ טענדענץ באַוואוסטזיניק צו פאַרטושן, פאַרטונקלען און מיסטיפיצירן זיינע לידער, כדי דורכדעם מער אויסצונעמען ביי אונזער אומקולטורעלן ניט קינסטלערישן עולם, פאַר וועמען טיף איז בלויז דאָס, וואָס איז מטושטש, ניט קלאָר און ממילא אויך אומפאַרשטענדלעך. „נאָך איידער ער האָט רעכט אַוועקגעשטעלט די פיס אויף דער ערד, הייבט ער שוין אָן גרייטן פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלע לויה", האָט לאַנדוי אַמאָל אַ זאָג געטאָן.

ווען מען האָט געהאַלטן ביים צוזאַמענשטעלן איינס פון די ערשטע זאַמלביכער „שריפטן" איז איינער פון די הויפּטמאַכערס אַמאָל געקומען צו לויפן אַ צעשטראַלטער פון פרייד. וואָס איז אַזוינס געווען די גדולה מיט אים? דר. זשיטלאָווסקי האָט אים צוגעזאָגט צו געבן אַן אַרבעט פאַר דעם נעקסטן זאַמלבוך.

„אַזוי! אַ גליק האָט אייך געטראָפן!" האָט לאַנדוי אויסגערופן. „וועט איר ביי זיינע פּאָלעס זיך גיכער קאָנען אַריינשאַרן אין דער אייביקייט." און קיינמאָל האָב איך אויף לאַנדוי׳ס פּנים ניט געזען אַזאַ אויסדרוק פון עקל ווי דעמאָלט צו יענעם חבר.

ביי דער ענגער גרופּע „יונגע" האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ ניט געשריבענער קאָדעקס, ווי אַזוי אַ דיכטער דאַרף זיך אויפפירן. באַזונדערס שטאַרק

האָט מען מקפיד געווען אויף דעם, וואָס אַ דיכטער טאָר ניט טאָן. פאַר טויט־זינד זיינען פאַררעכנט געוואָרן: דאָס רייבן זיך אַרום גדולים כדי דורכדעם אַליין אָנהייבן גילטן פאַר אַ גדול; דאָס חנפה׳נען זיך צו קריטיקער און רע־דאַקטאָרן; אָפּן־אַרויסגעוויזענע זשעדנעקייט נאָך כבוד און אַלע ביליקע און ביטרע וועגן פון רעקלאַמע. דער כלל איז געווען: וואָס מען שעמט זיך צו טאָן אָפּן טאָר מען אויך ניט טאָן באַהאַלטענערהייט.

דער כלל פון אַ געוויסן ציניקער, אַז געזעצן ווערן געמאַכט כדי מען זאָל זיי ברעכן, גילט נאַטירלעך אויך פאַר די ניט־געשריבענע געזעצן פון אַזאַ ענגער, געשלאָסענער גרופּע ווי אונזערע. מיט דער צייט וואַקסט מען אויס פון זיי פּונקט ווי מען וואַקסט אויס פון אַנדערע קינדערייען. אָבער אַפילו אין די יונגע יאָרן פלעגן מיר אַליין אָפּט לאַכן פון די געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס מיר האָבן פרייוויליק אַרויפגעלייגט אויף זיך. עס איז ניט מער ווי מענטשלעך, אַז אַ שרייבער זאָל וועלן פּאָפּולאַריטעט און קומט זי ניט אַליין איז — אפשר ניט שיין אָבער אויך — ניט מער ווי מענטשלעך צו וועלן זי אַביסל אונטעראיילן. גאָר אַ סך דערפאָלגרייכע שרייבער האָבן זייער דערפאָלג צו פאַרדאַנקען ניט אַזוי זייער טאַלאַנט ווי דעם טאַלאַנט צו לאָזן וויסן דער וועלט, אַז מען פאַרמאָגט טאַלאַנט. אין אַנדערע ווערטער: דעם גרעסטן טייל פון זייער דערפאָלג האָבן גאָר אַ סך שרייבער צו פאַרדאַנקען זייערע עלנבויגנס.

איך האָב אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט לאַנדוי׳ן אויף דעם פאַקט און ער האָט מיר צוגעגעבן, אַז אַזוי איז עס טאַקע, אָבער וואָס זשע באַווייזט עס? ווערט דער פאַקט גופא דורכדעם שענער? איבעריקנס קאָנען מיר אין דער הינזיכט ניט נעמען קיין ביישפּיל פון אַנדערע ליטעראַטורן. דאָרטן לוינט זיך עס כאָטש. אין אַנדערע ליטעראַטורן, אַז מען דערשלאָגט זיך און מען ווערט אַ דערפאָלגרייכער שרייבער, מיינט עס געלט, כבוד, און אַמאָל אַפילו מאַכט, פּאָליטישע צי געזעלשאַפטלעכע. אָבער ביי אונז וואָס? ביי אונז, אַז גאָט העלפט און מען דערשלאָגט זיך צו באַרימטקייט קאָן מען זיך אַמאָל דערדינען צו אַ שטענדיקן ווינקל אין אַ צייטונג מיט אַ געהאַלט פון צען ביז, לאָמיר זאָגן, זעכציק־זיבעציק דאָלאַר אַ וואָך. אָבער צו דער גדולה קאָן דאָך קומען אַ ליאַדע צייטונג־שרייבער, וואָס פּרעטענדירט גאָר ניט אַ חוץ אַ פלינקע פען, וואָס קאָן אָנשרייבן לאַנגע קאָלומס אויף יעדער טעמע און ביי יעדער געלעגנהייט.

ביים באַפאַלן אַ קעגנער איז לאַנדוי געווען אומבאַרמהאַרציק פאַר־ניכטענדיק. אָבער ניט יעדער האָט זוכה געווען צו ווערן זיין קעגנער. אויך אין דער הינזיכט איז ער געווען דאָס קינד פון רבי׳שע הויפן. ניט מיט יעדן איז אים אָנגעשטאַנען צו פאַרפירן אַ מחלוקה. ער האָט זיינע קעגנער געקליבן און דאָס זייער זאָרגפעלטיק.

איידער מיר זיינען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם חודש־זשורנאַל „אינזל", האָבן מיר אויסגעאַרבעט עטלעכע אַלגעמיינע כללים לויט וועלכע דער זשורנאַל זאָל זיך פירן. לאַנדוי האָט ניט געוואָלט האָבן קיין פּאָלעמיק אין „אינזל". זיין טעם איז געווען, אַז מיט געלעכטער קאָן מען גיכער איבער־צייגן ווי מיט לאָגיק. אַ חוץ דעם, האָט ער געהאַלטן, זיינען אונזערע מערסטע גדולים און וואָרטפירער פּשוט קאָמיש ווען זיי הויבן אָן אַרגומענטירן וועגן ליטעראַטור, און דעריבער דאַרף מען זיי טויט־לאַכן, ניט פּאָלעמיזירן מיט זיי אָדער וועגן זיי. מיר, די אַנדערע, האָבן זיך געפּרואווט שטעלן קעגן אים. אָבער געזיגט האָט לאַנדוי. אין די אַלע זעכצן נומערן „אינזל" זיינען געווען אַנגריפן אָבער ניט קיין פּאָלעמיק. לאַנדוי אַליין האָט אַלע נומערן פון זשורנאַל באַלעבט מיט אַרטיקלען און נאָטיצן, אין וועלכע ער האָט איראָניזירט, געשניטן ווי מיט מעסערס אָבער ניט פּאָלעמיזירט.

פון דעם געזאָגטן קאָן זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז לאַנדוי איז געווען אַ בעל גאוה׳ניק. אָבער קיין זאַך וואָלט ניט געווען מער ווייט פון אמת ווי דאָס. ער איז אדרבא געווען דער דעמאָקראַטישסטער מענטש, וואָס איך האָב געקענט. קיין מענטש איז ניט געווען צו נידעריק אָדער צו פּראָסט פאַר אים. ער האָט געקאָנט זיך חבר׳ן און האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט מענטשן פון יעדן סאָרט און קיינמאָל האָט ער ניט געטראָגן דעם פּאָעט אויף דער נאָז, אַזוי צו זאָגן. ביטול, פאַראַכטונג און אַפילו עקל האָט ער אַרויסגעוויזן נאָר צו יענע ליטעראַטן, וואָס האָבן שטענדיק און אומעטום געלאָזט פילן: — „מאַכט אַ וואָרע, אַ שרייבער גייט!"

אַז איך האַלט שוין ביים „אינזל" וויל איך דערמאָנען אַן עפּיזאָד, וואָס באַווייזט ווי ריין לאַנדוי האָט געקאָנט זיין אין ליטעראַרישע ענינים.

באַלד פון אָנהייב איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער רעדאַקטאָר פון „אינזל" בין איך און קיין אַנדערער דאַרף זיך אין רעדאַקציע ענינים ניט מישן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב די רעדאַקציע געדאַרפט פירן אין דער ליניע וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער גאַנצער „אינזל" גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון מאַני לייב׳ן, לאַנדוי׳ן, קאַזאַנסקי׳ן און מיר. איינמאָל פרעגט מיך לאַנדוי, צי אַ געוויסער דיכטער האָט מיר ניט געבראַכט קיין לידער פאַרן „אינזל". פאַר באַקוועמלעכקייט וועגן וועלן מיר יענעם דיכטער באַ־צייכענען מיט דעם בוכשטאַב „ל". דערביי האָט מיר לאַנדוי דערציילט, אַז „ל" איז געקומען צו אים מיט אַ סעריע לידער, אָבער ער האָט זיי ניט געוואָלט איבערלייענען אַפילו, ווייל דער רעדאַקטאָר בין איך און נאָר איך קאָן באַ־שטימען וואָס יאָ און וואָס ניט אָנצונעמען פאַרן זשורנאַל. נאָך אין זעלביקן טאָג איז „ל" געקומען צו מיר. זיינע לידער זיינען מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב זיי גלייך אָנגענומען. ווען איך האָב עס אויף מאָרגן דערציילט

לאַנדוי׳ן האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזן אי אַ צופרידן און אי אַ שולדיק שמייכעלע, און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ווען ער האָט מיט מיר אַ טאָג פריער גערעדט וועגן דעם דיכטער „ל״, האָט ער זיין סעריע לידער שוין געהאַט געליִיענט און אים זיינען זיי אויך געפעלן געוואָרן. מיר האָט ער עס אָבער ניט געוואָלט זאָגן אויס מורא, אַז ער וועט מיך באַאיינפלוסן און דאָס וואָלט ער זיך קיינמאָל ניט מוחל געווען. און אָט פאַרוואָס:

אורשפּרינגלעך איז „ל״ געקומען צו אים מיט אַ דערקלערונג, אַז ער קאָן לייכט קריגן פאַר „אינזל״ אַן אַנאָנס אין ווערט פון פופציק דאָלאַר, און אויב לאַנדוי וועט אים נאָר זאָגן איין וואָרט וועט ער עס טאָן. געוויינטלעך האָבן מיר געהאַט געענוג געלט אָנצוגיין מיטן זשורנאַל. גראָד דעמאָלט אָבער זיינען מיר געווען אין אַ קלעם און דער דרוקער האָט געסטראַשעט מער ניט צו דרוקן אויב מיר וועלן אים ניט פריער באַצאָלן כאָטש אַ טייל פון דעם חוב, וואָס האָט שוין געהאַט באַטראָפן עטלעכע הונדערט דאָלאַר. אין אַזאַ צייט איז אַ פופציקער געווען ווי פון הימל אַראָפּ. ערשט נאָכדעם ווי לאַנדוי האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך טאַקע מטריח זיין און זען צו קריגן דעם אַנאָנס, האָט אים „ל״ געוויזן די סעריע לידער. לאַנדוי האָט פון דעם דיכטער „ל״ קיינמאָל ניט געהאַלטן און ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס מאָל האָט אים „ל״ געבראַכט אַ גוטע סעריע לידער, האָט עס אים אויסגעזען פּשוט ווי אַ נס. אַזוי ווי אין נסים האָט לאַנדוי דאָך ניט געגלויבט, האָט ער דעריבער געמיינט ניט אַנדערש, נאָר די אויסזיכט אויף דעם פופציקער האָט אים אונטערגעקויפט און בלינד געמאַכט. דאָס האָט ער זיך בשום אופן ניט ניט געקאָנט מוחל זיין. איצט אָבער, אַז איך, וואָס האָב פון דעם אַנאָנס ניט אָנגעהויבן צו וויסן, האָב אים געזאָגט, אַז די לידער געפעלן מיר אויך, האָט ער ערשט פרייער אָפּגעאָטעמט.

זישא לאַנדוי לייענט אַ ליד

אַ וויג דעם קאָפּ דעם בלאָנדן
אַ וויג דעם קאָפּ צוריק,
און הינטער שווערע וויעס
פאַרנעפּלט זיך דער בליק.

די ליפּן זינליך מורמלען
און צוקן לייכט אַזוי,
ווי ס׳רעדט פאַרליבט אַ אינגל
מיט ציטער צו אַ פרוי.

צוויי פינגער זיך פאַרשליסן —
אַ קיילעכדיקער רינג.
אַ דריי דעם רינג אין לופטן,
אַ שעפּטשע און אַ זינג.

די בלויע אויגן שמייכלען
און לייכטן שקאַציש אויף:
אַ וואָרט אַ שאַרפס פאַרלירט זיך
און חכמה ענגט דאַרויף.

אַט בייסט אַ שורה ציינער
זיך אין אַ ליפּ אַריין;
די צונג פאַרזוכט די ווערטער
און פּרוּווט זיי אויס ווי וויין.

אַ וויג דעם קאָפּ דעם בלאָנדן,
אַ וויג דעם קאָפּ צוריק.
דאָס וואָרט, דאָס אויסגעזוכטע,
איז דאָ און לייכט אין בליק.

אַ וויג דעם קאָפּ דעם בלאָנדן,
אַ וויג דעם קאָפּ צוריק:
„אָ, וויג מיך, וויג מיך, וויג מיך,
אָ, מיין ניט־דאַיק גליק!"

אָפּגעריסענע עפּיזאָדן

עטליכע אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, וואָס זיינען כדאַי פאַרצייכנט צו ווערן. אפשר וועלן זיי עפּעס צוגעבן דער געשטאַלט לאַנדוי.

אין זיינע בחור׳שע יאָרן האָט לאַנדוי איין צייט געוואוינט ביי דר. יחיאל קלינג. אויף בעטגייט עווניו איז דאָס געווען, אין אַ הויז, מיט אַ פּוסט גערטנדל פון פאָרנט און אַ גרעסערן גאָרטן מיט אַ צוויי־דריי דאַרע ביימלעך און פאַרווילדעטע גראָזן פון הינטן. לאַנדוי האָט באַוואוינט דאָס דאַך־שטיבל, וואו די ווענט זיינען געלאָפן משופּע׳דיק און האָבן זיך פאַרשפּיצט איבער די פענסטער פון דער פאָדערשטער וואַנט. דאָס האָט געגעבן דעם דאַך־שטיבל דעם אויסזען פון אַ קאַפּליצקע. ווי געוואונשן פאַר דעם לאַנדוי פון יענער צייט, וואָס איז געווען קריסטלעך אָנגעהויכט, און נאָכמער פאַר משה וואַרשע,

זיין אינטימסטער חבר פון יענער צייט, וואָס האָט געטיילט מיט אים דאָס דאַך־שטיבל. זיין איינפלוס און דעם איינפלוס פון קאַליא טעפּער האָט דאָס לאַנדוי געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין דעמאָלסטיקע קריסטלעכקייט. דאָס קאַפּיטל טעפּער־וואַרשע און וואָס עס האָט געמיינט אין לאַנדוי׳ס לעבן און דעם איינפלוס — צום גוטן און צום שלעכטן — וואָס די צוויי מענטשן האָבן געהאַט אויף זיין גאַנצער אַנטוויקלונג, פאָדערט אַ באַזונדערע אויספירלעכע באַהאַנדלונג. לאַנדוי איז דעמאָלט ביי באַשעפטיקונג געווען אַ שטוב־מאָלער, און ווי ביי אַלץ צו וואָס ער האָט זיך גענומען, האָט ער אויך ביי דער באַ־שעפטיקונג זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן און פּייאיקן אַרבעטער. אָבער ביי זיין גאַנצער פּייאיקייט האָט ער צו יענער צייט זייער זעלטן געהאַט אַרבעט. וואַרשע האָט גאָר קיין באַשעפטיקונג ניט געהאַט און ביידן איז אויסגעקומען גאַנץ אָפט צו הונגערן. אויפן געמיט לאַנדוי׳ס האָט זיך דאָס אָבער בשום אופן ניט אָפּגערופן. ווי אַלעמאָל איז ער אויך דעמאָלט געווען שטענדיק פריילעך, לעבעדיק, פאַר דער וועלט ווייניקסטנס.

איינמאָל אין אַ זומערדיקן שבת־צו־נאַכט בין איך מיט לאַנדוי׳ן אַוועק שפּאַצירן אין קלעירמאָנט פּאַרק. מיר האָבן אויך גערופן וואַרשע׳ן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט גיין. אויפן גאַס איז צו אונז צוגעשטאַנען אַ באַקאַנט מיידל. אַ יונג, נאַאיוו, שלאַנק קינד, מיט אַ רויט, זאַפטיק מויל און הירשענע אויגן. אין פּאַרק אויפן בערגל, האָבן מיר אויסגעזוכט אַ באַקאַנטן פּיען פון אַ בוים וואָס פלעגט זיין דער טרעף־פּונקט פון די מערסטע יונגע שרייבער, וואָס האָבן דעמאָלט געוואוינט אין די בראָנקס. מיר האָבן זיך אַלע דריי אויס־געצויגן אין גראָז מיט די בייכער אַראָפּ. לאַנדוי האָט אָנגענומען דאָס מיידל ביי בײדע הענט, געמאַכט איר עטלעכע לייכטע קאָמפּלימענטן און אויגן זייִנען פאַרזונקען געוואָרן אין אויגן. דאָס פלירטעווען איז איבערגעגאַנגען אין אַ רייצן זיך. דאָס רייצן האָט דעם מיידל אָבער נאָכמער געלאָקט, און מיט אַן אויסגעשטרעקט, לאַנג העלזל האָט זי געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין מויל.

מיט אַמאָל איז פון ערגעץ פלוצים אויסגעוואַקסן אברהם משה דילאָן, און ווי שטענדיק מיט עפּעס אַ פּאַטשט. צי דאָס איז געווען אַ גרוס פון דער „מיסטעריעזער דאַמע" וואָס וואוינט אויף ריווערסייד דרייוו און איז פאַרליבט אין יעדן איינעם פון די „יונגע" כאָטש זי האָט קיינעם פון אונז קיינמאָל ניט געזען, אָדער וועגן עפּעס אַנדערש, דאָס געדענק איך שוין ניט. איך געדענק נאָר, אַז אברהם משה׳ס פּאַטשט האָט מיט אַמאָל איבערגעריסן די אידיליע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן וועבן פאַר מיינע אויגן און דער ריס איז געבליבן אָפן. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ לאַנגער און טיפער שמועס וועגן עפּעס אַ ליטעראַרישן ענין און דאָס מיידל איז ווי אָפּגעמעקט געוואָרן. אונזער

ליטעראַרישער שמועס האָט זי אַפּנים זייער שטאַרק געלאַנגווייליקט, ווייל מיט אַמאָל האָט זי זיך געטאָן אַ שטעל אויף און אַ זאָג געטאָן: — קומט! אָבער טאַקע שוין! — אַזוי באַפעלעריש האָט געקלונגען איר קול און אַזוי אומדערוואַרט איז עס געווען, אַז מיר האָבן אַלע דריי געפאָלגט און זיך אויפגעהויבן פון גראָז. לאַנדוי איז מיט אַ ליבלעכן שמייכל צוגעגאַנגען צום מיידל, זי געוואָלט אָננעמען מיט צוויי פינגער ביי דער מאָרדעטשקע, אָבער זי האָט זיך בייז אַ קער געטאָן פון אים, אַ נעם געטאָן מיך מיט דילאָנען אונטער די אָרעמס און פייל פון בויגן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אונז אַראָפּ פון באַרג און זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז מיר זיינען שוין געווען אויף יענער זייט פון וועבסטער עווניו, אינמיטן פון קליערמאָנט פּאַרקוועי, וואָס האָט דעמאָלט נאָך געהייסן וועַנדאָווער עוועניו. לאַנדוי, וואָס האָט שטענדיק געהאַט שלעכטע פיס, איז פאַרבליבן פון הינטן. ערשט אַ צען מינוט שפּעטער האָט ער אונז אָנגעיאָגט, אָדער בעסער געזאָגט: מיך אָנגעיאָגט, ווייל דאָס מיידל און דילאָן זיינען מער ניט געווען.

„אַ שיין, וואויל, כשר ציגעלע!“ האָט לאַנדוי געזאָגט אַ לאַכנדיקער, ווען ער איז צוגעקומען צו מיר. „וואו איז זי אַהינגעקומען?“ און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז זי איז אַוועק אַהיים מיט דילאָנ׳ען, האָט זיך לאַנדוי אויפסניי צעלאַכט. נאָר מערקווירדיק! זיינע אויגן, וואָס געוויינטלעך זיינען זיי שטענדיק געווען לאַכענדיק, זיינען דווקא דאָס מאָל געווען טריב און טרויעריק. אַ ווײַלע האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט, געפּרוּווט פאַרבינדן פאַר־שידענע שמועסן, עס האָט זיך אָבער ניט געקלעפּט. ווי זיין שטייגער ווען ער איז געווען אינערלעך שטאַרק פאַרנומען מיט עפּעס, אָדער צעטראָגן, האָט ער געהאַלטן אין איין וויגן דעם קאָפּ. מיט אַמאָל גיט ער אַ זאָג: „איך בין שרעקלעך פאַרוואונדעט.“ „פאַרוואונדעט? פון וואָס?“ מאַך איך זיך תמ׳עוואַ־טע. לאַנדוי׳ן האָט דאָס אויפגעקאָכט: „איר האָט טאַקע גאָר ניט באַמערקט אַז איך בין ניט גלייכגילטיק צו דעם כשר׳ן קעלבעלע?“ איך האָב געשמייכלט. לאַנדוי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: איר זייט אַ פאַרפאַלענער און וועט שוין קיינמאָל גאָר ניט פאַרשטיין, אַ מורמל געטאָן „אַ גוטע נאַכט!“ און איז אַוועק אַהיים.

דאָס איז געווען איינער פון די זעלטענע מאָמענטן ווען לאַנדוי האָט פאַר אַ חבר געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן אַן אינטימען געפיל. זיין אינטים לעבן האָט ער געהאַט פאַרשלאָסן אַפילו פון זיינע נאָענטסטע חברים. ער פלעגט אָפּט שטאָלצירן דערמיט, וואָס ער איז אין כאַראַקטער ניט קיין סלאַוו, מיט אַ „צעבראַטשעטער אָפענער נשמה“, וואָס „גיסט אויס זיינע געפילעכצן“ פאַר אַלעמען. דער טיפּישער „סלאַוו“ איז אין זיינע אויגן געווען מאַני לייב. אין

צייטן פון רוגז'לעך, פאַרשטייט זיך, אָבער אַזוינע רוגז'לעך זיינען ניט געווען קיין זעלטנקייט, באַזונדערס אין די אינגערע יאָרן.

א צווייטער עפּיזאָד פון יענער צייט

ווי שוין באַמערקט, האָבן לאַנדוי און וואַרשע דעמאָלט אָפט געהונגערט. אַז מען האָט געוואוינט ביי די קלינגס, האָט מען אַפילו ניט געדאַרפט הונגערן. די וואוילע בערטא קלינג האָט זייער קלוג און טאַקטיש אויפגעפּאַסט, אַז ווען זי האָט גערופן צו טיי זאָל אויפן טיש ניט פעלן אַ קיכל, אַ טאָרטל, אַ טייגל, און גאַנץ אָפט פּראָסט ברויט מיט פּוטער און אַ הערינג צי עטלעכע וואורשט־לעך. „און אפשר וועט איר גאָר פאַרזוכן אַ פיין שטיקל פיש צי גאָר אַ שטיקל עוף, וואָס איז פאַרבליבן פון מיטאָג?״ אַוועקגיין הונגעריק פון טיש האָט מען ניט געקאָנט. מען האָט אָבער יאָ געקאָנט צום טיש אינגאַנצן ניט גיין. און לאַנדוי מיט וואַרשע'ן האָבן מיט אַמאָל אויפגעהערט אַראָפּצוקומען פון בוידעם־שטיבל, ווען מען האָט זיי גערופן צו טיי, טאַקע דערפאַר ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי קוקן אַרויס מען זאָל רופן.

איינמאָל נאָך אַ לאַנגן, זומערדיקן תענית איז לאַנדוי'ן שפּעט ביינאַכט געלונגען צו קריגן ביי עמיצן אַ ניקל. אין אַ בעקעריי אויף וואַשינגטאָן עוועניו, האָט ער איינגעהאַנדלט זעקס גרויסע, פרישע און וואַרעמע זעמל און מיט פרייד זיך געלאָזט לויפן אַהיים טיילן זיי מיט זיין חבר, וואָס איז זיכער פונקט אַזוי הונגעריק ווי ער. אָבער וואַרשע איז שוין געשלאָפן, ווען לאַנדוי איז אַהיים געקומען. טראַכט לאַנדוי ביי זיך: מילא וועט ער אויפעסן זיין חלק און די איבעריקע זעמל לאָזן ביז וואַרשע וועט זיך אויפכאַפּן. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע דריי זעמל איז ער אָבער נאָך אַלץ געווען הונגעריק, און וואַרשע איז נאָך אַלץ געשלאָפן. קאָן זיך לאַנדוי ניט איינהאַלטן און עסט אויף אַ פערטן זעמל. באַלד האָט ער שוין געהאַט פאַרשלונגען אויך דעם פינפטן זעמל און ער האָט זיך שוין געוואָלט אַ נעם טאָן צום זעקסטן אויך. אין דער לעצטער סעקונדע אָבער האָט ער גובר געווען דעם יצר הרע און דעם לעצטן זעמל אָפּגעראַטעוועט. כדי אויסצומיידן אַ נסיון, האָט ער דעם לעצטן זעמל אַריינגעלייגט אין פּאַפּירענעם זעקל, אַרויסגעטראָגן אין קאָרידאָר און דאָרטן פאַרשטעקט אונטער אַ קראָקווע פון דאַך. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן אינדערפרי, איז וואַרשע שוין געזעסן ביים טיש איבערגעבויגן איבער אַ בוך. מיט איין שפּרונג איז לאַנדוי אַראָפּ פון געלעגער, אַרויס אין קאָרידאָר און מיט נצחון אונטערגעטראָגן וואַרשע'ן דעם באַהאַלטענעם זעמל. און אַז וואַרשע האָט געהאַלטן אין קייען, האָט אים לאַנדוי דערציילט די גאַנצע מעשה. וואַרשע האָט אים שטיל אויסגעהערט. מיט אַמאָל האָבן זיינע בלייכע באַקן זיך פאַררויטלט און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „איך

שעם זיך איך צו זאָגן, אַז איך אויף אייער אָרט וואָלט זיך ניט איינגעהאַלטן. איך וואָלט אויפגעגעסן אַלע זעקס זעמל".

דאָס האָט מיר לאַנדוי דערציילט נאָכדעם ווי משה וואַרשע האָט אין עטלעכע חדשים אַרום זיך דאָס לעבן גענומען.

משה וואַרשע, דער חלוש, דער אינטעליגענט, דער יושב אהל, וואָס האָט זיך געפילט אין דער היים נאָר בײַם בוך, און וואָס האָט יונגערהייט געקראָגן דעם חשוב'ן אויסזען פון אַ זקן, אַ מאָנאַך, — דער מענטש איז אין די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן געוואָרן אַ נאַכט־וועכטער אין אַן אַפּאַרטמענט הויז, וואָס מען האָט געהאַלטן אין בויען. איין נאַכט איז ער אַרויף אויף אַן אויבערשטן שטאָק פון דער ניט פאַרענדיקטער געביידע און זיך אַראָפּגעוואָרפן. ווען מען האָט אים געפונען ליגן אויפן טראָטואַר איז ער שוין געווען טויט.

סוף זומער 1915

מיר גרייטן זיך באַנייען דעם זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן". אַלע פּלענער זיינען שוין אויסגעאַרבעט. מיר האָבן שוין אַפילו אַ העלפט פון מאַ־טעריאַל פאַרן ערשטן נומער. מיר וואַרטן בלויז נאָך אויף לאַנדוי'ן, וואָס אַ ליאַדע טאָג דאַרף ער זיך אומקערן פון „קאַנטרי", וואו ער האָט דעם זומער פאַרבראַכט מיט זיין פרוי ערגעץ אין ניו דזשוירזי.

איין טאָג דערוויסן מיר זיך: לאַנדוי איז שוין דאָ. ביז ער וועט קריגן אַ דירה האַלט ער זיך דערווייל אויף ביי סאָטשע דילאָן. מאַני לייב און איך זיינען דעמאָלט געווען שכנים אין בראָנקס פּאַרק. אויף מאָרגן נאָכמיטאָג, — אַ שבת איז דאָס געווען — קומט מאַני לייב צו מיר און מיר פאָרן אַראָפּ דאַון־טאַון. אין ל. שאַפּיראָ'ס רעסטאָראַן אויף איסט בראָדוויי טרעפן מיר לאַנדוי'ן. מען צעקושט זיך, מען פרעגט זיך פאַנאַנדער, מען לייענט לידער איינער פאַרן אַנדערן און אינמיטן כאַפּט מען זיך, אַז מען דאַרף זיין ביי אַ געוויסן דר. ווייקסל, וואָס האָט פאַר אונזער זשורנאַל גרייט אַן אַרבעט (וואָס מען וועט דאַרפן איבערזעצן פון ענגליש) וועגן די נייעסטע טענדענצן אין דער מאַלעריי. לאַנדוי ווערט מיט אַמאָל אַ „ווייטער". ער זיצט מיט אונז ווי ביז אַהער, אָבער איז ניטאָ. מאַני לייב'ן צינדט עס אָן. אַ ווילע האַלט ער עס אין זיך. באַלד אָבער ציען זיך ביי אים אָן די אָדערן אויפן האַלז, די ליפּן פאַרהאַקן זיך און ער גיט אַ צי מיט דער נאָז:

— וואָס איז, לאַנדוי?

— ס'איז גאָר ניט. — ענטפערט לאַנדוי רואיק און ער ווערט נאָך ווייטער.

— ס'איז יאָ — שיסט אַרויס מאַני לייב — און שפּילט זיך מיט מיר ניט אין קיין באַהעלטעניש. אויב אייך געפעלט ניט עפּעס, זאָגט.

— פיקטשעלעך! — קוועטשט לאַנדוי ענדלעך אַרויס מיט יענעם פאַר־אַכטנדיקן קוועטש, ווי נאָר ער האָט עס געקאָנט.

אים איז ניט געפעלן, וואָס מיר האָבן באַשטעלט דעם אַרטיקל ביי דר. ווייקסל. מאַלעריי איז זייער אַ וואוילע זאַך, זייער אַ הויכער ענין. אָבער אַן ענין וואָס איז אין תוך ניט אונזערער. מיר גייען צו אויסשטעלונגען? יאָ. מיר קאָנען אַמאָל אָפּשטיין אַ שטיק צייט פאַרגאַפטע פאַר אַ בילד? גוט. אַ קעלט קאָן אונז אַמאָל דורכלויפן איבערן חוט השדרה צוליב אַ געמעל? אַודאי. אָבער וואָס ווייסן מיר וועגן מאַלעריי? זיכער ניט מער ווי אונזערע לייענער — און אַפילו די בעסטע — וועגן דיכטונג. אונזערער אַ זשורנאַל דאַרף זיך אָפּגעבן בלויז מיט דעם אין וועלכן מיר זיינען איינגעוויייט — בלויז מיט דער וואָרט־קונסט. אַלץ אַנדערע איז שעטנז, ווייל ניט מער ווי פּרעטענזיע.

אָבער פונדעסטוועגן זיינען מיר אַלע אין דרייען אַוועקגעפאָרן אין די בראָנקס צו דר. ווייקסל, אָנגעטראָפן זייער אַ וואוילן און זייער אַן אינטערע־סאַנט מענטשן. געטראָפן דאָרטן אויך אַ יונגן אַרכיטעקט, פון וועמען דר. ווייקסל האָט שטאַרק געהאַלטן און וועלכער האָט גע׳חלומ׳ט וועגן אייגנ־אַרטיקע אידישע בנינים אין ניו־יאָרק, וואָס זאָלן זיין אַ סינטעז פון פאַר־צייטיקע אידישע שולן און מאָדערנע ניו יאָרקער געביידן. עטלעכע שעה האָבן מיר פאַרבראַכט מיט די צוויי זייער אינטערעסאַנטע מענטשן, וואָס מיר האָבן, אגב, צו אונזער שאָדן מער קיינמאָל ניט געזען. פון דאָרטן זיינען מיר אַוועק צו די קלינגס, וואו עס איז יענע נאַכט געווען עפּעס אַ שמחה׳לע, און וואו אַלע צימערן זיינען שוין געווען איבערגעפּאַקט מיט געסט.

אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט זיינען מיר אַוועק פון דאָרטן. אָבער ניט אַליין. געווען דאָרטן צוויי שוועסטערלעך, וואָס איינע פון זיי — און דוקא ניט די שענערע — איז דעמאָלט געווען אונזער אַלעמענס ליבלינג, און מען האָט זיי געדאַרפט אָפּפירן אַהיים. געווען נאָך אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן געוואוינט אין יענער געגנט נאָר נ״דעריקער אַראָפּ צו, דאַרף מען זיי שוין אויך באַגלייטן אַהיים. איין מיידל וואוינט אין האַרלעם. ווי אַזוי לאָזט מען זי גיין איינע אַליין אַהיים אַזוי שפּעט ביינאַכט? האָבן מיר אַריבערגעשפּאַנט איינע פון די בריקן איבער דעם האַרלעם ריווער און אויך זי צוגעפירט ביז דער טיר פון איר וואוינונג. איצט איז בלויז איין אברהם משה דילאָן פאַרבליבן מיט אונז, און עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און עס איז שוין ניט געווען ווייט פון סענטראַל פּאַרק איבער וועלכן עס איז געהאַנגען אַ ווייסער טויאיקער שלייער, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום פּאַרק.

אָבער אין פּאַרק זיינען מיר ניט אַריין. לאַנדוי האָט דערזען אַ באַנק אינדרויסן פאַרן שטיינערנעם פּאַרקאַן און — ער גייט ניט ווייטער! אַפילו איין טראָט מאַכט ער ניט מער! קוים זיך אַנידערגעזעצט, האָט אברהם משה

פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַהינטער און איז איינגעשלאָפן. מיר האָבן אים געלאָזט שלאָפן אַ שעה שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און זיינען אַוועק זוכן עפּעס עסן. זיין ברייט, בייניק פּנים האָט אין שלאָף געהאַט אין זיך עפּעס אַזוי פיל רירנדיק־קינדישס, אַז מיר האָבן געזשאַלעוועט אים אויפצואוועקן.

זאַטע, אָפּגערוטע און דערפרישטע פון דער שאַרפער מאָרגן־לופט, האָבן מיר אויפסניי זיך געלאָזט גיין. און געווען איז עס אַ גאַנג, וואָס מען פאַרגעסט ניט דאָס גאַנצע לעבן. די חושים וואַך ווי זעלטן, האָט יעדע באַגעגעניש און יעדע זאַך אויף וועלכע די אויגן זיינען געפאַלן קינסטלעריש אָנגערעגט. די מוחות האָבן זיך צעשפּילט, יעדעס וואָרט האָט עפּעס סוגעסטירט און עס איז אַוועק אַ שמועס אין וועלכן עס האָבן זיך געפלאָכטן אידייען, זאָגעכצן, שורות און סטראָפן פון לידער מיט זכרונות, חלומות און קינסטלערישע פּלענער. און אַזוי פאַרטאָן איז מען געווען אין דעם שמועס, אַז מיר האָבן גאָר ניט באַמערקט, אַז מיר גייען ניט אין איין ריכטונג נאָר אין זיגזאַגן און אַמאָל האָבן מיר זיך אַפילו געדרייט אַרום איין בלאָק. ענדלעך זיינען מיר צוגעקומען צו אַן „על״ סטאַנציע אויף דער דריטער עווענו. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. לאַנדוי האָט געזאָלט אַרויף די טרעפּ אויף איין זייט און פאָרן אַרויף שטאָט. מיר וועלן דערנאָך אַריבער דעם וועג אויף דער אַנדערער זייט און פאָרן דאַון־טאַון און פון דאָרטן אַהיים אין בּאָראָ פּאַרק. אָבער דאָ האָט איינער פון אונז זיך געבעטן: „לאָמיר גיין ביז נאָך אַ סטאַנציע״. און דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט כמעט בּיי יעדער סטאַנציע״, אַזוי שווער איז דעמאָלט געווען צו שיידן זיך. עס איז שוין געווען אַרום עלף אַזייגער פאָרמיטאָג, אַז מיר זיינען צוגעקומען צו דער פערצנטער גאַס. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געטראַכט, אַז עס וואָלט גאָר געווען אַ פּלאַן זיך אַריינצוכאַפּן צו ראַבּאַי׳ן, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט און נעמען ביי אים די דערציילונג, וואָס ער האָט געהאַט צוגעזאָגט פאַר אונזער זשורנאַל. מיר שטעלן שוין די ערשטע טריט. ערשט לאַנדוי גיט זיך אַ כאַפּ ווי פון עפּעס אַ שאַרפן ביס. זיין פּנים ווערט בלייך און ער שרייט כמעט אויס:

— אוי! רייזל גייט מסתמא צו קינד, אין אַ פרעמדער שטוב, און איך שלעפּ זיך אַרום מיט אייך שוין באַלד אַ מעת־לעת.

מער אויסריידן אַ וואָרט צו אים האָט מען ניט געקאָנט. ער איז שוין ניט געווען.

אגב, נאָך אַ קלייניקייט וועגן יענע טעג.

ביי מאַני לייב׳ן אין אַ קליין חדר׳ל זיינען מיר, ער און איך, די רעדאַקטאָרן פון דעם באַנייטן „ליטעראַטור און לעבן״, געזעסן איין אָוונט און

געשריבן אַ פּראָגראַם אַרטיקל פאַרן ערשטן נומער. עס רעדט זיך נאָר אַזוי „געשריבן". ניט קיין שרייבן איז דאָס געווען נאָר איין לאַנגער געפּעכט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה, פאַר יעדן פּאַראַגראַף, יעדן זאַץ און מער פאַר אַלץ פאַר איינציקע ווערטער. דאָ איז אים עפּעס ניט געפעלן, דאָ איז מיר עפּעס ניט געפעלן. איינמאָל האָט אים אַ פּאַראַגראַף געקלונגען פאַלש און פּרעטענציעז און אַ צווייטן מאָל האָב איך געהאַט אויסצוזעצן, אַז אַ זאַץ איז לויז און שלאַבעריק. דאָ האָט זיך געדאַכט, אַז מיר ברענגען ניט אַרויס קלאָר וואָס מיר ווילן און באַלד — אַז מיר וויסן גאָר אַליין ניט גענוי, וואָס מיר ווילן. און אַז אַלץ איז שוין געווען אין דער בעסטער אָרדענונג איז מאַני לייב פּלוצים אויפגעשפּרונגען מיט אַ פּראָטעסט: ווער זיינען מיר דאָס און וואָס זיינען מיר דאָס, אַז מיר זאָלן אויפשטעלן פּראָגראַמען און באַשטימען געזעצן פאַר דער דיכטונג?

מיט אונז אין חדר׳ל איז אויך געווען אַ אינגערער דיכטער, אַ נאָכפאָלגער און פאַרערער אונזערער. די גאַנצע צייט פון דעם געראַנגל איז ער געזעסן אַ פאַרגאַפטער מיט אַן אָפן מויל און מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז ער פּשוט פאַרכאַפּט פון דעם גייסטיקן שפּיל פאַר זיינע אויגן. מיט אַמאָל דערהערן מיר אָבער אַ כראָפּען ווי פון אַ זעג. מיר גיבן אַ קוק — דער בחור ליגט איבער דער ברייט פונם בעטל אויף וועלכן ער איז געזעסן, איין פוס איז אויסגעצויגן קרום ביז אַ העלפט פון דעם חדר׳ל, שלאָפט געשמאַק, אַז דער גאַוװער רינט אים אַזש פון אַ מויל-ווינקל.

מאַני לייב האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן צונויפדריקן די ליפּן. פונקט אַזוי פאַמעלעך האָט ער צונויפגענומען פון טיש די אָנגעשריבענע בייגן פּאַפּיר, זיי צונויפגעלייגט און נאָך פאַמעלעכער אָנגעהויבן רייסן פאַסן פון אויבן אַראָפּ: א־איינס, צ־ווי, ד־ריי, פ־יר! מען דאַרף ניט קיין פּראָגראַם־אַרטיקל. אַז ער, דער יורש אונזערער (אָנוויזנדיק אויפן אינגערן דיכטער), קאָן איצט כראָפּען, דאַרף מען ניט קיין פּראָגראַמען, דאַרף קיינער ביי אונז ניט קיין פּראָגראַמען!

אַז לאַנדוי האָט שפּעטער געהערט וועגן דעם, האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אָן די קני, זיך אָנגעהויבן טרייסלען און די אויגן האָבן זיך אים אַזש איבערגעגאָסן מיט טרערן פון געלעכטער.

אַ שפּרונג פון אַ סך יאָרן

איך בין שוין געווען ווייט אין די פערציקער, לאַנדוי — קוים אַריבער די פערציק. דעמאָלט האָט לאַנדוי געהאַט צוויי שטעלעס, אויף קיין איינער פון זיי זיך ניט איבערגעאַרבעט, פאַרדינט גוט, געהאַט אַ שיין הויז, אַ קלוג ווייב, צוויי שיינע אונטערוואַקסנדיקע טעכטער, געקאָכט זיך אין זילבער־

וואַרג, ירושה־זאַכן פון זיידעס, וואָס מען האָט אים איבערגעשיקט פון פוילן; אין זילבערוואַרג, שטיינדלעך און צירונג, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט דאָ אין ניו־יאָרק, „געלעבט ווי אַ גראַף" און הנאה געהאַט פון לעבן. לידער? — באַ! אַן עסק פאַר יונגעלייטלעך און סענטימענטאַלע ווייבער. ער איז שוין לאַנג אַרויס פון צעך.

נאָר אַט גייען מיר ביידע אויף איסט בראָדוויי. פון דער ווייטנס קומען אונז אַקעגן אברהם משה דילאָן און אבאַ שטאָלצענבערג. אברהם משה שפּרייזט מיט זיינע לאַנגע פיס, דער קאַפּעלוש איז ביי אים פאַרדרייט אויף אַ זייט, די הענט פאַכען אין דער לופטן און דאָס צעקאָרבטע פּנים איז איין ברייטער שמייכל, ווי פון איינעם וואָס האָט אַ געוואַלטיקע הנאה פון עפּעס. לעבן אים קייקלט זיך שנעל מיטן קיילעכדיקן בייכל פאַראויס דער יונגער, פּעטינקער שטאָלצנבערג. אויך זיין קיילעכדיק, שיינענדיק שייגעץ־פּנים איז איין ברייטער, צופרידענער שמייכל. דאָס נעזל פאַריסן אַרויף צו און אַ בערשטל האָר טיילט זיך אָפּ פון דעם גלאַט צוגעקעמטן און אויליק גלאַנציקן קאָפּ, וואָס האָט שוין יאָרן ניט געפילט קיין היטל אויף זיך.

— אוי, אַ פּערל! אוי, אַ ליד! אוי, אַ וואונדער — שרייט אויס אברהם משה ווען ער קומט צו צו אונז. און עס דויערט אַ היפּשע ווילע ביז מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס מיינט ער צו זאָגן, אַז שטאָלצענבערג האָט אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס איז אַ פּערל און אַ וואונדער. ער שטייט צו צו אונז, ניט אַנדערש נאָר מיר זאָלן שוין הערן דאָס ליד. „לייענט עס פאַר זיי, שטאָלצענבערג! עס איז דאָך אַ פּרעכטיקע זאַך!" שטאָלצענבערג איז גרייט צו לייענען. נאָר לאַנדוי ווענדט אים אָפּ מיט דער האַנט: — מוחל! אָבער אַפּנים באַמערקנדיק ווי עס בייטן זיך ביי שטאָלצענבערגן די קאָלירן אין פּנים, גיט ער צו: „ניט איצט, מיר זיינען ביידע פאַרנומען", מיך אַ ציי געטאָן ביים אַרבל און מיר זיינען אַוועק.

לאַנדוי האָט געוואַלטיק געהאַלטן פון שטאָלצענבערג'ן. פון אַלע צוגעקומענע יונגע דיכטער האָט ער אים געהאַלטן פאַר דעם איינציקן, וועמענס אַ ליד פאַרשאַפט יענע וואונדערלעכע פרייד, וואָס נאָר לידער און ליבע קאָנען געבן. „אַ פּרעכטיקער יונג און פול מיט טאַלאַנט!" האָט לאַנדוי באַמערקט וועגן שטאָלצענבערג'ן. „איך האָב אָבער מורא, אַז עס וועט גאָר ניט ווערן פון אים. ווי אַלט איז ער? — פיר־פינף און צוואַנציק? די בעסטע יאָרן. לידער דאַרפן זיך איצט שיטן ביי אים פון אַרבל און דאָס קוועטשט אויס אַ ליד איינמאָל אין אַ האַלב יאָר. און שוין אַ באַלעבעסל, מיט אַ בייכל, מיט אַ ווייב און אַ קינד און, וועל ניט זיין איבערראַשט, ווען אַפילו מיט אַ באַנק־ביכל. זעט איר אים, דעם הייליקן תם, דעם פּרא אָדם אברהם משה, אים בין איך מקנא. עלטער פון מיר, עלטער פון איך, עלטער פון אַלע אונזעריקע און

דאָך אַ סך אינגער אַפילו פון שטאָלצענבערג׳ן. דער איינציקער פּאָעט ביי אונז. וואָס, קיין לייטיש ליד ניט אָנגעשריבן? באַ, בלאָטע. אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן? אַ דאַגה אים. אָבער פריי איז ער? אין שטענדיקן עקסטאַז איז ער? און ווער איז נאָך אַזוי שטענדיק פאַרנומען מיט לידער ווי ער? אַי, האָבן מיר געפּטרט דאָס לעבן! איך, איר, מאַני לייב, דער ברוקלינער. — איר זעט אים אַמאָל? נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט דעם פינף־בענדיקן ראָמאַן? — הערלעכע פּאַר־שוינען, וואונדערלעכע, שטימונגספולע סיטואַציעס און בילדער. אָבער וואָס צאַצקעט ער זיך אַזוי מי זיי? — דאָס האָט ער געמיינט קאַזאַנסקי׳ן, מיט וועמען ער איז דעמאָלט געווען שטאַרק ברוגז. אַ רוגז, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן.

פון דער זעלביקער צייט

ווי באַקאַנט, איז לאַנדוי געווען אָנגעשטעלט אין פּובליסיטי דעפּאַרטמענט פון דער ניו יאָרקער צדקה פעדעראַציע. איין יאָר, ווען די פעדעראַציע האָט געפירט גאָר אַ גרויסע קאַמפּאַניע, האָט לאַנדוי אַליין זיך ניט געקאָנט ספּראַ־ווען מיט דער גאַנצער אידישער פּובליסיטי אַרבעט און מיך געבעטן, איך זאָל אים אַרויסהעלפן. דריי וואָכן האָב איך געאַרבעט מיט אים צוזאַמען און האָב פּשוט געשטוינט איבער די פעיִקייטן, דערפינדערישקייטן און ענערגיע, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביי דער אַרבעט. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן עטלעכע צענדליק אַרטיקלען און אומצייליקע נאָטיצן פאַר אַלע אידישע צייטונגען. מאַטעריאַל פאַר דער אַרבעט איז געווען זייער ווינציק. בלויז עטלעכע מאָגערע, גאָר ניט זאַגנדיקע פּאַראַגראַפן וועגן דעם אַנשטאַלט און נאָך ווינציקער ממשות׳דיקע אינפאָרמאַציע וועגן אַן אַנדערן, און דאָך האָבן די אַרטיקלען געמוזט זיין „וואָגיק און ווירדיק" און די נאָטיצן געשריבן אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן דעם „ווערט פון נייעס", כדי די נייעס רעדאַקטאָרן זאָלן זיי ניט פאַרוואַרפן. לאַנדוי איז געווען אַ מאַדים אויף די זאַכן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו פּועל׳ן ביי די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר דער קאַמפּאַניע, אַז לייט־אַרטיקלען זאָלן געשריבן ווערן, און אַז די נייעס־רעדאַקטאָרן זאָלן די נאָטיצן פון דער צדקה פעדעראַציע באַהאַנדלען אַנדערש ווי די פּעק אַנדערע פּוב־ליסיטי מיט וועלכע די צייטונגען ווערן געוויינטלעך פאַרוואָרפן.

איין טאָג, ווען מען האָט געדאַרפט צוגרייטן צוויי פולע זייטן מיט אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס" און דעם „מאָרגן זשורנאַל", ווען דער אָפיס איז געווען פול מיט רעפּאָרטערס פון אַלע ענגלישע צייטונגען, ווען דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען, ווען לאַנדוי האָט זיך עטלעכע מאָל געקריגט מיט מיר, ווייל איך האָב די אַרבעט געטאָן ווי איך האָב פאַר־

שטאַנען, ווען איך בין געזעסן ביי איין שרייב־מאַשין און ער לעבן מיר ביי אַ צווייטער און די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט, דערהער איך פלוצים, ווי לאַנדוי׳ס מאַשין הייבט אָן קלאַפּן לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער און ווי ער ברומט עפּעס אונטערזינגענדיק. איך הייב אויף די אויגן און גיב אַ קוק, ערשט לאַנדוי זיצט מיט דער צונג צווישן די ציין און שרייבט — אַ ליד.

די זונטיקס ביי לאַנדוי׳ן

יעדן זונטיק נאַכט איז ביי זישאַ לאַנדוי געווען אַ ליטעראַרישער טיש. אַ סך מענטשן פלעגן קומען. אַחוץ שרייבער אויך מאָלער און גלאַט מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר.

דער טיש האָט געהאַט אין זיך עפּעס רבי׳שעס, ניט ווי דער אָנגעצויגע־נער, פאַר׳דבקה׳טער רבי׳שער טיש, וואָס איז עבודה און „כלו קודש״, נאָר דאָס וואָס מען האָט אין אונזערע מקומות גערופן „דער צווייטער טיש״ פון נאָכן בענטשן, ווען די פאָרמעלע שטייפקייט האָט אָפּגעלאָזן און די גרענדע פירט שוין ניט דער רבי אַליין נאָר בשותפות מיט געקליבענע פון עולם: מקורבים, לומדים, שאַרף־שמועסער, ווערטל־זאָגער, מעשה־דערציילער, רכילות־טרייבער און פּאָליטיקער; ווען אַ שאַרף וואָרט, אַ טיפער געדאַנק, אַ נאָכדערציילטע מעשה מישן זיך מיט וויץ, רכילות און אַפילו מיט פּאָליטי־שער אינטריגע.

אויפן טיש איז שטענדיק געשטאַנען עפּעס און ווער עס איז אַריינגעקומען האָט אָן צערעמאָניעס זיך געקאָנט אַנידערזעצן און אונטערלעגנען דאָס האַרץ. אַ שטיק צייט האָט זיך דער טיש געענדיקט מיט — הימל עפן זיך — אַ קערטל. צום קערטל האָט געמאַכט אַ סוף טיילווייז די דעפּרעסיע און דער עיקר לאַנדוי׳ס קרענק.

פאַר דער וועלט האָט לאַנדוי ליב געהאַט צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער לייענט גאָר נישט. מיר דאַכט אָבער, אַז אין אונזער קרייז האָט קיינער ניט געלייענט אַזוי פיל ווי ער, און ער האָט נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס איז אַרויס אויף אידיש. איין אידישע בוכהאַנדלונג האָט געהאַט פון אים אַ שטענדיקע באַשטעלונג מען זאָל אים צושיקן יעדעס אידישע בוך לידער פון וואַנען עס זאָל ניט קומען. ער האָט אויך געקויפט אַ סך ענגלישע, דייטשע און רוסישע ביכער. יעדן זונטיק נאַכט, ווען מען איז געקומען צו אים, האָט מען שטענדיק געפונען ליגן „נייע סחורה״ אויפן טיש, אויף אַ קאָמאָד, אויף די ביכער שאַפעס, צי גאָר אויף דער שרייב־מאַשין. ווער עס האָט געוואָלט, האָט זיך געקאָנט פאַרקלייבן אין אַ ווינקל און לייענען פאַר זיך.

גאַנץ אָפט איז אַזאַ שטיל ביחידות׳דיק לייענען איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרלייענען פאַרן עולם. ווען דאָס בוך איז דעם לייענער שטאַרק געפעלן

געוואָרן, פאַרשטייט זיך. און איז עס נאָר געווען אַ גוטער פּאָרלייענער, וואָס האָט געקאָנט אונטערשטרייכן ווי געהעריק די בעסטע שטעלן און אָפּכאַפּן אָדער פאַרטושן די שוואַכסטע, איז אין שטוב געווען אַן אמת׳ער יום־טוב. אייגענע לידער האָט קיינער ניט פאָרגעלייענט, סיידן פאַר אַן איינציקן פריינט, שטיל אין אַ ווינקל. לאַנדוי אַליין אויך ניט.

אין די זונטיקס זיינען אַ סך רעפּוטאַציעס געמאַכט געוואָרן און אַ סך גע׳פּטרט געוואָרן. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אַ סך „ליטעראַרישע אַנט־דעקונגען". אויפן מאָמענט איצטער דערמאָנט זיך מיר בלויז ווי איין זונטיק נאָכט האָט לאַנדוי פאַר אונז אַנטדעקט ראובן לודוויג׳ן. אַן אַנדערש מאָל האָב איך דעם עולם „איינגענומען מיט שטורעם" פאַר ראַוויטש׳ן. אין דער אַנטדעקונג פון שטאָלצנבערג׳ן האָבן מיר ביידע געהאַט אַ גלייכן חלק. אים האָבן מיר אַנטדעקט אינאיינעם מיט שטיקער׳ן, גלייך ווי זיי האָבן זיך נאָר באַויזן מיט זייערע ערשטע זאַכן, אין „יוניאָן סקוועה" דאַכט זיך. ביידע זאַכן, וואָס זיי האָבן דאָרטן פאַרעפנטלעכט זיינען געווען שוידערלעכע. אָבער פון דעם כלאַם אָנגעבלאָזענע און געשוואָלענע מליצות, געגנאַשט ביי מאַרקיש׳ן האָבן אַרויסגעבלאַנקט אייגענע גאָלד־קערנער. באַלד אויף מאָרגן איז לאַנדוי אַוועק אויפזוכן די צוויי יונגע פאַרשוינען, וואָס האָבן באַוויזן אַזאַ קונץ, אַז בעת ער האָט זיך געוואָלט אַ ביסל לוסטיק מאַכן אויף זייער חשבון האָבן זיי אים גאָר פאַרכאַפּט.

לאַנדוי האָט אויך ליב געהאַט צו ראַיען זיך אין אַלטע שמות. גאַנץ אָפט פלעגט ער איינהאַנדלען גאַנצע פּעק מיט רומל און פאַקענטרעגער ליטעראַטור, ווי חומשים, סידורים און מחזורים מיט עברי־טייטש, מעשה־ביכלעך און חסידישע מעשיות.

איין זונטיק נאַכט זאָגט לאַנדוי, ער וועט אונז באַווייזן אַ קונץ. ער האָט נאָר וואָס איינגעהאַנדלט אַ גאַנצן פּאַק תחינות פון פאַרשיידענע דרוקן. זאָל עמיצער פון אונז אויפמישן וועלכע תחינה ער וויל און ער וועט גלייך דערקענען, וואו זי איז געדרוקט געוואָרן. די עובדה פון לייענען האָב איך גענומען אויף זיך. אַרויסגעשטעלט האָט זיך אָבער, אַז לאַנדוי האָט בלויז טיילווייז געטראָפן. ער האָט, למשל, שטענדיק דערקענט אַ תחינה, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין ווילנע. ער האָט אויך טיילווייז דערקענט וועלכע תחינה עס קומט פון וואַרשעווער דרוק. אים איז אָבער געווען שווער צו דערקענען די אונטערשיידן צווישן לעמבערגער, פּיעטריקאָווער און לובלינער תחינות. מיר האָבן זיך באַלד געכאַפּט פאַרוואָס. די גאַליציאַנער און פּוילישע תחינות זיינען כמעט אַלע געווען אין דעם זעלביקן סטיל פון דעם וואונדערלעכן פאַרצייטיקן ליטעראַרישן אידיש. די ווילנער תחינות אָבער זיינען שוין געווען איבערגעשריבן אין אַ „מאָדערנעם" לשון. די וואַרשעווער דרוקן האָבן גע־

מישט. אַ טייל תחינות האָבן זיי ווי זיי שטייען און גייען אַרויסגע׳לקחנ׳ט פון די גאַליציאַנער און פוילישע דרוקן און אַנדערע פון די ווילנער. אין די פויליש־גאַליציאַנער תחינות איז לאַנדוי געווען פשוט פאַרליבט. די ווילנער, פאַרקערט, האָט ער פּיזיש ניט געקאָנט פאַרטראָגן. די פויליש־גאַליציאַנער זיינען פאַר אים (און אויך פאַר מיר) געווען אַ מוסטער פון סטיל, פון ריינ־קייט, צאַרטקייט, אינטימקייט און וואוילקלאַנג פון שפּראַך. די ווילנער פאַר־קערט — אַ מוסטער פון סטיללאָזיקייט, אָרימקייט, האַרטקייט און אָן אַ טראָפּן שפּראַך געפיל. די פויליש־גאַליציאַנער תחינות זיינען קאָנטיק אור־שפּרינגליך פאַרפאַסט געוואָרן פון מענטשן תמימות׳דיקע, גלויביקע, פול מיט ליבע און פיעטעט צו זייער אַרבעט. די ווילנער תחינות אָבער זיינען, ווי עס ווייזט אויס, שוין געווען דערווידערדיקע „סחורה״ צוגעשטעלט פאַר אַ דרייערל צי אַ פינפערל, פון עפּעס אַ משכיל, אַן אפּיקורס, וואָס קיין גאָט אין האַרצן האָט ער שוין ניט געהאַט און קיין שפּראַך געפיל אודאי און אודאי ניט, ווייל ווי האָט ער געקאָנט האָבן שפּראַך־געפיל, ווען אַלץ וואָס איז געווען אַלט אידיש, איז אין זיינע אויגן געווען אָפּגעלעבט און פאַרשימלט? וואָס עכטער און פיינער דער אידיש אַלץ קאָמישער האָט ער געקלונגען אין זיינע אויערן. אגב, האָט לאַנדוי אין די תחינות זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך זייער אַן אינטערעסאַנטע זאַך. אין די ווילנער תחינות איז שטענדיק איבער־טריבן געוואָרן ווען עס איז געקומען אויסצורעכענען די אַטריבוטן פון גאָט. דאָרטן וואו אין אַנדערע תחינות האָט אַ אידענע זיך געזאָלט ווענדן צום „האַר פון אַלע וועלטן״, האָט אַ ווילנער אידענע זיך געמוזט ווענדן צום „גרויסן״ האַר פון אַלע וועלטן. צו „גרויסער גאָט אין הימל״ איז אין דער ווילנער תחינה נאָך צוגעגעבן געוואָרן „אַלמעכטיקער״. ווען גאָט איז אין די אַנדערע תחינות געווען אי גרויס און אי אַלמעכטיק איז ער אין דער ווילנער נאָך געוואָרן „פאַרכטיק״ און אַזוי כסדר.

מיטן פאַרלייענען די תחינות האָט לאַנדוי אין איין וועג שוין אויך געוואָלט דעמאָנסטרירן ווי גערעכט מיר „יונגע״ זיינען געווען אין אונזער מיינונג, אַז אַ גוטן, שיינעם און וואוילקלינגעוודיקן אידיש געפינט מען נאָר ביי די פוילישע, גאַליציאַנער און אוקראַינער אידן, בעת די ליטוואַקעס זיינען טויב פאַר קלאַנג, אָרעם און האַרט אין אויסדרוק און בכלל אָן וועלכן עס איז געפיל פאַר שפּראַך. אָבער אַזוי מישנדיק צווישן די תחינות האָב איך אין ווילנער ספר׳ל זיך פּלוצים אָנגעשטויסן אָן אַ „תחינה פאַר פרנסה״, וואָס האָט צעקלאַפּט אונזער גאַנצע טעאָריע. דאָ איז שוין ניט געווען צו דערקענען דעם משכיל און אפּיקורס, וואָס גלויבט ניט אַ וואָרט פון דעם וואָס ער שרייבט. דאָ איז שוין געשטאַנען אַ איד אַן אָרימאַן, וואָס גיסט נעבעך אויס זיין ביטער האַרץ, קלאָגט זיך אויף זיין מזל און אויפן מזל פון אַלע אָרימע,

דערשלאָגענע און באַליידיקטע; טענה'ט זיך אויס מיט גאָט, און באַווייזט אים, ווי שלעכט עס איז אַ מענטשן ווען ער האָט ניט אויף זיין אויסקומעניש, און ווען זיין ווייב און קינדער הונגערן, און ווי אָרימקייט און נויט מוזן ברענגען אַ מענטשן צו נסיונות און זינד, וועלכע עס איז שווער בייצושטיין, און דאָס אַלץ אין אַזאַ וואונדערלעכן, רייכן און זאַפטיקן אידיש, וואָס אין פאַרגלייך מיט אים האָט די שיינקייט און וואוילקלינגעוודיקייט פון דעם אידיש אין די פויליש־גאַליצישע תחינות אויסגעזען הויל און פוסט ווי די שיינקייט און קלינגעוודיקייט פון בלישטשנדיקע גלעזלעך.

— אַי, האָבן מיר געכאַפּט אַ מפלה, אייזלאַנד! — האָט לאַנדוי אויס־געדרופן, און איך האָב מיט אים פולשטענדיק מסכים געווען. מיר האָבן געכאַפּט אַ מפלה און אַ כשר פאַרדינטע. מיר זיינען פונדעסטוועגן פאַרבליבן ביי אונזער אָנגענומענער מיינונג. און ביז איצט בין איך נאָך אַלץ ניט זיכער, צי דאָס איז בלויז אייגעשפּאַרטקייט און פאָראורטייל פון וועלכן מיר האָבן זיך ניט געקאָנט באַפרייען, אָדער די „תחינה פאַר פרנסה" איז געווען איינע פון יענע אויסנאָמען, וואָס באַשטעטיקן בלויז דעם כלל.

לעצטע טעג

פאַר צוויי יאָרן ווינטער האָב איך, אַ קראַנקער, פאַרבראַכט אין פלאָרידע. איין פאַרנאַכט האָב איך געכאַפּט אַן אַטאַקע. אַ דאָקטאָר איז געקומען, געגעבן די נויטיקע איינשפּריצונג און איך בין פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שלאָף. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז געווען טיפע נאַכט. דער ערשטער געדאַנק איז געווען — לאַנדוי. מען דאַרף אים שרייבן, טראַכט איך, דערציילן אים וועגן אייגענעם צושטאַנד און נאָכפרעגן זיך אויף זיין געזונט. אָבער אָנשטאָט אַ בריוו האָט אין געדאַנק זיך אָנגעהויבן אויסלייגן אַ ליד. ביז אינדערפרי איז עס געווען פאַרטיק. אַזוי שנעל ווי דער דאָקטאָר האָט מיך אַראָפּגעלאָזט פון בעט האָב איך עס אָנגעשריבן און, רוי ווי עס איז נאָך געווען, אין זעלביקן טאָג צוגעשיקט לאַנדוי'ן. ווייל עס איז אורשפּרינגלעך עמפינדן געוואָרן ווי אַ בריוו צו אים, האָט עס געקראָגן די איבערשריפט: „צו זישא לאַנדוי". געלייענט האָט זיך עס אַזוי:

עס איז נאָך דאָ אַ ליכטיקייט וואָס רופט,
אַ בוים וואָס בליט, אַ וועג וואָס פירט
און פרייד פון גיין.

עס איז נאָך דאָ אַ בוך, אַ ציינונג צו דער האַנט,
אַ שטול, אַ זאָפע און אַ בעט
און פרייד פון רו.

און אַז עס בלאַנקט אין שטאָליק־גרין די פּאַלעמטאָ
און ס׳דראַפּעט זיך אויף ווייס און פּערל־גרוי פון ווענט
די קלעטער־פלאַנץ;

און אַז עס גליען דעכער רויט און דער היביסקוס פלאַמט
צווישן טונקעלע סאָסנעס און דער גרינער פּאַלם —
בליט אויף דאָס האַרץ.

נאָר אַז דער שונא פּאַקט דיך אומגעריכטערהייט
און טרעט מיט שווערער העלפאַנט־לאַפּע אויף דער ברוסט,

(דער אַלעאַנדער פאַרן פענסטער שמעקט נאָך אַלץ ווי מאַנדלען זיס,
באָגענווילעאס גלעטן נאָך מיט קילן לילא רויט),

ווערט מיט אַמאָל די צונג ווי פאַרמעט און ווי גלאָז דאָס אויג,
און אַלע גלידער שרייען אויף פאַרשטייפט און קאַלט פון שרעק:

— שוין?

מיר, די „יונגע״, האָבן שטענדיק געהאַט אַ ווידערגעפיל צו עקזאָטיק. איך האָב דעריבער מורא געהאַט, אַז די עקזאָטישע נעמען פון טראָפּישע פלאַנצן און בלומען, וועלן דאָס ליד פּסל׳ען ביי לאַנדוי׳ן אין די אויגן. אין דעם בריוול, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיטן ליד האָב איך אים וועגן דעם אויפ־מערקזאַם געמאַכט און אים דערקלערט, אַז פאַר מיר זיינען ניט מער עקזאָטיש די דאָזיקע טראָפּישע בלומען און פלאַנצן, נאָר היימיש געוואָרענע שטענדיקע באַגלייטער, וואָס די אויגן באַגעגענען, וואו נאָר זיי קערן זיך.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פון לאַנדוי׳ן באַקומען דעם ענטפער: „ליבער אייזלאַנד:

„איך בין דאָ (אין ניו יאָרק) און אין לייקוואוד, און דערפאַר האָב איך לעצטנס פאַרלוירן יעדע פאַרבינדונג מיט אייך. די פאָר טעג וואָס איך בין און ניו יאָרק רינען עפּעס אויס צווישן די פינגער, און ניט שטענדיק קאָן איך קריגן דורכן טעלעפאָן שעליובסקי׳ן געוואָר צו ווערן וועגן אייך. עס איז געווען זייער גלייך פון אייך מיר צו שיקן די פאָר ווערטער. לייקוואוד האָב איך אויפגעגעבן אינגאַנצן, און וועל זיך אפשר אומקערן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען עס וועט אָפּלאָזן די ביטערע קעלט.

„איך בין פולשטענדיק אַלראַיט. און די טעג וואָס איך פיל זיך ניט אינגאַנצן מיט אַלעמען, איז עס מיין אייגענע שולד. טרינק און עס

צופיל. בין לעצטנס דענערווירט פון דער צו גרויסער מאָס צוקער, וואָס געפינט זיך אין מיר און מאַכט מיך דורשטיק די גאַנצע צייט.

„וואָס עס האָט מיך אַ ביסל ניט אָנגענעם איבערראַשט אין אייער ליד זיינען ניט די טראָפּישע פלאַנצן, נאָר עפּעס אַנדערש. נעמלעך, וואָס איר נוצט דאָס עקזאַקטע וואָרט פאַר אַווירקלעכן, עקזיסטירנדיקן צושטאַנד. אין די יאָרן ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם עקזאַקטן וואָרט, האָבן מיר געמיינט, אַז מען מוז עס באַנוצן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס, וואָס עקסיסטירט ניט... איר שרייבט נאַטוראַליסטישע פּערזן, דאָס איז זייער ניט גוט און ניט אָנגענעם פאַר אַ פריינט צו לייענען.

„איך ווייס ניט צי איר אָט יאָ אָדער ניט קיין אורזאַך צו זיין אַזוי אומרואיק. אָבער עס איז ניט גוט, וואָס איר האָט אַזאַ געפיל. לייקוואוד איז מיר אַריין אין די ביינער, און ניט קוקנדיק וואָס די מעדיצין ווייסט ניט פאַרוואָס עס זאָל מיר דאָרט זיין בעסער ווי אין ניו יאָרק, איז מיר דאָרט פאָרט בעסער, און די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָרט, פיל איך זיך זייער גוט.

אייער

לאַנדוי.״

איך געדענק ניט, אַז מיר זאָלן ווען עס איז האָבן גערעדט, אַז דאָס עקזאַקטע וואָרט דאַרף מען באַנוצן נאָר „ווען עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס וואָס עקסיסטירט ניט.״ מיר איז אַפילו ניט גענוי קלאָר, וואָס לאַנדוי האָט דאָ געוואָלט זאָגן, סיידן ער האָט געמיינט אַרויסצוברענגען, אַז מיר זיינען שטענדיק געווען קעגן נעמען אַ פאַקטיש־עקזיסטירנדיקן צושטאַנד אַלס מאָטיוו פאַר אַ ליד. אויב ער האָט דאָס געמיינט, האָט ער פאַרגעסן אַ שטיק אייגענע געשיכטע, ווען ער האָט אינאיינעם מיט מיר געפּרעדיקט און פּראַקטיצירט די פאַרדיכטונג פון דעם פּאָקטישן טאָג־טעגלעכן, וואָכעדיקן לעבן. ווי שוין אויבן געזאָגט, איז דאָס געקומען אַלס רעאַקציע צו דער שאַבלאָנער „פּאָעטיש־קייט״, וואָס מיר האָבן געפונען ביי אונזער קומען. אַפילו שפּעטער, ווען די „וואָכעדיקייט״ טעאָריע איז פאַרוואָרפן געוואָרן, ווייל די סיבה, וואָס האָט זי אַרויסגערופן איז מער ניט געווען און דער עיקר, ווייל דאָס מיטל קעגן שאַבלאָנען איז אַליין געוואָרן שאַבלאָן, האָט לאַנדוי נאָך אַלץ געלערנט, אַז „נאָר דאָס וואָס איז דאָ איז שיין״.

אגב, איז דאָס געווען אַ צייט נאָכדעם ווי לאַנדוי האָט דוקא באַזונגען דאָס „ניטדאָאיקע״. אַן איבעריקער באַוויז ווי געזעצמעסיק ניט אויסגעהאַלטן קינסטלער זיינען.

דער בריוו איז דאַטירט דעם 14טן פעברואַר, 1936. עלף חדשים נאָכדעם, כמעט צום טאָג, איז לאַנדוי שוין געווען טויט.

אין דער צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פלאָרידע, האָבן מיר זיך בלויז נאָך איינמאָל דורכגעשריבן. און ווען איך האָב, אין פרילינג, זיך אומגעקערט קיין ניו יאָרק, און ער איז געקומען דאַון־טאַון זיך זען מיט מיר, איז מיר געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן. אַזוי שלעכט האָט ער אויסגעקוקט. ווי ער האָט געפילט, ווען ער האָט מיך דערזען, דאָס ווייס איך ניט. נאָכדעם האָבן מיר זיך ווינציק געזען. דאַכט זיך, אַז ניט מער ווי אַ צוויי־דריי מאָל. מיר איז געווען שווער צו פאָרן צו אים און אים איז געווען שווער צו קומען צו מיר. ווען מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז לאַנדוי לעבט ניט מער, איז עס פאַר מיר ניט געווען קיין איבערראַשונג. מיר האָבן אין די לעצטע עטלעכע יאָר געוואוסט, אַז לאַנדוי איז אַ טויט־קראַנקער מענטש, אַז יעדער טאָג, וואָס ער דרייט זיך אַרום צווישן אונז איז ממש אַ נס, און אַז ביי זיין ניט היטן זיך קאָן ער צו יעדער מינוט פאַלן אינמיטן גאַס און מער ניט אויפשטיין. און אַזוי איז טאַקי געווען. קיין איבערראַשונג ניט. אָבער דער ווייטיק איז געווען גרויס. אַן אייגן שטיק לעבן איז אָפּגעריסן געוואָרן, און עס פעלט און וועט פעלן אַזוי לאַנג ווי די אויגן וועלן זיין אָפן.

1938

פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער

דיינטיקן פרילינג ווערט פינף־און־צוואַנציק יאָר, ווי עס איז אַרויס דאָס דריטע פון די ערשטע זאַמעל־ביכער „שריפטן". אַ וויכטיקע דאַטע אין דער אידישער ליטעראַטור, ווייל מיט יענע דריי ביכער האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיקט אַ פּעריאָד אין יענער דיכטערישער באַוועגונג, וואָס האָט געגעבן אַ נייע ווענדונג דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור, און וואָס איז ביז אויפן היינטיקן טאָג נאָך אַלץ באַקאַנט אונטער דעם אַלגעמיינעם גאָר ניט זאָגענדיקן נאָמען „די יונגע". ביי לייטן וואָלטן יענע דריי זאַמעלביכער געווען יקר־המציאות׳ן, וואָס ווערן געזוכט פון פּראָפעסיאָנעלע קאָלעקציאָנערן און געהיט ווי קאָסטבאַרקייטן פון בוכהענדלער און פּריוואַטע בוך־ליבהאָבער. ביי אונז אָבער האָב איך איינס פון די דאָזיקע ביכער ניט לאַנג צוריק געזען ליגן אויף אַ טישל פון מציאות פאַר אַ ביכער געשעפט, מאַרקירט — גאַנצע פופצן סענט. אמת, אַז לאַנג איז די „מציאה" ניט געלעגן. עס האָט זיך באַלד געפונען אַ בעלן אויף איר. איך בין אָבער ניט זיכער, צי וואָלטן זיך אויך געפונען בעלנים, ווען דער פּרייז וואָלט געווען ניט פופצן סענט, נאָר לאָמיר זאָגן עטלעכע דאָלאַר, צי אַפילו בלויז איין דאָלאַר. מיין צווייפל באַרוט אויף אַ טרויעריקער דערפאַרונג. מיט עטליכע יאָר צוריק ווען עס איז דאָ, אין ניו יאָרק, געפּראַוועט געוואָרן דער פינף־און־צוואַנציק יאָריקער יובילײ פון איינעם פון אונזערע באַרימטסטע דיכטער, האָבן זיינע נאָענטסטע קאָלעגן אַרויסגעגעבן אַ צאָל פון זיינע געקליבענסטע בעסטע לידער אין אַ פּרעכטיקער דע־לוקס אויסגאַבע, מיט פיינעם דרוק אויפן פיינסטן פּאַפּיר, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט קריגן און געבונדן אין טייערן מאַראָקאָ לעדער. די גאַנצע אויסגאַבע איז באַשטאַנען פון בלויז זיבן און דרייסיק עקזעמפּלאַרן. ביי די אומות העולם וואָלט מען פאַר אַזאַ בוך געצאָלט הונדערטער, און הונדערטער מענטשן וואָלטן זיך געיאָגט נאָך זיי. ביי אונז האָט מען דאָס זעלטענע בוך געפּרייזט בלויז צען דאָלאַר. און כאָטש דאָס בוך איז געווען אַנאָנסירט ווייט און ברייט, און כאָטש צו דער יובילײ פייערונג זיינען אין זאַל געקומען קנאַפּע צוויי טויזנט מענטשן, און די צייטונגען האָבן געשריבן וועגן דער געשעעניש און אויך וועגן דעם זעלטענעם בוך, וואָס די קאָלעגן האָבן דעם יובילאַר אונטערגעטראָגן אַ מתנה ביי זיין שמחה, דאָך האָט זיך איבער גאַנץ אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט ניט געפונען קיין איין איינציקער מענטש, וואָס זאָל זיך אָפּרופן און פאַרלאַנגען אַ בוך.

ביי אַנדערע וואָלט מען געפּראַוועט דעם פינף־און־צוואַנציק יאָריקן יובילײ פון די „שריפטן“. ניט חלילה מיט קאָמיטעטן, מיט טאַראַראַם אין די צייטונגען און זאַלן, ווי מען איז זיך נוהג ביי אונז אַלע מאָנטיק און דאָ־נערשטיק פאַר דעם צי פאַר יענעם גדול, נאָר מיט זכרונות, קריטיקן און אָפּהאַנדלונגען; מיט רעוויזיעס, שאַצונגען און איבערשאַצונגען; מיט פּיעטעט און, פאַרקערט, מיט בייסיקער איראָניע; מיט אָנווייזן אויף דעם גוטן, פּאָ־זיטיוון, וואָס די „יונגע“ האָבן בייגעטראָגן צו דער אידישער ליטעראַטור און, פאַרקערט, אויף דעם נעגאַטיוון און שעדליכן. ביי אונז גייט אַזאַ דאַטע דורך שאַ, שטיל. קיינער שרייבט ניט, קיינער פּראַוועט ניט קיין יום־טובים, קיינער פאַרגייט זיך ניט אין — זאָל זיין אַפילו — קעלבערנע התפּעלות וועגן יענע „שענע גוטע“ צייטן און קיינער חוזק׳ט ניט. אַזוינס קאָן געמאָלט זיין נאָר ביי אַ פאָלק פון אומקולטור. און אפשר דערפאַר רעדט מען דאָס ביי אונז אַזויפיל וועגן קולטור. אַז עס איז ניטאָ קיין בראָנפן, לאָמיר כאָטש ריידן וועגן בראָנפן! אַזוי ליב און טייער איז אונז אונזער אידישע קולטור, אַז ניט ווינציקער פון צוויי גרויסע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס רייסן זיך איבער דעם כבוד ווער עס זאָל זיך מתעסק זיין מיט איר. אַזוי פלעגט מען פאַרצייטנס ביי חסידים זיך רייסן וועגן דעם כבוד, ווער עס זאָל זיך מתעסק זיין מיט — אַ גרויסן בר־מינן. שיער ניט סימבאָליש.

דאָס דערמאָנטע זאַמעלבוך אויפן טישל פון מציאות האָט ביי מיר פערזענליך אַרויסגערופן סענטימענטאַלע געפילן. וואָרים אויב די ערשטע דריי ביכער „שריפטן“ זיינען געווען אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער אידישער דיכטונג, איז דאָס דריטע און לעצטע געווען אַ ניט מינ־דערוויכטיקע דאַטע אין מיין אייגענעם לעבן. ווייל אין דעם בוך איז געווען געדרוקט מיין סעריע לידער „פון אַלע טעג“, וואָס האָט אין איר צייט שיר ניט געמאַכט שולע און — וואָס איז פאַר מיר פערזענליך אַ סך וויכטיקער — אין וועלכער איך האָב זיך צום ערשטן מאָל געפונען אַלס דיכטער, מיט אַן אויסגעשפּראָכן אייגן פּנים, אייגן קול און אַן אייגענעם דיכטערישן וועג. איך שעם זיך ניט צו דערציילן, אַז מיין האַרץ האָט אַ טיאָכקע געטאָן ווען איך האָב דערזען דאָס לענגליכע בוך מיט דער דיקער הילע פון לעדער קאָליר און מיט דער גרינער לענגליך־געשלענגלטער אויפשריפט פון אויבן און צוויי דינע, גרינע ביימלעך אויפן קאַם פון אַ נידעריק רונד בערגל אין מיטן. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער ווי מען גייט צו צו אַן אַמאָליקער גע־ליבטער, וואָס מען באַגעגנט פּלוצים, נאָכדעם ווי מען האָט זי שוין ניט געזען אַ סך יאָרן און איז שוין לאַנג אַפילו אַרויס פון זכרון. מיט אַ ביסל אַמאָליקער וואַרעמקייט, אַ ביסל קוריאָזיטעט און אַ ביסל שרעקעוודיקייט, ווייל דאָס אויג איז קעגן דעם אייגענעם ווילן אומ׳רחמנות׳דיק אָביעקטיוו. עס דערזעט

אַ גרויען פּאַס אין די האָר, אַ ריי קנייטשן אין פּנים אַחוץ אַ מאַסע אָרגאַנישע חסרונות, וואָס זיינען שטענדיק געווען, און מען האָט געוואוסט אַז זיי זיינען דאָ, נאָר פונדעסטוועגן האָט מען אַמאָל פאַרמאַכט די אויגן און זיי ניט געוואָלט זען. — ווי אַזוי זעען אויס מיינע לידער פון דעמאָלט היינט — פינף־און־צוואַנציק יאָר נאָכדעם ווי זיי זיינען געדרוקט געוואָרן? זיינען זיי פאַרעלטערט געוואָרן אָדער האָבן זיי נאָך אין זיך די פרישקייט פון אַמאָל? וואָס הערט זיך מיט זייערע אָרגאַנישע פעלערן, וואָס איך האָב נאָך דעמאָלט געזען, נאָר וועלכע איך האָב זיך געמאַכט נ׳ט זעענדיק? אין יענע לידער האָב איך, ווי שוין אויבן באַמערקט, געפונען מיין דיכטערישן וועג. געפין איך זיך נאָך אַלץ אויף אים אָדער האָב איך זיך שוין לאַנג פאַרנומען אויף אַנדערע וועגן און אומוועגן? און וואָס איז מכח דעם גאַנצן זאַמעלבוך, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַזאַ רושם אין דער אידיש־ליטעראַרישער וועלט? ווי אַזוי וועלן מיר איצט קלינגען אין די אויערן זייערע לידער און די קאַדענץ פון זייערע דער־ציילונגען? ווי ווייט איז מיין וועג געלאָפן פּאַראַלעל מיט זייערע וועגן און וואו זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען? וואָס איז מיט זיי געשען אין לויף פון די פינף־און־צוואַנציק יאָר? וויפיל פון זיי זיינען מיר נאָך איצט אייגן און ווי ווייט זיינען מיר פאַרפרעמדט געוואָרן? אויב פאַרפרעמדט, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרפרעמדונג? וואָס איז אין משך פון די פינף־און־צוואַנציק יאָר בכלל געשען אין דער אידישע ליטעראַטור? וויפיל נייע מענטשן זיינען צוגעקומען און וויפיל פון זיי האָבן מיטגעבראַכט אייגענע פּנימ׳ער?

אָט די און נאָך אַ מאַסע אַנדערע פראַגן זיינען מיר דורכגעלאָפן אין געדאַנק, בעת איך בין געשטאַנען ביי דעם טישל מיט מציאות און געבלעטערט אין דעם זאַמעלבוך. אָבער אָנשטאָט אַן ענטפער האָט אויף מיר פון די בלעטער געווייט מיט זון, מיט גרינס, מיט שעה׳ען ליבע, פאַרבראַכט אין פּאַרקס און אויף לאַנגע שפּאַצירן איבער האַלב פאַרבויטע בראָנקסער גאַסן; מיט רייד און רויך — ביי טישלעך אין אַ טוכלען קעלער־רעסטאָראַן און צווישן די היימליכע ווענט פון אַן ענגן בחור׳שען חדר׳ל; מיט אַנגעלאָדענע וויטיקן, בענקשאַפטן, צער׳ן און פריידן; מיט שוין לאַנג פאַרשוואונדענע פּנימ׳ער, שטימען, געלעכטערס, זיפצען און טרערן פון פרויען, וואָס האָבן געליבט און אין וועלכע מען איז געווען פאַרליבט; מיט בייסיקע רייד פון קאָלעגן, וואָס האָבן פאַר׳סמ׳ט טעג און נעכט ניט געלאָזט שלאָפן און מיט לידער, שורות פון לידער פון די זעלביקע קאָלעגן, וואָס האָבן ווי אַ וויין פאַר׳שיכור׳ט און וואָכן נאָכגעקלונגען אין די אויערן; מיט יענע פרילינגס, זומערס און ווינטערס, ווען מען איז געווען יונג און האָפערדיק און טומלדיק און קריגעריש און זיכער, אַז עס איז דאָ בלויז איין קינסטלערישער אמת, און

מיר זיינען זיינע איינציקע נביאים. — ווײ, ווײ! זיינען שוין טאַקע אַוועק פינף־און־צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט?

צען מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם דערמאָנטן זאַמעלבוך. דריי פון זיי זיינען שוין אויפן עולם האמת. דריי האָבן קיינמאָל ניט געהערט אַהין. פון די איבעריקע פיר זיינען פאַרבליבן נאָענט בלויז צוויי. מיט די אַנדערע באַגעגנט מען זיך זעלטן. די פאַרשטאָרבענע זיינען: משה לייב האַלפּערן, אברהם משה דילאָן און זישאָ לאַנדוי. פאַרבליבן זיינען: מאַני לייב, דוד איגנאַטאָוו, א. ראַבאָי און איך. צווישן מיר און מאַני לייבן איז היינט די־זעלביקע קרבות וואָס אַמאָל. ביידע זיינען מיר אָפּגעפרעמדט פון איגנאַטאָוו׳ן, און ראַבאָי האָט זיך אַליין דערווייטערט. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער „מאָרגען־פרייהייט״, ווען דער קורס האָט געהייסן זיך אָפּשיידן, און ער האָט פרום געפאָלגט. אַזוי ווייט געפאָלגט. אַז ער האָט עפנטליך פּראָקלאַמירט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ וואָס ער האָט געשריבן ביז דעמאָלט. און ער האָט עס טאַקע געמיינט. וואָרים די זאַכן וואָס ער האָט אָנגעהויבן דרוקן אין דער „פרייהייט״ איז מער ניט געווען קיין שפּור פון יענעם ראַבאָי וואָס איז אונז געווען אַזוי ליב און טייער, זינט ער האָט מיט זיינע ערשטע צייטיקע זאַכן זיך באַוויזן אין די „שריפטן״ און זינט מיר האָבן זיך מיט אים פּערזענלעך באַקענט ביי איגנאַטאָוו׳ן אין דעם בחור׳שען צימערל אויף וואַשינגטאָן עוועניו, וואו מען פלעגט זיך דעמאָלט צוזאַמענקומען יעדן זונטיק. אַלץ אין אים האָט אויסגעזען שוואַרץ און גרויס און געזונט ווען מיר האָבן אים דער־זען צום ערשטן מאָל. און די באַוועגונגען זיינען געווען דאָרפיש־פּאַמעליך און ברייט און עפּעס מאָדנע פאַר אונז שטאָטישע. דאָס טונקעלע פּנים איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ שמייכל פון גרויסע, געזונטע, פערדיש־שיינע ציין ווען מען האָט אונז באַקענט און ער האָט אונז דערלאַנגט אַ גרויסע, געזונטע, האָרעפּאַשנע האַנט. פון דער ערשטער מינוט אָן האָט אויף אונז אַ ווײ געטאָן פון אים מיט אַן ערליכער פּשטות און פרישקייט צו וועלכער מיר זיינען גאָר ניט געוואוינט געווען. אין קעגנזאַץ צו אונז אַלעמען האָט ער ניט גערעדט וועגן ליטעראַטור ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש, נאָר וועגן דער פאַרם ערגיץ־וואו אין קאָנעטיקוט, אויף וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט נאָך געפונען. עס איז אים ניט גוט געווען דאָרטן אויף דער פאַרם, און פריער אָדער שפּעטער וואָלט ער זי סיי־ווי געווען פאַרלאָזט. נאָר אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט יענער זונטיק נאָכמיטאָג ביי איגנאַטאָוו׳ן אין חדר׳ל צוגעאיילט זיין אויפגעבן די פאַרם. מיר זיינען דעמאָלט אַלע געווען אָנגעלאָדן מיט ליטעראַ־רישע אידייען און פּלענער, ווי צייטיקע פּירות מיט זאַפט, און איז מען זיך צונויפגעקומען האָט דאָס הייטעל געפּלאַצט און די אידייען זיינען אויסגערונען אין רייד. די לאַנגע שעה׳ן יעדן זונטיק ביי איגנאַטאָוו׳ן אין צימער, פון

נאָכמיטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, זײַנען געווען אַזוי שפּע׳דיק אין געדאַנקען און אידייען, אַזוי אָנרעגענדיק און קעגנזײַטיק באַפרוכפּערנדיק, אַז דרײַ טעג נאָכדעם האָט מען געלעבט מיט דעם חיות וואָס מען האָט מיטגענומען פון דאָרט, און די אַנדערע דרײַ טעג האָט מען געלעבט אין פרײַדיקער דערוואַרטונג פאַר דעם וואָס קומט. גאַנץ אָפט איז ממש געווען אַ גליק צו פאַרברענגען אַ זונטיק. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן, אַז נאָך אַזאַ זונטיק אין דער וואַרימער סביבה פון חברים נאָך וועלכע ער האָט געבענקט נאָך איידער ער האָט זיי אַפילו געקענט, האָט שוין ראַבאָי לאַנג אויף זײַן אײנזאַמער פאַרם ניט געקאָנט אײַנזיצן. באַלד נאָכדעם איז ער געקומען אין שטאָט און פאַר־שטעט זיך, אַז ער איז געוואָרן אַן אָפּטער זונטיקדיקער באַזוכער בײַ איגנאַ־טאָו׳ן. אָבער ווײַט ניט אַזאַ אָפּטער באַזוכער ווי מיר, די אַנדערע. איך ווייס ניט צי דאָס איז געווען דערפאַר וואָס ער איז אַוועק אַרבעטן אין זעלביקן שאַפּ וואו איגנאַטאָוו האָט געאַרבעט און ער האָט געהאַט גענוג איגנאַטאָוו אַ גאַנצע וואָך, אַז ער זאָל נאָך קומען צו אים פאַרברענגען אַ זונטיק, אָדער ער האָט ניט געפילט זייער גוט צווישן אַזוי פיל רייד וועגן ליטעראַטור. פונקט ווי די פאַרשווינען אין זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען, איז ער אַליין אויך געווען ניט קיין שטאַרק באַרעדעוודיקער. טעאָרעטישע שמועסן האָבן אים געלאָזן אין אַ זײַט.

פלעגט ער דעמאָלט טראַכטן אַ סך און ריידן ווינציק. דאָס ריידן איז בײַ אים — איך רייד וועגן יענע טעג פון די „שריפטן" — ניט געווען קיין אויפוויקלען פון אַ געדאַנק, נאָר דאָס דערגאַנצען אַ געדאַנק. גאַנץ אָפט ווען מען האָט זיך געהיצט וועגן עפּעס אַ טעאָרעטישן ענין, איז ער פּלוצים אַרײַנגעפאַלן מיט עפּעס אַן עפּיזאָד וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן. אין אָנהייב האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וואָס ער דערציילט האָט גאָר ניט קיין שייכות צו דעם ענין וואָס מען האָט באַהאַנדלט, נאָר אַז מען האָט זיך צו־געהערט — און מען האָט געמוזט זיך צוהערן, ווײַל דאָס וואָס ער האָט דערציילט האָט אַרויסגערופן אינטערעס — האָט מען אָנגעטאַפּט, אַז ערגיץ־וואו האָט זײַן דערציילן פאָרט עפּעס אַ שייכות צו דעם אַרומגערעדטן ענין. וועגן ראַבאָי׳ס אַמאָליקע דערציילונגען און ראָמאַנען האָט מען דאָס פרײַדיקע געפיל, אַז מען לייענט דאָס ווערק פון אַ מענטשן וואָס האָט אפשר אויף זײַן לעבן קיין ביכל ניט איבערגעלייענט; ווי פאַר אים וואָלטן קיין דער־ציילונגען ניט געווען; ווי די ליטעראַטור וואָלט זיך בכלל אָנגעהויבן ערשט מיט אים. אַזאַ איז ראַבאָי אויך געווען בײַ אַ ליטעראַרישן שמועס: זײַנע אַ צופעליקע באַמערקונג האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין אָפּהאַנדלונג וועגן אַ ליטעראַרישן ענין ניט געלייענט. דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען רוי און אומגעשיקט. עס האָט אָבער געהאַט חן און אַפילו

וואָג. פון יענעם אַמאָליקן ראַבאַי האָט דער שפּעטערדיקער זיך אָפּגעזאָגט נאָך איידער ער איז אַריין אין דער „מאָרגען־פרייהייט“, כאָטש אַליין האָט ער עס אפשר ניט געוואוסט. אין זיין „געקומען אַ איד קיין אַמעריקע“ מערקט זיך שוין אָן ענדערונג. אין תוך איז אָבער ביי אים נאָך פאַרבליבן פון יענער אַמאָליקער געזונטער ערליכקייט, און דאָ און דאָרט האָט זי גענומען די איבערהאַנט און גובר געווען די פאַלשקייטן פון וועלכע ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן. אַפילו נאָך זיין עפנטליכן איבעררייס מיט זיך אַליין און מיט אַלץ און אַלעמען וואָס האָט אים פאַרבונדן מיט זיין אַמאָליקן איך, האָט ער פון דעם תוכ׳יקען איך זיינעם פאָרט ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן. ראַבאַי איז פאָרט פאַרבליבן ראַבאַי.

דער ריס מיט איגנאַטאָוו׳ן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער. אַזוי לאַנג צוריק ווי ביים שלוס פון דריטן בוך „שריפטן“. אָבער דער ענדגילטיקער ריס איז געקומען שפּעטער. אין האַרצן איז פאַרבליבן אַ וואַרימקייט און נאָענטקייט צו אים און צו ראַבאַי׳ן, און מסתמא ביי זיי צו אונז אויך. גאַנץ אָפּט פאַרבענקט זיך. און ווען איך, למשל, דערהער אַמאָל איגנאַטאָוו׳ס קול אויפן טעלעפאָן (ראַבאַי׳ס קול האָב איך שוין יאָרן ניט געהערט) לויפט אים דאָס האַרץ אַנטקעגן. קוים אָבער באַגעגן איך זיך מיט אים דערפיל איך, אַז מיר גייט אָן זיין געזונט און דאָס וואוילזיין פון זיין פאַמיליע. אָבער ריידן מיט אים וועגן דעם וואָס אַ שרייבער גייט־אָן צום מערסטן — דאָס שרייבן — דאָס קאָן איך ניט. אין לויף פון די פינף־און־צוואַנציק יאָר איז צווישן אונז אויסגעוואקסן אַ מהלך וואָס איז גרעסער ווי דער מהלך פון די יאָרן. מיר ריידן אויף צוויי פאַרשיידענע לשונות. אַזוי פאַרשיידן, אַז מיר פאַרשטייען מער ניט איינער דעם אַנדערן. האָט מען זיך אַמאָל יאָ פאַרשטאַנען? יאָ און ניין. אָבער מער וועגן דעם אין נעקסטן קאַפּיטל.

פאַרבליבן זיינען מיר פיר

אַלע דריי ביכער „שריפטן“ האָבן געהאַט עפּעס וויכטיקס און ווערט־פולס, און ניט נאָר פאַר זייער צייט. אין יעדן פון די ביכער האָט זיך געפונען איין זאַך, וואָס איז אַרויסגעהויבן געוואָרן אַזוי, אַז זי האָט פאַרטונקעלט אַלע אַנדערע. אין ערשטן בוך איז עס געווען י. אָפּאַטאָשו׳ס „אַ ראָמאַן פון אַ פערד גנב“. אין צווייטן בוך — דעם זעלביקן אָפּאַטאָשו׳ס „מאָריס און זיין זון פיליפּ“, און אין דריטן — מאַני לייב׳ס „אינגעל צינגעל כוואַט“. דאָס איז גערעדט וועגן די רעצענזענטן און דעם ברייטן לייענער עולם. אין דעם ענגען דיכטערישן קרייז אָבער האָט מען ווייט ניט געטיילט די דאָזיקע מיינונג. ביי די „פיינשמעקער“, ווי אָפּאַטאָשו האָט זיי מיט כעס גערופן, האָט דאָס ערשטע בוך עקזיסטירט בלויז אינעם זכות פון מאַני לייב׳ס און זישאַ לאַנדוי׳ס

לידער, מ. ל. האַלפּערנ׳ס פּאָעמע „אין דער פרעמד״ און איגנאַטאָוו׳ס „דער גבור״. אַלץ איבעריקע האָט געמעגט פאַר זיי בלייבן ניט געדרוקט. אין צווייטן בוך האָבן די מענטשן פון דעם קרייז געפונען עפּעס ווערטפולס פאַר זיך אין א. ראַבאָי׳ס פראַגמענט „דער לייכט־טורעם״, מאַני לייב׳ס און לאַנדוי׳ס לידער, טיילן פון איגנאַטאָוו׳ס „אין קעסל גרוב״. פונעם דריטן בוך האָט מען שוין ניט געוואוסט וואָס פריער אַרויסצוהייבן. כמעט אַלץ איז אַלעמען געווען צום הארצן, אַחוץ דאָס, וואָס האָט צום מערסטן אויסגענומען ביים עולם. דווקא מאַני לייב׳ס „אינגעל צינגעל כוואַט״, וואָס איז גלייך געוואָרן אַ קלאַסיק, האָט זישאַ לאַנדוי, למשל, כמעט פיזיש ניט געקאָנט פאַרטראָגן. און אַז ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן עפּעס, באַזונדערס ביי אַ נאָענטן מענטשן, וועמען ער האָט ליב געהאַט, האָט ער געקאָנט דערלאַנגען אַזאַ ביס, אַז מען זאָל זיך דערזען מיט דער עלטער־באָבען. אין לאַנדוי׳ס אויגן איז מאַני לייב מיט זיין „אינגעל צינגעל כוואַט״ אַראָפּגעפאַלן פון זיינע דיכטערישע מדרגות. איך האָב אויך געהאַלטן אַזוי. מאַני לייב׳ס לירישע לידער האָבן אונז גענומען מיט זייער בילדערישקייט, פיינעם נואַנס, דינעם געפיל, און דער מעלאָדישקייט פון דער שורה, וואָס איז כמעט שטענדיק געווען אָנגע־לאָדן מיט באַהאַלטענער ענערגיע. און דאָ קומט ער פלוצים אַרויס מיט א מעשה אין גראַמען, אין וועלכע די פיר־פיסיקע טראָכייען יאָגן זיך זינגעוודיק אין אַ געמאַכטער קינדערשקייט. דאָס איז געווען דעמאָלט. ווען איך לייען אָבער איצט די דאָזיקע קינדער־מעשה, דערזע איך, ווי ניט גערעכט מיר זיינען געווען מיט אונזער אורטייל. מיט אַלע אירע פעלערן — און זי האָט זיי ניט ווינציק — און טראָץ דעם, וואָס זי איז באַנאַליזירט געוואָרן דורך הונדערטער אימיטאַציעס, איז „אינגעל צינגעל כוואַט״ געווען און פאַרבליבן אַ מייסטערווערק: מיט איר לויטערקייט, איר פיינעם, שטילן הומאָר, שפּראַך פליסיקייט און געשיקטקייט פון גראַם, און דער עיקר מיט אירע אומצייליקע בילדער, סצענעס און סיטואַציעס, וואָס זיינען אָנגעוואָרפן אַזוי לייכט און שפּילעוודיק, אָפט ניט מער ווי מיט אַ שטריך אָדער צוויי, ווערט זי שטענדיק פאַרנעמען אַ חשוב׳ן אָרט ניט בלויז אין אונזער קינדער ליטעראַטור. אין אונזערע אויגן איז דעמאָלט מאַני לייב׳ס קורצע לירישע ליד, „שטילער, שטילער״, מיט וועלכן דאָס דריטע בוך שריפטן עפנט זיך, געשטאַנען קינסטלעריש אַ סך העכער, ווי „אינגעל צינגעל כוואַט״. איצט אָבער זע איך, אַז אויך דערין האָבן מיר געהאַט אַ טעות. אמת, דאָס קורצע, לירישע ליד האָט פיר וואונדערליכע סטראָפן. דערפאַר אָבער האָט עס אויך אַן איבעריקן באַלאַסט — אַ סטראָף, וואָס חזר׳ט זיך איבער ווי אַ רעפרעין ניט ווינציקער פון דריי מאָל, בעת מען וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן אים אַפילו איין מאָל.

מיר פאַלט איין, אַז דאָס קירצערע לירישע ליד האָט אונז, די עסטעטן,

די „קונסט פאַר קונסט" פּרעדיקער, גענומען ניט אַזוי מיט זיין קינסטלערישן ווערט, ווי דערמיט, וואָס דערין איז צום ערשטן מאָל דיכטעריש אַרויסגע־בראַכט געוואָרן אונזערער אַ מאָראַלער קוק אויפן לעבן. אגב, אַזאַ קוק, וואָס דאַרף אין דער איצטיקער צערודערטער רעוואָלוציאָנערער צייט אויסזען רעאַקציאָנער. אויף אונזער וועג צו קינסטלערישע אמת'ן זיינען מיר געקומען צו דערקענטעניש, וואָס האָבן געמוזט פירן צו אַ געוויסן מאָראַלן קוק אויפן לעבן. איינע פון די דערקענטענישן איז געווען, אַז קיין מענטש קאָן זיך ניט דערהייבן צו ריינער קונסט, אַזוי לאַנג ווי ער פּרוּווט זיך איבערהייבן איבער זיינע כוחות, וואָס זיינען אים אָנגעצייכנט אין זיין כאַראַקטער, אין זיין בלוט. כדי זיך ניט איבערצוהייבן איז דאָס ערשטע און וויכטיקסטע צו פּרוּוון דערקענען זיך אַליין. דער גאַנג צו אַזאַ דערקענונג מוז פירן צו הכנעה. ווען מען דערקענט די גרעניצן פון די אייגענע כוחות, דערפילט מען ממילא גרעסערע כוחות אויסער אונז, צו וועלכע מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט קאָנען דערהייבן, און ווער שמועסט נאָך בייקומען. דאָס וואָס מען קאָן ניט דערגרייכן, דאָס הערט מען אויף וועלן. דאָס טעלערל פון הימל וויל אפשר בלויז אַ קינד. אין אַנדערע ווערטער: כדי צו דערגרייכן שלמות אין וואָס מען זאָל ניט טאָן, טאָר מען ניט אַריבער די גרעניצן פונעם אייגענעם יכולת. אויף דעם איבעריקן מוז מען רעזיגנירן. קוים קומט מען צו אַזאַ דער־קענטעניש, מוז מען זי שוין אויך נעמען פאַר אַ ריכטשנור ניט נאָר אין דער קונסט, נאָר אויך אין לעבן. ווען מיר „יונגע" האָבן זיך געשטעלט עסטעטישע צילן, האָבן מיר אויף אונזער וועג אויך גענומען אויף זיך עטישע אויפגאַבן, וואָס דורך זיי וועט מען די צילן דערגרייכן. איינע פון זיי איז געווען — רעזיגנאַציע. מאַני לייב האָט דער ערשטער פאַרדיכטעט דעם רעזיגנאַציע מאָטיוו אין דעם דערמאָנטן ליד. „שטילער, שטילער" איז דאָס ליד פון האָ־פענונג אויף משיח'ן, וואָס לעבט אין אונז טויזנטער יאָרן (אגב, דער ערשטער מאָדערנער פּאָעט אין אַמעריקע צו באַרירן דעם משיח־מאָטיוו). אַ האָפענונג, צוליב וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די טייערסטע זאַכן און צוליב וועלכער מיר טראָגן אַריבער דאָס שווערסטע אין לעבן. ער וועט קומען אויב ניט היינט, איז מאָרגן; אויב ניט מאָרגן, איז איבערמאָרגן, און

„פון זיין לויטערן געזיכט
און זיין קלאָרן, ווייסן קלייד
ווייען וועט אויף אונז די פרייד,
פאַלן וועט אויף אונז זיין ליכט."

אָבער ווי וועט זיין אַז ער וועט ניט קומען, אַז די גאַנצע האָפענונג איז ניט מער ווי אַ נאַרעריי, אַ שווינדל, אַן אָפּלאַכעניש פון אונזער פינסטערן

גורל — וועט דער צער זיין גרויס און טיף, אָבער דאָס עקשנות אַריבערצו־טראָגן נאָך גרעסער.

„אויב מען האָט אונז אָפּגענאַרט,...
און מען האָט אונז אויסגעלאַכט,
און די גאַנצע לאַנגע נאַכט
האָבן מיר אומזיסט געוואַרט,

וועלן מיר אין אונזער בראָך
בויגן זיך צום האַרטן דיל,
און מיר וועלן שווייגן שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך.״

רעזיגנאַציע דערהייבן צו העלדישקייט. דאָס, מיין איך איצט, האָט אונז דעמאָלט מער אימפּאָנירט ווי אַלץ און דעריבער האָבן מיר פאַרזען אָדער געמאַכט זיך ניט זען, אַז אין מאַני לייב׳ס ליד וועט משיח קומען דווקא אויף דעם באַנאַלן „ווייסן פערד״ און טראָגן וועט ער דווקא אַ „קלאָר ווייס קלייד״. מיר האָבן אויך פאַרזען, אַז דאָס שליסל־וואָרט „שטיל״, וואָס דאַרף געבן דעם טאָן צום ליד, ווערט אַזוי פיל מאָל ווידערהאָלט, אַז עס הויבט אָזש אָן צו שרייען.

אין מיינע יונגע יאָרן, אַז איך האָב געלייענט אַ ליד איינמאָל צי צוויי, איז עס פאַרבליבן אין זכרון. מיט דער צייט איז אַלץ אָפּגעמעקט געוואָרן. אָבער דער טאָן און דער טעם פון דעם ליד זיינען פאַרבליבן. עס איז אַפילו פאַרבליבן אין זכרון, ווי אַזוי די זון האָט דעמאָלט געשיינט, אָדער צי עס איז געווען רעגנדיק, און וואָס פאַראַ ריחות עס זיינען געשטאַנען אין דער לופט. פון הערן לייענען אַ ליד האָט זיך אין זכרון אויך אָפּגעשטעלט דאָס קול און דער טאָן פון דעם לייענער, די געזיכטער און שטימען פון די אַרומיקע און די גאַנצע אַטמאָספערע. ווען איך האָב איצט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די פינף לידער, וואָס זישאָ לאַנדוי האָט אָפּגעדרוקט אין דריטן בוך „שריפטן״, איז ער פאַר מיר אויפגעשטאַנען אַ לעבעדיקער. אַ דינער, אַ בלאָנדער, מיט גרויסע בלויע אויגן און פליישיקע, זייער סענסיטיווע ליפּן, וואָס האָבן שטענ־דיק געצוקט בעת ער האָט געלייענט. ביי אים, ווי ביי האַלפּערנ׳ען, איז דאָס קול ביים לייענען אַ ליד געוואָרן אינגאַנצן אַנדערש, ווי ביים ריידן. האַלפּערן האָט פּשוט פאַרהיפּנאָטיזירט מיט זיין לאַנגזאַמען, לאַנגען, ראַלענדיקן לייע־נען, און וואָלט איך ניט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַ סך תּלמידים און פאַרערער אויף יענער זייט ים, וואו מען האָט אים קיינמאָל ניט געהערט, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער האָט אַ גרויסן טייל פון זיין דערפאָלג אַלס דיכטער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין לייענען. לאַנדוי האָט מיט זיין לייענען ניט געקאָנט

באַצויבערן קיין עולם בצבור. אָבער ביחידות, ווער עס האָט אים געהערט לייענען, האָט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זיין קול איז געוואָרן אַ ביי־קולכעל וואָס דאַרף, דאַכט זיך, ווירקן אומאָנגענעם, און דאָך האָט עס געהאַט אַלע טעמים. און וואָס האָט ער ניט געקאָנט מאַכן פון אַ ליד מיט זיין לייענען! מיט בלויז אַ קנייטש האָט ער געקאָנט אַוועק־הרג׳ענען אַ ליד אויף שטענדיק, און פאַרקערט, אַרויסברענגען דאָס סאַמע וויכטיקסטע און שענסטע פון אַ ליד, און פאַרפלאַנצען עס אויף אייביק אין האַרצן פון צוהערער. דאָס וועגן לידער פרעמדע. פונקט אַזוי ווי וועגן אייגענע. אָבער אינטערעסאַנט: ביים לייענען פרעמדע לידער האָט ער געקענט אַמאָל אָפּנאַרן. ביי אייגענע קיינמאָל ניט. איך לייען איצט די אויבן דערמאָנטע פינף לידער און זע, אַז יענע וואָס זיינען מיר ניט געפעלן געוואָרן דעמאָלט, ווען ער האָט זיי געלייענט פאַר מיר, געפעלן מיר היינט אויך ניט, און יענע וואָס האָבן מיך דעמאָלט פאַרכאַפּט האָבן אין לויף פון די יאָרן גאָרניט פאַרלוירן פון זייער שיינקייט. צערייצט די גאַנצע האָבן דעמאָלט זיינע לידער: „נעגערינס", „דינסטאָג" און „אין דער יוגענד" אַ מאָטיוו איבערגעאַרבעט פון טייטש־חומש. מען האָט אים פאָרגעוואָרפן וואוילזונגערישקייט מיט וועלכע ער איז אויסן צו שאָקירן. אַז ער האָט געוואָלט שאָקירן איז טאָקע געווען אמת. אָבער דאָס האָט אויף אַ האָר ניט געמינערט פון דעם פּרעכטיקן בילד, וואָס ער האָט געמאָלן אין די „נעגערינס", פון דער גלייכגילטיקייט, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען אין „דינסטאָג", און פון דער שיינער פאָרם, וואָס ער האָט געגעבן אַ נאַאיוון, פאַרצייטיק אידישן קוק אויף דעם אונטערשייד צווישן מענער און פרויען.

אין וועלן שאָקירן האָט מען אויך באַשולדיקט איגנאַטאָוו׳ן פאַר דערקלערן זיך אין ליבע צו שלאַנגען אין זיין קורצן אַריינפיר צו „פּיבי". אָבער דאָס איז ניט אמת. ניט שאָקירן, נאָר פלעפן האָט ער געוואָלט מיט זיין זייער מאָדנער ליבע דערקלערונג. אמת, זי האָט אין תוך געזאָלט זיין ניט מער ווי אַ סימבאָל, אַזוי צו זאָגן, אַן אָנוויז, אַ וואונק, אַז די מעשה וואָס ער קלייבט זיך דאָ דערציילן, איז וועגן אַ מיידל אַ שלאַנג, וואָס פאַר׳סמ׳ט מיט איר פלירט מער ווי מיט איר גיפט. דערביי אָבער האָט ער זיך שוין אין איין וועג באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און זיך אויפגעוויזן מיט זיין אומדערשראָקנקייט, אייגנאַרטיקייט און אַנדערשקייט. אַלע מענטשן האָבן מורא פאַר שלאַנגען? אַלע מענטשן עקלט אָפּ פאַר שלאַנגען? וועל איך זיי ווייזן, אַז ניט נאָר האָב איך קיין מורא ניט, און ניט נאָר עקלט מיך ניט, נאָר איך קאָן זיך אַנידערשטעלן און אַזוי רואיק באַטראַכטן שלאַנגען, אַז איך דערזע ווי שיין זיי זיינען, און קריג זיי ליב פאַר זייער שיינקייט. אָט דאָס וועלן אויפווייזן זיך, דאָס וועלן זיין דווקא אָריגינעל, און גאַנץ אָפּט אויף זייער אַ ניט

קלוגן אופן, דאָס האָט איגנאַטאָוו׳ן געשטערט צו ווערן יענער פיינער קינסט־לער, וואָס ער האָט געקאָנט ווערן. אָט דער כאַראַקטער־שטריך האָט געמאַכט, אַז מיר זאָלן זיך ניט שטענדיק פאַרשטיין אַפילו דעמאָלט ווען מיר זיינען געווען אַזוי נאָענט. דער דאָזיקער שטריך זיינער האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר ביים שרייבן, נאָר אויך ביים רעדאַקטירן די „שריפטן". די זאַמעל־ביכער, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן, האָבן געמוזט זיין די שענסטע, אַפילו אויסערליך. און אַ מאַסע געלט און ענערגיע האָט ער אויף דעם אויסגעגעבן. קעגן דעם האָט נאַטירליך קיינער פון אונז ניט געקענט האָבן. און אויב לאַנדוי פלעגט זיך שוין אַפילו דעמאָלט אַ קרום טאָן אויף „איגנאַטאָוו׳ס פיקטשעלעך", איז דער קרום געגאַנגען ניט אויף דעם אויסערליכן אויסזען פון די ביכער, נאָר אויף די קונסט־בילדער, מיט וועלכע איגנאַטאָוו האָט פון אָנהויב אָן באַצירט די „שריפטען".

איך האָב שוין ערגעץ אַנדערשוואו באַמערקט, אַז לויט לאַנדוי׳ן האָבן מיר, די „יונגע", אין אונזערע אויסגאַבן זיך געדאַרפט פאַרנעמען בלויז מיט דער וואָרט־קונסט. אַלע אַנדערע קונסטן האָבן, לויט זיין מיינונג, געמוזט אויסגעשלאָסן ווערן, ווייל מיט אונזער גאַנצער ליבשאַפט צו אַנדערע קונסטן — אויף וויפיל מיר האָבן זי פאַרמאָגט — זיינען מיר אין זיי פאָרט ניט מער ווי פראָפאַנען. אָפּגעבן פּלאַץ אין אונזערע אויסגאַבן צו מאַלעריי אָדער מוזיק, למשל, איז דעריבער, לויט זיין מיינונג געווען פּרעטענזיע. מאַני לייב און איך האָבן מיט אים יאָ און ניט מסכים געווען. מיר וואָלטן געקאָנט אויסקומען אָן די בילדער אין די זאַמעלביכער. עס האָט אונז אָבער ניט געאַרט ווען זיי זיינען יאָ געווען. דערפאַר אָבער זיינען מיר אַלע דריי געשטאַנען שטאָל און אייזן קעגן מער „וואָג" און „חשיבות", וואָס איגנאַטאָוו האָט געוואָלט געבן די „שריפטען" דורך אַרבעטן פון עלטערע, בכבוד׳יקע שריפטשטעלער. מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז אַ פּאַרטיקער גדול זאָל באַשיינען און געבן מער „וואָג און חשיבות" אונזער זאַמעלבוך. מיר דאַרפן קריגן אייגענע חשיבות, דורך אונזערע אייגענע זאַכן. דורך שטעלן זיך אין שאָטן פון אַ גדול, וועלן מיר דאָס זיכער ניט דערגרייכן.

אָט דער שטריך זיינער פון דווקא וועלן צוגעבן נאָך עפּעס צו דעם, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט איגנאַטאָוו׳ן געטאָן אַ סך שאָדן. ער איז זיכער איינער פון די פיינסטע טאַלאַנטן ביי אונז. אַזאַ וואונדערליכע פּראָזע ווי ער, האָט נאָך ביי אונז קיינער ניט געשריבן. און וואָלט ער זיך צופרידנגעשטעלט מיט דער גרויסער מתנה, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, וואָלט ער גאָר אַ סך דערגרייכט. איז אָבער די צרה, וואָס ער שטעלט זיך ניט צופרידן. ער דאַרף שטענדיק נאָך עפּעס. וואָלט דאָס אפשר אויך קיין חסרון ניט געווען.

איז אָבער די מעשה, אַז דער „נאָך עפּעס" קומט ניט פון זיך, נאָר ווערט קינסטליך אויפגעקליבן, און ער איז מערסטנס זייער נישטיק און דאָס וואָס דער „נאָך עפּעס" ווערט אַזוי שטאַרק און אַזוי אָפּט באַטאָנט, מאַכט דעם מחבר גאַנץ אָפּט לעכערליך, און דאָס מאַכט אויך, אַז מען זאָל פאַרזען, אַז סוף־כל־סוף זיינען דאָס אַלץ ניט מער ווי קליינִיקייטן און איבעריקייטן, וואָס מען קאָן פשוט אויסשניידן פון דעם ווערק ווי איבעריק ווילד פלייש. ווילד פלייש איז קיינמאָל ניט קיין סימן, אַז דער אָרגאַניזם אַלס גאַנצער טויג ניט. עס ווייזט נאָר, אַז דאָס באַשטימטע אָרט טויג ניט. דער קורצער אַריינפיר צו „פּיבי" האָט געמאַכט פאַרזען די געוואַלטיקע מעלות פון דעם דאָזיקן ווערק — איינע פון די שענסטע און גרעסטע נאָוועלן, וואָס מיר האָבן אין אידיש. מיט איר שפּראַך, טאָן, קאַדענץ, דעם אופן ווי ער פירט אַרויס די פאַרשוינען, די שטימונגען, וואָס וואַקסן אַרויס פון די באַגעגענישן, די רייד און די שוויַיגענישן און די דראַמאַטישקייט, וואָס הענגט איבער דעם אַלעמען, האָט זי צו זיך ווייניק גליַיכן אין אונזער ליטעראַטור. ווי אין „פּיבי" אַזוי אין זיינע אַנדערע אַמאָליקע זאַכן. אומעטום איז פאַראַן אומגעהויער פיל טאַלאַנט און אומעטום איז אויך פאַראַן אַ סך איבעריקס און איבערגעקליגלטס, וואָס פאַרשטעלן דאָס גוטע און קערנדיקע.

ראַבאַי׳ס „הער גאָלדענבאַרג" איז אין לויף פון די יאָרן אַ ביסל אָפּגעריבן געוואָרן, ווי אַלע אונזערע זאַכן פון דעמאָלט. אָבער דער צויבער און חן פון זיין פשטות איז פאַרבליבן. אויך ביי אים זיינען פאַראַן צוגעטראַכטקייטן. אָבער זיי אַרן ניט קיינעם. העכסטנס קאָנען זיי אַרויסרופן אַ שמייכל. קיינמאָל ניט קיין געלעכטער. אַפילו די צוגעטראַכטקייטן זיינען פול מיט חן, מיט יענעם באַזונדערן ראַבאַי׳שען חן, וואָס איר קאָנט קיינמאָל ניט אַנטלויפן פון וואַנען ער נעמט זיך. ווען איר לייענט פון דער פרייד, וואָס הויבט אָן שפּראָצן ביים פערד־יונג, ווען דער אידישער פאַרמער, הער גאָלדענבאַרג, ברענגט אַראָפּ צו זיך אויף דער פאַרם אין דער וויַיטער וועסט זיין שוועסטערס מיידל, דבורה, פילט איר דאָ און דאָרטן אַן איבעריק וואָרט, צי אַפילו אַ צוגעטראַכטע שורה, אָבער אינגאַנצן גענומען גיסט זיך די פרייד איבער צו אייך ווי פון אַ פיינעם ליד.

ווי זיין העלד, איז אויך ראַבאַי אַליין ניט קיין באַרעדעוודיקער. דאָרטן, וואו ער וויל עפּעס „זאָגן", וועט ער אפשר ניט געפינען דאָס פּאַסיקסטע וואָרט. ער דערשמעקט אָבער כמעט שטענדיק דעם טאָן און די מאַניער פאַר דעם, וואָס זיינע חושים באַנעמען. ביי זייער ווינציק שרייבער זיינען די חושים אַזוי וואַך ווי ביי ראַבאַי׳ן. באַזונדערס יענעם ראַבאַי, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אַזוי דערפרייט אין אונזערע יונגע יאָרן.

וואַקסן טוט ווײ

ווען מאַני לײב האָט געהאַלטן בײַ ווערן אַ יובילאַר האָט ער געזען זײַנע יורשים, דעם אינגסטן דור דיכטער, אַזוי:

„די פּאָעטן, וואָס קומען נאָך אונז — יונגע פערדלעך אָן צוימען
איוף די פרײליכע טאָלן. די עקן פאַרשאַרצט אין די בלויען,
בלוט און מילך אין די אויגן, די קלויען אַריבער די רוימען,
און דער שטויב ווי דער דימענט בליצט העל אונטער זײערע קלויען."

זײַנען מיר אין אונזער צײַט אויך געווען „יונגע פערדלעך אָן צוימען... מיט די עקן פאַרשאַרצט אין די בלויען"? מסתמא. אָבער ניט שטענדיק אויף פרײליכע טאָלן. אינאײנעם מיט אונזער האָפערדיקייט, פאַרשײטקייט און חוצפה'דיקער זיכערקייט, וואָס איז אַזוי אײגן די מערסטע יונגע פּאָעטן, איז אויך געווען אַ היבש ביסל צער און טרויער און גאַנצע פעריאָדן פון גע־פאַלנקייט בײַ זיך, פרעמדע ניט־אָנערקענונג און אײגענע ספקות, וואָס האָבן גענאָגט און געצערט.

איך האָב אָנגעהויבן דרוקן לידער אין 1905. אָבער ערשט אין 1912 האָב איך דערפילט, אַז מײַן ליד איז צײַטיק. כמעט יעדער דיכטער בלאָנדזשעט אין זײַנע יונגע יאָרן, און איך מיט מײַנע חברים זײַנען אין דעם פּרט ניט געווען קײן אויסנאַם. מיר האָט געדויערט לענגער ווי אַלע צו דערשלאָגן זיך צו מײַן אײגענעם דיכטערישן וועג. אפשר דערפאַר ווײַל איך האָב געהאַט אַ שווערערן באַלאַסט אָפּצואוואַרפן. מײַן פרום־חסידישע קינדערשע וועלט איז געווען אַ פאַרצײַטיקערע. איך בין אויך ניט דורכגעגאַנגען קײן רעוואָ־לוציאָנערע סביבה, וואָס זאָל פאַר מיר אָפּראַמען דעם וועג צו אַ פרײַען וועלט־באַנעם. און מײַנע ערשטע דיכטערישע אײַנפלוסן — פון וועלכע עס איז צום שווערסטן זיך צו באַפרײַען — זײַנען געווען פאַרעלטערטע און פאַר מיר באַזונדערס שעדליכע. מײַנע ערשטע פּאָעטן זײַנען געווען די דײַטשע ראָ־מאַנטיקער און די ליבלינגען — אײכנדאָרף און מעריקע. צווײ גאָר פײַנע דיכטער, אָבער מיט זײערע מאָטיוון און זײער אופן ווי סם פאַר אַ ליריש־פאַר'חלום'ט אינגל ווי איך בין געווען. די גרעניץ צווישן ליריזם און סענטי־מענטאַליטעט איז זײער אַ דינע. און אין מײַנע בלאָנדזשענדיקע יאָרן בין איך שטענדיק געווען אויף דער גרעניץ. איך האָב דעמאָלט אַ סך געשריבן, אָבער זײער ווינציק געדרוקט. דאָס אָנגעשריבענע האָט מיר פאַרשאַפט גאַנץ ווינציק פרײד. איך בין שטענדיק געווען מײַן שטרענגסטער קריטיקער, און וואָס מיר איז ניט געפעלן האָב איך צעריסן און פאַרברענט. אומגינסטיקע קריטיק איז זײער שמערצליך פאַר יעדן יונגן דיכטער. מײַן אײגענע אומ־גינסטיקע קריטיק איז געווען ניט ווינציקער שמערצליך.

מיינע חברים זיינען געקומען, ווער אַ יאָר פריער און ווער אַ יאָר שפּעטער, אָבער געטראָפן האָבן מיר זיך צווישן 1905 און 1910. דאָס זיינען געווען יאָרן פון אויפבלי אין דער אידישער ליטעראַטור. אין ווילנע האָבן זיך באַוויזן דוד איינהאָרן און די „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן". אין וואַרשע איז גע־קומען צום וואָרט שוין אַ דריטער דור נאָך פּרצ׳ן — מנחם, א. מ. ווייסענבערג, יונה ראָזענפעלד, משה סטאַווסקי, און אַנדערע. אין לעמבערג — שמואל יעקב אימבער, יעקב מעסטעל, משה לייב האַלפּערן (אונטערן פּסעוודאָנים „פרידא האַלפּערן"), דוד קעניגסבערג און שפּעטער אויך א. מ. פוקס און מלך ראַוויטש. דאָ אין ניו יאָרק איז געווען אַ מחנה פון צענדליקער יונגע שרייבער און עס זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פּאַרזוכן צו באַפרייען די ליטעראַטור פון דער אַפּיטראָפּסות פון דער פּרעסע און שאַפן פאַר איר אַן אייגענעם ווינקל. די וויכטיקסטע פון די פּאַרזוכן זיינען געווען דער חודש־זשורנאַל „די יוגענד", אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון יואל ענטין, מ. י. כאַימאָוויטש, ידידיה מרגליות, און ב. סענטער, און די צוויי זאַמעלביכער „ליטעראַטור", אַרויסגעגעבן פון דעם פאַראיין „ליטעראַטור", אַרום וועלכן עס האָבן זיך געזאַמעלט אַלע יונגע שרייבער פון יענער צייט. אַרום דער אָר־גאַניזאַציע האָט זיך צום ערשטן מאָל אין ניו יאָרק אָנגעהויבן שאַפן אַ שטיקל ליטעראַרישע סביבה. מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען יעדן זונטיק נאָכמיטאָג, און ביי די פאַרזאַמלונגען האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן די גרופּע, וואָס איז שפּעטער געשטאַנען ביי די זאַמעלביכער „שריפטן" און אויף וועלכער עס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן דער נאָמען „יונגע".

ווי יעדער אמת׳ער דיכטער האָט זיין סטיל, האָט אויך יעדע צייט איר סטיל און איר — שאַבלאָן. דעם דאָזיקן שאַבלאָן דערשפּירט און פאַרוואַרפט דער אמת׳ער פּאָעט נאָך איידער ער געפינט זיין אייגענעם וועג. דערפון דער קאַמף צווישן יונג און אַלט, מיט אַזאַ האַפעדיקייט ביי די יונגע. דערפון אויך די דערשיינונג, וואָס יעדע נייע קינסטלערישע שולע איז שטאַרקער אין איר נעגאַטיווער קריטיק אויף איר פאָרגייערין איידער אין איר פּאָזיטיווער פּראָגראַם פאַר זיך. דאָס שוואַכע ביים פריערדיקן דור קאָן דער אינגערער לייכט דערזען. דעם אייגענעם וועג אָנצייכענען איז שוין שווערער. ווען מיר, די „יונגע", האָבן דערפילט, וואָס עס איז פויל אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור, האָבן מיר נאָך אַליין ניט געוואוסט וואָס אייגנטלעך מיר ווילן. מיר זיינען דעמאָלט אַפילו נאָך קיין געשלאָסענע גרופּע ניט געווען. מיר האָבן נאָר געוואוסט, וואָס מיר ווילן נ י ט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָס האָט אונז פאַראייניקט. דאָס איבעריקע איז שוין געקומען פון זיך.

אין אַן אַנדערער אַרבעט האָב איך שוין אויסגערעכנט אַלץ, וואָס מיר האָבן באַלד פון אָנהויב אָן ניט געוואָלט. אין יענער צעטל „ניטס" ווייזט אַז

אַפילו דעמאָלט, ווען אונזערע אייגענע פליגל זיינען נאָך ניט געווען אויסגע־וואַקסן זיינען מיר אָבער שוין געווען גענוג דערוואַקסן צו פאַרשטיין דאָס, וואָס אַ סך פאַרשטייען נאָך היינט ניט: ניט פרעמדער „תוך" מאַכט אַ ליד, נאָר אַז מיט יעדן גוטן ליד ווערט געשאַפן "תוך" — אייגענער, זייער וואָגיקער און זייער ווערטפולער פּאָעטישער „תוך".

וואונדערליכע יאָרן זיינען דאָס געווען פאַר אונז. איבערהויפּט די יאָרן צווישן 1907 און 1910. אמת, יאָרן פון בלאָנדזשען און פּיין אָבער אויך פון אַנט־דעקונגען און דערקענטענישן. יעדער טאָג האָט געבראַכט עפּעס נייעס—ווייניק־סטענס ניי פאַר אונז—פון פרעמדע ליטעראַטורן און פון דער אייגענער, דער אידישער, אויף יענער זייט ים. מיר האָבן אַלץ געשלונגען מיטן זעלביקן דורשט און פון אַלץ האָבן מיר עפּעס געלערנט — ווען אַפילו ווי אַזוי נ י ש ט צו שרייבן. אמת באַפרידיקט האָט אָבער בלויז דאָס פרעמדע מיט וועלכן מיר האָבן זיך דעמאָלט באַקענט: ביי די רוסן, ביי די דייטשן, ביי די פּאָליאַקן און ביי די פראַנצויזן, ביי וועלכע אַלע מאָדערנע שרייבער האָבן זיך געלערנט. באָדלער, ווערלען און רעמבאָ, וועלכע מיר האָבן געקענט בלויז פון איבער־זעצונגען, זיינען געוואָרן אונזער טעגליך פּאָעטיש ברויט, ניט ווייניקער ווי סאָלאָגוב, ברױסאָוו, באַלמאָנט און בלאָק, אָדער ווי ליליענקראָן, דעהמעל, רילקע און האָפמאַנסטאַל. מיט שטעפאַן געאָרגע און טעאָדאָר שטאָרם האָבן מיר זיך באַקענט ערשט שפּעטער, כאָטש שטאָרם האָט גאָר געהערט צו אַ פריערדיקן דור דייטשע דיכטער. זייער ווינציק האָבן מיר געלערנט ביי ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָעטן. דערפאַר אָבער האָבן מיר געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען די רוסישע און סקאַנדינאַווישע נאָוועליסטן. באַזונדערס די לעצטע. ביי זיי האָבן מיר געלערנט דעם סוד פון וואונק, פון דער פויזע, דער אומגעריכטער פסיכאָלאָגישער ווענדונג און ווי אַזוי מיט קאַרגע איינפאַכע ווערטער אַרויסצוברענגען דעם מאַקסימום פון פּאָעטישער שטימונג.

פון אידישע פּאָעטן אויף יענער זייט ים האָט אַ קורצע צייט אונז פאַר־כאַפּט דוד איינהאָרן מיט זיין ערשטן בוך „שטילע געזאַנגען". אַן איינטאָגיק וואונדער איז פאַר אונז געווען מנחם מיט זיינע דעמאָלסדיקע עקזאָטישע לידער ווי „תפלות", „שוואַרצע רויזן", „קדוש, קדוש", און אַנדערע פון דעם מין. מער ווי פון אַלע זיינען מיר געווען אַנטציקט פון שמואל יעקב אימבער, איינער פון אונזערע פיינסטע ליריקער, וואָס וואָלט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אַפילו אין אַ רייכער ליטעראַטור, און גראָד אין אַזאַ אָרימער ליטעראַטור ווי אונזערע האָט מען זיך אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פאַרגונען אים צו איגנאָרירן. איך קען זיינס אַ ביכל, „וועלט איין, וועלט אויס", וואָס איז פון טאָוול צו טאָוול פול מיט לידער פון זעלטענער פאַרקלערטער שיינקייט, און וועגן דעם ביכל איז ביי אונז אַפילו קיין איינציקע רעצענזיע ניט געדרוקט

געוואָרן. זיין ערשט קליין ביכל, „וואָס איך זינג און זאָג“, האָט זיך אַ לאַנגע צייט געפונען ביי אונז אַלע. זיין ליד איז געווען דאָס אייראָפּעאישסטע און פון דער ריינסטער ליריק, וואָס מיר האָבן ביז דעמאָלט געהאַט באַגעגענט אין דער אידישער פּאָעזיע. ציטאַטן פון יענעם ביכל זיינען אַ לאַנגע צייט געווען אויף אונזערע ליפּן. ביים „שטאַרקן“ און „האַרטן“ מ. ל. האַלפּערן, וואָס איז אין דער אמת'ן געווען אַ סענטימענטאַלער מענטש, פלעגן זיך אָנגיסן די בלויע אויגן, ווען ער פלעגט מיט אַ צערטלעכקייט ווי מען ציילט פּערל אויסזינגען די שורות:

„אַז מען האַקט דעם וואַלד
וויינט אַיעדער בוים;
און גאָר שטיל, גאָר שטיל
וויינט מיט זיי די האַק.

גלויבט איר ווען איך זאָג:
איך, די האַק, איך וויין?“

איצט קלינגט דאָס סענטימענטאַל, אַלטמאָדיש־ראָמאַנטיש. דאָס אַלעגאָרישע וויינען פון דיביימער האָט אונז דעמאָלט אויך ניט גענומען. נאָר אַז די האַק זאָל וויינען — דאָס האָט געטראָפן ווי אַ בליץ. דער בליץ האָט געפּאַקט, כאָטש זינליך איז אַזאַ זאַך שווער געווען זיך פאָרצושטעלן. פון איינציקע שורות אימבער'ס, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אויף אַלעמענס ליפּן, האָבן אין זכרון זיך בלויז אָפּגעשטעלט

„וועגן שטילע ווי זקנים“

און

„אַ גאָלדענער שטערן, אַ צוויג מיט אַ רויז“

וואָס דערמאָנט אָן אַ יאַפּאַנעזישער צייכענונג. אויף שטענדיק איינגעקריצט זיך אין מיין זכרון האָט דער פאָלגנדיקער מיט דראַמע אָנגעלאָדענער סטראָף:

„דער רויטער אַפּעל ליגט צעשניטן —
אַ העלפט פאַר מיר, אַ העלפט פאַר דיר;
דאָס שאַרפע מעסער בלאַנקט אין מיטן,
און ווינקט צו מיר און ווינקט צו מיר.“

איך געדענק שוין אָבער ניט, צי איז דער סטראָף אויך פון יענעם ערשטן ביכל, אָדער צי האָב איך אים געלייענט ערגיץ אַנדערש וואו.

פּאָעטן אַלס כלל און נאָכמער יונגע פּאָעטן, זיינען ענג, אומטאָלעראַנט און אומגעדולדיק. אַנטוישונגען קומען צו זיי נאָך שנעלער ווי באַגייסטע־

רונגען, און זיי זיינען ברוטאַל ווען אַנטוישט. דער נעכטיקער אידעאַל ווערט דאָס געלעכטער פון מאָרגן. גאַנץ אָפט איז אַפילו ניט נויטיק, אַז עס זאָל זיין אַנטוישונג. גענוג איז אַ נייער אידעאַל, אַז ער זאָל פאַרטונקלען דעם פריערדיקן. דאָס, וואָס איז ערשט נעכטן געווען „וואונדערליך" (אין יענער צייט האָבן מיר נאָך באַנוצט דעם דייטשמערישן „וואונדערבאַר"), איז אויף מאָרגן שוין געווען „שוידערליך". מנחם האָט ביי אונז פאַרדרענגט איינהאָרנ׳ען. אימבער האָט זיי ביידע פאַרטריבן און גאָר אין גיכן איז אימבער פאַרשטופט געוואָרן אין אַ זייט פון דוד קעניגסבערג. מיט וואָס קעניגסבערג האָט זוכה געווען, דאָס איז פאַר מיר איצט פשוט אַ רעטעניש, כאָטש דעמאָלט בין איך געווען איינער פון זיינע הויפּט־פאַרערער. דער כח פון אַ פּאָעט איז אין זיין וואָרט, און קעניגס־בערג איז געווען און פאַרבליבן אַ שטומער. מיר האָבן אים טאַקע גערופן דער „שטומער דיכטער" און דאָך האָט ער אויף אונז געמאַכט אַ מערקווירדיקן איינדרוק. זיין קליין ביכעלע מיט עטליכע און צוואַנציק סאָנעטן איז צעריבן געוואָרן ביי אונז אין די קעשענעס אינאיינעם מיט די אומצייליקע פאַרשריבענע אייגענע לידער מיט וועלכע דיזעלביקע קעשענעס זיינען געווען אָנגעפּאַקט. אַזוי לאַנג האָבן מיר זיך אַרומגעטראָגן דערמיט. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער שטאַ־מעלט, דאָך האָט זיך אונז געדאַכט, אַז הינטער דעם שטאַמלען שטעקט עפּעס אַן אייגנאַרטיקער פּאָעט. אַ פינף אָדער זעקס פון זיינע סאָנעטן האָבן אונז פשוט געפּלעפט. ווען איך האָב זיי אָבער דאָ ניט לאַנג אויפסניי געלייענט, האָב איך געקוועטשט מיט די פּלייצעס. וואָס האָבן מיר דעמאָלט געזען אַזוינס אין אים? מיר פאַלט איצט איין, אַז קעניגסבערג האָט אונז געפּאַקט דערמיט, וואָס ער איז געקומען מיט איינפאַכע וואָכעדיקע מאָטיוון, בעת מיר זיינען געווען איבער־געגעסן מיט ראָמאַנטיק.

אין מיין זכרון איז פאַרבליבן אַ פאַלשער איינדרוק פון אַ זעלטענער שטילקייט אין זיינע לידער. איך האָב געהאַט אַ באָבע מאַטעלע, האָט איר קול געקלונגען ווי אַ גלאָק. אַז זי האָט גערעדט שטיל ביי זיך אין געוועלב, האָט מען געהערט אויף דער אַנדערער זייט מאַרק. מיין מאַמע פלעגט בלייך ווערן, ווען זי האָט דערהערט איר שוויגער׳ס קול. אַז מיין באָבע האָט אין אַ זומעריקן שבת זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן, האָט עס אויך גערוישט. ווייל זי איז שטענדיק געגאַנגען מיט טעכטער, שניר און אייניקלעך, וואָס האָבן פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון וועג. אַז מיין מאַמע איז געגאַנגען שפּאַצירן איז זי גע־גאַנגען איינע אַליין. זי האָט בלויז מיטגענומען אַ קינד, גרויס גענוג פאַר אַ שומר און ניט צו גרויס, אַז עס זאָל שטערן. און זי פלעגט זיך אָפּקערן פון וועג אויף אַ סטעזשקע אין פעלד און שווייגענדיק גיין און גיין, נאָר פון צייט צו צייט זיך איינגעבויגן און איינקוקן אין אַ גרעזל, אַ קרייטעך צי אַ קוסט. דיזעלביקע שטילקייט איז געווען אין איר לייענען דעם טייטש־חומש, אין

איר דאַוועגען און אין איר אָנטאָן, ווען זי איז געווען אויפגעלייגט. צו דער שטילקייט האָב איך געשטרעבט אין מיינע לידער און די שטילקייט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב געפונען ביי דוד קעניגסבערג. איינער פון די מייסטער פון שטילן ליד איז ביי יונו יוסף ראַלניק. באַזונדערס אין די לאַנדשאַפט לידער פון זיין קינדהייט. אַגב, האָט מיך ראַלניק צום ערשטן מאָל געפּאַקט מיט זיינס אַ ליד „אַ שכחה אין פעלד" אין וועלכן ער פאַרגלייכט זיך צו אַ פאַרשניטענער זאַנג, וואָס דער שניטער האָט פאַרגעסן אין פעלד. פון אַ סימיל ווערט אַ פולשטענדיקע פאַרוואַנדלונג. דער מענטש ווערט איינגעשרומפּן און קליין און דאַר און שטרויאיק, און זיין פאַרלאָזנקייט ווערט עמפונדען כמעט פיזיש, ניט ווי די פאַרלאָזנקייט פון אַ מענטשן, נאָר פון אַ זאַנג, גענעצט פון רעגן און געשטויסן פון ווינט. איינע פון די ערשטע פאָדערונגען צו יעדן פּאָעט, אָבער וואָס ווייניק דערגרייכן.

מאַני לייב האָט זיך דיכטעריש אינגאַנצן געפונען אַרום ביינצן ניין־צען אין דער סעריע „טויבן שטילע..." וואָס איז אַריין אין צווייטן זאַמעלבוך „ליטעראַטור". זישאָ לאַנדוי, אַ יאָר שפּעטער אין דער סעריע לידער, וואָס איז געווען געדרוקט אין אברהם רייזען'ס יאָרבוך „דאָס נייע לאַנד". איך האָב נאָך אַלץ געבלאַנדזשעט און געוויטיקט. איך האָב געוואוסט, וואָס איך וויל, בין אָבער געווען ווי געפּענטעט און ניט געקאָנט קומען צום געוואָלטן.

„די טעג וואַרצלען אין שטיינער,
און וואַקסן טויט וויי."

האָט אַנאַ מאַרגאָלין געשריבן אַ סך יאָר שפּעטער. דער בעסטער אויסדרוק פאַר דעם, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען אין יענער צייט.

די לעגענדע וואַרשע־טעפּער

אין אַ זוניקן אָבער קילן פרילינג נאָכמיטאָג האָבן עטליכע יונגע שרייבער אַרויסגעטראָגן פון בראָנקסער מאַרג אַ פּראָסטן הילצערנעם אָרון, באַדעקט מיט דער שוואַרצער הילע פון דער חברה חסד של אמת. אויפן הויף פון פאַרדהעם האָספּיטאַל, וואו דער מאַרג האָט זיך געפונען, זיינען געשטאַנען און האָבן געוואַרט נאָך אַ צענדליק אַנדערע יונגע מענטשן, וואָס זיינען מיר געווען אומבאַקאַנט. ווען דער אָרון איז געטראָגן געוואָרן דורכן הויף זיינען אויך די דרויסנדיקע צוגעקומען. ווער עס האָט געהאָלפן אונטערשטעלן אַן אַקסל און ווער עס האָט בלויז צוגעלייגט אַ האַנט פון יוצא וועגן. אין אַריינפאַר פון שפּיטאָל־הויף איז געשטאַנען און געוואַרט דער טויטן־וואָגן מיט צוויי אָפענע טירלעך. פאַר די צעעפנטע טירלעך איז געשטאַנען אַ קליין אידל מיט אַ צונויפגעקנאָדערט גרוי בערדל, וואָס האָט אַרומגענומען אַ ברודיק שמייכלענדיק פּנים. דאָס איז געווען דער קברות־שמש פון דער חברה חסד של אמת.

ער האָט געוויזן ווי אַזוי מען זאָל דעם אָרון פֿאַרזיכטיק אַרונטערנעמען פון די פּלייצעס און אים אַריינשיבן אין וואָגן אַריין. מיט עפּעס אַ לוסטיק הייזעריק קול׳כעל האָט ער אַ פרעג געטאָן, צי מען וויל זיך „שטעלן אין לאַין", און אַז מען האָט צוגעשאָקלט מיט די קעפּ אויף יאָ, האָט ער געזאָגט: „אָל־ראַיט!" און קאָמאַנדעוועט מען זאָל עס טאָן גיכער, ווייל דער טאָג שטייט ניט און דער וועג איז אַ ווייטער. בעת מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דער קעלניע, געזעצט זיך לעבן דעם אָנטרייבער און דער טויטן־וואָגן האָט זיך אָנגעהויבן רירן פון אָרט.

דער וואָגן איז געפאָרן פּאַמעליך און הינטער אים האָט זיך געצויגן אַ דינע סטענגע מלוים. אָפּגעגאַנגען איין בלאָק פאַרביי אַ ווינקל פון בראָנקס פּאַרק, וואו אַלץ האָט זיך געמיניעט אין עטליכע שאַטירונגען פון יונגען גרין, איז מען אַריבער פאַרדהעם ראָוד צו אַ לאַנגן, ניט פאַרבויטן בלאָק. דאָ צווישן גרויע נאַקעטע פעלזן אויף ביידע זייטן וועג, האָט די זון זיך באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן און אַ שאַרפער ווינט, וואָס האָט געטראָגן עפּעס האַרבס און ביטערליכס, האָט געשניטן אין פּנים. אַ גאַלקע איז געשטאַנען אין האַלז נאָר קיינער האָט ניט געוויינט. בלויז דריי מענטשן, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען האַרט ביים אָרון, האָבן אויסגעזען שטאַרק פאַר׳צער׳ט און דערשלאָגן. איינער פון זיי איז געווען זישאָ לאַנדוי. דער צווייטער — אַ נידעריקער, אַ שמאָלער מיט טיפע, שוואַרצע אויגן און לאַנגע וואָנצעס וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען בייז און ווי אויסגעלינקט. „קאָליאַ טעפּער!" — האָט מיר איינער פון די מלוים אַ שושקע געטאָן אין אויער אַריין, ווען איך האָב געפרעגט ווער דאָס איז. צווישן זיי ביידן איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ געגאַנגען אַ מיידל, אין וואוקס כמעט אַ קינד. „אַ שוועסטער?" — האָב איך געפרעגט. „ניין, אַ פריינדין. זייער אַ נאָענטע פריינדין. רייזעל." שפּעטער רייזעל לאַנדוי. נאָך איידער מען איז אַריבער דעם לאַנגן פּוסטן בלאָק, האָט זיך דער טויטן־וואָגן אָפּגעשטעלט. דאָס אידל אויף דער קעלניע לעבן טרייבער האָט זיך אַ ביסל אַרויסגעבויגן פון זיין אָרט, אויסגעדרייט זיין ברודיק פּנים צו אונז און אַ זאָג געטאָן: „שוין! גענוג!" נאָך איידער מיר האָבן אים רעכט געהערט, האָט דער טויטן־וואָגן שוין אָנגעהויבן פאָרן שנעלער, און מיר זיינען געבליבן שטיין אין מיטן גאַס צעטומלטע און פאַר־לוירענע. אַ ווילע האָבן מיר נאָכגעקוקט דעם וואָגן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין דערווייטערן זיך. באַלד איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון אונזערע אויגן און מיט אים איז אויך פאַרשוואונדן אויף אייביק — משה וואַרשע.

דער נאָמען משה וואַרשע איז, ווי דער נאָמען קאָליאַ טעפּער, אַ לאַנגע צייט נאָכגעגאַנגען די „יונגע" ווי אַ לעגענדע. אין דער חסידישער מעשה האָט כמעט יעדער צדיק פאַר אַ מדריך די נשמה פון אַן אַנדערן צדיק, וואָס

האָט געלעבט מיט הונדערטער און טויזנטער יאָרן פריער. די דאָזיקע נשמה אַנטפּלעקט דעם צדיק באַהאַלטענע סודות. די דאָזיקע נשמה העלפט אויך דעם צדיק צו גיין פון מדרגה צו מדרגה. עפּעס ענליכעס האָט מען ביי אונז נאָכגעזאָגט וואַרשע׳ן מיט טעפּער׳ן. ווי הייליקע פּאַטראָנען זיינען זיי געשטאַנען ביי די „יונגע״, אַנטפּלעקט פאַר זיי די סודות פון דער וואָרט־קונסט און געהאָלפן זיי קומען צו דעם, צו וואָס זיי זיינען געקומען. ווי יעדע לעגענדע האָט אויך די אַ קערנדל אמת. מיר וועלן אָבער באַלד זען ווי גרויס דאָס דאָזיקע קערנדל איז געווען. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף משה וואַרשע. דער ערשטער איינדרוק איז דער שטאַרקסטער, כאָטש ניט שטענדיק — און אפשר נאָר מערסטנס — ניט דער ריכטיקער. אָט ווי איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל: קליין, שוואַך און שלאַבעריק, מיט ווייסע, ווייכע, כמעט מיידלשע הענט, מיט אַ ווייס, ווייך און מילכיק פּנים, קורצזיכטיקע, טריבבלויע אויגן, וואָס פאַרזשמורען זיך הינטער דיקע גלעזער, ווען זיי קוקן אויף דיר, און דינע ליפּן גרויסהאַלטעריש פאַרשלאָסן. אַ מענטש מיט אַזאַ אויסזען האָט ביי אַן ערשטער באַגעגעניש קיין גרויס ליבשאַפט ניט געקאָנט אַרויסרופן. קיין גרויסער מעורב בין הבריות איז וואַרשע ניט געווען. ער האָט פאַרקערט בלויז אין אַן ענגן קרייז. שטאַרק באַליבט איז ער אין דעם דאָזיקן ענגען קרייז אויך ניט געווען. בלויז עטליכע זיינען צוגעטראָטן נאָענט צו אים און בלויז אַ דריי־פיר האָבן געקלעפּט צו אים. און אַז דער מענטש מיט דעם פּנים האָט זיך נאָך אַ קרום געטאָן ווען ער האָט געהערט לייענען אַ ליד, וואָס איז אים ניט געפעלן, און ווער שמועסט נאָך ווען זיינע דינע ליפּעלעך האָבן נאָך אַ וואָרף געטאָן אַ גיפטיק וואָרט, וואָס האָט טיף פאַרוואונדעט, האָט עס אין דעם האַרץ פון פאַרוואונדעטן פאַרזייעט אַ שנאה, פון וועלכער עס איז שווער געווען זיך צו באַפרייען, אַפילו נאָכדעם ווען מען האָט זיך מיט אים נעענטער באַקענט און איינגעזען, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי גיפטיק און אַזוי גדלות׳דיק ביי זיך ווי מען האָט פריער געמיינט. אין תוך איז וואַרשע געווען אַ מענטש אַן עניו און צייטנווייז אַפילו זייער שפל ביי זיך. אָבער אינאיינעם מיט דעם איז ביי אים אויך געווען אַ היפּש ביסל גאוה. מען האָט אים נאָכגעזאָגט אַ גרויסע באַלעזנקייט און אַ סך וויסן. און ער אַליין פלעגט אָפּט אַ שפּיל טאָן דעם ערודיט, געקוקט אויף אַנדערע פון אויבן־אַראָפּ און גערעדט וועגן זיי מיט ביטול.

שוין דערפאַר אַליין האָט וואַרשע קיין גרויסע השפּעה ניט געקאָנט האָבן, ווען אַפילו ער וואָלט געהאַט מיט וואָס משפּיע צו זיין. ווייל עס קאָן ניט זיין קיין השפּעה אָן דערנענטערונג און צו אַ מענטשן, וואָס קוקט מיט ביטול, קאָן מען זיך ניט דערנענטערן. פאַר ביטול באַצאָלט מען מיט ביטול און אַפילו מיט שנאה. און איך קאָן אָנרופן עטליכע פון די „יונגע״, וואָס

האָבן אים פיינט געהאַט. זיין ביטול האָט נאָכמער פאַרדראָסן דערפאַר, וואָס אַליין האָט וואַרשע גאָרניט געשריבן, און אויב יאָ, האָבן מיר עס ניט געוואוסט. ווייל ניט ער האָט געדרוקט און ניט ער האָט עפּעס געלייענט פאַר עמיצן פון אונז. מיר דאַכט, אַז אַפילו ניט פאַר זישאַ לאַנדוי, וואָס איז געווען זיין אינ־טימסטער חבר נאָך פון קינדוויז אָן. שפּעטער, נאָך זיין טויט, האָט מען זיך ערשט דערוואוסט, אַז ער האָט יאָ געשריבן. לידער, און דווקא זייער שלעכטע. וואָלט מען עס געוואוסט ביי זיין לעבן, וואָלט מען געהאַט אַ געווער מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן קעגן זיין ביטול, און ווייל מען האָט עס ניט געוואוסט, האָט זיין קרימען זיך נאָכמער פאַרדראָסן. די וואָס האָבן וואַרשע׳ן נעענטער געקענט, האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר אים. גאַר נאָענט בין איך מיט וואַרשע׳ן קיינמאָל ניט געווען, אָבער ביים סוף פון זיין לעבן האָט זיך צווישן אונז איינגעשטעלט אַ פריינטשאַפט. אין אָנהייב פון אונזער באַקאַנטשאַפט האָב איך געהערט צו יענע, וואָס האָבן אים ניט ליב געהאַט. שפּעטער האָב איך פאַר אים געקראָגן אמת׳ן דרך־ארץ. אָבער ניט פאַר זיין וויסן. דאָס האָב איך נאָך דעמאָלט געהאַלטן פאַר איבערטריבן. און ווען איך בלעטער היינט אין זיין ביכל „וועגן פון אַ נשמה״, וואָס טעפּער און לאַנדוי האָבן אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט, זע איך, אַז איך בין גערעכט געווען. ער האָט אפשר דעמאָלט געלייענט מער פון אונז אַלע. מיר האָבן אָבער געוואוסט מער פון אים. אים האָט געפעלט דאָס, וואָס איך וואָלט רופן — שאַפעריש וויסן. מיט דעם מיין איך יענעם אינטואיטיוון חוש, וואָס דערגייט גלייך צו דעם סאַמע וויכטיקסטן פון דעם וואָס ער לייענט, קלייבט עס אָפּ, און קאָכט עס איבער אין זיך אַזוי, אַז עס ווערט אייגענס און אַנדערש. אים האָט געפעלט דער שאַפערישער קערן, וואָס נעמט אויף דאָס פרעמדע בלויז ווי דער זאָמען־קערן נעמט אויף פון דער ערד יענע כעמישע עלעמענטן, וואָס העלפן אים ווערן דאָס, וואָס ער דאַרף ווערן. נאָר געזונטע קערנער, וואָס פאַרמאָגן אין זיך פּאָטענציעל לעבן, ווערן באַפרוכפּערט ווען זיי קומען אין באַריר מיט די פרעמדע עלע־מענטן. ניט־געזונטע ווערן פון זיי נאָר פאַרצערט.

משה וואַרשע איז פאַר׳סמ׳ט און פאַרצערט געוואָרן פון דעם וואָס ער האָט געלייענט, און דאָס האָט זיכער, אין אַ גרויסער מאָס, בייגעטראָגן צו זיין פריצייטיקן, טראַגישן טויט. ווי אַ סך אַנדערע רוסיש־אידישע אינטעליגענטן פון זיין דור, איז אויך ער דורכגעגאַנגען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און די גאָטזוכעניש, וואָס איז געקומען מיט דער רעאַקציע נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רעוואָלוציע. דערגאַנגען איז ער צו קריסטליכקייט. וויפיל עס האָט געפירט דערצו זיין אייגן געמיט און אייגענע דערקענטעניש, און אויף וויפיל, ווייל עס איז דעמאָלט געווען מאָדע, דאָס ווייס איך ניט. וואָס איך געדענק אָבער גענוי פון אָפטע שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים אין די לעצטע

אַנדערהאַלבן יאָר פון זיין לעבן, איז זיין וועג צו קריסטליכקייט געגאַנגען — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען — דורך ניטשע, וויינינגער, טשעמבערלעין, עטליכע רוסן און דעם פּוילישן רעוואָלוציאָנער סטאַניסלאַוו בזשאָזאָווסקי. דעם לעצטן האָט ער ממש פאַרגעטערט. דער עיקר דערפאַר, וואָס בזשאָזאָווסקי האָט אין זיין צייט געקאָנט זיין פּונקט אַזאַ באַגייסטערטער רעוואָלוציאָנער ווי אַ פאַרברענטער קאַטוילּיק. ווען מען האָט חושד געווען בזשאָזאָווסקין אין פּראָוואָקאַציע, איז עס פאַר וואַרשע׳ן געווען שיער ניט אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע. אויפן וועג צו קריסטליכקייט האָט זיך וואַרשע ביי די מערסטע שרייבער, וואָס ער האָט פאַרערט, אָנגעשטעקט מיט אידן־האַס וואָס איז ביי אים איבערגעגאַנגען אין זעלבסטהאַס. ווי אַ פרומער חסיד האָט ער ביי וויי־נינגער׳ן, למשל, פאַרצייכנט אַלדאָס שלעכטס, וואָס יענער געניאַלער משומד האָט געזען אין דעם אידישן כאַראַקטער, און ווי מיר זעען אין די טאָגבוך־בלעטער, וואָס וואַרשע האָט געלאָזן נאָך זיך, האָט ער די אַלע חסרונות, וואָס וויינינגער האָט צוגעשריבן אידן, דערזען אין זיין אייגענעם כאַראַקטער. אויב ער האָט פריער זיך איבערגענומען מיט זיין וויסן, האָט ער צום סוף פון זיין לעבן, דורך דעם דאָזיקן וויסן, זיך דערזען נישטיקער און אומווירדיקער פון אַ וואָרים. אין זיין טאָגבוך רעדט ער כסדר וועגן „זינד״, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז די איינציקע זינד זיינע אין זיינע אויגן געווען דאָס, וואָס אַזאַ נישטיקע בריאה ווי ער דרייט זיך אַרום אויף גאָט׳ס וועלט. ער האָט אין זיך פיינט געהאַט דאָס אידישע; ער האָט אין זיך פיינט געהאַט זיינע פיזישע שוואַכקייטן, זיינע „קראַנקע נערוון, צעקראַכענע גלידער, מיאוס׳ע געוואויג־הייטן, פוילע געדאַנקען״, ווי ער רעכנט עס אויס אין זיין קרענקליכער איבערטרייבונג. ער האָט אויף זיך אויסגעקלערט אַלערליי חטאים און זיך געפּייניקט מיט אַלערליי סאָרטן אוממאָראַלישקייטן. אָבער ווער עס האָט אים געקענט און דערנאָך געלייענט זיין טאָגבוך, האָט דערפילט, אַז די אַלע זעלבסט־באַשולדיקונגען זיינען פאַר אים ערשט געווען אַ מאַסקע, הינטער וועלכער ער האָט באַהאַלטן דעם אמת׳ן אמת, וואָס אים האָט געקוועטשט. געקוועטשט האָט אים אַ מינדערהייט געפיל, וואָס האָט אים געמאַכט אומפּיאיק צו געניסן פון לעבן פּראָסט און פּשוט ווי אַלע מענטשן אַרום אים. דאָס האָט מען צום בעסטן געזען ווי פאַרלוירן ער פלעגט זיך פילן אין דער קעגנוואַרט פון פרויען. געקוועטשט האָט אים אפשר אויך דאָס וואָס ער האָט געפילט און געוואוסט, אַז בעת ער קאָן אַזוי גוט קריטיקירן וואָס אַנדערע שרייבן, איז ער אַליין, מיט זיין גאַנצן וויסן און פאַרשטיין, שאַפעריש נישטיק קעגן זיי. בלויז אויף איין אָרט אין זיין טאָגבוך גיט ער דאָס אַרויס. אָבער אַפילו דאָרטן גיט ער אויך ניט צו זיין ניט קאָנען, נאָר הענגט עס אָן אין זיין „ניט וועלן״. „שוואַך בין איך״, שרייבט ער אויף איין אָרט, „און מיין לעבן איז אומנויטיק,

אָבער איך וויל גלויבן: אויף מיר וואַרט אַרבעט, שוואַרצע, אָבער — אַרבעט פאַר דער אידישער קולטור... איך וועל ניט זיין פון די שאַפּנדע — דאָס וויל איך ניט. איך בין אַ נעסט פון קראַנקהייטן, מיאוס׳קייטן. דאָס וואָס איז מיינס, אייגענס, פערזענליכס, קאָן נאָר פאַרגיפטן״.

מען טאָר אַ שרייבער ניט נעמען בוכשטעבליך ווען ער רעדט וועגן זיך, באַזונדערס ווען ער רעדט שלעכטס וועגן זיך. אַמאָל ווערט דאָס געטאָן בלויז ווייל עס פּאַסט זיך פּונקט צום רומעל; אַמאָל איז עס בלויז אַ חנ׳דל אַזאַ, און ווען אויף אַן אמת געמיינט, איז עס ערשט איבערטריבן. וואַרשע האָט זיכער געמיינט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן וועגן זיך און אַוודאי האָט ער שרעקליך איבערגעטריבן. אָבער אַן אמת האָט געשטעקט אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג זיינער וועגן זיך. — יאָ, וואַרשע האָט געהאַט אַ דירעקטע השפעה. איין מענטשן, וויניקסטנס, זיין בעסטן און אינ־טימסטן חבר, זישאַ לאַנדוי, האָט ער אָנגעשטעקט מיט זיין קרענק־ליכער קריסטליכקייט. אָבער אינטערעסאַנט: דווקא דאָס ביסל קרענקליכע קריסטליכקייט, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגענומען פון וואַרשע׳ן, האָט לאַנדוי׳ן געגעבן יענע לעבנסלוסטיקייט וואָס שפּראַצט אַרויס פון זיינע בעסטע לידער. אויף אַנדערע, וואָס זיינען געקומען אין באַריר מיט אים, האָט וואַרשע געהאַט בלויז אַן אינדירעקטע עטישע השפעה — מיט זיין פערזענליכקייט. אין די יאָרן, וואָס ער איז געווען צווישן אונז, איז ער דורכגעגאַנגען עטליכע פאַרוואַנדלונגען, ביז ער האָט פון זיך אויסגעאַרבעט אַ כלי. פון דעם ביסל גאוה וואָס מען האָט געזען ביי אים אין די ערשטע יאָרן, איז ער צום סוף דערגאַנגען צו הכנעה און ביטול היש פון אַ הייליקן, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער וועלט. דאָס האָט אָנגעשטעקט. אַ שמועס מיט אים האָט געטריבן צו חשבון־נפש. אַוועק פון אַזאַ שמועס איז מען וויניקסטנס מיטן ווילן צו ווערן אַ שענערער מענטש.

* * *

קאַליאַ טעפּער איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, און אין שייכות מיט די „יונגע״ געהערט ער צו אַ שפּעטערדיקער צייט, כאָטש ער איז געווען דער עלטערער. איך וועל זיך דעריבער אויף אים לאַנג ניט אָפּשעלן. איך וויל דאָ בלויז אָנמערקן, אַז ער איז כמעט אין יעדן פּרט געווען דער היפּוך פון וואַרשע׳ן. אין וואוקס אפשר נאָך קלענער פון וואַרשע׳ן און שמעכטיקער. אָבער לעבע־דיקער, מענליכער און אין קעגנזאַץ צו וואַרשע׳ס פלעגמאַטישקייט — זייער אַ פלינקער. פלינק אין אַלץ: אין גאַנג, אין די באַוועגונגען און אין די זשעס־טען. אַ פלינקער מוח און אַ פלינקער קריגער. ביים אַטאַקירן און פאַרטיידיקן זיך קעגן אַ קעגנער — אומגעהויער פלינק צו טרעפן אין שוואַכסטן אָרט. אַ קענער פון עטליכע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, בכלל אַ גרויסער וויסער

און וואונדערליכער שמועסער מיט גלאַנץ, עלעגאַנץ און בליץ — האָט ער ביי אַ טיש ממש באַצויבערט. כשוף האָט אויך געקלעפּט אין זיין נאָמען. ער איז געווען אַ לעגענדע נאָך אין רוסלאַנד. אין די גאָר יונגע, כמעט נאָך אינגלשע יאָרן —אַ ליבלינג ביי די ציוניסטן און באַזונדערס אין דעם אחד־העם קרייז פון אָדעס. אַ וואונדערליכער אָראַטאָר — אפשר דער גרעסטער, וואָס מיר פאַרמאָגן — און מיטן נאָמען, וואָס ער האָט געהאַט ביי די ציוניסטן, איז געווען אַ יומטוב אין די בונדיסטישע קרייזן, ווען ער איז אַריבער צו זיי. ביי די אינטעליגענטערע בונדיסטן איז ער פשוט פאַרגעטערט געוואָרן. אויף מיינער אַ רייזע אין דער מיטלוועסט אין 1915 פלעגן מענטשן שטיל ווערן פון יראת הכבוד, ווען איך האָב דערמאָנט זיין נאָמען. די מענטשן האָבן גע־האַלטן פאַר אַ זכיה דאָס, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אויף אַ געהיימער פאַר־זאַמלונג אין אַ וואַלד, אויף וועלכער טעפּער האָט גערעדט. אַנדערע זיינען געווען גוואַלדיק שטאָלץ, וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אים אַרויס־צו׳גנב׳ענען פון טורמע, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער צאַרישער פּאָליציי.

אויך ער איז דערנאָך געוואָרן אַ גאָט־זוכער און איז דערגאַנגען צו קריסטליכקייט, און גאָר צולעצט — שוין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — צום קריסטנטום. אינדירעקט האָט ער זיכער מער אָנגערעגט און מער באַווירקט ווי וואַרשע. אָבער דירעקט ווירקן אויפן גאַנג און דער אַנטוויקלונג פון די „יונגע״ האָט ער אויך ניט געקאָנט. שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער האָט זיך באַוויזן צווישן אונז, ווען יעדער האָט שוין געהאַט זיין אייגן אויסגעשפּראָכן דיכטעריש פּנים, זיין אייגן קול און זיין אייגענעם גאַנג. און דער עיקר, ווייל מיט אַלע זיינע אומגעהויערע מעלות, טראָץ זיין וואונדערליכן סטיל אַלס רעדנער און שרייבער און טראָץ דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַזויפיל שפּיל און קאַפּריז, וואָס מען שרייבט געוויינליך צו נאָר קינסטלערישע נאַטורן, איז ער ניט קיין קינסטלער; ער איז אַ גרויסער קענער און געניסער פון פּאָעזיע, אָבער זיין צוגאַנג צו פּאָעזיע איז פּאָרט געווען ווי דער צוגאַנג פון אַ פרעמדן ניט פון אַ פּאָעט. און אַ דירעקטע השפּעה אויף פּאָעטן קאָן האָבן נאָר אַן אַנדערער פּאָעט אָדער אַן אַנדערער קינסטלער.

* * *

וואַרשע איז, ווי באַקאַנט, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט ער זיך דערנערט דערפון, וואָס ער איז געווען אַ נאַכט־וועכטער ביי אַ נייער געביידע, וואָס מען האָט געבויט אין די בראָנקס. אין דער נאַכט פון 22טן אַפּריל 1912 איז ער אַרויף אויף אַן אויבערשטן גאָרן פון׳ם ניט פאַרענדיקטן הויז און זיך אַרויסגעוואָרפן דורך אַ פענסטער. ווען אַ פאַרבייגייער האָט אים געפונען, איז ער שוין געווען טויט. מען האָט אים

צוגענומען אין בראָנקסער מאָרג. ווען איך בין אויף מאָרגן בייטאָג געקומען אין מאָרג, האָב איך אים געטראָפן אויף איז נאָך אין די קליידער, אַזוי ווי מ׳האָט אים געפונען אין גאַס. נאָר איין אַרבעל איז געווען אויפגעשניטן, און עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ צעבראָכענע האַנט מיט פאַרגליווערט בלוט ביים עלענבויגן. דער אויבערשטער טייל פון פּנים איז געווען שען — שענער ווי ווען עס איז ביי זיין לעבן. נאָר דאָס מויל און דער אונטערשטער טייל פון פּנים זיינען אויך געווען פאַרקלעפּט מיט פאַרגליווערט בלוט, ווי ביי אַ געשאָכטן קאַלב. טויטע האָב איך געהאַט געזען עטליכע פאַר דעם. משה וואַרשע איז אָבער געווען דער ערשטער הרוג, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן, און קעגן מיין ווילן האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון אים. ווידער און ווידער האָב איך געקוקט אויף דער צעבראָכענער האַנט, אויפן פאַרגליווערטן בלוט ביים עלענבויגן און אַרום דעם מויל, און געשעפּטשעט צו זיך: „וואַרשע... וואַרשע...״ איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט גלויבן, אַז אָט דער געשאָכטענער (דער ערשטער איינדרוק פון אַ געשאָכטן קאַלב האָט ניט געוואָלט פאַרשווינדן) איז משה וואַרשע. איך בין געווען רואיק. קיין צער ניט געפילט. נאָר די אויגן האָב איך פון אים ניט געקאָנט אָפּרייסן. און אַז דער קברות שמש פון חסד של אמת איז דערנאָך צוגעגאַנגען, מיט אַ מעסער אויפגעשניטן די קליידער, און וואַרשע איז געבליבן ליגן איינגאַנצן אַ נאַקעטער, האָב איך אַלץ ניט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון אים. אַ צאַפּל געטאָן האָב איך זיך, ווען דער קברות־שמש האָט גענומען דעם נאַקעטן קערפּער ביים קאָפּ און עמיצער אַנדערער ביי די פיס און האָבן אים אַ נאַקעטן, אָן תכריכים, אַריינגעלייגט אינ׳ם פּראָסטן הילצערנעם אָרון. איך, איגנאַטאָוו און נאָך עטליכע האָבן פּראָטעסטירט: אַזוי־אַ, נאַקעט, אָן תכריכים אפילו? אָבער דער קברות־שמש האָט אונז באַרואיקט, אַז דאָס וועט מען טאָן אויפן גוטן אָרט, אין טהרה־שטיבל. דאָ, אין מאָרג, דערלויבט מען עס ניט. ערשט, אַז מיר האָבן דעם אָרון אָנגעהויבן אַרויסטראָגן פון מאָרג, האָב איך דערפילט אַ גאַלקע שטעקן אין האַלז, און אַז דער טויטער וואָגן איז אַוועק מיטן אָרון און אונז געלאָזן פאַרלוירענע אינמיטן גאַס, האָבן עטליכע זיך אַ יאָג געטאָן צו אַ טראַמוואַי, וואָס זאָל זיי פירן צו אַ סאָבוועי, וואָס וועט זיי ברענגען צום בית־עולם, און די איבריקע האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי ווייסן אַפילו ניט וואו און אויף וועלכן בית־עולם וואַרשע וועט באַערדיקט ווערן. ווען איך בין יענעם אָוונט געקומען אַהיים, און מ׳האָט מיר דערלאַנגט פליייש צו וועטשערע, האָב איך דערפילט, אַז די גאַל קערט זיך איבער אין מיר. עטליכע חדשים האָב איך ניט געקאָנט פאַר־טראָגן דעם אויסזען און נאָכמער דעם ריח פון פליייש, ווייל וואַרשע האָט נאָכן טויט אויסגעזען ווי אַ געשאָכטן קאַלב. אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָב איך קיין

פען אין האַנט ניט געגומען, און עטליכע חדשים האָט מיר וואַרשע פאַרפאַלגט. וואו איך האָב ניט געזאָלט זיין, האָב איך אים אַלץ געזען. ביי דער אַרבעט אין שאָפּ, צי צווישן חברים פלעג איך אים מיטאַמאָל דערזען. — ניט קיין טויטן, נאָר ווי ער האָט אויסגעזען אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן — אַן איינגעבויגענער, איינגעהילטער און אין זיך פאַרטיפטער אַלטער מאַנאַך, כאָטש ער איז נאָך דעמאָלט קיין פינף־און־צוואנציק יאָר ניט אַלט געווען. זיין טויט האָט מיך געמאַטערט. אויף פאַרשיידענע אופנים האָב איך געפּרואווט זיך אַריינלעבן אין אים, כדי צו פאַרשטיין, וואָס עס האָט אים געקאָנט טרייבן צו זעלבסטמאָרד. דער רעזולטאַט איז געווען — אַ דערציילונג „דער זייטיקער”, אין וועלכער איך האָב געפּרואווט שילדערן דעם לעצטן מעת־לעת פון זיין לעבן.

פריער צי שפּעטער — טויטע ווערן פאַרגעסן. וואַרשע האָט זיך אויפ־געהערט ווייזן פאַר מיר. דער ווידערגעפיל צו פלייש איז פאַרשוואונדן. און מיטאַמאָל האָבן אין אויער ווידער אָנגעהויבן זשומען ריטמען. אָבער גאַנץ אַנדערע ווי פריער. און די שורות, וואָס זיינען אַרויסגעשוואומען, זיינען געווען פולער און שווערער און פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. איך האָב מער ניט געקאָנט שרייבן פון זאַכן ווייטע און יום־טוב׳דיקע. דער טויטער וואַרשע האָט מיר צום ערשטן מאָל געוויזן די ברוטאַלע, וואָכעדיקע, נאַקעטע וואָר פון לעבן. די ראָמאַנטישע שלייערן זיינען פאַרשוואונדן פון מיין לעבן און מיין ליד. אַ ניי ליד איז געבוירן געוואָרן, אַ צייטיקס און אין גאַנצן מיין אייגנס.

אַ קראָם אַן קונים

אַ סך הכל פון דעם, וואָס די „שריפטן” האָבן בייגעטראָגן צו דער אידישער ליטעראַטור, וועט ערשט קאָנען אונטערציען אַ שפּעטערדיקער אָביעקטיווער היסטאָריקער, אויב אַזאַ וועט זיך אַמאָל באַווייזן ביי אונז. ער וועט זיכער האָבן אַ סך פון וואָס חוזק צו מאַכן. אים וועט מוזן אויסזען לעכערליך די צייט און נעבעכדיק דער צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אַז די עלעמענטאַרע קינסטלערישע אמת׳ן מיט וועלכע די „שריפטן” זיינען גע־קומען, האָבן געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי אַ רעוואָלוציע. ער וועט מסתמאַ אויך האָבן צו לאַכן פון די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דידאָזיקע זאַמעלביכער און דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך און זייערע דער־גרייכונגען גענומען אַזוי טויט־ערנסט. אָבער וואָס זיין מיינונג וועט ניט זיין, וועט ער מוזן צוגעבן, אַז אַ וויכטיקע דאַטע אין דער אידישער ליטעראַטור זיינען די „שריפטן” געווען, און ניט בלויז אין אַמעריקע. וויכטיק שוין מיט דעם אַליין, וואָס אין די זאַמעלביכער האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן

אַ קאָלעקטיווער קינסטלערישער ווילן, און וואָס פון זיי האָט זיך שפּעטער אויסגעשיילט אַ שולע — די ערשטע ליטעראַרישע שולע ביי אידן.

שטודירנדיק יענע צייטן וועט דער קומענדיקער געשיכטעשרייבער זיך אָנשטויסן אָן רייבונגען און שפּאַלטונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער גרופּע אַרום די דאָזיקע זאַמעלביכער. אַ סך פון די רייבונגען וועט ער מסתמאָ — און מיט רעכט — צושרייבן צו פּערזענליכע פּניות. ער וועט די דאָזיקע פּערזענליכע פּניות געבן מער באַטייט, ווי זיי האָבן געהאַט. אָן פּערזענליכע מאָטיוון האָט פריער צי שפּעטער געמוזט קומען צו אַ ריס צווישן איגנאַטאָוו׳ן און אָפּאַטאָשו׳ן, למשל. זיי זיינען אַזוי גרונט פאַרשידן אין זייער שרייבן, ווי אין זייער כאַראַקטער, אַז עס איז מער וואונדער, ווי אַזוי זיי האָבן געקאָנט הויזן צוזאַמען אין צוויי זאַמעלביכער איידער דאָס, וואָס ביים דריטן האָט שוין יעדער פון זיי געמוזט מאַכן שבת פאַר זיך. און דער קינסטלעריש־אידעאָלאָגישער ריס צווישן מאַני לייב׳ן און האַלפּערן, און לאַנדוי׳ן און האַלפּערן האָט ניט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, כאָטש צו קיין פּערזענליכן ריס איז צווישן זיי קיינמאָל ניט געקומען. האַלפּערן איז אַפילו אין דריטן בוך „שריפטן" נאָך פאַרטראָטן מיט צוויי אייגענע לידער און עטליכע איבערזעצונגען. אָבער נאָך פריער האָט ער אין קאַפּע שוין „געפירט אַ באַזונדערן טיש", ווייל ער האָט געפילט, אַז צווישן אים און די אַנדערע דיכטער, ווערט דער מהלך אַלץ גרעסער. ער איז מיט יעדן טאָג אין זיין ליד געוואָרן אַלץ רווישטיקער און „שטאַרקער", וואָס מיר האָבן אין יענער צייט גערופן „טומעל־דיקער", און מיר זיינען געוואָרן אַלץ איינגעהאַלטענער און „שטילער", וואָס ער האָט ניט איינמאָל באַצייכנט פאַר „צעקראָכענער". מיר האָבן אים באַשולדיקט אין פעליעטאָניזם. ער אונז — אין פיינשמעקעריי. עס איז אויך פאַרשטענדליך, אַז קיין גרויס ליבשאַפט האָט ניט געקאָנט הערשן צווישן צוויי אַזוינע אַנטקעגנגעזעצטע דיכטער־נאַטורן, ווי האַלפּערן און ראָלניק, למשל. פאַר דעם זייער עמפּינדליכן און מיט זיך שטענדיק פאַרנומענעם ראָלניק איז געווען נאַטירליך צו דערשפּירן און דיכטעריש צו רעאַגירן אויף דעם מינדסטן הויך, וואָס האָט אים באַרירט. פאַר דעם געזונטן, און ניט איבעריק עמפינדליכן האַלפּערן האָבן ראָלניק׳ס זייער דינע און פיינפילנדיקע לידער געדאַרפט קלינגען ווי קרענקליכע קלאָגערייען. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, אָבער, אַז ווען מען נעמט אין האַנט אַריין האַלפּערנ׳ס אַ באַנד לידער, ווערט מען פּשוט דערשטוינט פאַר דעם יאָמער און געוויין, וואָס עס טראָגט זיך פון אים. דאָס איז, מעגליך, געווען ניט מער ווי צינז דער צייט. אַלע האָבן מיר דעמאָלט צופיל פּאָעטישע טרערן פאַרגאָסן. מער פון אַלץ האָט אונז אָבער פאַנאַנדערגעטיילט די שפּראַך. מיר האָבן די שפּראַך געהיט און געפּלעגט און געמאַכט פון איר אַ וואונדערליכן דיכטערישן אינסטרומענט.

האַלפּערן האָט געהאָרעוועט אויף דער שפּראַך. אָבער פון זיין האָרעווען איז כמעט גאָרניט אַרויסגעקומען. ער האָט געהאַט אַ רייכן ווערטער־אוצר. ער האָט אָבער ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט אים. מיר זיינען געווען אפשר אָרימער אין ווערטער, אָבער ווי געשיקט מיר האָבן זיי געקאָנט בייגן און טאַשעווען און באַגיין זיך מיט זיי ווי דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט. ביי זיין גאַנצן רייכן ווערטער־אוצר פאַרמאָגט האַלפּערן ניט מער ווי אַ זעקס־זיבן פּאָר גראַמען, וועלכע ער באַנוצט טאָקע מערסטנס נאָר פּאָרלעכוויז. ער האָט זיך אַ סך באַנוצט מיט ווערטער־קאָמבינאַציעס, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן פאַר פרעמד דעם גייסט פון דער אידישער שפּראַך. אים האָט אויך געפעלט אידיאָמאַטישקייט. שפּראַכליך האָבן מיר זיך געשפּייזט מיטן פאָלקס ליד, דער פאָלקס־מעשה, צאינה וראינה און תחינה. אַלץ, וואָס גיט אַזוי פיל זאַפטיקייט און אינטימקייט דער פאָלקס־שפּראַך. דאָס האָבן מיר אויך ניט געפונען ביי האַלפּערנ׳ען. האַלפּערן איז געווען אַ גרויסער דיכטער. פאַראַן ביי אים לידער, וואָס וואָלטן פאַררעכנט געווען פאַר גרויס אין יעדער דיכטונג. ער האָט אָבער אויך געהאַט גרויסע חסרונות. איינער פון זיינע גרעסטע חסרונות איז געווען דער מאַנגל אין שפּראַך־געפיל. שפּראַך־געפיל איז אין אַ גרויסער מאָס היים־געפיל. היים־געפיל איז יענע בענקעניש נאָך די אינטימע קינדערשע און אינגלשע איינדרוקן פון היים און סביבה, וואָס יעדער מענטש, און נאָך מער, דער פּאָעט, טראָגט מיט זיך מיט זיין גאַנץ לעבן. מינדליך האָט האַלפּערן קיינמאָל ניט דערציילט עפּעס פון זיין קינדהייט מיט ליבשאַפט, און אין זיינע לידער געפינט מען דערפון אויך קיין שפּור ניט. דאָס נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס ער איז צו יונג אויסגעריסן געוואָרן פון זיין היים־שטעטל זלאָטשאָוו און איבערגעפלאַנצט געוואָרן קיין ווין, און אפשר נאָך מער דערפון, וואָס אין זלאָטשאָוו איז זיין פאָטער אויך ניט געווען קיין היימישער, נאָר אַ פרעמדער, אַן אַנגעפאָרענער פון רוסלאַנד, מיט זייער ווינציק ליבשאַפט פאַר דעם אַדאָפּטירטן אָרט, וואָס האָט אים, ווי מען קאָן עס אַרויסלייענען פון עטליכע לידער ביי האַלפּערנ׳ען, ניט באַהאַנדלט זייער גאַסטפריינטליך. היים־געפיל גיט דער שפּראַך רייכקייט, אינטימקייט, בויגעוו־דיקייט און אויך אַ מאַסע לאָקאַליזמען, וואָס קאָנען זייער לייכט מיסברויכט ווערן. אַ סך דיכטער ווערן טאָקע געשטרויכלט. אָבער דאָ אין אַמעריקע, ווינציקער ווי ערגיץ אַנדערש וואו, ווייל אין דעם היגן שמעלצטאָפּ, וואו עס ווערן איבערגעקאָכט אַלע אידישע דיאַלעקטן, דערפילט דער דיכטער, אַז ער קאָן באַנוצן בלויז יענע לאָקאַליזמען, וואָס וועלן ניט אַרויסשטאַרצן ווי פלאָקנס פון אַ דיכטערישער שורה. — אין פּרט פון שפּראַך־געפיל איז האַלפּערן געווען פונקט דער היפוך פון זיין לאַנדסמאַן און נאָענטסטן פריינט, משה נאַדיר, דעם גרעסטן שפּראַך־מייסטער ביי אונז. ווי רייך משה נאַדיר

אין אין היים־געפיל באַווייזן צום בעסטן די מערקווירדיקע לאַנדשאַפטן, וואָס ער קאָן אַזוי וואונדערליך אַרויס׳כישופ׳ן פון זיין נאראיעוו. איך קאָן ניט נאָך איינעם, וואָס זאָל אין דעם פרט זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט אים, כאָטש אַנדערע, באַזונדערס ראַלניק, זיינען אויך רייך אין לאַנדשאַפטן פון זייער קינדהייט.

רייבונגען האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך איידער דאָס ערשטע בוך „שריפטן״ איז אַרויס פון דרוק. נאָך איידער דאָס צווייטע בוך איז געגאַנגען צום דרוק האָט מען שוין געוואוסט, אַז דער ריס איז אומפאַרמיידליך. צום דריטן, איז אַ העלפט פון דער גרופּע שוין געווען אָפּגעריסן, און ווען איגנאַטאָוו, מאַני לייב, לאַנדוי און איך האָבן זיך געקליבן אַרויסצוגעבן דאָס דריטע בוך „שריפטן״, האָבן אָפּאַטאָשו, י. י. שוואַרץ, י. ראַלניק, מ. י. כאַימאָוויטש, יואל סלאָנים און אַנדערע, צוגעגרייט דאָס זאַמעלבוך „די נייע היים״. איך ווייס ניט, וועלכעס פון די צוויי זאַמעלביכער עס איז געווען דאָס בעסערע. איך ווייס אָבער יאָ, אַז אונזערס איז געווען איינהייטליכער. עס איז געווען מער קינסט־לערישער צוזאַמענהאַנג צווישן דער גרופּע דיכטער פון די „שריפטן״, ווי צווישן די דיכטער פון „די נייע היים״, און אונזער דיכטער־גרופּע, ווי אַ גאַנצע, האָט געהאַט מער שותפותדיקס מיט די פּראָזאַאיקער פון די „שריפטן״, איגנאַטאָוו און ראַבאָי, ווי די דיכטער־גרופּע פון „די נייע היים״ האָט געהאַט מיט אָפּאַטאָשו׳ן און כאַימאָוויטש׳ן.

אָבער אַפילו די ענגערע, איינהייטליכערע גרופּע פון די „שריפטן״ האָט נאָכדעם שוין אויך לאַנג מער ניט געקאָנט הויזן צוזאַמען. עס איז געקומען צו אַ ריס צווישן די דיכטער און די פּראָזאַיקער, אָדער גענויער, צווישן די דיכטער און איגנאַטאָוו׳ן. אויף דער סיבה פון דעם ריס האָב איך שוין אָנגעוויזן. איך וויל דאָ נאָר באַמערקן, אַז נאָך איידער דאָס דריטע בוך איז אַרויס פון דרוק האָט מאַני לייב געזאָגט, אַז עס וועט זיין דאָס לעצטע און איך מיט לאַנדוי׳ן האָבן מיט אים מסכים געווען. די „שריפטן״ וואָלטן זיך מסתמאָ סיי ווי געווען אָפּגעשטעלט, ווען אַפילו עס וואָלט צו קיין ריס ניט געקומען. די „שריפטן״ האָבן שוין געהאַט אָפּגעטאָן דאָס זייעריקע און מען האָט זיך מער ניט גענויטיקט אין זיי.

* * *

דאָס דריטע זאַמעלבוך „שריפטן״ איז אַרויס אין פרילינג, 1914, כאָטש צום דרוק איז עס געגאַנגען אפשר מיט אַ יאָר פריער. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז פאַר מיר פּערזענליך האָט דאָס בוך געמיינט זייער פיל, ווייל דערין איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיינע אַ סעריע לידער, וואָס איז געווען אַ וויכטיקע דאַטע אין מיין לעבן, ווייל אַ רייף ווערן און אַ ווענדפּונקט אין מיין דיכטערישן לעבן. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן מיט וועלכער אומגעדולד

איך האָב געוואָרט אויף דעם דאָזיקן בוך. איך האָב געדאַרפט וואַרטן צו לאַנג און אינצווישן זיינען אָנגעקומען דאגות פּרנסה, וואָס האָבן געמאַכט פאַרגעסן אָן דעם זאַמעלבוך. מען האָט מיך אַוועקגעשיקט פון דעם שאַפּ אין וועלכן איך האָב געאַרבעט יאָרן און איך בין געבליבן ווי אויפן וואַסער מיט אַ פרוי און דריי קליינע קינדערלעך. די צייט איז געווען אַ שלעכטע און וועגן קריגן אַרבעט ביי מיין פאַך האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין, ווייל אַ סך זיינען נאָך פון פריער אַרומגעגאַנגען ליידיק. איך האָב דעריבער געמוזט גיין זוכן אַן אַנדער קוואַל פון חיונה. ווי אַ סך אידישע שאַפּ־אַרבעטער, וואָס בלייבן אָן אַרבעט, איז פאַר מיר אויך ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו עפענען אַ קרעמל, און איך בין געוואָרן דער אייגנטימער פון אַ — וואורשט סטאָר. שניידן וואורשטן און שטענדיק אַרומגיין אַ פאַרפעטסטער גראַמט זיך אַפילו ניט מיט אַ מענטשן, וואָס שרייבט לידער, איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. אַליין האָב איך ניט געהאַט קיין שום דערפאַרונג אין געשעפטן און אַליין האָב איך אויך ניט פאַרמאָגט קיין סענט ביי דער נשמה. נאָך ביידע — דערפאַרונג און געלט — האָב איך געדאַרפט אָנקומען צו מיינעם אַ ברודער. ער איז געווען גרייט מיר צו לייען עטליכע הונדערט דאָלאַר, אָבער נאָר אויף אַזאַ געשעפט, אין וועלכן ער האָט אַ ידיעה, און אַ ידיעה האָט ער געהאַט נאָר אין וואורשט־געשעפט. פאַר זעקס הונדערט דאָלאַר האָט ער פאַר מיר געקויפט אַ וואורשט קרעמל אין ברוקלין, אויף בראָדוויי לעבן וואַן ביורען סטריט. דעמאָלט אַ שוידערליכע געגנט מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג פון אידישע סוחרים, אירלענדישע סאַלון־קיפּערס, אַרימעלייט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און פּימפּס, נאַרקאָטיקער און פּראָסטיטוטקעס אויך פון אַלע פעלקערשאַפטן.

קיין פּרנסה האָט מיר די וואורשט־קראָם ניט געבראַכט. דערפאַר אָבער אַ סך ליטעראַרישן נחת. קיין קונים זיינען ניט געקומען, אָבער חברים־פּאָעטן זיינען געקומען פון נאָענט און ווייט. אין יענע טעג איז אַרויס דאָס דריטע בוך „שריפטן". חברים און אַנדערע דיטכער זיינען געקומען מיט קאָמפּלימענטן. זישאַ לאַנדוי האָט געבראַכט קאָליאַ טעפּערן, וועמען איך האָב פריער געהאַט געזען בלויז איין מאָל, צו משה וואַרשע׳ס לויה. טעפּער האָט געשיקט לייוויק׳ן (דעמאָלט נאָך לייוויק האַלפּערין), וואָס האָט אין יענער צייט נאָר וואָס געהאַט זיך באַוויזן צווישן אונז. איין טאָג איז מאַני לייב געקומען מיט אַ הויכן בחור, וואָס האָט מיט זיין אויסזען און הולך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טרעמפּ. „דאָס איז קאַזאַנסקי!" האָט מאַני לייב געזאָגט, ווען ער האָט געזען ווי איך נעם ניט אַראָפּ די אויגן פון דעם הויכן פאַרשוין מיט דעם ניט־געגאָלטן פּנים, וועמען ער האָט געבראַכט צו מיר אָן אַ העמד, נאָר מיט אַן אָפּגעטראָגן רעקל איבער אַ דין זומערדיק אונטערהעמדל און מיט באָרוועסע פיס אין שטעק־שיך. און אַז איך האָב דעם בחור דערלאַנגט

די האַנט און אַלץ ניט אָראָפּגענומען די אויגן פון אים, האָט מאַני לייב צוגע־געבן: „איר קענט דאָך זיך. ניין?״ יאָ, דוד קאַזאַנסקי׳ן האָב איך שוין געהאַט געקענט. אָבער דאָס איז גאָר ניט געווען דער זעלביקער דוד קאַזאַנסקי. דאָס איינע מאָל, וואָס כ׳האָב אים פריער געהאַט געזען, אין איגנאַטאָוו׳ס בחור׳שן צימערל אויף וואַשינגטאָן עוועניו, איז ער געווען עפּעס גאָר אַן אַנדערער. יענער קאַזאַנסקי איז געווען אַן אויסגעפּוצטער פּראַנט, מיט אַ גלייכער, שיין־פּאַרקעמטער באָרד און אַ פיינעם לעדערנעם פּאָרטפעל, וואָס ער האָט פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן. אינ׳ם פּאָרטפעל האָט ער געהאַט אַ ראָמאַן, וואָס ער האָט געבראַכט צו איגנאַטאָוו׳ן פאַר די „שריפטן״. אָבער ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָבן זיך די צווי מענטשן אַזוי ניט ליב באַקומען, אַז קאַזאַנסקי האָט, דאַכט מיר, מער דעם מאַנוסקריפּט ניט געוואָלט איבערלאָזן. דאָרטן, ביי איגנאַטאָוו׳ן האָט קאַזאַנסקי אויף מיר קיין גוטן איינדרוק ניט געמאַכט. פאַרוואָס געדענק איך שוין ניט. אפשר האָט דערצו בייגעטראָגן די באָרד זיינע און אפשר דער פּאָרטפעל. מיר זיינען געוואוינט געווען אַרומצוטראָגן אונזערע מאַנוסקריפּטן אין די קעשענעס ביז זיי זיינען צעריבן געוואָרן, און דאָ קומט אַ מענטש, אַן אויסגעפּוצטער און אַן אויסגעסטראָיעטער מיט אַ באָרד און אַ פּאָרטפעל. ניין, ניט מיין מענטש! האָב איך זיך געטראַכט. אָבער דער „טרעמפּ״ קאַזאַנסקי איז מיר געוואָרן אַזוי ליב נאָך אַ שמועס פון אַ האַלבער שעה, אַז איך האָב אים גאָר ניט געקאָנט אָפּלאָזן. אויך ער איז דעמאָלט געווען אַ „סוחר״ — אַ לאַנדרימאַן. און מאַני לייב האָט אים דאָס אַוועקגעריסן אין דעם הולך פון דער אַרבעט און געבראַכט צו מיר. אין עטליכע טעג אַרום דערזע איך אויף דער שוועל פון מיין קראָם, אַ שענעם בחור, אויסגעפּוצט און ליכטיק ווי אַ פּרינץ. ווער איז דאָס? מיר האָט געדויערט אַ היבשע ווײַלע ביז איך האָב דערזען, אַז דאָס איז דערזעלביקער קאַזאַנסקי. די פאַרוואַנדלונג איז געווען אַזאַ אומגעהויערע, אַז איך האָב מיינע אויגן ניט געגלויבט. דאָס מאָל איז קאַזאַנסקי שוין געווען אויס סוחר. אין די עטליכע טעג איז ער שוין געהאַט פּטור געוואָרן פון זיין „געשעפט״, און איך האָב נאָך געדאַרפט וואַרטן גאַנצע ניין חדשים איידער דער נס איז געשען. און עס האָט געמוזט געשען אַ נס, אז איך זאָל קאָנען פּטור ווערן פון דעם דאָזיקן געשעפט. אגב, איז דער נס אויך געשען אַ דאַנק קאַזאַנסקי׳ן. ער האָט מיר געבראַכט דעם אַגענט, וואָס האָט מיר געבראַכט דעם קונה, וואָס האָט מיך באַפרייט פון דעם אַנ־שיקעניש.

מאַני לייב האָט געקענט קאַזאַנסקי׳ן נאָך פון פריער און ער האָט אויך באַקענט קאַזאַנסקי׳ן מיט לאַנדוי׳ן. אין אַ גאַנץ קורצער צייט זיינען מיר אַלע פיר געוואָרן געקניפּט און געבונדן, ליטעראַריש און פּערזענליך. און אַזוי ווי

מאַני לייב, קאַזאַנסקי און איך האָבן געוואוינט אין ברוקלין, איז ברוקלין געוואָרן אונזער צענטער ביי קאַזאַנסקי׳ן אין שטוב.

לאַנדוי איז געווען דער איינציקער פון אונז, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין די בראָנקס. ער פלעגט אָבער גאַנץ אָפט קומען קיין ברוקלין. געוויינליך פלעגט ער פריער אַריינפאַלן צו מיר און מיט מיר פאַרברענגען אַ ווילע. פון מיר אָבער פלעגט ער אַוועקגיין צו קאַזאַנסקי׳ן, וואו ער האָט פאַרבראַכט שעה׳ן און אפילו נעכט גאַנצע. איין פרימאָרגן, ווען איך האָב געעפנט די קראָם, האָב איך דערזען ליגן אויפן דיל אַ צונויפגעלייגט פּאַפּירל, וואָס מען האָט קענטיק אַריינגערוקט דורך אַ שפּאַלט אונטער דער טיר. אויפן פּאַפּירל איז מיט בליישטיפט געווען פאַרשריבן אַ הומאָריסטיש ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„שלאָף זיך רואיק אין דיין בעט
יונגער סוחר און פּאָעט.
מאָרגן וועסטו דאַרפן
דיינע מעסערס שאַרפן
און די וואורשטן שניידן,
מענטשן זאָלן ליידן
אויפן מאָגן.״

די האַנטשריפט האָט אויסגעזען ווי לאַנדוי׳ס. דאָס קול האָב איך דערקענט ווי מאַני לייב׳ס. דער דאָזיקער ליבער גרוס האָט געבראַכט פרייד און אויפגעוועקט אַ בענקשאַפט, וואָס האָט מיך דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן ווי שכור. ערשט ביינאַכט, ווען קאַזאַנסקי איז געקומען צו מיר, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מאַני לייב און לאַנדוי האָבן פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט פריער ביי אים. ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צו מיין קרעמל, אפשר איז עס שוין אָפן. ווען זיי האָבן עס אָבער געפונען פאַרשלאָסן, איז דאָס ליד פאַרפאַסט געוואָרן עקספּראָמפּטאָם אויף דער שוועל פון דער פאַרשלאָסע־נער טיר.

דאָס דאָזיקע ליד האָט, ווי אַ כשוף מיך באַפרייט ניט פון דער קראָם (אויף דעם האָב איך נאָך לאַנג געדאַרפט וואַרטן) נאָר פון דער פאַרשקלאַפונג צו דער קראָם. פון קנאָה צו מיינע חברים, וואָס זיי זיינען ניט צוגעשמידט צו קיין זאַך און קאָנען זיך פריי באַוועגן און פאַרברענגען צוזאַמען ווען זיי ווילט זיך, האָב איך מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדן עול, און ווען איך האָב געהערט, אַז לאַנדוי איז געקומען קיין ברוקלין, און געוואוסט, אַז מען וועט ווידער פאַרברענגען אַ נאַכט צוזאַמען, האָב איך אַלץ געלאָזט אויף הפקר און בין אויך אַוועק צו קאַזאַנסקי׳ן.

יענעם זומער האָט אויסגעבראָכן דער וועלט קריג. די פאַרבינדונגען מיט

דער אַלטער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן איבעררייסן. דר. קאַרל פאַרנבערג און מאַקס ג. מייזל האָבן דאָ אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן", וואָס זיי האָבן פאַרבונדן מיט ניגער'ס „אידישע וועלט" פון ווילנע. אַ מאָדנע קאָמבינאַציע איז דאָס געווען, און זי האָט געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק. דער זשורנאַל איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: אַ פאָדערשטער, וואָס איז רעדאַקטירט און געדרוקט געוואָרן אין ווילנע און אַ צוגעטשעפּעטער הינטערשטער טייל, רעדאַקטירט און געדרוקט דאָ אין ניו יאָרק. דער היגער טייל איז באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון סאָציאַל־פּאָליטישע אַרטיקלען פון יצחק אייזיק הורוויטש, יעקב מילך, דר. קאַרל פאַרנבערג און אַנדערע, און אַזוי פאַרשיידן איז ער געווען פון דעם ווילנער טייל, אַז אַפילו דאָס פּאַפּיר און דער דרוק זיינען געווען אַנדערע. ווען דער וועלט־קריג האָט אויסגעבראָכן און די ווילנער „אידישע וועלט" האָט אויפגעהערט קומען, האָט פאַרנבערג געמוזט אויספילן דעם זשורנאַל אין גאַנצן מיט היגן מאַטעריאַל. דאָס האָט געפירט צו אַ שידוך צווישן די אויבנדערמאָנטע סאָציאַל־פּאָליטישע פּובליציסטן פון איין זייט און מאַני לייב'ן, לאַנדוי'ן קאַזאַנסקי'ן און מיר פון דער אַנדערער זייט. מיר האָבן אויך צוגעצויגן מנחמ'ן, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט געקומען פון וואַרשע. די סאָציאַל־פּאָליטישע זייט פון זשורנאַל האָבן מיר אינגאַנצן איבערגעלאָזן אין די הענט פון די דערמאָנטע פּובליציסטן און מיר האָבן איבערגענומען די ליטעראַרישע זייט. דאָ הויבט זיך אייגנטליך ערשט אָן די געשיכטע פון די „יונגע". אָבער דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער קאַפּיטל. צו די „שריפטן" האָט עס מער קיין שייכות ניט.

מיט מאַני לייבן

אונזערע ערשטע און לעצטע באַגעגענישן

איך האָב זיך באַקענט מיט מאַני לייבן אין ווינטער 1905־1906. ער איז דעמאָלט געווען אין לאַנד בלויז עטליכע חדשים, איך שוין איבער צוויי יאָר. באַקענט אונז האָט אַלעקסאַנדער זעלדין, וואָס איז געקומען קיין אַמע־ריקע כמעט אין איין צייט מיט מאַני לייבן. אַלע דריי זיינען מיר דעמאָלט געווען יונגע שרייבער־אָנהייבער, און אַלע האָבן מיר געדאַרפט אַרבעטן פיזיש אויף חיונה. מאַני לייב, ווי ביז אין די פופציקער יאָרן פון זיין לעבן, אין אַ שיך פאַבריק, זעלדין ביי סטאָלעריי, און איך אין אַ קאַפּן־פאַבריק, ווי אַ פּעקער. פון די דריי איז דעמאָלט זעלדין געווען דער וויכטיקסטער. ער האָט נאָך אין רוסלאַנד געהאַט אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג אין פּעטערבורגער „טאָג", וואָס פרישמאַן האָט באַצייכנט פאַר דער וויכטיקסטער זאַך, וואָס איז אין יענער צייטונג דערשינען. דאָ האָט ער דעמאָלט געדרוקט דערציילונ־גען און מאָנאָלאָגן אויף די שפּאַלטן פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע", וואָס האָבן אים געמאַכט אַ נאָמען צווישן אַנדערע יונגע שרייבער־אָנהייבער. איך אַליין געדענק נאָך דעם שטאַרקן רושם, וואָס עס האָבן אויף מיר דעמאָלט געמאַכט זיינע דערציילונגען „גנבים" און „ערב חתונה", אַ חוץ עטליכע מאָנאָלאָגן. און ביז אויפן היינטיקן טאָג איז פאַר מיר נאָך אַלץ אַ רעטעניש פאַרוואָס ער איז ניט געוואָרן דער דערציילער, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אַלע געמיינט, אַז ער וועט ווערן. מאַני לייב האָט שוין אויך געהאַט אַ נאָמען פאַר זיינע לידער, וואָס ער האָט, ווי זעלדין, אויך פאַרעפנטליכט אויף די שפּאַלטן פון דער „פ.אַ.ש." געלויבט האָט מען אים דער עיקר פאַר זיין „האַרציקער" שפּראַך. איך האָב דעמאָלט ניט געוואוסט און ווייס נאָך היינט ניט, וואָס עס איז אַזוינס אַ „האַרציקע" שפּראַך. איך שטויס זיך אָבער אָן, אַז מיט „האַרציק" האָט מען געמיינט דעם פאָלקסטימליכן טאָן און מעלאָדישקייט פון זיין פּערז, וואָס איז, אגב, נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ פּרימיטיוו און גאָר ניט אייגנאַרטיק. איך בין דעמאָלט נאָך כמעט אין גאַנצן געווען אומבאַקאַנט. מחמת דערציי־לונגען האָב איך געדרוקט אין דעם ווינקלבלעטל „דאָס אידישע וואָכנבלאַט" פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד וועלן עס האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין און גאָר קיין לייענער ניט געהאַט, און לידער האָב איך געדרוקט אונטער אַ פּסעוודאָנים אין „דאָס פאָלק", אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון דעם אַמאָליקן אַנאַרכיסט מ. קאַטץ. אגב,

איז זיין הויפּט געהילף און אײנציק באַצאָלטער מיטאַרבעטער געווען ש. קאָטלער, אַ יונגער פּאָעט אויף וועמען אַלע האָבן געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען, און וואָס איז פּלוצים פאַרשוואונדן פונקט דעמאָלט ווען ער איז געווען אין זיין שענסטן בלי. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך אויפגעזוכט ווי אַ סוחר פון פרויען־קליידער אין דעטראָיט.

באַקענט מיך מיט מאַני לייבן האָט זעלדין אין קלוב פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז יענעם ווינטער געווען דער לעבעדיקסטער ווינקל אויף איסט בראָדוויי. געקומען אין דעם קלוב זיינען ניט דווקא מיטגלידער פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין רוסלאַנד האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע. אָבער אין דעם קלוב האָט די רעוואָלוציע נאָך געברענט אין די הייסע דיסקוסיעס, וואָס זיינען דאָ געפירט געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך, פון יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן אין רוסלאַנד געהערט צו אַלע רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען, און זיינען יענעם ווינטער געבראַכט געוואָרן מיט יעדער שיף קיין ניו יאָרק אין די הונדערטער. אין דעם קלוב האָבן זיך אויך געטראָפן יונגע שרייבער־אָנהייבער, וואָס זייערע זאַכן האָבן זיך דעמאָלט געדרוקט אויף די שפּאַלטן פון דער „פ. אַ. ש.", „פאָרווערטס", און אַנדערע וועכנטליכע און טעגליכע צייטונגען. ווייל אויך אַ סך פון די יונגע שרייבער זיינען אין רוסלאַנד געווען פאַרבונדן מיט רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון אַלע ריכטונגען. מאַני לייב איז אין זיין היימשטאָט ניעזשין, געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, און כאָטש ער איז אין לאָנדאָן געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, האָט ער פונדעסטוועגן אין די ערשטע אַמעריקאַנער יאָרן זיינע זיך אויך געפילט נאָענט צו דער דאָזיקער פּאַרטיי. זעלדין, וואָס האָט מיך באַקענט מיט מאַני לייבן, איז דעמאָלט געווען אַ פּועל־ציון, ווי איך אַליין בין עס געווען ביז דער שפּאַלטונג פון דער אַמעריקאַנער פּועלי ציון פּאַרטיי, ווען איך בין אויף אַ קורצער צייט אַריבער מיט דער מערהייט צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן.

ווען זעלדין האָט אונדז באַקענט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מאַני לייב האָט מיך שוין געהאַט געזען אַמאָל, אין דער וואוינונג פון דעם אַמאָליקן אַנאַרכיסט און דערציילער מ. ציפּין, ערגיץ וואו אויף ברום סטריט. אָבער נאָר פאַרבייגייענדיק און אויף אַ רגע בלויז. געווען איז דאָס אויף אַ זיצונג — די ערשטע, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, אויך די לעצטע — פון פאַראיין „אידישע יוגענד", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון אַ גרופּע דעמאָלט נאָך אויך יונגע שרייבער, אָבער עלטערע פון אונדז און אַזוינע, וואָס האָבן שוין געהאַט נעמען און סטאַזש. צו דער גרופּע האָבן געהערט אַ חוץ דער דערמאָנטער מ. ציפּין, אויך ה. רויזענבלאַט, יעקב אַדלער, יואל סלאָנים, מ. שמואלזאָן, א. וואָלינער (וואָס האָט דעמאָלט נאָך געדרוקט לידער

אונטער זיין אמת׳ן נאָמען, ל. לאַנדוי), בן־יקיר און י. ל. כהן. אויף אַ ליטע־ראַרישן אָוונט, וואָס די דאָזיקע גרופּע האָט אַראַנזשירט אין אַמאַליקן אַפּאָלאָ האָל, צווישן ברום און דילענסי סטריט, און אויף וועלכן די מערסטע פון די אויסגערעכנטע זיינען אויפגעטראָטן מיט פאַרלעזונגען, איז אַנאָנסירט גע־וואָרן, אַז אויב אין זאַל געפינען זיך יונגע שרייבער און גלאַט ליבהאָבער פון ליטעראַטור, וואָס ווילן זיך אָנשליסן אָן דעם פאַראיין, זיינען זיי געבעטן איינצוצאָלן צו 25 סענט יעדער און איבערגעבן זייערע נעמען און אַדרעסן צו אַ קאָמיטעט, וואָס וועט פאַר דעם צוועק שטיין ביי דער טיר נאָכדעם ווי דער אָוונט וועט זיך ענדיקן. איך האָב זיך פאַרשריבן. זעלדין האָט זיך פאַרשריבן. און נאָך אַנדערע האָבן זיך פאַרשריבן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָב איך געקראָגן אַ קאַרטל מיט אַן איינלאַדונג צו קומען אין אַ באַשטימטן זונטאָג נאָכמיטאָג צו אַ מיטינג פון פאַראיין אין דער דערמאָנטער וואוינונג. איך בין געקומען. מאַני לייב איז אויך געקומען. אָבער צו שפּעט, ווען איך און אַנדערע האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, און מיר זיינען זיך פאַרביי־געגאַנגען לעבן דער טיר. איך אים האָב ניט באַמערקט, ווייל ביים אַוועקגיין בין איך געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס מיט י. ל. כהנ׳ען, וואָס האָט אויך געהאַלטן ביים אַוועקגיין. מאַני לייב האָט אָבער מיך יאָ באַמערקט און גע־דענקט מיין פּנים. זיין סימן איז טאָקי געווען מיין פאַרטאָענקייט אין שמועס מיט כהנ׳ען.

פון יענער ערשטער באַגעגעניש מיט מאַני לייבן איז אין זכרון פאַר־בליבן די הויכע און שלאַנקע געשטאַלט פון אַ יונגן בחור אין אַ שוואַרצן מאַנטל לאַנג ביז די קנעכלעך, און אַ שוואַרץ וואַלן העמד אָן אַ שניפּס, וואָס האָט זיך פאַרקנעפּלט ביז אונטערן קין מיט אַ שורה פּערלמוטערנע קנעפּלעך. דאָס וואָס ער האָט ניט געטראָגן קיין שניפּס איז מיר ניט אויפגעפאַלן, מחמת איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז אין זיינע אויגן איז אַ שניפּס מסתמא געווען צו בורזשואַזנע, ווי עס איז געווען אין די אויגן פון אַ סך, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין דעם דערמאָנטן קלוב. (דער רוב פון זיי האָט געטראָגן רוסישע רובאַשקעס). אָבער די לענג פון זיין מאַנטל און די שוואַרצקייט פון זיין העמד האָבן אַפילו אין דעם קרייז זיך אויסגעשיילט ווי עפּעס ניט גע־וויינליכס. דאָס איז מסתמאָ די אורזאַך פאַרוואָס פאַר מיינע אויגן גיבן פריער פאַר אַלץ אַ שוועב פאַרביי זיין מאַנטל און זיין העמד ווען איך דערמאָן זיך אָן יענער ער׳שטער באַגעגעניש. פון פּנים איז פאַרבליבן בלויז דער אַלגע־מיינער איינדרוק פון אַ יונגן, זייער ערנסטן און אימפּולסיוון מענטשן, מיט אַ סאַמעטענעם אָוואַל פון אַליוועז קאָליר, און שאַרפע דורכדרינגנדיקע גרין־גרויע אויגן, וואָס אַז ער גיט אַ שמייכל ווערט וואַרעם אין האַרצן, און גיט ער אַ קנייטש מיט דער נאָז אַנטרינט דער מאַמעס מילך.

אַ סך מאָל טראַכט איך, אַז דאָס לעצטע איז אפשר בלויז אַ גענעראַליזאַציע פון מיינער אַ פּערזענליכער עמפּינדונג. מחמת דער קנייטש מיט דער נאָז איז געקומען אין פאַרבינדונג מיט מיינעם אַ ליד, וואָס איך האָב דערמאָנט פאַר אים, און וואָס ער האָט גראָד געהאַט געלייענט אָבער ניט געוואוסט, אַז איך בין דער מחבר דערפון. איך בין דעמאָלט געווען אויפן צווויי און צוואַנציקסטן יאָר מיינעם, און פאַרמאָגט מיין אייגנס קוים דריי געדרוקטע דערציילונגען און פונקט אַזוי פיל לידער, די לעצטע, ווי געזאָגט, אונטער אַ פּסעוודאָנים, אַחוץ אַ צענדליק אַנדערע נאָך ניט געדרוקטע זאַכן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ביי מיר אין די קעשענעס. און וואָס עס האָט דעמאָלט געמיינט פאַר מיר אַ קנייטש מיט דער נאָז פון אַ חבר־פּאָעט, וואָס איז געווען אין איין עלטער מיט מיר נאָר אַ סך מער באַקאַנט ווי איך, דאָס ווייסן מסתמא אַלע פּאָעטן־אָנהייבער ביי אַלע פעלקער און לשונות. וואָרים קיינער איז ניט אַזוי עמפּינדליך ווי אַ יונגער פּאָעט, און קיין זאַך גיט ניט אַזאַ שניט איבער זיין גאַנצן יש ווי אַ וואָרט צי אַ זשעסט פון ביטול אויף זיין חשבון. אָבער ווען איך רוף אַרויס דאָס געדעכעניש־בילד, וואָס איך טראָג אין זיך פון מאַני לייבן, ניט נאָר פון יענער ערשטער באַגעגעניש אונדזערער, נאָר פון פאַרשיידענע צייטן און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, דאַכט מיר, אַז דער שמייכל וואָס האָט געוואַרעמט און דער קנייטש מיט דער נאָז אָדער אַן אַנדערער זשעסט פון וועלכן עס האָט געקאָנט ווערן קאַלט אויף דער נשמה, זיינען ביי אים שטענדיק געווען צוויי זייער כאַראַקטעריסטישע שטריכן, באַזונדערס ווען זיי זיינען געקומען ווי שטומע אויסדרוקן וועגן אַ ליד, וואָס איז פאַר אים פאַרגעלייענט געוואָרן.

צום לעצטן מאָל בין איך געווען צוזאַמען מיט מאַני לייבן אַ קנאַפּ יאָר פאַר דעם איידער ער איז אַוועק פון אונז. גענוי, מאָנטאָג דעם 6טן נאָוועמבער 1952. אַ טאָג פאַר דעם איידער איך האָב אויפגעגעבן מיין ניו יאָרקער דירה און בין אַוועק זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין מיאַמי ביטש, פלאָרידע. דאָס מיינט קנאַפּע אַכט און פערציק יאָר נאָך אונזער ערשטער באַגעגעניש. מאַני לייב איז דעמאָלט געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. מיט אים זיינען מיטגעקומען איציק מאַנגער, יצחק האַראַוויץ און נ. ב. לינדער. פון אָט יענעם לעצטן צוזאַמענזיין ליגן איצט פאַר מיר פיר פאָטאָגראַפישע בילדער. אויף צוויי פון זיי איז ער מיט אונז אין גרופּן־בילדער פון פינף. אויף איינעם אין אַ גרופּן־בילד פון דריי, און אויף נאָך איינעם בלויז ער און איציק מאַנגער. אויף קיין איינער פון די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס איז ניטאָ קיין שפּור פון יענעם בילד אין זכרון. אין שאַרפסטן קאָנטראַסט איז ער אויפן בילד מיט מאַנגערן. דאָ זיצט ער איינגעהויקערט מיטן אויבערשטן טייל קערפּער אויסגעבויגן פאָראויס, און די קליידער זיינען אויף אים צעקנאָדערטע,

דער האַלדז צעקנאָדערט, די באַקן צעקנאָדערט און ווי פון לעדער, דאָס מויל קרומליך אָפן, ווי אים וואָלט שווער געווען דאָס אָטעמען. די אויגן צוויי מוטנע שפּעלטעלעך אונטער ברילן און דער שטערן איבער זיי צונויפגעצויגן. אין גאַנצן דאָס לייב און פּנים פון אַ זקן, וואָס איז מיד, ווייזט אַז ער איז מיד, און וויל מען זאָל אים לאָזן צורו. אָבער אַפילו דאָ וואו ער איז אַזוי אַנ־דערש איז ער פּאָרט נאָך אַלץ דער זעלביקער. וואָרים קוקט מען לענגער אַפילו אויף דעם דאָזיקן בילד דאַכט זיך, אַז אָט וועט זיך אויפן פּנים פון דעם דאָזיקן מידן זקן באַווייזן אַ שמייכל און עס וועט דיר ליכטיק ווערן, און אין די מוטנע אויגן זיינען פאַראַן צוויי פונקן, וואָס זיינען וואַך און קריטיש און אַרויסרופעריש, און דו דערוואַרטסט פּלוצים פונקט אַזאַ דערווידערדיקן זשעסט ווי ביי דער ערשטער באַגעגעניש.

קיינער פון אונדז האָט ניט אַזוי אויפגעלויכטן ווי ער ווען מען האָט פאַר אים געלייענט עפּעס, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן, און קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ ווידערווילן ווי ער ווען אים איז ניט געפעלן געוואָרן עפּעס וואָס מען האָט געלייענט פאַר אים. ממש מיט פיזישן עקל האָט ער זיך אָפּ־געשאָקלט פון אַ ליד, וואָס האָט אים געקלונגען פאַלש און פּרעטענציעז. אָבער פאַר פאַלש און פּרעטענציעז האָט ער אָנגענומען ניט דאָס, וואָס איז אים געווען אומפאַרשטענדליך אָדער אַפילו ניט צום האַרצן. דאָס וואָס ער פאַר־שטייט ניט, האָט ער געוואוסט, הייסט נאָך ניט, אַז עס איז פאַלש, און אַוודאי ניט דאָס, וואָס איז אים ניט צום האַרצן. אין פאַרבינדונג מיט דעם דערמאָנט זיך מיר זייער אַן אינטערעסאַנטע סצענע צווישן אים און י. ל. כהנ׳ען. כהן האָט אַ צייט מיט יאָרן געהאַט אַ קראָם פון זילבערוואַרג, אויף גרעהעם עוועניו אין ברוקלין. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך כהנ׳ען פאַרוואָלט ווערן אַ פאַרלעגער פון אידישע ביכער. וואָס ער האָט באַצוועקט מיט דעם פאַרלאַג דאָס איז מיר אומבאַקאַנט. וואָס איך ווייס איז, אַז ער האָט אין דעם געשעפט אַריינגעבראָקט אַרום צוואַנציק טויזנט דאָלאַר פון וועלכע ער האָט ניט צוריקגעזען קיין פּרוטה. די מערסטע ביכער וואָס זיינען אַרויס אין דעם פאַרלאַג זיינען באַשטאַנען פון איבערזעצונגען. און אַזוי ווי כהן האָט גוט באַצאָלט, און אידישע שרייבער האָבן זיך שטענדיק געגייטיקט אין אַ זייטיק פאַרדינסטל, האָבן זיך געפונען גענוג בעלנים צו נעמען ביי אים אַ בוך צום איבערזעצן. איך האָב פאַר אים איבערגעזעצט אַ בוך, און מאַני לייב, ווען עס איז גראָד דעמאָלט געווען זייער שווער עקאָנאָמיש, האָט זיך אויך אונטערגענומען צו איבערזעצן אַ בוך. צי ער האָט עס אָבער פאַרענדיקט, דערין בין איך ניט זיכער. קיין אַוואַנסן האָט כהן ניט געגעבן. נאָר אַז מען האָט געהאַט פאַרטיק אַ פערציק צי פופציק זייטן פון אַ בוך און מען האָט זיי

אים געבראַכט, האָט ער גלייך באַצאָלט פאַר זיי. מיט מאַני לייבן האָט כהן געמאַכט אַן אויסנאַם און אים יאָ געגעבן אַן אַוואַנס.

איינמאָל ווען מאַני לייב האָט געהערט, אַז איך גיי אַוועקטראָגן צו כהנ׳ען אַ פּופּציק זייטן פון דעם בוך, וואָס איך האָב איבערגעזעצט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל מיטגיין. די סיבה איז געווען, וואָס ער איז מיט זיין איבערזעצונג געווען שטאַרק הינטערשטעליק און ער האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פאַר זיין הינטערשטעליקייט. איינער אַליין צו קומען זיך פאַרענטפערן פאַר כהנ׳ען האָט ער קיין מוט ניט געהאַט. אַז איך וועל זיין דערביי, האָט ער געזאָגט, וועט עס אים זיין גרינגער. ווען מיר זיינען געקומען צו כהנ׳ען האָבן מיר אים, ווי אַלעמאָל, געפונען זיצן הינטערן קאַסע־טיש. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם טייל פון מיין איבערזעצונג, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט און ער האָט מיר אויסגעצאָלט, וואָס מיר איז געקומען. מאַני לייב איז געשטאַנען לעבן מיר אַ שולדיקער און בשום אופן ניט געקאָנט געפינען די רייד, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן כהנ׳ען. דאָס האָט אים, ווי שטענדיק ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ ניט באַקוועמער לאַגע פון אַ פאַרשולדיקטן, געמאַכט שטיין ווי אַ נכבע און צערייצט, למאי ער שטייט ווי אַ נכבע. איך האָב זיך געשראָקן פאַר דער דאָזיקער צערייצטקייט, ווייל מאַני לייב איז געווען אַזוי געשפּאַנט, אַז איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל ניט מיט עפּעס אַרויספּלאַצן. אָבער דאָ האָט אונדז כהן פּלוצים אַ פרעג געטאָן, צי מיר האָבן געלייענט אַ באַשטימט ליד פון אַ געוויסן פּאָעט, פון וועלכן מיר האָבןביידע ניט געהאַלטן. וואָס מיר האָבן געענטפערט, דאָס איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס כהן האָט געמיינט, אַז אונדז געפעלט דאָס ליד, און ער האָט זיך אָנגעהויבן קאָכן, אַז עס טויג ניט, און אַז עס איז פאַלש. פון אָנהייב ביזן סוף פאַלש, און אַז קיינער האָט נאָך ניט געזען אַזאַ לאַנדשאַפט ווי יענער פּאָעט ווייזט אונדז אין זיין ליד.

כהן איז, ווי געזאָגט, געזעסן הינטערן קאַסע־טיש. מיר ביידע זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פון קאַסע־טיש. אויף אַ טייל פון קאַסע־טיש, צו דער רעכטער זייט פון אונדז און דער לינקער פון כהנ׳ען, איז געשטאַנען אַ קעסטל פון גלאָז, וואָס אינעווייניק זיינען דערין געווען אויסגעלייגט פאַרשיידענע שטיקער צירונג און אויף אים איז געשטאַנען אַ גלאַנציקער זילבערנער רערן־לייכטער. פון דער סטעליע איז אַראָפּגעהאָנגען אַן אָנגעצונדן עלעקטריש לעמפּל, וואָס האָט איבער זיך געהאַט אַ ווייס שירעמל. דאָס ברענעדיקע לעמפּל מיטן שירמעל און דעם דראָט אויף וועלכן עס איז אַראָפּגעהאָנגען פון דער סטעליע האָבן זיך געשפּיגלט אין דער גלאַנציקער באַזע פון זילבערנעם לייכטער. אין מיטן דערינען ווי כהן האָט זיך געהאַלטן אין איין קאָכן, אַז דאָס דערמאָנטע ליד איז פאַלש און אַז קיינער האָט נאָך ניט געזען אַזאַ לאַנד־

שאַפט ווי יענער פּאָעט וויזט אין זיין ליד, האָט זיך פון מאַני לייבס פּנים פלוצים אָפּגעטאָן די גאַנצע צערייצטקייט און ער האָט אַ פרעג געטאָן: —
וואָס זעט איר, כהן? איך מיין אָט דאָ אין דער באַזע פונם לייכטער?
כהן איז אויף אַ ווייל געבליבן מיט אַן אָפן מויל, ווייל אויף דער פראַגע האָט ער זיך ניט גערעכט, און ער האָט ניט געוואוסט צו וואָס מאַני לייב צילט מיט איר. ווען מאַני לייב האָט איבערגעפרעגט די זעלביקע פראַגע נאָכאַמאָל, האָט כהן געענטפערט מיט אַ פאַרלעגן געלעכטערל: — ס׳הייסט וואָס איך זע? אַ לעמפּל זע איך. די אָפּשפּיגלונג פון דעם עלעקטרישן לעמפּל, וואָס הענגט אַראָפּ פון דער סטעליע. — אמת — האָט געזאָגט מאַני לייב. — אָבער וואָס נאָך זעט איר? כהן האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דער באַזע פון לייכטער און אַ ציי געטאָן מיט די אַקסלען. — גאָר ניט — האָט ער געענטפערט. — אַ חוץ דעם לעמפּל מיטן שירעמל און דעם עלעקטרישן דראָט, מער גאָר ניט. — און ווי ווערט זיין — האָט אים מאַני לייב פלוצים אַ פרעג געטאָן — ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איך זע איצט אין דער באַזע פון לייכטער ניט קיין עלעקטריש לעמפּל נאָר אַ ליליע? אַ וואַסער ליליע מיט אַ גאָלדן האַרץ און ווייסע פּעטאַלן אַרום, וואָס וויגט זיך אויף אַ לאַנג־לאַנגן ציטערדיקן שטענגל?
ביי כהנ׳ען איז דאָס געלעכטערל איבערגעגאַנגען אין בלויז אַ שמייכעלע, און דאָס שמייכעלע איז אויך גלייך אָפּגעווישט געוואָרן. — אמת — האָט ער געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אין דער באַזע פון לייכטער. — אַז מ׳ען וויל קאָן מען טאַקע זאָגן, אַז דאָס לעמפּל מיטן שירעמל און דעם דראָט אויף וועלכן עס הענגט, זעען אין דער באַזע אויס ווי אַ וואַסער־ליליע. אָבער וואָס ווילט איר מיט דעם אַרויסברענגען? — אַז דאָס וואָס קיינער האָט נאָך ניט געזען, וואָס אַ פּאָעט וויזט אין זיינעם אַ ליד, איז נאָך ניט קיין סימן, אַז דאָס ליד איז דעריבער פאַלש — האָט מאַני לייב גע־ענטפערט. פאַר דעם פּאָעט איז אָט די אָפּטישע טוישונג פונעם לעמפּל פּונקט אַזאַ רעאַלער אמת און אפשר נאָך מער ווי דאָס לעמפּל גופא. — י. ל. כהן האָט נאָך אַ קליינעם אָפּהאַלט צוגעגעבן, אַז דאָס וואָס מאַני לייב זאָגט איז אמת, און מאַני לייב האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ לאַנגן שמועס אין וועלכן ער האָט געזוכט צו באַווייזן, אַז עס זיינען פאַראַן קינסטלערישע אמתן, וואָס מוזן ניט דווקא שטימען מיט פאַקטישע אמתן. אָט אַ שטייגער דער אויפגאַנג און אונטערגאַנג פון דער זון. הונדערטער יאָרן ווי מען ווייסט, ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן ווי אַ וויסנשאַפטליכער אמת, אַז ניט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר די ערד אַרום דער זון; און פון דעסטוועגן הערן פּאָעטן אַלץ ניט אויף צו באַזונגען דעם זון־אויפגאַנג און דעם זון־אונטערגאַנג. אָט די אָפּטישע אָפּנאַרעריי איז אַזאַ שטאַרקע, אַז זי גילט ווי אַ פאַקטישער אמת פאַר אונדז אַלעמען, און מען דאַרף זיך זייער שטאַרק אָנשטרענגען,

כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס וואָס מיר זען איז ניט אמת. פאַראַן אָבער אַנדערע נאַטור־דערשיינונגען, וואָס נאָר דאָס גוטע באַאויבאַכטערישע אויג פון אַ קינסטלער דערזעט, און דאָס אויך נאָר אין געוויסע מאָמענטן און אונטער געוויסע באַדינגונגען. און אויב ער קאָן זיי נאָר אונז איבערגעבן אַזוי, אַז מיר זאָלן זיי אויך דערזען, זיינען זיי דאָ, און ממילא קאָן מען וועגן זיי ניט זאָגן, אַז זיי זיינען פאַלש.

מאַני לייב האָט זייער ליב געהאַט צו טעאָרעטיזירן און זיך אַריינצולאָזן אין אַלערליי ספּעקולאַציעס וועגן מהות פון קונסט און קינסטלער, באַזונדערס אין מהות פון דער וואָרט־קונסט און וואָרט־קינסטלער. זייער זעלטן איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען קלאָר דאָס וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען. אָבער ווען עס איז אים געלונגען, איז געווען אַ פרייד אים צו הערן. און ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס כהנ׳ס פנים האָט געליכטן ווען מאַני לייב האָט פאַר אים אַנטוויקלט זיין שטאַנדפּונקט וועגן דעם, ווען מען קאָן זאָגן וועגן אַ ליד, אַז ס'איז פאַלש. לויט זיין דעפיניציע איז אַ ליד פאַלש ווען דער פּאָעט ברענגט דערין באַוואוסטזיניק אַריין אַ פרעמדן עלעמענט, וואָס האָט צום באַהאַנדלטן תוך קיין שייכות ניט, און מיט וועלכן ער איז אויסן צו „כאַפּן" דעם לייענער. אַמאָל איז עס אַ הויך־מאָראַלישע פראַזע, אין וועלכער דער פּאָעט הילט זיך איין ווי אין אַ טלית כדי צי גילטן ווי אַ טיף עטישע פּערזענלעכקייט. אַמאָל איז עס אַ „הויך" וואָרט דורך וועלכן דער פּאָעט ווייזט זיין גרויס וויסן און קענטעניש. אַמאָל איז עס אַ גאַנגבאַרע קעמפערישע לאָזונג. אַמאָל גלאַט אַ זייטיקער עפעקט. אַמאָל אפילו בלויז פאַרטיקע פּאַ־עטישקייטן און גאָר אַמאָל אַ מיסטיפיקאַציע, צי אַן ענליך מיטל דורך וועלכן דער פּאָעט זוכט צו פאַרדעקן זיינע אַ שוואַכקייט, אויפן זעלביקן שטייגער ווי אַ חזן ווערט אַ בעל בכי ווען די שטים זיינע דינט אים ניט.

דאָס איז געווען אין הסכם מיט מאַני לייבס גאַנצן דיכטערישן מהות. מאַני לייב איז געווען איינער פון יענע גליקליכע צי אומגליקליכע פּאָעטן, וואָס זיינס אַ ליד דאַרף ניט, מען זאָל עס אויסטייטשן, און זעלטן ווען, אַז מען קאָן דערין עפּעס אַריינטייטשן. מען באַנעמט עס אָדער מען באַנעמט עס ניט. דאָס איז, מיין איך, די הויפּט סיבה, און אפשר טאַקע די איינציקע, פאַרוואָס אונדזער קריטיק, וואָס איז אין תוך אַ טייטשערקע, האָט זיך אַזוי ווינציק פאַרנומען מיט אים כל־זמן ער האָט געלעבט. דאָס איז אָבער אויך, מיין איך, די הויפּט סיבה, פאַרוואָס מאַני לייב איז געווען אַ ליבלינג פון פּאָעטן און קינדער, וואָס ביידע נעמען זיי אויף אַ ליד — יעדע קאַטעגאָריע אויף איר שטייגער — אוממיטלבאַר. ווי אַ לאַנדשאַפט וואָס פאַרכאַפּט, ווי אַ פּרי וואָס אירע זאַפטן צעגיסן זיך אין דיר ווען מען נעמט זי אין מויל אַריין, און ווי אַ בליק וואָס פאַרכשופט און לאָזט דורך אַ פרעסטל דורכן חוט השדרה און גלייכצייטיק

גיסט ער אָן דעם גאַנצן לייב מיט פרייד. קריטיקער וואָלטן, ווי פּאָעטן און קינדער, קודם־כל באַדאַרפט קאָנען פאַרכאַפּט ווערן פון אַ ליד, און ערשט נאָכדעם פּרוּוון עס אַנאַליזירן כדי צו זען אין וואָס עס שטעקט זיין כוח. מאַני לייב קאָן אָפט זיין שוואַך אין זיין ליד. ער קאָן זיך אויך באַנוצן מיט אַלטפרענקישע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס זיינען אַנאַכראַניזמען אין אונ־דזער צייט. ער קאָן אַמאָל אַפילו זיין שטאַמליק אין זיין ליד, און דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, טויג עס לחלוטין ניט. מאַני לייב איז געווען דער מעלאָדיש־סטער פון אַלע אונדזערע פּאָעטן, און עס זיינען געווען צייטן ווען ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון זיין מעלאָדיק צו פערזען, וואָס זיינען ניט מער ווי פּאָעטישע איבונגען. ער איז אָבער קיינמאָל ניט געווען פאַלש אין זיין ליד לויט זיין אייגענער דעפיניציע פון פאַלשקייט אין אַ ליד. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַנוצט מיט פרעמדע עלעמענטן, זייטיקע עפעקטן, און אַנדערע מיטלען כדי זיין ליד זאָל פאַרכאַפּן אָדער „קריגן וואָג". דאָס נאָענטסטע צו זייטיקע עפעקטן ביי מאַני לייבן זיינען אין צייט געווען מאַניעריזמען. אָבער צום גליק איז ער פון זיי גאָר גיך אויסגעוואַקסן.

נעכט מיט מאַני לייבן I

זומער, 1915 האָב איך געוואוינט בשכנות מיט מאַני לייבן אין בראָנקס פּאַרק. איך בין דעמאָלט געווען אין גאַנצן אָן באַשעפטיקונג און געהאַט אַ סך פרייע צייט. מאַני לייב האָט דווקא יאָ געהאַט אַרבעט, און אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אַרבעטער, סיי ביי זיין פאַך און סיי ביי אַנדערע פאַכן, וועדליק יענער צייט פאַרדינט נישקשהדיק. אָבער אויך ער האָט געהאַט אַ סך פרייע צייט. ווי אין אַלע יאָרן זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער אויך דעמאָלט געאַרבעט אין אַ שיך־פאַבריק. זיין פרייע צייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער איז געווען זייער אַ גוטער פאַכמאַן. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין מאַכן אַ קליינינקן טייל פון אַ שוך. אַ טייל ביי וועלכן ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט און אַזוי געשיקט, אַז ער האָט איינער אַליין אין זעקס שעה געקאָנט צושטעלן גענוג פון דעם דאָזיקן טייל אויף צו באַדינען אַלע הענט פון אַ גאַנצער פאַבריק אויף אַ גאַנצן טאָג. זיין אַרבעט־טאָג האָט זיך דעריבער פאַרענדיקט אַרום צוויי־דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג. און אַזוי ווי שכנים זיינען מיר געווען און פרייע צייט האָבן מיר ביידע געהאַט, האָבן מיר יענעם זומער אַ סך פאַרבראַכט צוזאַמען. אין די נאָכמיטאָגן אויף איסט בראָדוויי מיט אַנ־דערע יונגע שרייבער אין גודמאַן און לעווינס רעסטאָראַן כל־זמן ער האָט עקזיסטירט, און דערנאָך ווען דער רעסטאָראַן האָט זיך פאַרשלאָסן, אין למד שאַפּיראָס רעסטאָראַן, אויך אויף איסט בראָדוויי, וואָס איז אין מיטן פון יענעם זומער געוואָרן דער צענטער פון אַלע אידישע שרייבער אין ניו יאָרק,

די עלטערע און די אינגערע. די נעכט האָבן מיר פאַרבראַכט אַליין בלויז מיר אין צווייען. מערסטנס אויף די גאַסן און עוועניוס פון באָראָ פּאַרק, און אויף יענע גרויסע און פּוסטע שטרעקעס, וואָס זיינען דעמאָלט געלעגן אויפן דרייעק צווישן באָראָ פּאַרק, בענסאָנהורסט און דעם הינטערלאַנד פון קאָני איילאַנד.

איך ווייס ניט ווי אַזוי יענער טייל פון ברוקלין זעט אויס היינט צו טאָג. מחמת זינט יענעם זומער ווען איך האָב געוואוינט אין באָראָ פּאַרק בין איך דאָרטן געווען ניט מער ווי אַ דריי צי פיר מאָל, און דאָס שוין אויך זייער לאַנג צוריק. אָבער אין מיין צייט זיינען בלויז טיילן פון באָראָ פּאַרק געווען אין גאַנצן פאַרבויט. די אַנדערע טיילן זיינען, אמת, שוין געווען אויסגעשניטן אין גאַסן און עוועניוס. אָבער בלויז די אַספאַלטענע וועגן און די יונגע ביימלעך וואָס זיינען געווען פאַרפלאַנצט אויף זייערע ביידע זייטן האָבן געוויזן, אַז דאָ וועלן אַמאָל זיין גאַסן און עוועניוס. די שטחים וואָס זיינען געלעגן צווישן די אויסגעשניטענע וועגן זיינען נאָך אַלע געווען פּוסטע. דער רוב באַוואַקסן מיט הויכע גראָזן און ווילדע קרייטיכער, די איבעריקע זיינען באַאַרבעט געוואָרן ווי גרינס גערטנער. ביז אויפן היינטיקן טאָג דערפיל איך די פאַר־שיידענע ריחות, וואָס זיינען מיר און מאַני לייבן אַקעגנגעקומען אויף יענע לאַנגע שפּאַצירן, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן ביז איינס און צוויי אַ זייגער ביינאַכט, און אַמאָל אַפילו נאָך לענגער. און ביז אויפן היינטיקן טאָג געדענקן זיך נאָך גוט די אומאויפהערליכע שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט אויף יענע לאַנגע שפּאַצירן. און אַפילו נאָך די צוויי מוזיקאַלישע פראַזן פון טשאַיקאָוו־סקיס אַ סימפאָניע, וואָס פלעגן אַריינפאַלן אין אונזערע שמועסן ווען מיר זיינען מיד געוואָרן, אָדער ווען ס'איז געקומען צו אַ פּונקט ווען מיר האָבן ביידע דערפילט, אַז ס'איז גלייכער דעם שמועס איבערצוהאַקן.

אין דער ערשטער צייט איז אויף די לאַנגע שפּאַצירן צווישן אונז אָנ־געגאַנגען אַן אומאויפהערליכער געפעכט וועגן „סטאַטיק און דינאַמיק". מאַני לייב האָט געפאָדערט דינאַמיק אין ליד. דערמיט האָט ער געמיינט צו זאָגן, ערשטנס, אַז אַן אמתער פּאָעט איז נאָר דער, וואָס איז שטענדיק עמאָציאָנעל און אין שטענדיקן אומרו און אין שטענדיקן עפּעס ווילן, און צווייטנס, דער, וואָס קאָן זיין צושטאַנד איבערגעבן אין זיין ליד אַזוי, אַז עס איז ווי דער פּאָעט גופא, שטענדיק אָנגעלאָדן מיט רעגונג, און וויברירט מיטן צאַפּל פון עמאָציעס. איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז ביידע זאַכן זיינען לאו דוקא. אַ פּאָעט מוז ניט דווקא זיין שטענדיק עמאָציאָנעל און אין שטענדיקן אומרו, און ממילא מוז זיין ליד ניט דווקא וויברירן מיטן צאַפּל פון עמאָציעס. אַ פּאָעט קאָן ביים זען, הערן און דערקענען עפּעס וואונדערליכס ווערן אַזוי אַנטציקט, דאָס הייסט אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם, וואָס ער זעט, הערט אָדער דערקענט, אַז אַלע עמאָציעס זאָלן אויפן מאָמענט ווערן שטיל. איך בין געגאַנגען ווייטער און

געזאָגט, אַז אַפילו די טיפסטע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען קאָנען ערשט דעמאָלט ווי געהעריק אַרויסגעבראַכט ווערן אין ליד ווען זיי ווערן פריער פון דעם פּאָעט אָביעקטיוויזירט. ממילא וועט דער צאַפּל פון די עמאָציעס אין ליד שוין ניט זיין דער זעלביקער ווי אין פאַקטישן לעבן. איך בין גע־גאַנגען אַפילו נאָך ווייטער און באַהויפּטעט, אַז אַ גוט ליד מוז ניט דווקא אַרויס־וואַקסן פון אַ דירעקטער איבערלעבונג. אַ סך פון דעם, וואָס מיר דערפילן אין אַ ליד ווי אַן אויסוואוקס פון אַ פּערזענליכער איבערלעבונג, ווערט פאַקטיש איבערלעבונג ערשט ביים פּראָצעס פון שרייבן, ווען דער פּאָעט איז פאַרנומען מיט דער פאָרונג פון ווערטער און דער אַראַנזשירונג פון שורות. מיט אָט דער לעצטער באַהויפּטונג מיינער האָט מאַני לייב מסכים געווען. ווייל פון זיין אייגענער דערפאַרונג האָט ער געוואוסט, אַז דאָס וואָס מיר נעמען אָפּט אָן פאַרן אויסדרוק פון דירעקטער איבערלעבונג איז אין דער אמתן ניט קיין פּערזענליכע איבערלעבונג פון געגעבענעם מאָמענט, נאָר שאָטנס פון אי־בערלעבונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פאַרשיידענע צייטן פון אונדזער לעבן און זיינען געבליבן דרימלען אין אונדז מי יודע ווי לאַנג, און מיר רופן זיי אַרויס אין זיך ביים שרייבן פאַר אונדזער באַדאַרף, און אַפילו דעמאָלט גייען זיי דורך פאַרשיידענע פאַרבינדונגען און מער ווי איין פאַרוואַנדלונג. אָבער טראָצדעם וואָס ער האָט אין דעם פּרט מסכים געווען מיט מיר, האָט ער פּאָרט ניט מסכים געווען. ווייל סוף כל סוף, האָט ער געזאָגט, איז דאָך עס פאָרט דער רעזולטאַט פון פּערזענליכער איבערלעבונג אָדער איבערלעבונגען, און נאָר די איבערלעבונגען פון דינאַמישן פּאָעט ברענגען צו אַ גוטן ליד.

טעאָריעס, ווי געטער, ווערן געשאַפן אין דער געשטאַלט פון די מענטשן, וואָס קומען מיט זיי. די פאָדערונג פון דינאַמיק איז, ווי די מעלאָדיק, דאָס וויברירן, דאָס בליציקע בילד און דער אומדערוואַרטעטער איבערגאַנג אין זיינע לידער, געווען אין פולן הסכם מיט מאַני לייבס אומרואיקן און אימ־פולסיוון כאַראַקטער. און באַזונדערס אומרואיק און אימפולסיוו איז ער געווען אין די ערשטע וואָכן פון יענעם זומער. איך געדענק ניט, צי ער האָט דעמאָלט געהאַלטן פאַר אָדער שוין נאָך זיין סעריע שניי, לאַנדישן און ווייסע פרייד לידער. פון די שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט אויף יענע לאַנגע שפּאַצירן איז דאָס פאַר אים גראַד געווען די פּאַסיקע צייט פאַר אַזאַ סעריע לידער. פאַר אַנדערע זיינען מאַני לייב, זישאָ לאַנדוי, דוד קאַזאַנסקי און איך דעמאָלט געווען אַן ענגע געשלאָסענע גרופּע, וואָס פאַרטרעט אַ באַשטימטע ריכטונג אין דער ליטעראַטור. אין דער אמתן זיינער מיר, די פּאָעטן פון דער גרופּע, צווישן זיך גופא, דעמאָלט ניט געווען אין גאַנצן שווה בשווה. דעם ווינטער פאַר דעם , בעת איך האָב זיך געפונען אויף אַ טור אין מיטעלן־מערב, אין די אינטערעסן פון דעם זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן״, וואָס איך בין געווען

זיין ליטעראַרישער רעדאַקטאָר, האָב איך ביים משה העס קלוב פון שיקאַגאָ געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין וועלכן איך האָב צום ערשטן מאָל פאָרמולירט דאָס פּראָגראַם פון אונדזער גרופּע. דער זעלביקער פאָרטראַג איז אַ יאָר שפּעטער דערשינען אין דער פאָרם פון אַן אַרטיקל אין דעם זאַמלביכל „פון מענטש צו מענטש", וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון משה לייב האַלפּערן. יענער אַרטיקל האָט זיך, ווי דער פאָרטראַג אויף וועלכן ער איז געווען געבויט, אָנגעהויבן מיט דעם זאַץ: „די נייע ווענדונג פון דער אידישער פּאָעזיע איז די ווענדונג צום לעבן, צום טאָג־טעגלעכן לעבן פון יחיד מיט זיינע ליידן און פריידן". אַרום דעם דאָזיקן ערשטן זאַץ איז געוואָרן אַ שטיקל מחלוקה צווישן מיר און זישאָ לאַנדוי פון איין זייט און מאַני לייב פון דער אַנדערער זייט. מאַני לייב האָט בלויז מסכים געווען מיט דער ערשטער העלפט פון דעם זאַץ, אַז די נייע ווענדונג פון דער אידישע פּאָעזיע דאַרף זיין צום לעבן פון יחיד. ער האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין, אַז די ווענדונג דאַרף זיין „צום טאָג־טעגלעכן" לעבן פון יחיד. לאַנדוי און איך האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין דעם סאַמע רעאַליסטישן פעריאָד פון אונזער שרייבן, און מאַני לייבן האָט דעמאָלט געצויגן צום יום־טוב'דיקן, ראָמאַנטישן, און ווי לאַנדוי האָט עס שפּעטער אָנגערופן דעם „ניט־דאָאיקן". מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרדיכטן דאָס טאָג־טעגלעכע, וואָכעדיקע צוליב עטליכע טעמים. איינער, וואָס איז געטיילט געוואָרן פון לאַנדוין און מיר, איז געווען אַ ריין פאָרמאַ־ליסטישער. דורך פאַרדיכטן דאָס וואָכעדיקע וועלן מיר זיין באַהיט קעגן פאַרטיקע פּאָעטישע שאַבלאָנען. די אַנדערע זיינען געווען אידעאָלאָגישע, אַזוי צו זאָגן. אָבער די אַנדערע זיינען שוין ביי לאַנדוין און מיר ניט געווען די זעלביקע. לאַנדוי האָט געהאַלטן, אַז דורך דעם פאַרדיכטן דאָס טאָג־טעגליכע, וואָכעדיקע, וועט דורכן ליד געוויזן ווערן, אַז פרייד איז דאָ און קאָן זיין אומעטום און אונטער אַלע צושטאַנדן. איך ווידער האָב געפּרעדיקט די פאַרדיכטונג פון דעם וואָכעדיקן, כדי צו ווייזן ווי גרוי, ווי אָרים און ווי נודנע עס איז די אַטמאָספערע אין וועלכער מיר זיינען פאַרמשפּט צו לעבן. מאַני לייב האָט ניט געוואָלט הערן וועגן אַריינברענגען אין ליד דאָס, וואָס ער האָט אַזוי פיינט אין לעבן. לויט זיין מיינונג האָט דאָס ליד זיך געדאַרפט פאַרנעמען נאָר מיטן אינערליכן לעבן פון יחיד, וואָס וואַרפט אָפּ פון זיך דעם גרויען, וואָכעדיקן אָרום, און חלומט פאַר זיך אויס אַ שענערע און ליכטיקערע וועלט. אין זיין וואָכעדיקן אַרום האָט ער שטענדיק געהאַט פאַר די אויגן אַ פאַרמאַטערט, דערשלאָגן און פאַראומערט ווייב און פיר פּיצלעך קינדער, וואָס זי האָט אים, ווי אַ גוט און געטריי ווייב, געבראַכט רעגלמעסיק אַלע צוויי יאָר איינס. ענליכס האָט ער געזען ביי מיר, און ענליכס אויך ביי אַנדערע קאָלעגן, וואָס ער האָט געקענט. מיט אַן אויסנאַם פון איין איינציקן, האָט ער

מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן אויף איינעם פון אונזערע שפּאַצירן, האָבן מיר אַלע אַרום זיך קליאַטשעס. אַלץ וואָס זיי קאָנען איז ברענגען קינדער אויף דער וועלט. פאַר זיי איז גענוג ווען זיי האָבן פאַרן אויסקומעניש פאַר די קינדער און קאָנען זיי באַלעקן חי קי, וואָס באַלעקן זייערע קעלבער. אַוודאי איז אויף זיי אַ גאָטס רחמנות. אָבער אויף אונז איז נאָך אַ גרעסערער רחמנות. וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט האָבן איז דאַמען, מיט אַ סך גלאַנץ און רחבות אַרום זיך, וואָס זאָלן אונז פאַרשטיין און מאַכן אונזער לעבן שענער, באַ־קוועמער און ווירדיקער. אָט אַזאַ דאַמע האָט ער פאַר זיך אויסגעחלומט אין דער דערמאָנטע סעריע לידער אין דער געשטאַלט פון דער „ווייסער פרייד״, וואָס קומט צו אים אין דרייצן שלייערן אין אַ פּריצישן שלאָס אַריין, וואו ער אַליין ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטרענגען, הערשערישן בייזן פּריץ. אפשר דער איינציקער פאַרהערליכטער הערשערישער פּריץ אין דער אידישער פּאָעזיע. אוודאי איז דאָס נאָר געווען אַ פּאָעטישע אויסטראַכטונג, וואָס איז אים אַליין זיין גאַנץ לעבן געווען דערווידער. אָבער דער פאַקט, אַז ער האָט אין איין קורצן פּעריאָד פון זיין לעבן געקאָנט שאַפן פאַר זיך אַזאַ אויסגע־חלומטע דאַמע ווי די „ווייסע פרייד״ און זיך אַליין פאַרוואַנדלען אין אַזאַ אומרעאַלער פּריצישער געשטאַלט, דער דאָזיקער פאַקט אַליין ווייזט צו וועלכן עקסטרעם עס האָט געקאָנט פירן דער גרויער, וואָכעדיקער און נודנער אַרום, וואָס איז אים דעמאָלט געווען אַזוי פאַרהאַסט.

אגב, איז דאָס דאָזיקע פּאָעטישע רייסן זיך פון דעם פאַרהאַסטן אַרום, ביי מאַני לייבן געווען אַ פאַרשפּיל צו אַ פּאַקטישן רייסן, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן טאַקע אין יענעם זומער. קיין גרויסע שענהייט איז מאַני לייבס ערשטע פרוי, כאַסיע, ווי עס ווייזט אויס, קיינמאָל ניט געווען. אָבער פון דעם וואָס איך האָב געהערט וועגן איר פון מאַני לייבן האָט זי אַלס מיידל געהאַט אַ סך חן, און ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אַז ווען ער איז אַוועק פון ניעזשין האָט ער נאָך איר זייער שטאַרק געבענקט, און אין דער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין לאָנדאָן איז זי אין זיין בענקשאַפט אויס־געוואַקסן אַזאַ שיינער חלום פאַר אים, אַז ווי נאָר ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק און ער האָט אָנגעהויבן עפּעס פאַרדינען, האָט ער גלייך געשיקט נאָך איר און זי איז געוואָרן זיין ווייב. ווי אַזוי זי האָט דאָ אין ניו יאָרק אויסגעזען ניט לאַנג נאָך איר חתונה וועגן דעם האָבן מיר בלויז איין פּיצל ידיעה אין די זכרונות פון יוסף ראָלניק. ווען ער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל ניט לאַנג נאָכדעם ווי ער איז צום צווייטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע אין 1907, דערציילט ראָלניק, איז זי שוין געווען אַ מאַמע פון אַ קינד און דעמאָלט האָט זי געהאַט „אַ מויל ווי אַן אויפגעשניטענער אַפּל״. גענוי, וואָס ער האָט מיט דעם פאַרגליך געוואָלט באַצייכנען, דאָס ווייס איך ניט. אָבער פונם טאָן

אין וועלכן ער דערציילט דאָס, דרינג איך, אַז זי האָט אויף אים געמאַכט זייער אַ ליבן איינדרוק ווען ער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל, און אַז עס האָט געווייט פון איר מיט יונגשאַפט און פרישקייט. אין 1910 האָט שוין מאַני לייב צו איר אַ ליד, וואָס לייענט זיך אַזוי:

איך האָב דיך פיינט!... נאָר ווען פאַרוויגט און צערטליך איינגעקוש̈ט
דאָס קליינע, בלאַסע קינד אין שטילער, שמייכלדיקער רו
אַ רגע עפנט אויף די אייגעלעך, אַ רגע מאַכט זיי צו,
מיט שלאָפנדיקע ליפּלעך ציט זיך צו זיך צו דיין ברוסט,

און פון די אויגן דיינע טרערן דינע רינען שטיל אַראָפּ,
דאָס קינדערשע פּנימל באַטויענדיק מיט טרערן־טוי,
דאַן בייג איך טיף צו דיינע פיס, אַ, מאַמע, אַט אַזוי
מיין זינדיקן, מיין זינדיקן, מיין אומגליקליכן קאָפּ.

פון דענסטמאָל אָן געדענק איך זעלטן, אַז מאַני לייב זאָל אין זיינעם אַ ליד זי דירעקט דערמאָנען. אָבער פון דעמאָלט אָן חזרט זיך איבער דאָס וואָרט „זינד" זייער אַ סך מאָל אין זיינע לידער, גאַנץ אָפט באַנאַל געגראַמט מיט „קינד", אָבער ניט דערפאַר ווייל ער האָט קיין בעסערן גראַם ניט געקאָנט געפינען, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען פאַר אים דער בעסטער אויסדרוק פון אַ שולד־געפיל מיט וועלכן מאַני לייב האָט זיך אַרומגעטראָגן גאָר אַ היפּשע צייט. אַ שולד־געפיל, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון זיינעם אַ פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן די פרוי, וואָס ער האָט אַמאָל אַזוי ליב געהאַט און איז אים איצט ־געוואָרן אַלץ פרעמדער און פרעמדער, טראָצדעם וואָס זי האָט אים שוין באַ־שאָנקען מיט עטליכע קינדער.

ווען איך האָב דערזען כאַסיען צום ערשטן מאָל — אַרום 1911־1912 — איז פון איר אַמאָליקן חן מער קיין שפּור ניט געווען. אין אַן אָנהויב נאַכט איז עס געווען, ווען מאַני לייב האָט מיך צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט צו זיך אין אַ קליינער, ענגער וואוינונג ערגיץ וואו אויף אַ ברודיקער גאַס, אין אַ געדיכט באַוואוינטער געגענט פון וויליאַמסבורג. די קינדער זיינען שוין געשלאָפן ווען איך בין אַריינגעקומען אין דעם טונקל גרינעם קיכל, וואָס איז געווען באַלויכטן, ווי טויזנטער אַנדערע ענליכע קיכלעך, פון אַ קליינעם גאַז־ברענער, וואָס האָט געצישעט אויף אַ וואַנט ניט ווייט פון אַ גרויסן קוילן־אויוון. פון אַ זייטיקן צימער, אין וועלכן עס זיינען אַפּנים געשלאָפן די קינדער, איז זיין פרוי אַריינגעקומען, מיט באָרוועסע פיס אין פאַנטאָפל, אַ קליינינקע, אַ פעטענקע אין אַ לויז קאָפּטל איבער אַן אָפּבלאַקירטן קליידל, דאָס קיילעכ־דיקע פּנימל אַלט פאַר דער צייט, מיד און דערשלאָגן. נאָר די גרויסע, שוואַרצע

אויגן, וואָס זי האָט אויפגעהויבן דאָ צו מיר און דאָ צו מאַני לייבן, מיט פאַרוואונדערונג צו מיר ווי זי וואָלט פרעגן, ווער עס איז דאָס דער פרעמדער וועמען איר מאַן האָט איצט געבראַכט, און מיט פאַרדראָס צום מאַן, למאַי ער האָט איצט געבראַכט אַ פרעמדן אין הויז אַריין. נאָר די אויגן אירע האָבן געוויזן, אַז מאַני לייב האָט אַלס גאָר יונגער בחור ניט גערדאַרפט זיין דווקא אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך באַהערשן פון מאָמענטאַנע אימפּולסן ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין איר. אַ בחור וואָס איז אויסגעוואַקסן מיט איר אין איין שטאָט און אפשר גאָר אויך אויף איין געסל, האָט זיך געקאָנט פאַרליבן אין איר ווען זי איז געווען אַ מיידל און יונג. מאַני לייב האָט זי אויך נאָך אפשר געקאָנט ליב האָבן אין דער צייט ווען ראַלניק האָט זי געזען צום ערשטן מאָל. אָבער זינט דעמאָלט ביז יענעם פריען אויף דער נאַכט ווען איך האָב זי געזען צום ערשטן מאָל, איז מאַני לייב אין אַלע פּרטים אַוועק אַזוי וויט פאַראויס און זיין פרוי איז, ווידער אין אַלע פּרטים, געבליבן אויף אַזוי פיל הינטער־שטעליק לגבי אים, אַז עס וואָלט פשוט געווען אַ נס ווען ער זאָל ניט בהדרגה אָנהייבן וואַרפן אַן אומחן אויף איר. אין די עטליכע יאָר איז מאַני לייב אויס־געוואָקסן צו אַ באַרימטן פּאָעט, און אין די עטליכע יאָר האָט ער זיך אויך צעבליט פיזיש. אין אויסזען איז ער תמיד געווען דער שיינער, טיפּישער פּאָעט. אָבער אין לויף פון עטליכע יאָר איז ער עס געווען מער ווי אַלעמאָל. זיין רום און זיין שיינקייט האָבן געבראַכט דערצו, אַז אַ סך פרויען אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין אים וואו נאָר ער האָט זיך באַוויזן, און אַנדערע האָבן אים אָפן געליאַשטשעט מיט זייערע בליקן. ער האָט גערדאַרפט זיין מער ווי מענטש־ליך, אַז דאָס זאָל אים ניט אימפּאָנירן, און אַ מלאך, אַז ער זאָל ניט אָנהייבן מאַכן קיין פאַרגלייכן צווישן די אַלע פרויען, וואָס האָבן אים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ליבשאַפט און פאַרערונג, און זיין פרוי, וואָס האָט אין אים, ביי איר גאַנצער ליבשאַפט, געזען בלויז איר מאַן. און פאַרשטייט זיך, אַז פון אַלע פאַרגלייכן איז כאַסיע אַרויסגעקומען די מינדערוויכטיקע. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס גאָר אַ גרויסע צאָל לידער זיינע זיינען פול מיט אומצופרידנקייט און אַ רייסן זיך ערגיץ וואו, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין.

אַ רייסן זיך ערגיץ וואו. אָבער צו כאַסיען איז ער פאָרט געווען צוגעבונדן מיט אומצייליקע פעדים פון ליבשאַפט און צערטליכקייט. ווען אַפילו נאָר פון דעם סאָרט, וואָס עס בלייבט צו אַ פרוי וועמען מען געדענקט די „גענאַד פון דער יוגנט", און וואָס איז די מאַמע פון דיינע קינדער, אָבער פאָרט אַ ליבשאַפט און אַ צערטליכקייט. אין די יאָרן זינט איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל ביז דעם זומער פון 1915, זיינען געווען ביי מאַני לייבן עטליכע לייכטע פלירטן, אָבער קיין איינע האָט לאַנג ניט געדויערט. און פון די פלירטן האָט דווקא געוואוסט כאַסיע. וואָרים נאָך יעדן פלירט אַזאַ איז מאַני לייב צוריק־

געקומען צו איר מיט מער ליבשאַפט און צערטליכקייט. אָבער כל־זמן דער פלירט האָט געדויערט האָט ער דערזען זי און די קינדער פאַרלאָזענע, און זיך געפילט שולדיק למאי זיי זיינען פאַרלאָזן, און אָט דאָס שולד־געפיל האָט געפונען אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי פון זיינע לידער פון יענער צייט. אַ שטיקל צייט איז ביי מאַני לייבן אויך געווען אַ ריין פּלאַטאָנישע ליבע צו דער פרוי פון אונדזערן אַ נאָענטן חבר, צו וועלכער קיינער פון אונדז איז דעמאָלט ניט געווען אין גאַנצן גלייכגילטיק. איצט ווען סיי ער און סיי יענער חבר אונדזערער זיינען שוין ביידע אויפן עולם־אמת, מעג מען שוין אויסזאָגן, אַז פּלאַטאָניש פאַרליבט איז מאַני לייב אַ שטיקל צייט געווען אין מיני איגנאַטאָוו, די פרוי פון דוד איגנאַטאָוו. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אויב זי וועט איבערלייענען די שורות וועט עס פאַר איר זיין אַן איבעראַשונג, מחמת אין דער צייט ווען מאַני לייב איז אין איר געווען פּלאַטאָניש פאַרליבט האָט זי דאָס ניט אָנגעהויבן וויסן, פונקט ווי זי האָט ניט געוואוסט, אַז אויך מיר, די אַנדערע חברים איגנאַטאָווס, וואָס פלעגן אין דער ערשטער צייט נאָך זייער חתונה קומען צו זיי יעדן זונטאָג נאָכמיטאָג, ווי מיר זיינען יאָרן פריער יעדן זונטאָג געקומען צו איגנאַטאָוון אין זיין בחורשן חדרל אויף וואַשינגטאָן עוועניו, זיינען אויך יעדער אויף זיין אופן שטיל געווען פאַרליבט אין איר. און ניט אומזיסט. וואָרים דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל ווען צווישן אונדז האָט זיך באַוויזן אַ פרוי, וואָס פון איר האָט געווייט מיט אַנדערשקייט. אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, דערצויגן אין אַ הויז, וואו דער טאַטע האָט אין זיינע יונגע יאָרן געחלומט וועגן ווערן אַן אָפּערע זינגער און איז דערנאָך זיין גאַנץ לעבן געווען קאַנטאָר אין איינעם פון די רייכסטע רעפאָרם טעמפּלען אין ברוקלין, און די מאַמע איז אין די יונגע יאָרן געווען אין דעם קרייז פון דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער אינטעליגענץ, וואָס עטליכע פון זיי זיינען געווען פּראָמינענט ווי שרייבער, און זי אַליין האָט אויך געהאַט ליטעראַרישע אַספּיראַציעס, איז קיין וואונדער ניט, וואָס מען האָט איר פון איר פריעסטער קינדהייט אָן געזוכט צו געבן די בעסטע דערציאונג. קוים האָט זי אַרויסגעוויזן אַ ווילן און פאַרשטענדעניש פאַר מוזיק האָבן אירע עלטערן אויסגעזוכט פאַר איר די בעסטע פּיאַנאָ און מוזיק לערער, און אַרויסגעוויזן האָט זי אַזוינע פעאיקייטן, אַז איידער זי האָט זיך געטראָפן מיט איגנאַטאָוון זיינען אירע עלטערן געווען זיכער, אַז זי וועט איין טאָג ווערן גאָר אַ באַרימטע פּיאַניסטין. און מיר אַלע זיינען וועגן דעם געווען ניט ווייניקער זיכער נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט איר. פון אָט דער יונגער פרוי, וואָס איז אין אונדזערע אויגן שוין געווען אַ פאַרטיקע קינסט־לערין, האָט געווייט מיט אַ זיידענער שטילקייט, אַריסטאָקראַטישער פּשוטקייט און אַן אָפענער תמימות, וואָס האָט אונדז געמוזט פאַרכאַפּן.

אַט די שטילע, פלאַטאַנישע ליבע האָט מאַני לייבן נאָכמער ווי אַלע זיינע פריערדיקע פלירטן געמאַכט זייער אומרואיק און אין זיין אומרואיקייט האָט ער געזען זיינע קינדער מער פאַרלאָזן ווי ווען עס איז פריער. לידער זיינען געוויינטליך ניט קיין שטאַרק פאַרלעסליך ביאָגראַפיש מאַטעריאַל. וואָרים ניט אַלעמאָל קאָן מען אָנווייזן גענוי, וואָס עס האָט געמאַכט אַ פּאָעט שרייבן אַזוינע לידער דווקא אין איין צייט און ניט אין קיין אַנדערער. אָבער דורך געוויסע אויסדרוקן און געוויסע טענדענצן, אויב זיי חזרן זיך אַ סך איבער אין איין צייט, קאָן מען אָנווייזן צו וועלכן פעריאָד די אָדער יענע לידער ביי אַ פּאָעט געהערן. אָבער איך וועל דאָ ברענגען צוויי לידער, וואָס איך דאַרף ניט פּרוואוון טרעפן פון וועלכער צייט זיי שטאַמען. מחמת מאַני לייב אַליין האָט מיר, גליך נאָכדעם ווי ער האָט זיי אָנגעשריבן, געזאָגט פון וואָס זיי זיינען אַרויסגערופן געוואָרן.ביידע שטאַמען זיי פון יענע זונטאָג נאָכמיטאָגן אין די ערשטע חדשים נאָך איגנאַטאָווס חתונה, ווען מיני האָט כמעט שטענדיק געשפּילט פאַר אונדז. ביידע לידער הייבן זיך אָן מיטן קורצן זאַץ: „זי שפּילט״, און איינס לייענט זיך אַזוי:

זי שפּילט: מיין גליק איז ווייט פון מיר פאַרפלויגן.
מיין גליק וועסט קומען ווען צוריק? — געוויס... געוויס...
און ער פאַרלעשט דאָס ליכט, און פאַלט פאַר אירע פיס,
און בלייבט אַזוי ביים פּיאַנאָ אויסגעצויגן.

נאָר זי, זי שפּילט פאַר די וואָס זיצן איינגעבויגן
אין ווינקל שוויגנדיק. זי שטעלט זיך אויף: — גענוג!
און פון דער פינסטער שמייכלט איינער קלוג,
און איינער ברענט מיט גרויע, נעפּלדיקע אויגן.

אין דעם דאָזיקן ליד האָט מאַני לייב פּשוט איבערדערציילט אַ סצענע, וואָס איז איינמאָל אין אַ זונטאָג אָוונט פאָרגעקומען ביי איגנאַטאָוון אין שטוב. מיני איז דעמאָלט ניט געווען ביי דער שטימונג פון שפּילן. אָבער פאַר איגנאַטאָוון וואָלט יענער זונטאָג געווען אַ פּוסטער און אַ וואָכעדיקער, ווען זיין פרוי וואָלט ניט געשפּילט. ער איז דעריבער צו איר צוגעשטאַנען איינמאָל, אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל ביז זי האָט מסכים געווען און איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ. איגנאַטאָוו, וואָס האָט תמיד ליב געהאַט פּאָמפּ, האָט ווי אַלעמאָל אין דער צייט פון איר שפּילן אויסגעלאָשן אַלע עלעקטרישע ליכטער און אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד לעבן זיין שפּילענדיקער פרוי, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט און די הענט פאַרלעגט אויפן ברוסט־קאַסטן. אָבער פּלוצים האָט מיני איבערגעהאַקט דאָס שפּילן אין מיטן און

איז אַנטלאָפן פון פאַרלאָר און אויף אַ שטיקל צייט זיך איינגעשלאָסן אין איר צימער. וואָס פאַר אַ וויבערשער צי קינסטלערישער קאַפּריז עס האָט געפירט צו דער סצענע פון איבערהאַקן דאָס שפּילן און דאָס אַנטלויפן פון פאַרלאָר, דאָס האָט נאָר זי אַליין געוואוסט. און אפשר זי אַליין אויך נאָר אויפן מאָמענט. אָבער מאַני לייב האָט איר טאַט אויסגעטייטשט לויט זיין פילן, און פאַרשטייט זיך, אַז דער „איינער וואָס ברענט מיט גרויע, נעפּלדיקע אויגן״, דאָס איז געווען ער אַליין. דאָס צווייטע ליד לייענט זיך אַזוי:

זי שפּילט, איך וויין. די לאַנגע ציטערדיקע פינגער
ווי בלייכע לאַנדישן פאַרבענקטע אין דער פינצטער, —
פאַרבענקטע זוכן זיי און בלאַנדזשן און געפינען.
און מיינע קינדער ווײַנען, ווײַנען, מיינע קינדער.

איך האָב אין אָוונט אָנגעטאָן זיי ווייסע העמדלעך,
איך האָב געלייגט זיי שלאָפן, און דעם לאָמפּ פאַרלאָשן,
די טיר פאַרשפּאַרט, אין האַנט געהאַלטן לאַנג דעם שליסל,
די טרעפּ אַראָפּ און ביז אַהער געקומען.

ווי בלייכע לאַנדישן פאַרבענקטע אין דער פינצטער, —
זי שפּילט, איך וויין. די לאַנגע ציטערדיקע פינגער
פאַרבענקטע זוכן זיי און בלאַנדזשן און געפינען.
און מיינע קינדער קליינע, אין די ווייסע העמדלעך,
מיט שלאָפנדיקע אויגעלעך ווײַנען מיינע קינדער.

אָט דאָס צווייטע ליד איז קינסטלעריש אַ שלעכט ליד. ווייל פאַר די וואָס ווייסן ניט (און קיינער איז ניט מחויב צו וויסן), איז אומפאַרשטענדליך די סמיכת הפרשה צווישן איר שפּילן און זיין ווײַנען, איר שפּילן און דאָס ווײַנען פון זיינע קינדער. פאַר זיי איז אויך אומפאַרשטענדליך, פאַרוואָס מאַני לייב דערציילט אין דעם דאָזיקן ליד אַזוי בפרטיות ווי אַזוי ער האָט זיינע קינדער אָנגעטאָן ווייסע העמדעלעך, געלייגט זיי שלאָפן, די טיר פאַרשלאָסן, אין האַנט לאַנג געהאַלטן דעם שליסל ביז ער איז צום סוף אַראָפּ די טרעפּ און געקומען אַהער וואו זי שפּילט. און ואחרי ככלות הכל ווייס ערשט ניט דער לייענער, ווי אַזוי זיינע קינדער זיינען פּלוצים געקומען אַהער צום פּלאַץ וואו זי שפּילט, נאָכדעם ווי ער האָט זיי אָנגעטאָן ווייסע העמדעלעך, געלייגט זיי שלאָפן, דעם לאָמפּ פאַרלאָשן און די טיר פאַרשפּאַרט הינטער זיך. דער לייע־נער ווייס ניט, ווייל ער איז ניט מחויב צו וויסן, אַז דאָס קומען אין דער פאַנטאַזיע צו אים זיינע קינדער ווײַנען ווען זי שפּילט, ווייל איר שפּילן מאַכט

אים אומרואיק און זיין שולד־געפיל שיקט זיי אים אונטער, ווייל ער זעט זיי שוין פאַרלאָזענע. דאָס איז איינס פון יענע לידער ביי מאַני לייבן, וואָס איך באַצייכן ווי שטאַמליקע.

נעכט מיט מאַני לייב II

אין יאַנואַר 1915 האָט אונדזער גרופּע איבערגענומען דעם בעלעטריס־טישן טייל פון זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן", וואָס דר. קאַרל פאַרנבערג האָט אַרויסגעגעבן מיט דער נאָענטער מיטאַרבעטונג פון יצחק אייזיק הור־וויטש, יעקב מילך, א. ש. זאַקס און אַנדערע סאָציאַליסטישע און האַלב סאָציאַ־ליסטישע פּובליציסטן. די גרופּע האָט אויך צוגעצויגן מנחם באָריישאָ, וואָס איז בלויז מיט עטליכע חדשים פאַר דעם געקומען קיין ניו יאָרק פון וואַרשע, און וואָס איז דעמאָלט, ווי אַ סך יאָרן נאָכדעם געווען באַקאַנט ווי סתם „מנחם". מיך האָט די גרופּע אויסגעקליבן פאַרן רעדאַקטאָר פון בעלעטריסטישן טייל. אָבער אין דער אמתן האָב איך פאַקטיש רעדאַקטירט בלויז דעם ערשטן, יאַנואַר נומער און אויך דעם פינפטן, מאַי נומער, וואָס איז אַרויס נאָך פּרץ'ס טויט און איז אין גאַנצן געווען געווידמעט זיין אָנדענק. און אַזוי ווי מיט דעם נומער האָט דער זשורנאַל זיך אָפּגעשטעלט, האָט דר. קאַרל פאַרנבערג, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ חוץ אַ רעדאַקטאָר פון דעם דערמאָנטן זשורנאַל, אויך אַ ביכער פאַרלעגער, פאַר אָט דעם לעצטן נומער פון „ליטעראַטור און לעבן" געלאָזט אָפּדרוקן אַ נייע הילע און אים פאַרוואַנדלט אין אַ זאַמלבוך לכבוד דעם אָנדענק פון י. ל. פּרץ. איך האָב רעדאַקטירט בלויז דעם ערשטן און לעצטן נומער פון אָט דעם בשותפותדיקן זשורנאַל, ווייל נאָכן צוזאַמענ־שטעלן פון ערשטן נומער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אין די אינטע־רעסן פון דעם זשורנאַל אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ, מערסטנס אין די מיטל־מערב שטאַטן. פיר חדשים האָב איך זיך געזוימט אויפן וועג, געזאַמלט הונדערט און עטליכע זעכציק אַבאָנענטן פאַרן זשורנאַל, פאַרקויפט אַ היפּש ביסל ביכער פאַר פאַרנבערגס פאַרלאַג און בין אַהיים געקומען פאַר פּסח מיט צעריסענע שיך אויף די פיס, אַ צעריסענעם קאָפּעלוש אויפן קאָפּ, מיט אַ אַ חוב פון הונדערט אַכט און זעכציק דאָלאַר צו פאַרנבערגן, וואָס האָט אין צווישן געצאָלט מיין פרוי אַ באַשטימטע סומע יעדע וואָך אויפן חשבון פון דעם, וואָס איך וועל פאַרדינען, לויט פּראָצענטן, פון דעם ביכער פאַרקויף און דער שאַפונג פון אַבאָנענטן, און אַ זייער פּעסימיסטישער קוק אויף דעם לייענער־מאַטעריאַל און די אויסזיכטן פון אַן אױדיטאָריע פאַר דער אַמעריקאַנער אי־דישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אַהיים געקומען בין איך אַרום עלף אַ זייגער פאַרמיטאָג. פאַרנאַכט זיינען ביי מיר אין שטוב שוין געווען מאַני לייב און דוד קאַזאַנסקי. אין אַ שמועס

וואָס מיר האָבן געהאַט וועגן מיין רייזע, האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיינע חברים: — חברה, ס׳איז אונז וואויל! מיר האָבן ניט קיין איינציקן לייענער, און מיר קאָנען שרייבן ווי אַזוי נאָר מיר ווילן. בײדע האָבן זיך צעלאַכט. אָבער מאַני לייב האָט ניט געגלויבט וואָס איך זאָג. — ניין! וואָס הייסט? ס׳קאָן ניט זיין! טאָקע ניט קיין איינציקן לייענער? — איך האָב צוגעגעבן אַז מיט דעם „קיין איינציקן" בין איך שטאַרק מגזם. אָבער אין תוך בין איך אין מיין מגזם זיין ניט ווייט פון אמת. פון די ביכער וואָס איך האָב פאַרקויפט אויף דער פּראָווינץ, פון די שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט די „בעסטע לייענער", פון דעם אָפּרוף, וואָס איך האָב געהאַט אויף מיינע פאָרטראַגן, וואָס איך האָב געהאַלטן אויפן וועג, און בכלל פון באַקענען זיך מיט פאַרשיידענע שיכטן אידן און זען פון וואַנען עס האָבן זיך דעמאָלט רעקרוטירט די קויפער און לייענער פון אידישע ביכער, בין איך געקומען צו דער אויבן דערמאָנטער מסקנה. — אייער „אינגל צינגל כוואַט" — האָב איך געזאָגט מאַני לייבן, אייער „דער פּרעמדער", „בלימעלעך קרענצלעך" און אַנדערע פאָלק־מעשה׳ס און באַלאַדן, וועלן זיכער האָבן לייענער. אָבער בנוגע אייערע לירישע לידער און אונזערע אַלעמענס לירישע לידער און אַפילו דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס שילדערן דאָס אידיש־אַמעריקאַנישע לעבן, בין איך שטאַרק מסופק. אויף דער דאָזיקער רייזע האָב איך איינגעזען די הויפּט סיבה פאַרוואָס די ערשטע אידישע שרייבער און דיכטער אין אַמעריקע האָבן יאָ געהאַט אַן אוידיטאָריע און פאַרוואָס מיר וועלן זיי אַ צייט לאַנג און אפשר קיינמאָל ניט האָבן. גייענדיק צו פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען און באַקענענדיק זיך מיט פאַרשיידענע סאָרטן מענטשן האָב איך געזען, אַז די אוידיטאָריע, וואָס די שרייבער פאַר אונז האָבן פאַר זיך דערוואָרבן אין אַמעריקע, האָבן זיי אַליין געשאַפן פאַר זיך. ווייל זיי זיינען געקומען מיט אַן עולם, וואָס איז על פי רוב געווען אַנאַלפאַבעטיש ווען ער איז געקומען אַהער. יענער עולם האָט אין דער אַלטער היים קיינמאָל קיין זאַך ניט געלייענט. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אָנגעהויבן צו לייענען צייטונגען. דאָ האָט ער אויך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אָנגעהויבן גיין אין טעאַטער און צו פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע מען האָט פאַר אים געהאַלטן רעדעס און פאַר אים פאַרגעלייענט און פאַרגעזונגען לידער און פּאָעמעס. סיי אין די רעדעס און סיי אין די לידער און פּאָעמעס, וואָס זיינען פאַר אים פאַרגעלייענט געוואָרן מיט גרויס פּאַטאָס, איז גערעדט געוואָרן וועגן זיינע אייגענע ליידן אַלס אימיגראַנט און עקספּלואַטירטער אַרבעטער, און דאָס איז געווען גענוג, אַז עס זאָל אים פאַרכאַפּן. ווי שיין עס זיינען געווען די רעדעס, וואָס מען האָט פאַר אים געהאַלטן, און ווי גוט די לידער און פּאָעמעס, וואָס זיינען פאַר אים דעקלאַמירט און געזונגען געוואָרן, דאָס האָט ער ניט געוואוסט, און דאָס איז אים אויך ניט אָנגעגאַנגען. פאַר

אים איז געגוג געווען צו וויסן, אַז דאָס רעדט מען, זינגט מען און דעקלאַמירט מען צו אים און וועגן אים און זיינע ליידן. די רעדעס, לידער און פּאָעמעס זיינען אים ממילא געוואָרן ליב און טייער. און אויב אַ סך טויזנטער האָבן זיך געקוויקט מיט די לידער און פּאָעמעס ווען מען האָט זיי געזונגען און דעקלאַמירט פאַר זיי, האָבן הונדערטער, און אין אַ סך פאַלן אַפילו טויזנטער, געקויפט די אַלע לידער און פּאָעמעס, ווען זיי זיינען געזאַמלט געוואָרן אין בוך־פאָרם. דאָס זעלביקע אויך מיט די דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין די צייטונגען.

יענער ביכער־קויפער און ביכער־לייענער איז געווען און פאַרבליבן אַ פּראָלעטאַריער. פון אַ גאַנץ אַנדערן מין איז געווען דער עולם, וואָס איז געקומען אַהער קיין אַמעריקע אין איין צייט מיט אונז, דער צווייטער אָדער בעסער געזאָגט, דער דריטער דור שרייבער אין אַמעריקע. ער איז אין זיין גרויסער צאָל אין דער אַלטער היים באַשטאַנען פון באַלעבאַטישע קינדער, און אַ סך פון זיי זיינען געווען ישיבה־ און בית־מדרש בחורים. און כאָטש די מערסטע פון זיי זיינען, אין די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן ווינציקסטנס אַוועק אַרבעטן אין די שעפּער, האָבן זיי זיך אָבער בשום אופן ניט געקאָנט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז זיי וועלן טאַקע פאַרבלייבן אַרבעטער אויפן גאַנצן לעבן. גאָר אַ גרויסער טייל פון זיי, באַזונדערס אויף דער פּראָווינץ, האָט טאַקע זייער שנעל פאַרביטן דעם שאַפּ אויף אַ „ביזנעס". אָט דער דאָזיקער עולם איז אין זיין רוב שוין מער ניט געווען אַנאַלפאַבעטיש, ווי יענע אימי־גראַנטן, וואָס זיינען געקומען אינאיינעם מיט די ערשטע צוויי דורות שרייבער אין אַמעריקע. דער עולם האָט שוין אין דער אַלטער היים געלייענט ניט נאָר צייטונגען נאָר אויך ביכער, און ניט נאָר אידישע נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן. ער האָט שוין גהאַט זיין געשמאַק און זיינע ליבלינגען אויף יענער זייט ים, און כדי דאָס וואָס ער האָט געלייענט דאָ זאָל צו אים אַפּעלירן, האָט עס געדאַרפט זיין אינם גייסט און גוסט פון די שרייבער, וואָס ער האָט ליב געהאַט אויף יענער זייט ים. דאָס האָבן אים די עלטערע אידישע שרייבער און דיכטער אין אַמעריקע ניט געקאָנט צושטעלן. פאַר אים זיינען יענע עלטערע שרייבער געווען צו פּרימיטיוו און צו אומגעהובעלט, אַז ער זאָל זיי וועלן לייענען. אַ חוץ דעם האָט דער אינהאַלט פון זייערע זאַכן אויף אים מער ניט געמאַכט דעם רושם, וואָס אויף דעם פריערדיקן עולם. שוין דערפאַר אַליין, וואָס דער גרעסטער טייל פון די נייע אימיגראַנטן, הגם ער איז געגאַנגען אין שאַפּ אַריין, האָט ער אָבער, ווי געזאָגט, בשום אופן זיך ניט געקאָנט צו־געוואוינען צום געדאַנק, אַז ער וועט שוין טאַקע פאַרבלייבן אַן אַרבעטער אויף שטענדיק. פאַר אים זיינען אָבער מיר, די נייערע שרייבער, באַזונדערס די נייערע דיכטער, געווען נאָך פרעמדער פון די אַלטע. מיר זיינען ניט געגאַנגען

אין גייסט און גוסט פון זיינע ליבלינגען אויף יענער זייט ים, און מיר האָבן זיך אויך ניט פאַרנומען אין אונזערע לידער מיט טעמעס, וואָס זאָלן אים קאָנען ווערן נאָענט. ווארים אים נאָענט ווערן האָט געקאָנט נאָר דאָס, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן דער אַלטער היים. אמת, אַז ער איז טאַקע אַנטלאָפן פון דער אַלטער היים, ווייל דאָרטן איז זי אים געווען ענג און נמאס. אָבער דאָ האָט ער געבענקט נאָך איר. נאָך דעם וואָס ער האָט געבענקט, דאָס איז פאַר אים געווען דאָס שבת־יום־טוב׳דיקע, און דאָס האָט ער געוואָלט געפינען אין די זאַכן, וואָס ער האָט געלייענט אויף אידיש. אין אונזערע לירישע לידער האָבן מיר אים דאָס ניט געקאָנט און ניט געוואָלט געבן. מיר ווילן ניט זיין ווי יענע אָרימע מומע צו וועלכער דער רייכער פעטער לאָזט זיך אַראָפּ אַמאָל אַ פרייטאָג צו נאַכט עסן אַ שטיקל געפילטע פיש. מיר ווילן, אַז אונזערע זאַכן זאָלן ווערן דאָס טאָג־טעגליכע ברויט פונם לייענער, האָט זישאַ לאַנדוי געזאָגט אין איינעם פון זיינע ערשטע אַרטיקלען, וואָס האָבן בשעתם אַזוי אויפגערייצט די געגנדז. „אינגל צינגל כוואַט״, „בלימעלעך קרענצלעך״, „דער פרעמדער״ און אַנדערע פאָלק־מעשה׳ס און באַלאַדן, וואָס מאַני לייב האָט שוין דעמאָלט געהאַט, האָבן אָבער יאָ געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם שבת־יום־טוב׳דיקן, נאָך וועלכן דער עולם פון אונזער צייט האָט געבענקט.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק האָב איך צווישן מיינע חברים געפונען אַ הויכן, ברייט־פּלייציקן און העלדיש־אויסזעענדיקן מאַן, וואָס זיין עלטער איז אויפן ערשטן אויגנבליק געווען שווער צו אַנטשיידן. סיי אין זיין אויסזען און סיי אין זיין האַלטונג איז געווען עפּעס אַריסטאָקראַטישעס אָבער אויך שווישפּילערישעס. דאָס איז געווען יהושע גאָרדאָן. אַ זון פון איינער פון די רייכסטע אידישע פאַמיליעס אין קאָוונע. מיט אים איז געווען זיין פרוי פלאָראַ. אַ קליין, זייער צאַרט און זייער צירליך ווייבעלע מיט אַ קאָר־נאָסע נעזל און בורשטינענע אויגן, וואָס האָבן אויף אַלץ געקוקט גלייכצייטיק אי קלוג און אי נאַאיוו. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ דייטש־אידישן מיליאָ־נער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע פּאַפּיר־פאַבריק אין מאַנהיים, און ביוראָס אין לאָנדאָן און ניו יאָרק. יהושע גאָרדאָן איז געווען אַ מענטש מיט הויכער אייראָפּעאישער בילדונג. זיין בילדונג האָט ער געקראָגן אין דייטשלאַנד, וואו ער האָט שטודירט, און וואו ער איז אַ שטיקל צייט אויך געווען פאַרבונדן מיט ריינהאַרדטן. פון יענער צייט איז אים פאַרבליבן אַ שטאַרקע ליבשאַפט צום טעאַטער, און ער האָט געחלומט ווען עס איז צו ווערן אַ רעזשיסער. אין זיינע סטודענטישע יאָרן האָט ער זיך באַקענט מיט דער טאָכטער פון דעם מאַנ־היימער דייטש־אידישן מיליאָנער, וואָס האָט זיך אין אים איינגעליבט און זיי זיינען געוואָרן מאַן און ווייב. דעם מאַנהיימער מיליאָנער זיינען, ווי עס ווייזט

אויס, זיין איידימס טעאַטראַלישע אַספּיראַציע ניט געווען צום האַרצן, און, ווי די מערסטע אינדוסטריאַליסטן, געוואָלט אים אַריינציען אין זיינע געשעפטן. אָבער ווי ביי די מערסטע אינדוסטריאַליסטן, האָט זיין איידים אויך ביי אים געדאַרפט אָנהויבן פון אונטן אָן. ער האָט דעריבער גאָרדאָנען אַוועקגעשיקט אַרבעטן אין זיין לאָנדאָנער אָפּיס מיט אַ באַשטימטן געהאַלט. ווען דער ערשטער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן און די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרכאַפּט אַלע דייטשע געשעפטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ענגלאַנד און אירע פּאָסעסיעס, איז יהושע גאָרדאָן געווען אין געפאַר אינטערנירט צו ווערן. אָבער דאָס וואָס ער איז געווען אַ רוסישער אונטערטאַן האָט אים פּאַרהיט פון דעם. אין לאָנדאָן אָבער האָט ער מיט זיין פרוי מער ניט געקאָנט פאַרבלייבן און זיי זיינען אַריבערגעקומען קיין ניו יאָרק, וואו ער איז גלייך געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין זיין שווערס ניו יאָרקער אָפּיס. דר. קאַרל פאַרנבערג, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ קאָוונער, איז אין זיינע יונגע יאָרן אייך צייט געווען בוכהאַלטער אין דעם מאַנופאַקטור־געשעפט פון גאָרדאָנס מוטער. ווען גאָרדאָן איז געקומען קיין ניו יאָרק האָט ער דאָס ערשטע אויפגעזוכט פאַרנבערגן אין זיין פאַרלאַג, אין אַ האַלבן קעלער אויף איסט בראָדוויי, וואו עס איז אויך געווען די רעדאַקציע פון „ליטעראַטור און לעבן“. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט מיינע חברים און אָנגעהויבן שרייבן אין דעם זשורנאַל אונטער אַ פּסעוודאָנים וועגן טעאַטער.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער פּראָווינץ האָב איך אים צווישן מיינע חברים שוין געפונען ווי אַן אייגענעם מענטשן, און מיר זיינען טאַקע גאָר אין גיכן געוואָרן זייער נאָענט און אינטים. געוואוינט האָט ער ניט ווייט פון דער קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט, וואו ער האָט זיך פאַרשריבן אויף געוויסע קורסן. און ס'איז ניט געווען אַ וואונדער, אַז איך און מיינע חברים זאָלן ניט פאַרברענגען מיט אים און זיין פרוי אין זיין היים אַ צוויי־דריי מאָל. אין אָנהייב זיינען אויך געקומען צו אים אַנדערע. צווישן זיי אויך מנחם, דער מאָלער יצחק ליכטענשטיין, ראָזע לעבענסבוים, וואָס האָט ערשט יאָרן נאָכדעם אָנגעהויבן שרייבן לידער אונטערן פּסעוודאָנים אַננאַ מאַרגאָלין, און נאָך עטליכע מענטשן. אָבער צוליב אַ סיבה, וואָס מיר ווילט זיך איצט ניט באַרירן, און וועלכע האָט געמאַכט אַ טראַגישן ריס אין דעם לעבן פון אָט דעם שיינעם און געראָטענעם פּאָרפאָלק, האָט גאָרדאָן קיינעם פון די אַנדערע מער קיינמאָל ניט פאַרבעטן צו זיך. אָבער מיט אונז איז זיין אינטימע פריינטשאַפט פאַרבליבן פונקט אַזוי גאַנץ ווי פריער. ווען דער שותפותדיקער זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן“ האָט מיטן מאַי נומער פון 1915 אויפגעהערט אַרויסצוגיין, האָט יהושע גאָרדאָן מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז הגם ער אַליין פאַרמאָגט קיין געלט ניט און לעבט בלויז פון דעם געהאַלט, וואָס ער קריגט ווי אַן אָנגע־

שטעלטער אין זיין שווערס ניו יאָרקער אָפיס, איז ער גרייט צו געבן אונדזער גרופּע פינף הונדערט דאָלאַר כדי צו באַנייען דעם אונטערגעגאַנגענעם זשורנאַל, אָבער שוין ווי אַ ריין ליטעראַרישן. ער האָט מיך אָבער געבעטן, אַז איך זאָל זיין אָנבאָט דערוויל האַלטן בסוד, ביז ער וועט ניט אַליין אַרויס־קומען מיט אים.

סוף יוני פון יענעם זומער האָט אונז גאַרדאַן געלאָזט וויסן, אַז ער וויל קומען צו אונז אין בּאָראָ פּאַרק אויף אַ באַזוך. אין מיין דירה האָב איך אים ניט געקאָנט אויפנעמען, ווייל מיין דירה איז באַשטאַנען פון דריי קליינע צימערלעך אין אַ פּריוואַטן צוויי פאַמיליען הויז פון וועלכן דער אייגנטימער האָט אויסגעשניטן פיר קליינע וואוינונגען. דאָס גרעסטע צימער אין מיין דירה איז געווען די קיך, וואָס האָט שוין אויך געדינט פאַר אַן עסצימער. אָט די קיך האָט מיט איר ברייט געדעקט צוויי אַנדערע חדרימלעך, וואָס איינס האָט געדאַרפט זיין אַ שלאָפצימער און דאָס אַנדערע אַ פּאַרלאָר אָדער „פראָנט רום”, ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופן. מיר אָבער האָבן בײדע חדרימלעך געדינט פאַר שלאָפצימערן, פאַר מיר מיט מיין ווייב און פאַר מיינע קינדער. קיין איינס פון די צוויי חדרימלעך האָט ניט געהאַט קיין טיר, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרמאַכן, נאָר עפענונגען, וואָס איינע איז געווען ביי די ווינקלען פאַר־האַנגען מיט כלומרשטע פאַרטיערן פון פאַטשערקעס, און די אַנדערע מיט פאַרטיערן פון אַ ריפּסענעם געוואַנד אין וויין־קאָליר. איך בין אַ חוץ דעם יענעם זומער, ווי שוין געזאָגט, געווען אין גאַנצן אָן אַ באַשעפטיקונג, און ס׳זיינען געווען וואָכן ווען אין שטוב צו מיר איז קיין שטיקל פליייש ניט אַריינגעקומען און טעג ווען איך האָב געמוזט גיין דעם גאַנצן ריזיקן מהלך פון בּאָראָ פּאַרק ביז איסט בראָדוויי צו פוס, ווייל מיר האָט געפעלט דאָס ניקל אויף צו קאָנען פאָרן מיט דער סאָבוויי. איך האָב דעריבער ביי זיך קיין געסט ניט געקאָנט אויפנעמען. מאַני לייב האָט אָבער דעמאָלט געהאַט אַ דירה פון פינף צימערן אין אַ נייעם אַפּאַרטמענט הויז, וואָס פאַר יענער צייט האָט עס זיך פאַררעכנט פאַר מאָדערן און אַפילו ראַסקאָשנע. ער האָט דע־ריבער פאַרבעטן די גאַרדאַנס צו זיך אויף אַ זונטאָג. דאָרטן האָבן זיי זיך באַקענט מיט אַנדערע יונגע שרייבער, וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט ניט גע־קענט. וואָרים ווען מאַני לייב האָט געוואוינט אין בּאָראָ פּאַרק איז זיין דירה געוואָרן אַ ליטעראַרישער צענטער, וואו ס׳זיינען זיך צוזאַמענגעקומען יונגע שרייבער יעדן זונטאָג נאָכמיטאָג, ווי אַמאָל ביי איגנאַטאָוון. די גאַרדאַנס האָבן פאַרבראַכט מיט אונדז דעם גאַנצן נאָכמיטאָג און דערנאָך ביז האַלבע נאַכט. ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן האָבן מיר זיי גענומען אויף די וועגן צווישן די אָפענע און פוסטע שטרעקעס, וואו מאַני לייב און איך האָבן יעדע נאַכט כמעט געמאַכט אונדזערע לאַנגע שפּאַצירן. אויף אָט די וועגן האָט

גאָרדאָן אַנטפּלעקט פאַר מאַני לייבן און קאַזאַנסקין דעם סוד, וואָס ער האָט מיר געהאַט פאַרטרויט נאָך מיט אַ חודש פריער, אַז ער איז גרייט צו פינאַנ־צירן דעם זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן" מיט פינף הונדערט דאָלאַר אויב מיר זיינען וויליק אים צו באַנייען. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען אַלע דריי געווען וויליק. (לאַנדוי איז דעמאָלט אין שטאָט ניט געווען ווייל ער איז שוין געהאַט אַרויסגעפאָרן אויף אַ „דאַטשע" אין אַ קעלער ערגיץ וואו אין ניו דזשוירזי) ווייל פינף הונדערט דאָלאַר האָט ביי אונדזער אָרימקייט און אומ־דערפאַרנקייט אונדז אויסגעזען אַ געוואַלטיקע סומע מיט וועלכער מיר וועלן קאָנען וועלטן איבערקערן. פאַרן אַהיים פאָרן האָט גאָרדאָן דערקלערט, אַז ער וועט אויף מאָרגן דעפּאָנירן אויף אונדזער נאָמען די פינף הונדערט דאָלאַר אין אַ באַנק, דערציילט אונז אויך, אַז ער האָט גענומען אַ זומער וואוינונג פאַר זיך און זיין פרוי ביים ים אין בעלמאַר, ניו דזשוירזי, און אַז ער וויל יעדן סוף וואָך האָבן ביי זיך איינעם פון אונז פאַר זיין גאַסט.

מאַני לייב איז געווען דער ערשטער אַרויסצופאָרן צו אים. איך בין געווען דער צווייטער. אָבער ווען איך בין אַהיים געקומען האָב איך געפונען מיין איינגערן זון, דעמאָלט אַ קינד פון דריי יאָר, געפערליך קראַנק. קיין געלט אויף צו רופן אַ דאָקטאָר האָב איך ניט געהאַט. צו מיין גליק האָט אין שכנות געוואוינט דר. א. ש. שוואַרץ, אַ ברודער פון י. י. שוואַרץ, וואָס איז אַ חוץ אַ מעדיקער אויך אַ העברעאישער פּאָעט. מאַני לייב איז געלאָפן און אים גע־בראַכט צו מיר אין שטוב אַריין. איין קוק אויפן קינד און ער האָט אַ זאָג געטאָן מאַני לייבן, ער זאָל שוין פאַרלאָזן מיין דירה, ווייל ער האָט אין דער היים פיר קינדער און ער דאַרף זיך היטן ניט צו פאַרשלעפן אַהין עפּעס וואָס קאָן זיין אַנשטעקיק. וואָס דעם קינד איז האָט ער מיר און מיין פרוי דאַסמאָל ניט געזאָגט. אַ שעה שפּעטער איז ער געקומען נאָך אַמאָל. דאַסמאָל האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סערום און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס קינד אונטער־זוכט נאָכאַמאָל, האָט ער אונז געזאָגט, אַז ליידער מוז ער אונזערע אַנדערע צוויי קינדער אינאָקולירן מיטן סערום, ווייל דאָס אינגסטע ליידט פון דיפ־טעריע, און ער מוז אויך, לויטן געזעץ, אויף דער טיר פון מיין וואוינונג אויפקלעפּן אַ צעטל, אַז די שטוב שטייט אונטער קאַראַנטין. דר. שוואַרץ איז יענעם טאָג געקומען צו אונז נאָך עטליכע מאָל און אויף דער נאַכט אויך עטליכע מאָל. און אַרום האַלבער נאַכט ווען דאָס קינד האָט געכאָרכלט און עס האָט אויסגעזען ווי פאַרביי, האָט ער עס מיט זיין אייגענעם אויטאָ אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. צוויי וואָכן איז דאָס קינד געלעגן אין שפּיטאָל און אין דער צייט בין איך קיין איינציק מאָל ניט געווען אויף איסט בראָדוויי. אין דער צייט איז מאַני לייב אויך ניט געקומען צו מיר, ווייל ער האָט ניט געטאָרט. ווען מיר האָבן דאָס קינד אַהיים גענומען און דער קאַראַנטין

צעטל איז פון מיין טיר אַראָפּגענומען געוואָרן, איז מאַני לייב אַלץ ניט גע־קומען. איך צו אים האָב זיך אויך ניט געאײַלט גיין אויס מורא ווייל טאָמער קאָן איך פונדעסטוועגן פאַרט נאָך עפּעס פאַרשלעפּן פון מיין שטוב. און אַזוי איז געשען, אַז אונזער טרעפן זיך אין די נאָכמיטאָגן אויף איסט בראָדוויי און אונזערע שפּאַצירן אויף די פוסטע וועגן אין און אַרום בראָנקס פּאַרק האָבן אויפגעהערט אויף אַ שטיק צייט. זינט מיין קינד איז געזונט געוואָרן בין איך אַפילו עטליכע מאָל יאָ געווען אויף איסט בראָדוויי און זיך דאָרטן נאָכגעפרעגט אויף מאַני לייבן. אָבער אַלע וועמען איך האָב געפרעגט האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן אים שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען. אַפילו אונזער נאָענטסטער פריינט, קאַזאַנסקי, אויך ניט. מיר האָט ער דעמאָלט שרעקליך געפעלט.

אָבער איינמאָל גאַנץ שפּעט ביינאַכט ווען מיינע בני־בית זיינען געשלאָפן און איך בין געזעסן ביים טיש אין קיך און געלייענט אַ בוך, האָב איך פלוצים דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין דער טיר. ניט ווילנדיק אויפוועקן מיין פרוי און קינדער בין איך אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער טיר, און אַז איך האָב זי געעפנט איז מאַני לייב געשטאַנען פאַר מיר מיט אַ מאָדנעם שמייכל אויף די ליפּן. גוט, וואָס איר שלאָפט נאָך ניט! — האָט ער געזאָגט שטיל. — איך דאַרף איצט שרעקליך האָבן אַ מענטשן מיט וועמען צו ריידן. נעמט אויף זיך עפּעס און קומט מיט מיר! — דער לעצטער זאַץ איז געקומען ווי אַ באַפעל. איך, וואָס בין שוין געווען האַלב אויסגעטאָן, האָב אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ רעקל, אַ קוק געטאָן צי אַלע אין הויז שלאָפן טאַקע, שטיל הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר און בין מיט אים אַוועק אין דער ריכטונג פון די זעלביקע וועגן וואו מיר האָבן ביז מיין קינדס קראַנק ווערן אַזוי פיל אַרומ־שפּאַצירט. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט זיך מאַני לייב פלוצים אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: — אויב איר וועט די טעג אויס־געפינען, אַז איך בין אַוועק פון דער היים, זאָלט איר זיך גאָר ניט וואונדערן. — איך האָב אים גאָרניט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף אים ווי ער וואָלט גערעדט פון היץ. — וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר ווי איך וואָלט משוגע געוואָרן? — האָט מאַני לייב מיך געפרעגט איריטירט. — ווייל איר רעדט ווי אַ משוגענער — האָב איך אים געזאָגט. — ניט ווי אַ משוגענער נאָר ווי אַ פאַרליבטער — האָט ער געענטפערט און זיך צעלאַכט. אָבער ס'איז ניט געווען קיין פריילעכקייט אין זיין געלעכטער. דערנאָך האָט ער מיר דער־ציילט, אַז שוין עטליכע וואָכן ווי ער דרייט זיך אַרום ווי אין אַ חלום. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ מיידל און זי האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז פאַר אים עקזיסטירט איצט מער גאָר אויף דער וועלט ניט אַ חוץ זי. ער קומט צו איר אַהיים, ווען זי דערלויבט אים צו קומען. ער ווייס וואו זי אַרבעט און ער

גייט זי אַפּוואַרטן ביים שאַפּ ווען ער וויס, אַז זי וועט באַלד אַרויסקומען פון דאָרטן. ער קאָן צוליב איר ניט אַרבעטן, און ער קאָן צוליב איר אויך ניט שלאָפן. און אַזוי דערציילנדיק האָט ער זיך איטליכעס מאָל אַליין איבער־געהאַקט מיט דער פראַזע: „אָבער איר ווייסט ניט, איידזלאַנד!" און אַז איך האָב אים סוף־כל־סוף איבערגעפרעגט, וואָס איך ווייס ניט, האָט ער מיט כעס, ווייל ער איז אַליין געווען איריטירט פון זיין שטאַמלען געענטפערט, אַז איך ווייס גאָר ניט. איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ מיידל זי איז, ווי שיין זי איז, ווי קלוג זי איז, ווי וואונדערליך זי קאָן זיך אָנטאָן, ווי שיין זי קאָן ריידן און ווי גוט זי קאָן שוויגן. בקיצור איך דאַרף זי זען, איך מוז זי זען. איך מוז זיך באַקענען מיט איר.

אין אַזאַ עקסטאַז האָב איך אים ביז דעמאָלט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזען. אַזוי ריידן האָב איך אים אויך קיינמאָל פריער ניט געהאַט געהערט. אַט האָט ער געשטאַמלט און אַט איז ער זיך פאַרגאַנגען אין שילדערונגען און אַט האָט ער ווידער אָנגעהויבן שטאַמלען. אַזוי הערט מען אַמאָל ריידן אַ שכור. און ער איז דעמאָלט געווען אין גאַנצן שכור פון פאַרליבטקייט. ווען איך האָב געקוקט אויף אים און זיך צוגעהערט צו אים, האָב איך אָנגעהויבן מורא צו האָבן, צי וועט ער טאַקע ניט אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג איבערלאָזן זיין ווייב און קינדער און אַוועק מיטן מיידל וועגן וועלכן ער האָט גערעדט. אָבער דאָס איז ניט געשען. יענע נאַכט האָבן מיר זיך ביידע אַרומגעדרייט ביז עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג. און נאָכדעם האָב איך אים ווידער ניט געזען אפשר אַ וואָך. איין נאָכמיטאָג ווען איך בין געזעסן אין שאַפּיראָס רעסטאָראַן איז ער אַריינגעקומען אַ צעטראָגענער און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר. אָבער לאַנג איז ער ניט געזעסן. ער האָט קיין צייט ניט, האָט ער געזאָגט נאָכדעם ווי ער איז געזעסן מיט מיר עטליכע מינוט. ער דאַרף און ער מוז שוין אַוועקגיין. פאַרוואָס ער דאַרף און מוז שוין אַוועקגיין האָט ער ניט געזאָגט, און איך האָב אים ניט איבערגעפרעגט. ווייל ווען כ'האָב געזען ווי ער האַלט אין איין קוקן אויפן קיילעכדיקן זייגער, וואָס איז געהאָנגען איבערן בופעט, האָב איך געוואוסט פאַרוואָס ער דאַרף און מוז שוין אַוועקגיין. עס האָט זיך דערנענטערט די צייט ווען די אַרבעטער פאַרלאָזן די שעפּער און זיין מיידל וועט אַרויסקומען פון שאַפּ אין וועלכן זי אַרבעט. אָבער פאַרוואָס איז ער היינט אַזוי צעטראָגן? נאָכדעם האָב איך אים ווידער ניט געזען עטליכע טעג. ווי קאַזאַנסקי האָט מיר געזאָגט האָט ער אים יאָ געזען, אָבער גערעדט האָבן זיי ווינציק, ווייל מאַני לייב איז געווען שטאַרק צעטראָגן. איין אויפדערנאַכט, נאָך איידער איך בין געווען פאַרטיק מיט מיין אָוונט־ברויט איז ער אַריינגע־קומען צו מיר. דאָסמאָל איז ער געווען נאָך מער צעטראָגן ווי יענעם נאָכמיטאָג ווען איך האָב אים געזען אין רעסטאָראַן. ער האָט זיך געפּרואווט ווי צלען מיט

מיין פרוי, און געפּרואווט זיך אַ שפּיל טאָן מיט מיינע קינדער. אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטעלן זיין צעטראָגנקייט. ווען מיר זיינען אַרויס פון מיין שטוב און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון אונזערע אַמאָליקע שפּאַצירן, האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַנג און מיך אַ פרעג געטאָן: — זאָגט דעם אמת, אייזלאַנד. וואָס איז אייך אייער מיני? איך מיין, אַחוץ אַ ווייב און די מאַמע פון אייערע קינדער? — איך האָב אים אָנגעקוקט און אַ הייב געטאָן די אַקסלען: — וואָס נאָך קאָן זי זיין אַ חוץ אַ ווייב און די מאַמע פון מיינע קינדער? — און מיין כאַסיע איז מיר אַ כלה! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — איר פאַרשטייט? אַ כלה! ביזן היינטיקן טאָג אַז איך דער־נענטער זיך צו איר, גיט זי זיך מיר איבער אַזוי ריין, אַזוי שעמעוודיק און אַזוי ציטערדיק ווי אַ כלה. — צוליב וואָס ער דערציילט עס מיר, האָב איך דעמאָלט ניט געוואוסט און ווייס עס איצט אויך ניט. איך האָב נאָר חושד געווען, אַז ערגיץ וואו האָט עס אַ שייכות צו דעם פאַרהעלטעניש, וואָס ער האָט מיט יענעם מיידל, וואָס איך האָב, אגב, אינצווישן געהאַט געזען איינמאָל און געמוזט מודה זיין, אַז זי איז ווירקליך געווען זייער אַ שיינע. בלויז איין וואָך שפּעטער איז געקומען צו אַזאַ שאַרפער סצענע צווישן אים און דעם מיידל, בעת ער איז געווען ביי איר אין צימער, אַז ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַפּעלוש און איז אַנטלאָפן פון איר מיט אַ זעץ אין דער טיר, און זינט דעמאָלט האָט ער זיך מיט איר מער ניט געטראָפן. זינט דעמאָלט האָט ער אויך איר נאָמען ניט געוואָלט הערן פון קיינעם. וואָס עס האָט געבראַכט צו יענער סצענע און געמאַכט אַ סוף צו דעם דאָזיקן פאַרהעלטעניש, דאָס איז פאַר מיר ניט אין גאַנצן קלאָר ביז אויפן היינטיקן טאָג.

דאָס וואָס איז ניט געשען יענעם זומער איז סוף־כל־סוף געשען מיט אַ צוואַנציק חדשים שפּעטער. פאַרשטייט זיך, אַז ניט צוליב דעם דערמאָנטן מיידל. יענע איז אים אַזוי פאַרהאַסט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט ווען עמיצער האָט צופעליק דערמאָנט איר נאָמען. אויך ניט צוליב אַ צווייטער פרוי, אַ יונגע שוישפּילערין, וואָס איז גרייט געווען אַלץ מקריב צו זיין פאַר אים. נאָר צוליב אַ דריטער, וואָס איז געווען די אמתע גרויסע ליבע אין זיין לעבן. אָט דער ליבע האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דאָס ליד „איך בין דער וויינ־ריב דער ווילדער", אויף וועלכן עס האָט מיט רעכט געשריבן איציק מאַנגער, אַז ס'איז איינס פון די שענסטע ליבע־לידער אין דער וועלט־פּאָעזיע. אָט דער ליבע האָב איך פּערזענליך צו פאַרדאַנקען זיין ליד „בלויקייט" מיט וועלכן מאַני לייב האָט געשלאָסן זיין בוך „לידער", וואָס איז אין 1918 אַרויס אין פאַרלאַג אינזל אינאיינעם מיט אַ בוך פאָלק מעשה'ס און באַלאַדן און אַ בוך אידישע און סלאַווישע מאָטיוון. אין דעם ליד דערציילט ער מיר, ניט אָנ־

רופענדיק מיך ביים נאָמען, וואָס מיט אים איז געשען נאָך אַ נאַכטיקן שפּאַציר, וואָס מיר האָבן דאָסמאָל געהאַט, ניט מער אויף די אָפענע שטחים פון בּאָראָ פּאַרק, נאָר אויף די ענגע און שמוציקע דאַון טאַונער גאַסן פון מאַנהעטן, ביזן בלויען פאַרטאָג ווען ער האָט זיך ווידער באַוויזן פאַר מיר. דערציילן דערציילט ער דאָ, אויף אַ שטאַרק אידעאַליזירטן אופן, פאַרשטייט זיך, ווי עס האָט אים אין מיט דער נאַכט אַ צי געטאָן צו דער פרוי, וואָס ער האָט אַזוי גרויס ליב געהאַט, ווי זי האָט אים אויפגענומען, און ווי אַזוי ער איז ענדליך ווידער געקו־מען צו מיר. איך מוז דאָ אָבער צוגעבן, אַז אויך דאָס ליד איז געבויט אויף אַ מעשה שהיה, אָדער בעסער געזאָגט, ניט אויף איין מעשה נאָר אויף אַ צענדליק צי מער, און אַז אין זיין „בלויקייט" האָט ער „אויפגעשיינט" ניט פאַר מיינע פענצטער, ווי עס הייסט אין דעם ליד, נאָר פאַר מיין פאַרשלאָסענער טיר, אויפן ערשטן גאָרן פון אַן אַלטן טענעמענט הויז אויפן ראָג פון די גאַסן לוד־לאָוו און האַוסטאָן, וואו איך האָב דעמאָלט געוואוינט איינער אַליין.

אין האַרבסט 1915, נאָכדעם ווי אונזער גרופּע האָט געהאַט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון דעם באַנייטן זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן" פון וועלכן מאַני לייב און איך זיינען געווען די רעדאַקטאָרן, האָט די נויט מיך געצוואונגען אויפצוגעבן באָראָ פּאַרק און אויך זיך אָפּצוזאָגן פון רעדאַקטירן דעם זשורנאַל, וואָרים איך האָב זיך געשטעלט אַרבעטן ביי מיין ברודער אין זיין גרויסער דעליקאַטעסן קראָם, וואו איך בין געווען פאַרנומען זיבן טעג אין דער וואָך פון פינף־זעקס אַ זייגער אין דער פרי ביז אַכט־ניין אַ זייגער ביינאַכט. כדי צו קאָנען קומען צו דער אַרבעט אין צייט און ניט דאַרפן שלעפּן מיינע מידע און פאַרמאַטערטע פיס נאָכדעם ווי מיינער אַ טאָג אַרבעט האָט זיך סוף־כל־סוף געענדיקט, האָב איך גענומען אַ דירה אין דעם זעלביקן הויז, וואו די קראָם האָט זיך געפונען. אין דער דירה בין איך פאַרבליבן אַפילו נאָכדעם ווי איך האָב נאָך אַ האַלב יאָר אַרבעט ביי מיין ברודער זיך אומגעקערט צוריק אין דער קאַפּן־פאַבריק, וואו איך האָב פריער געאַרבעט אַ יאָר זיבן אָדער אַכט, איידער איך האָב פאַרלוירן די שטעלע און האָב אויף אַ קורצער צייט אַליין געמוזט ווערן דער אייגנטימער פון אַ קליין וואורשט־קרעמל אין ברוקלין. דאָ אין דער דירה האָט מיין ערשטע פרוי, אין אָנהייב ווינטער 1916־1917, אָנגעהויבן הוסטן מיט אַ טרוקענעם און אומהיימלעכן הוסט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קריי. און ווען זי האָט ענדליך איינ־געוויליקט צו גיין צו אַ דאָקטאָר האָט ער זי גענומען צו נאָך איינעם, אוןביידע האָבן מיר געזאָגט, אַז פאַר איר טובה ווועגן און פאַר דער טובה פון אונזערע דריי קינדער וועט זיין גלייכער ווען איך וועל די קינדער צעוואַרפן צווישן מיינע קרובים און זי אַוועקשיקן אין די בערג. איך בין דעריבער פאַרבליבן אין דער דאָזיקער דירה איינער אַליין פונקט דעמאָלט ווען מאַני

לייב איז געווען שכור פון זיין גרויסער ליבע. און פאַר דער פאַרשלאָסענער טיר פון אָט דער דירה האָט ער דאָס „אויפגעשיינט״ אין זיין „בלויקייט״ אַ סך פאַרטאָגן נאָכדעם ווי ער האָט די נאַכט פאַרבראַכט מיט דער פרוי, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, מחמת אַהיים האָט ער נאָך אַזאַ נאַכט ניט גע־קאָנט גיין.

ווער עס האָט אין יענע וואָכן ניט געזען מאַני לייבן, דער האָט ניט געזען ווי שיין, ווי קינדעריש, ווי גרויס־דערוואַקסן און ווי טראַגיש אַ מענטש קאָן זיין אין זיין פאַרליבטקייט. פון איין זייט האָט ער זיך בשום אופן ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון דער פרוי, וואָס ער האָט אַזוי גרויס און פאַרגעטערנדיק ליב געהאַט, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער אויפגעציטערט איטליכעס מאָל ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז צוליב דער דאָזיקער פרוי וועט ער סוף־כל־סוף מוזן פאַרלאָזן זיינע פינף קינדער. כאַסיען האָט ער איצט מער ניט גענומען אין חשבון. אין דער גרויסער ליבע זיינער צו דער אַנדערער האָט זי פאַר אים אין גאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אַז ערשט מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָר פריער איז זי פאַר אים געווען ניט נאָר זיין ווייב און די מוטער פון זיינע קינדער נאָר אויך „אַ כלה״ — דאָס האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן, אָדער ניט געוואָלט געדענקען. און ענדליך איז געקומען דער פרימאָרגן ווען אַפילו זיינע פינף קינדער (איצטער האָט ער שוין געהאַט מיט אַ קינד מער ווי דע־מאָלט ווען מיר האָבן ביידע געוואוינט אין באָראָ פּאַרק) האָבן אים אויך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון פאַרלאָזן זיין היים. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן, אַז איך זאָל זיין דערביי. און אויף מיין גאַנץ לעבן האָב איך ניט געקאָנט פאַרגעסן, וואָס פאַר מיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר און נאָכדעם ווי ער איז כמעט ווי אַ קאַץ אַרויסגעשפּרונגען פון זיין היים. לאַנג בלייבן אין מיין דירה האָב איך ניט געקאָנט. זי איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער אָפּגע־לאָזן. דער שטויב און דער שמוץ האָבן זיך געקליבן אין איר, און די אַליינקייט האָט געשטיקט. ווי לאַנג מיין פרוי וועט דאַרפן זיין אין די בערג און ווי גיך איך וועל קאָנען אויפסנייי צונויפברענגען מיין הויזגעזינט, דאָס האָט מיר קיינער ניט געקאָנט זאָגן. מיר איז דעריבער ניט געבליבן קיין אַנדערע ברירה ווי אָוועקשטעלן דאָס ביסל מעבל אין „סטאָרעדזש״ און גיין וואוינען ביי יענעם ווי אַ קוואַרטיראַנט. ביי מאַני לייבן איז גראָד געווען אַ ליידיק צימער צו פאַרדינגען, און אין יענע צייט האָט זיך אים זייער געוואָלט האָבן אַן אייגענעם מענטש ביי זיך אין שטוב. און אַז מאַני לייב האָט געוואָלט האָב איך ניט איבערגעקלערט, צי עס איז פאַר מיר גוט, און איך האָב זיך אַריינ־געקליבן צו אים.

באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס וואָס אים האָט זיך געוואָלט איז פאַר מיר ניט גוט געווען. זיין כאַסיע האָט שוין חדשים געפילט, אַז מיט

מאַני לייבן איז עפּעס דער מער. און אַז דער דאָזיקער „עפּעס״ איז אַ סך אַנדערש ווי אַנדערע ענליכע „עפּעסן״ וואָס ער איז דורכגעגאַנגען. בטבע אַ שווייגערין האָט זי געשוויגן. אָבער איר פּנים האָט גערעדט. אַלץ אין איר האָט גערעדט. דער אופן ווי זי האָט אָפּגעלאָזן דאָס הויז האָט גערעדט; דאָס ראַטשקעווען פון דעם קליינעם קינד אויף דער ערד און איבערלאָזנדיק נאָך זיך אומעטום קליינע לוזשקעלעך, וואָס זיינען ניט אויסגעווישט געוואָרן, האָט גערעדט, און מער פון אַלץ האָבן גערעדט אירע אויגן, וואָס האָבן טרויע־ריק זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר און געמאָנט עפּעס שטומערהייט. גראָד האָב איך דעמאָלט געמוזט יעדן טאָג פאַרברענגען אין מיין צימער לאַנגע שעה׳ן נאָכאַנאַנד. ווארים דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן איבערצוזעצן עטליכע בענד פון היינריך היינעס פּראָזע ווערק פאַר מ. שעליובסקיס פאַרלאַג אידיש. זי האָט מיך דעריבער יעדן טאָג געהאַט שעה׳ן נאָכאַנאַנד פאַר די אויגן. און איר מאַן, אַז ער איז אַהיים געקומען, איז עס געווען שפּעט פאַרטאָג, און אויך דעמאָלט אַזוי שטיל, אַז זי זאָל ניט הערן. אָבער זי האָט יאָ געהערט. געהערט און אויף פאַרשיידענע אופנים געלאָזט וויסן, אַז זי הערט. עטליכע מאָל האָט ער זיך געלייגט שלאָפן אין איין בעט מיט זיין עלטסטן זון. אָבער דאָס בעט איז געווען צו שמאָל און צו קורץ פאַר אים. ער איז דעריבער עטליכע מאָל אַריין צו מיר אין בעט. לכתחילה האָט כאַסיע דאָס אַרונטערגעשלונגען, ווי זי האָט אַרונטערגעשלונגען מאַני לייבס אַנדערע גענג פון יענער צייט. אָבער איין אין דער פרי האָט זי עס מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. אַזוי גיך ווי די עלטערע קינדער זיינען אַוועק אין דער שולע, האָט זי אַ פּראַל אויפגעטאָן די טיר פון מיין צימער און איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

מאַני לייב האָט דערפילט אַז דאָ קומט עפּעס, אַז דאָ וועט זיך באַלד אָפּ־שפּילן אַ דראַמאַטישע סצענע. ער איז דעריבער אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און זי שטיל גענומען אַרויסשטופּן פון צימער. אָבער דאָ האָט דאָס קליינע, שטענדיק שטומע ווייבעלע פּלוצים באַקומען לשון און צעלאָזט זיך הויך אויפן קול, אַז געוואַלד! מער וועט זי ניט שטיקן אין זיך! מער וועט זי ניט ליידן און שווייגן! זאָל ער איר זאָגן, דער טייערער מאַן אירער, פאַר מיר אין די אויגן זאָל ער איר זאָגן: מיט וועמען שלעפּט ער זיך דאָס אַזוי אַרום גאַנצע נעכט?

—איך וועל ניט שווייגן! דו הערסט? איך וועל מער ניט שווייגן! שוין זאָלסטו מיר זאָגן מיט וועמען דו שלעפּסט זיך אַרום! — מאַני לייב איז געשטאַנען לעבן איר און געוואָלט איר פאַרמאַכן דאָס מויל. אָבער זי האָט זיך ניט געלאָזן. עס איז געקומען צו אַ געראַנגל ביי וועלכן זי האָט זיך מיט אירע נעגל אַ לאָז געטאָן צו זיין פּנים. דאָ האָט מאַני לייב גיך, גיך זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. נאָך איידער ער איז געווען אָנגעטאָן האָט זי צוריק פאַרהאַקט די טיר פון מיין

צימער. דאָס קליינע קינד, וואָס האָט גערראַטשקעוועט אויף אַלע פיר אויף יענער זייט טיר, האָט אָנגעהויבן צו וויינען. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט דער פּלייצע צו דער טיר און אויסגעשטרעקט אירע הענט ווי אַ צלם און פאַר־שטעלט מיט זיי דעם אַרויסגאַנג. אָבער אין צווישן איז שוין מאַני לייב געווען אין מאַנטל. — ווּעסט ניט גיין! דו ווּעסט ניט גיין! — האָט כאַסיע געשריען ווי ניט מיט איר קול. אָבער מאַני לייב האָט זי מיט כוח אָפּגעריסן פון דער טיר און איז מיט איין שפּרונג אַרויס אין קאָרידאָר. כאַסיע האָט ווי דערפילט, אַז דער שפּרונג זיינער אַרויס פון דער טיר האָט געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן מיט אים. וואָרים ערשט איצט איז זי זיך פאַרגאַנגען אין אַ יללה, וואָס האָט געקאָנט שטיינער רירן. איך ווייס ניט, צי כאַסיע האָט ווען עס איז אַריינגעקוקט אין אַ טייטש־חומש אָדער געלייענט אַ תחינה. אָבער איר יללה האָט אין זיך גע־האַט אַלע קלאָגווערטער פון אַלע תחינות און אַלע קינות וואָס אידישע ווייבער האָבן אויסגעקלאָגט הויך אויפן קול זינט איך האָב געדענקט פון מיינע קינדער־יאָרן.

נאָך אין זעלביקן טאָג איז מאַני לייב זיך צוזאַמענגעקומען מיט דער פרוי, וואָס ער האָט אַזוי גרויס און אַזוי שיין ליב געהאַט. ווי ער האָט פאַרלאָזן זיין ווייב האָט זי פאַרלאָזן איר מאַן. אָבער בלויז אַ טאָג צי צוויי נאָכדעם זיינען זיי מער ניט געווען צוזאַמען. וואָס עס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער דאָזיקער גרויסער ליבע אַזוי גיך ווי די צוויי מענטשן זיינען זיך צונויפגעקומען, דאָס איז פאַר מיר — ווי דער סוף פון זיין ערשטער ליבע — קיינמאָל ניט אין גאַנצן קלאָר געוואָרן. מאַני לייב האָט מיר קיינמאָל ניט געגעבן קיין קלאָרע דערקלערונג. פון יענער פרוי ווידער האָב איך יאָ געהערט אַ דערקלערונג, וואָס האָט זיך טיילוויז געלייגט אויפן שכל. די דערקלערונג האָט אָבער ניט געשטימט מיט די אַנדערע דערקלערונגען וואָס זי האָט אָנגעגעבן פאַר אַנ־דערע. אָבער סיי ווי דער נאָמען פון דער דאָזיקער פרוי האָט מען פאַר מאַני לייבן, פּונקט ווי דעם נאָמען פון זיין ערשטער געליבטער, אַ צייט פון לאַנגע יאָרן ניט געטאָרט דערמאָנען. די גרויסע ליבע איז געווען אויס. אָבער צו כאַסיען איז מאַני לייב מער ניט צוריקגעגאַנגען. פּונקט ווי יענע פרוי איז מער צו איר מאַן ניט צוריקגעגאַנגען. מיטן סוף פון דעם דאָזיקן ראָמאַן איז גע־קומען אַ סוף צו אַ תקופה אין מאַני לייבס לעבן. מיטן סוף פון דעם דאָזיקן ראָמאַן איז אויך געקומען אַ סוף צו אַ תקופה אין מאַני לייבס שרייבן.

די קרענק פון מיין פרוי האָט באַלד נאָכדעם גענומען אַזאַ ווענדונג, אַז איך האָב מאַני לייבן ניט געקאָנט זען עטליכע וואָכן. ווען איך האָב זיך מיט אים ענדליך געטראָפן איז מיט אים שוין געווען ראַשעל וועפּרינסקי, וואָס איז געווען זיין פרוי די לעצטע אַכט און דרייסיק יאָר פון זיין לעבן.

ליכטיקע פרייד פון זומער

איך בין אַרויס אין מיין זומער
רוישיק און גרויס ווי אַ טייך.
ליכטיקע פרייד פון מיין זומער
האָב איך געטראָגן צו אייך.

האָב איך געלאָזט זיך פאַרפירן
פון מיין געצייכנטן וועג —
עפּנט מיר אייערע טירן
אין מיינע האַרבסטיקע טעג.

דאָ פאַר די טירן אַ ווילדער
ליג איך ווי ווייַנריב פאַרשפּרייט.
און ווי דער ווייַנריב דער ווילדער
טראָג איך די שיינקייט פון טויט.

און פון די וועגן און שטעגן
ברענג איך צו אייך פון מיין וועג
טרויער פון האַרבסטיקן רעגן,
גאָלד פון די האַרבסטיקע טעג.

דאָס איז איינס פון זיינע ווייַנריב לידער מיט וועלכע מאַני לייב האָט אָפּגעשלאָסן דאָס בוך „לידער", וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אין פריערדיקן קאַפּיטל. געשריבן איז דאָס ליד געוואָרן אָנהייב 1917 ווען ער איז אין גאַנצן אַלט געווען דריי און דרייסיק יאָר, און האָט זיך געפונען אין מיטן פון דער גרעסטער ליבע אין זיין לעבן. דאָס ליד באַשטייט פון פינף סטראָפן, וואָס איינעם פון זיי — דעם ערשטן — האָב איך אַרויסגעלאָזן. די לעצטע דריי סטראָפן אין וועלכע ער זעט זיך שוין אין זיינע האַרבסטיקע טעג זיינען געווען צוגעפּאַסט, אויב ניט פאַר זיינע יאָרן, איז פאַר זיין דעמאָלסטדיקער שטימונג פון אַ שטאַרק פאַרליבטן. וואָרים אויף עלטער און אויף אָנזאָג פון טויט, קלאָגן געוויינטליך אַ סך אי יונגע און אי פאַרליבטע מענטשן. דער צווייטער סטראָף פון דעם ליד — וואָס ביי מיר דאָ איז ער דער ערשטער — טראָגט אין זיך, נאַטירליך, דעם זעלביקן טרויער, וואָס די איבעריקע דריי. ווי נאָר מיר הערן די פאַרקינדיגונג, אַז ער איז אַרויס אין זיין זומער „רוישיק און גרויס ווי אַ טייך" און געטראָגן מיט זיך ליכטיקע פרייד, דערוואַרטן מיר גלייך דאָס וואָס קומט טאַקע באַלד — דעם אַבסאָלוטן היפּוך דערפון. אין דעם זינען איז דאָס ליד אין גאַנצן אין גייסט פון דער דיכטערישע תקופה ביי

מאַני לייבן, וואָס די סעריע לידער האָט אָפּגעשלאָסן. אָבער ווי אַ מאָטאָ וואָלט אָט דער צווייטער סטראָף, (וואָס איז דאָ ביי מיר דער ערשטער) גיכער גע־פּאַסט פאַר דער צווייטער דיכטערישער תקופה, וואָס האָט זיך ביי מאַני לייבן אָנגעהויבן מיט די דריי לידער „קום, פּשטות...", „מיינע אויגן אין אייערע שליפן..." און „איך האָב ליב די מעוברתע ווייבער" וואָס ער האָט פאַרעפנט־ליכט אין צווייטן נומער פון זשורנאַל „דער אינזל", וואָס אונדזער גרופּע האָט אַרויסגעגעבן אין 1925 און 1926.

בכלל איז שווער אָנצואווייזן גענוי ווען אַ באַשטימטע תקופה ענדיקט זיך ביי אַ פּאָעט און ווען אַ נייע הייבט זיך אָן. דאָס איז אָבער ניט דער פאַל ביי מאַני לייבן. צווישן די לידער פון איין באַשטימטער תקופה און אַ צווייטער איז ביי אים אַזאַ גרויסער חילוק, באַזונדערס צווישן דער ערשטער תקופה פון זיין שרייבן און דער צווייטער, אַז עס דאַכט זיך, אַפילו אַ קינד וואָלט קאָנען אויף זיי אָנווייזן. אין אונדזערע יונגע יאָרן האָבן מיר געהאַלטן אין איין נאָכזאָגן אַ באַהויפּטונג, וואָס האָט אין אַ סך ליטעראַטורן דעמאָלט געגאָלטן פאַר אַ טרואיזם, אַז וויכטיק אין אַ ליד איז ניט דער „וואָס" נאָר דער „ווי אַזוי". איך אַליין האָב דאָס געהאַלטן אין איין נאָכזאָגן אַפילו נאָכדעם ווי איך האָב אין מיינע אייגענע אויפזאַצן „קונסט און פּראָפּאַגאַנדע" שוין געהאַט אַ פּאַראַגראַף אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן, אַז „ווען מען לייענט ביי אונז די נאַרישע דיסקוסיעס וועגן פאָרם און אינהאַלט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז פאָרם איז עפּעס אַ מין זעלבסשטענדיקע כלי, וואָס אַז מען וויל קאָן מען זי אָנפילן מיט וויין און וויל מען גיסט מען זי אָן מיט וואַסער, און זיי וויסן ניט, די טפּשים, אַז דער זאַפט באַשטימט די פאָרם פון דער טרויב". אַוודאי איז דער „ווי אַזוי" דאָס וויכטיקסטע אין יעדן קונסטווערק. אָבער דער „ווי אַזוי" ווערט אין גאָר אַ גרויסער מאָס און ביי אַ סך קינסטלער אפשר אין גאַנצן באַשטימט פון דעם „וואָס". די לידער פון מאַני לייבס איין דיכטערישער תקופה אונטערשיידן זיך פון די פון אַן אַנדערער ניט נאָר מיטן מעטאָד און אופן פון שרייבן נאָר אויך מיט דער טעמאַטיק. (איך האָב דאָ אין זינען הויפּטזעכליך מאַני לייבס לירישע לידער, כאָטש דאָס זעלביקע לאָזט זיך אויך זאָגן אַפילו וועגן זיינע נאַראַטיווע לידער און פּאָעמעס). די ערשטע דיכטע־רישע תקופה האָט זיך ביי מאַני לייבן אָנגעהויבן מיט דער סעריע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט אין 1910 אין צווייטן זאַמלבוך „ליטעראַטור" (וואָס ער האָט געשריבן ביז דעמאָלט האָט ער אַליין זינט איך געדענק ניט אַריינגענומען אין חשבון). ביז דער סעריע ווינטער לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1917 און די מערסטע פון זיי פאַרעפנטליכט אין זאַמלבוך „דער אינזל". זיין צווייטע תקופה האָט זיך אָנגעהויבן מיט די דערמאָנטע דריי לידער אין זשורנאַל „דער אינזל" אין אַפּריל 1925. ווי לאַנג זי האָט זיך

געצויגן, דאָס איז שוין ניט לייכט צו זאָגן. מחמת אַלץ וואָס ער האָט זינט דעמאָלט געשריבן האָט ער מיט קליינע אויסנאַמען געדרוקט אין „פאָרווערטס״, און אין לויף פון לאַנגע פעריאָדן בלויז אין אייגן אָריגינעל ליד צווישן אומ־צייליקע איבערזעצונגען, וואָס ער האָט געמאַכט פון אַנדערע שפּראַכן. אַ דריטע באַשטימטע תקופה זעען מיר ביי אים אין די לעצטע זיבן־אַכט יאָר פון זיין לעבן, ווען ער האָט געשריבן זיינע סאָנעטן.

אין זיין ערשטער תקופה איז ער דורכאויס ראָמאַנטיקער, און די טעמאַ־טיק די פּרוכט פון אַ פּינצטערן געמיט פון אַ יחיד, וואָס רייסט זיך פון אַ גרויען אַרום וואָס ער האָט פיינט. אַ סך מאָל האַלט ער אין איין באַקלאָגן זיך און זיין גורל. אַן אַנדערש מאָל ראַנגלט ער זיך מיט זיך אַליין אָדער מיט דעם פאַרהאַסטן אַרום. ווידער אַן אַנדערש מאָל חלומט ער אויס פאַר זיך אַ זייער אומרעאַלע וועלט אָבער אַ שענערע און ליכטיקערע ווי די אין וועלכער ער לעבט, און ווידער אַן אַנדערש מאָל זינגט ער אויס פון זיך די פרייד און דעם טרויער פון אַ גרויסער און שטאַרקער פערזענליכער איבערלעבונג, וואָס דאַרף ברענגען דאָס אויסגעבענקטע גליק. מיט דער טראַגישער אַנטוישונג פון דער דאָזיקער איבערלעבונג איז געקומען אַן אויסניכטערונג. וואָס האָט אויך גע־מאַכט אַ סוף צו דער גאַנצער ערשטער דיכטערישער תקופה זיינער. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער ערשטער תקופה זיינער האָט מאַני לייב אויך געשריבן לידער פון אַ גאַנצן אַנדערן מין, און אין דער ערשטער ליניע לידער אויף נאַציאָ־נאַלע און אַפילו משיחישע מאָטיוון, וואָס עטליכע פון זיי זיינען גאָר און גאָר גע־ראָטן. אָבער דעם שטעמפּל אויף דער ערשטער תקופה האָבן געלייגט די לידער פון דעם מין וואָס זיינען אויבן דערמאָנט געוואָרן. נאָכן אָפּשלוס פון דער דאָזיקער תקופה זיינען ביי אים נאָך עטליכע יאָר פאַראַן אָפּקלאַנגען פון זיין אַמאָליקער טעמאַטיק, און עס חזרן זיך נאָך איבער ביי אים געוויסע מאַניע־ריזמען, וואָס שטאַמען פון יענער צייט. אָבער ווי אַלע אָפּקלאַנגען האָבן זיי מער ניט דעם כוח אָנצולאָדן זיין פערז ווי אַמאָל. אַוודאי זיינען אויך אין אָט דער צווישנצייט געווען עטליכע גאָר וויכטיקע אויסנאַמען. אָבער ניט גענוג, אַז זיי זאָלן קאָנען לייגן אַ שטעמפּל און געבן אַ באַשטימטן כאַראַקטער זיינע זאַכן פון דעמאָלט.

די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון מאַני לייבס ערשטער דיכטערישער תקופה איז נעפּל. אַלץ אין איר איז פאַרנעפּלט. די שטימונג איז פאַרנעפּלט, די איבערלעבונג פון וועלכער זי וואַקסט אַרויס איז פאַרנעפּלט. דער אויסדרוק וואָס ער גיט זיין שטימונג און דער איבערלעבונג איז אַ פאַרנעפּלטער. גאַנץ אָפט פאַרנעפּלט ביז אומפאַרשטענדליכקייט. די סיבה פון דער דאָזיקער פאַרנעפּלטקייט האָט זיך, לויט מיין מיינונג, גענומען הויפּטזעכליך פון דעם,

וואָס ער אַליין האָט, ווידעראַמאָל מיט אויסנאַמען, מורא געהאַט צו דער־גרונטעוועץ זיך צו זיינע עמאָציעס. די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון זיין צווייטן פּעריאָד איז זוניקייט און קלאָרקייט. דאָס ערשטע ליד מיט וועלכן זיין צווייטע תקופה הייבט זיך אָן איז אַ מין פּראָגראַם־ליד, אַ מין פאָדערונג, וואָס ער שטעלט זיך אַליין, אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם נעפּל, און שטרעבן צו קלאָרקייט.

קום, פּשטות קלאָרע, מיט דיין בלאַנקן מעסער,
שנייד אויף דעם שוואַרצן פלאָטנער פון מיין זעל,
מיין וועלט פון אונטער טונקעלע און שוואַרצע שלעסער,
זאָל אויפשטראַלן פאַר מיר ווי זונען פאַר מיין שוועל.

און וואָס אין טיפער פינצטערניש פון מיינע אויגן
איז בלינד, פאַרבלענדט געווען, פאַרהוילט און פרעמד,
זאָל ווערן קלאָר פאַר מיר ווי ליכט פון רעגנבויגן
און ווי דאָס ווייסע לייוונט פון מיין העמד.

און אַלע לעבעדיקע און ניט לעבעדיקע זאַכן,
וואָס לעבן ווייט פון מיר און אָפּגעווענדט —
דערנעען, דעק אויף ווי ריינע וואַסער־פלאַכן,
ווי מיינע ליבע צען פינגער פון די הענט.

און אויף מיין ערד פון ניט דערשעפּטן טרויער,
די שטים פון אַלץ וואָס ליגט אין צער געשמידט,
ווי בלוט צו בלוט זאָל קלינגען אין מיין אויער
און אין מיין וואָרט געלייטערט דורך מיין ליד.

און דאָס צווייטע ליד פון דעם דאָזיקן אָנהייב — וואָס איז ביי אים אפשר געווען דאָס ערשטע, מחמת דעם מוקדם ומאוחר פון אַלע אַזוינע זאַכן ווייס בלויז דער פּאָעט אַליין — איז שוין די אָפענע נאַקעטקייט אַליין. אַזוי אָפן נאַקעט, אַז אַן אַנדערער פּאָעט וואָלט זייער לייכט געקאָנט געשטרויכלט ווערן, אַז דאָס וואָס ער זאָגט דערין און וויל זאָגן, זאָל אַרויסקומען ציניש און אַפילו שמעקן פּאָרנאָגראַפיש. דאָ זעען מיר שוין פאַר זיך ניט דעם מענטשן וואָס הילט זיך אין שלייערן, און דערזאָגט ניט קלאָר וואָס ער וויל זוייל ער האָט מורא צו דערטראַכטן זיך קלאָר צו דעם וואָס ער וויל, — שוין ניט מער דעם יונגן, אומדערפאַרענעם מענטשן, וואָס זיינע פאַרלאַנגען מאַכן אים אויסחלומען פאַר זיך ראָמאַנטישע געשטאַלטן, נאָר דעם רייפן מאַן, וואָס ווייס, אַז געשלעכטליך רייצן אים אַלע פרויען און צו אַלע איז זיין באַגער.

קומט מיט אייער דערנענונג דערפרייען,
ווי פאַר גאָט זייט איר אַלע מיר גוט.

נאָך נאַקעטער איז ער אין דעם דריטן ליד פון דעם דאָזיקן אַנהייב, וואָס איך מוז דאָ ווי אַן אילוסטראַציע ברענגען אין גאַנצן:

איך האָב ליב די מעוברתע ווייבער
מיט די בייכער פאַרשפּיצט און געשוואָלן,
ווען זיי שלעפּן די טאָפּלטע לייבער
ווי די קי אויף די גראָזיקע טאָלן.

וועלכע זיכערקייט טראָגן זיי אַלע
און די אויגן ווי שטראַלן וואָס קוואַלן!
נאָר זיי שמעקן מיט מילך און מיט קאַלע,
ווי זומער פאַרנאַכט אין די שטאַלן.

דו, מיט אויגן ווי שטאָלענע שפּיצן,
דו פאַרגעסט ביי די שרפה פון וואונדן,
אַז די רויזן פון זייערע ציצן
זיינען אויף די ליפּן געצונדן.

בלויז די ניט געלונגענע פראַזע „שרפה פון וואונדן" דערמאָנט דאָ אָן דעם מאַני לייב פון דער ערשטער דיכטערישער תקופה. קאַליא טעפּער האָט איינמאָל אין מיין שטוב געמאַכט אַ פאָרוואורף מאַני לייבן, אַז ער איז אין זיינע לידער צו ווייך און צו ווייבליך. מאַני לייב, וואָס האָט זיך געפילט געטראָפן פון דעם דאָזיקן פאָרוואורף, האָט געענטפערט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אויסגעצויגענעם „י—יאָ" ווען ער האָט כלומרשט מסכים געווען מיט אַ קעגנער, און וואָס איז כמעט שטענדיק געווען אַ מין צוגרייטונג צו אַ קלאַפּ צוריק. און באַלד דערויף האָט ער טאַקע קאַליאן שאַרף אַן ענטפער געטאָן, אַז נאָר צעקראָכענע, נישטיקע מענער שרעקן זיך אַרויסצואווייזן ווייכקייט און צערטליכקייט, מען זאָל זיי ניט האַלטן פאַר ווייבליך. אַ סך אמת איז געווען אין מאַני לייבס ענטפער, אָבער אויך אין קאַליא טעפּערס פאָרוואורף. מאַני לייב איז אין זיין ערשטן פעריאָד גאַנץ אָפט געווען צו ווייבליך. סימנים פון דער דאָזיקער ווייבליכקייט געפינט מען נאָך פון צייט צו צייט ביי אים אויך אין דער צווייטער תקופה, אָבער זייער זעלטן. פון איצט אָן איז ער זוניק און קלאָר אין כמעט אַלץ וואָס ער שרייבט, און מענליך־זיכער אין זיין קלאָרקייט. צי דאָס זיינען רעאַליסטישע לידער פון דעם מין, וואָס זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן, צי זיי זיינען נעאָ־ראָמאַנטישע ווי די לידער „איך בין", „דו ביזט אַ הירש גאָר אַ צאַרטער" און אַנדערע פון דעם מין; דעסקריפּטיווע לידער ווי

„דער אינדישער פויגל"; סאָציאַלע ווי „אַ געוויין" און „אויף שווערע שלעסער" און נאָך אַ צענדליק אַנדערע; אַזוינע לידער ווי „ביים קאָרטנטיש", וואָס גלאַטשטיין האָט מיט רעכט באַצייכנט אַלס דאָסטאָיעווסקיש, זיין גראָטעסקע פּאָעמע „הינטער כעלם", און זיין אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע, וואָס מיר איז צו מיין צער, אויסגעקומען צו לייענען בלויז דעם אָנהייב — אין אַלץ איז דאָ די „פרייד פון זומער", פון אַ פּאָעט, וואָס איז פולצייטיק, פילזייטיק און פיל־פאַרביק, און ווי אַ שיינער, פול מיט פירות באַדעקטער עפּלבוים —

אין ערד געוואָרצלט ביזן דיך.

לעצטע יאָרן

אין אונזערע יונגע יאָרן, אַז מען איז זיך צוזאַמענגעקומען האָט מען גערעדט נאָר פון שרייבן, דער עיקר פון פּאָעזיע. איינמאָל האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז שוין אַ צייט ווי אונזערע קינדער פאַרנעמען אַ היפּשן פּלאַץ אין אונזערע שמועסן. דעמאָלט האָט מאַני לייב אַ זאָג געטאָן, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר ריידן וועגן רומאַטיזם, ברעכעניש אין רוקן, ניט קאָנען שלאָפן ביינאַכט און אַנדערע סימנים פון זקנה. ער האָט אָבער נאָר האַלב געטראָפן. וואָרים אין גיכן האָבן מיר אָנגעהויבן ריידן ניט פון אַלט ווערן נאָר פון שלאָף ווערן. דער ערשטער זיך אָוועקצולייגן מיט אַ שווערער קרענק איז געווען טאַקע ער, מאַני לייב אַליין. דאָס איז געווען אין אָנהייב פון די דרייסיקער. ער האָט געקראָגן שווינדזוכט אָדער „די קאָטוטע", ווי ער האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען איבער דער קרענק זיינער מיטן נאָמען אונטער וועלכן מען האָט וועגן איר גערעדט צווישן אידישע שאַפּ אַרבעטער. ער האָט אויף אַ לענגערער צייט געמוזט אָוועק אין אַ סאַנאַטאָריום. דערנאָך איז לאַנדוי קראַנק געוואָרן אויפן האַרצן. נאָך אים האָב איך געקראָגן אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע, און צום סוף, לכתחילה פון קיינעם ניט באַמערקט, איז דוד קאַזאַנסקי קראַנק געוואָרן. און ווען מען האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אַ ראַק אין מאָגן, איז ער שוין געווען פאַרביי. דווקא די אינגסטע פון אונזער גרופּע — לאַנדוי און קאַזאַנסקי — זיינען געווען די ערשטע אונדז צו פאַרלאָזן. פון די טענות, וואָס קאַזאַנסקי האָט געהאַט אין זיין שאַרפן אַרטיקל אין זאַמלבוך „זישאָ לאַנדוי", וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן צו לאַנדויס ערשטן יאָרצייט, איז צו זען, אַז דער איינציקער נאָוועליסט אין אונזער גרופּע, האָט מאַני לייבן און מיך באַשולדיקט אין פאַרראַט צו די פּרינציפּן פון די „יונגע". אין זיינע ווערטער האָט עס געהייסן, אַז מיר צאָלן ניט די וועקסלען, וואָס מיר האָבן אונטערגעשריבן. געמיינט האָט ער עס סיי בנוגע דעם אופן פון שרייבן און סיי בנוגע אונזער שרייבערשן אויפפיר. מיט זיינעביידע טענה'ס צו אונז איז ער געווען הונדערט פּראָצענט גערעכט. אין יענער צייט האָבן מיר שוין

געהאַט פאַרוואָרפן גאָר אַ גרויסן טייל פון אונדזער ליטעראַרישן פּראָגראַם, אויף וויפיל מיר האָבן געהאַט אַ פּראָגראַם, ווען מיר זיינען געוואָרן אַן ענגע, געשלאָסענע גרופּע, און אויך גאָר אַ גרויסן טייל פון דעם ניט געשריבענעם קאָדעקס בנוגע דעם ווי אַזוי אַ שרייבער דאַרף זיך שרייבעריש אויפפירן. אין פּרט פון פּראָגראַם איז ער פאַרבליבן דער איינציקער ריינער „יונגער". דאָס איז אפשר געווען זיין טראַגעדיע. וואָרים שרייבער וואַקסן געוויינטליך אויס די שולן מיט וועלכע זיי קומען. און כאָטש קאַזאַנסקי איז אויסגעוואַקסן אונדזער שולע ניט ווינציקער ווי מיר, האָט ער דאָס אָבער פאַר זיך אַליין ניט געוואָלט צוגעבן. דער פּועל יוצא איז געווען אַ גרעסטנגל צווישן נייע וועגן אויף וועלכע ער האָט זיך פאַרנומען און די אַלטע צוימען, וואָס האָבן אים געשטערט אין גאַנג צום נייעם. צום בעסטן זעט מען דאָס אין זיין בוך „אין יאַך", וואָס איז דאָס דריטע אין זיין פינף בענדיקן ראָמאַן „אַרום און אַרום". דער ענין קאַזאַנסקי איז אַ צו וויכטיקער, און פאַר מיר פערזענליך אַ צו פיינליך־אינטימער, אַז איך זאָל קאָנען אָפּקומען מיט די געציילטע שורות, וואָס איך גיב אים דאָ אָפּ. פאַקטיש האָב איך געפּלאַנט צו האָבן וועגן אים אַ לענגערע אַרבעט אין דעם איצטיקן בוך. צו מיין גרויסן צער אָבער איז מיר דאָס איצט פּשוט ניט מעגליך. איך האָף דעריבער, אַז איך וועל נאָך האָבן די כוחות און די צייט צו פאַרנעמען זיך מיט אים אַליין, ווי אַט דער מערקווירדיקער, אייגנאַרטיקער שרייבער און ערליכער מענטש האָט עס פאַרדינט. דאָ וויל איך נאָר נאָך צוגעבן, אַז מיר האָבן זיך אויך ניט געקאָנט האַלטן ביי די האַרבע געזעצן, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט אין אונזער פּראָגראַם פון שרייבערשן אויפפיר. שוין דערפאַר אַליין, וואָס אַ סך פון אַט די ניט געשריבענע געזעצן זיינען פון אָנהייב אָן געווען אַ שטיק מעשה־נערות, וואָס מיר האָבן געדאַרפט און געמוזט פאַרוואַרפן, ווייל זיי האָבן אונז געשטערט אין אונזער שרייבערשער אַנטוויקלונג.

נאָך קאַזאַנסקיס טויט איז געוואָרן גאָר פוסט און טרויעריק אַרום אונז. איך און מאַני לייב האָבן זיך איצט געטראָפן גאַנץ ווינציק. געווען צייטן ווען איך האָב זיך אין ערגיץ ניט געקאָנט ווייזן, ווייל איך בין געווען קראַנק, און מאַני לייב האָט ניט געקאָנט קומען צו מיר, ווייל צווישן אים און אַננאַ מאַרגאָלין זיינען געשטאַנען אַלטע פאַראיבלען און אַלטע פאַרדראָסן, וואָס ניט ער און ניט זי זיינען געווען גרייט אָפּצואווישן. ווידער זיינען געווען צייטן ווען ער איז געווען קראַנק און ער האָט זיך ווינציק באַוויזן אויף איסט בראָדוויי — דער איינציקער אָרט, וואו מיר האָבן זיך געקאָנט טרעפן. געמאַכט זיך, אַז מיר האָבן זיך ביידע געפילט גוט און איך בין געגאַנגען אַלע טאָג אין דער רעדאַקציע פון „טאָג", האָבן מיר זיך געזען איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ

וואָך אין דער קאַפעטעריע. און ווען מיר האָבן זיך געזען האָבן מיר, פונקט ווי אין די אַמאָליקע גוטע יונגע צייטן, זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן שעה'ן נאָכאַנאַנד. געווען אַ צייט ווען מאַני לייב איז ווידעראַמאָל פּלוצים שטאַרק קראַנק געוואָרן. דאָסמאָל אויף בלוטנדיקע געשווירן אין מאָגן. אָבער פון דער דאָזיקער קרענק איז ער, צו אַלעמענס שטוינען, גאָר גיך אַרויס. און דאָס מערקווערדיקסטע איז געווען, אַז דווקא נאָך דער דאָזיקער קרענק האָט ער זיך אַזוי שיין צעבליט, אַז סיי נאָענטע און סיי פרעמדע האָבן ניט געקאָנט אָפּרייסן די בליקן פון אים. מאַני לייב איז זיין גאַנץ לעבן געווען זייער אַ שיינער. אָבער איצט איז ער געווען שענער פון אַלעמאָל. געזונטער אין אויסזען, פעסטער אין געבוי און גלייכער אין דער האַלטונג. ער, וואָס איז אַמאָל געווען דער שוואַכסטער און דעליקאַטסטער פון אונז אַלעמען, האָט איצט אויסגעזען דער געזונטסטער און שטאַרקסטער. זיין קאָפּ, וואָס איז אַמאָל געווען פעך־שוואַרץ האָט שוין לאַנג געהאַט גרויע פאַסן. אָבער איצט איז ער געווען אין גאַנצן שטאָל־גרוי, און דאָס האָט צוגעגעבן ווירדע פון עלטער זיין נאָך אַלץ יונגער און עלאַסטישער רירעוודיקייט. ער איז איצט אויך געווען פול מיט אַזאַ ענערגיע, וואָס מען האָט ביי אים פריער קיינמאָל ניט געזען.

איך ווייס ניט גענוי ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע סאָנעטן, וואָס זיינען די קרוין פון זיין שאַפן, און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר זיין דריטע און לעצטע דיכטערישע תקופה. אויב איך האָב ניט קיין טעות האָט אָט די דריטע און לעצטע דיכטערישע תקופה זיינע זיך אָנגעהויבן מיט זיין קומען צו זיך פון יענעם בלוטשטורץ אין מאָגן. אַרום זעכציק סאָנעטן האָט ער געהאַט אָנגעשריבן ווען ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיי אַלע איבערלייענען. איך וועל זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין פאַרוואָס איך בין דעמאָלט ניט נאָכגעקומען זיין פאַרלאַנג. איך דאַנק דעריבער מיטן גאַנצן האַרצן זיין אלמנה, די דיכטערין ראשעל וועפּרינסקי, וואָס זי האָט מיר צוגעשיקט כאָטש אַ טייל פון דעם דאָזיקן וואונדערליכן אוצר, וואָס מאַני לייב האָט אונדז איבערגעלאָזן. איינציקע האָב איך געהאַט געלייענט צופעליק פון צייט צו צייט ווען אין מיינע הענט איז אַריינגעפאַלן אַ זונטאָג־נומער „פאָרווערטס". שוין דעמאָלט האָב איך געשטוינט איבער דעם טאָן אין וועלכן זיי זיינען געשריבן און דער לעבנס־חכמה, וואָס ווייעט פון זיי. אָבער איצט ווען איך האָב ווידער און אָבעראַמאָל איבערגעלייענט אַ גרעסערע צאָל פון די סאָנעטן מיטאַמאָל, האָט דאָס שטוינען אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ אַן אומענדליך־טיפער פרייד, וואָס מאַני לייב האָט זוכה געווען, ניין, וואָס מאַני לייב האָט זיך אַליין דערפירט צו דער זכיה צו שאַפן עפּעס אַזוינס, אַז אַלץ וואָס ער האָט פריער געשריבן,

ווי שיין און ווי גרויס עס איז געווען, זעט עס אויס ניט מער ווי אַ צוגרייטונג צו אַט דעם לעצטן.

אַלע סאָנעטן וואָס ליגן פאַר מיר דרייען זיך אַרום טויט. און מסתמא איז עס דאָס זעלביקע מיט אַלע אַנדערע סאָנעטן זיינע, וואָס איך האָב דערווייל ניט געזען. אַז פון אַלע ווייעט מיט אַ קהלת שטימונג, דאָס איז זעלבסטפאַר־שטענדליך. דער פּאָעט פילט, אַז ער קומט אַלץ נענטער צום טויט און דאָס פילט אים אָן מיט אומבאַרשרייבליכן טרויער. דאָס וואונדער איז אָבער, וואָס ער איז ניט ביטער און אויך ניט ווידערשפּעניק. דאָס וואונדער איז אויך, וואָס ער קאָקעטירט ניט מיט זיין גרייטקייט אַקעגנצוגיין דעם טויט, ווי דאָס איז דער פאַל ביי אַנדערע פּאָעטן. ער וויל ניט דעם סוף און ער קאָן זיך אַפילו ניט פאָרשטעלן ווי אַזוי די וועלט וועט בלייבן וועלט אָן אים.

די זון אָן מיר וועט פאַר די טעג זיך שעמען
איר פייער צינדן און אין נעכט פאַרגיין.

און ווינטן וועלן מער דאָס גראָז ניט קעמען
און אָן אַ אָטעם אייביק בלייבן שטיין.

מיט די שורות פאַרענדיקט ער איינעם פון זיינע סאָענטן. און פון דעסט־וועגן איז ער מקבל זיין סוף באהבה, און שטראָפט זיך נאָך למאי ער פּרוּווט אַמאָל ביי זיך אין האַרצן זיך שטעלן אַקעגן דעם גורל.

איין גורל וואַרט אויף אַלעמען: צו שטאַרבן.
און דו פאַרשעמסט און לייקנסט טראַציק אָפּ
די פלעקן זילבער אויף דיין אַלטן קאָפּ,
און אויף דיין שטערן דיינע קנייטשן־קאַרבן.

ווייל גאווה רייסט זיך אין דיין ענגן שאַרבן,
ווי פון דער שטאָל דער אָגער אין גאַלאָפּ
אין צייט פון ביאה, ווען דער רייפער קראָפּ
פאַרשמעקט דעם האַרבסט מיט ריחות פון די גאַרבן.

פאַרגעסט, אַז וואָס די יונגע כוחות שענקן —
דאָס האָט די קלוגע עלטער ניט. דערפאַר
פאַרגרייט זי אונדז די פולע מאָס פון שׂכר
צו וויסן צער אין ניכטערן געדענקן

די פרייד פון ריינע אָפּגעשיינטע טעג —
די ציר פון ווערדע אויף דיין לעצטן וועג.

מיר האָבן אין אונזערע יונגע יאָרן גערעדט און געפּאָדערט איטליכער פון זיך רעזיגנאַציע. געפּאָדערט און אַמאָל אויך דערגרייכט. אָבער ווער פון אונז און ווער אויסער אונז איז דורך רעזיגנאַציע דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הייך ווי מאַני לייב אין זיין „שטויב צו שטויב״?

איך בין מיין לאַנגן לעבן דורכגעגאַנגען
דורך אַלע וועגן גאָטס. דעםברייטן וועג
פון חכמה פּשוטער פון אַלע טעג;
דעם וועג פון הויכן אַנען צו דערלאַנגען

די יענע זייט — די זייט וואָס האַלט געפאַנגען
די אויגן פון דער וועלט אויף יענעם ברעג
פון זאַכן; אויך דעם שטרויכלענדיקן שטעג
צו זיך, וואָס ליגט אין בלינדעניש פאַרהאַנגען.

איצט שטיי איך אויפן וועג, וואו אַלע וועגן
פאַרשליסן זיך. דער וועג איז קורץ און שמאָל.
ער פירט מיך צו דער נידער פונם טאָל.
דאָ שמייכלט מיר אַן אייביקע אַנטקעגן
די רו. און אַלע חכמות — דריב און דרויב,
איך טרייסל אָפּ פון זיך ווי שטויב צו שטויב.

מאַני לייב, מאַני לייב!

(צו זיינע שלושים)

מאַני לייב, מאַני לייב!

הערליכער מענטש, וואונדערליכער חבר, פּרינץ פון ליד, ערש־טער פון אַ דור, שיין און באַשיינער פון אַ תקופה! דאָס לעבן איז פּוסט אָן דיר, אין האַרצן איז פינסטער אָן דיר.

*
**

מאַני לייב, מאַני לייב!

ערשט איצט וועט מען זיך אַרומקוקן (אויב ס'איז נאָך דאָ עמי־צער וואָס זאָל זיך אַרומקוקן), ערשט איצט וועט מען באַנעמען (אויב

ס'איז נאָך דאָ עמיצער וואָס זאָל באַנעמען), וואָס פאַר אַ ליכט דו ביסט געווען, וואָס פאַר אַ געזאַנג דו ביסט געווען, וואָס פאַר אַ געשאַנק דו ביסט געווען!

אַ וואונדער איז אונזער גרויער און בידנער וועלט.

מיט אַ קנייטש האָסטו געקענט עפענען טויערן, מיט אַ נואַנס אַנטפּלעקן וועלטן, מיט אַ פּראָסט וואָרט זיך דערגרונטעווען צו טיפע פּלאָנטערנישן, און מיט אַ נישטיק רייכל זיך אויפהייבן און דערהייבן צו די העכסטע הימלען.

מיט דיין שטענדיקן אַקצענט אויף וועלטליכקייט — עכט אידיש. מיט דיין כלומר'שטן גלייכגילט צו מאָראַל — טיף עטיש. מיט דיין יחיד'ישקייט — אַלמענטשליך און אַלוועלטליך. אין דיין ראָמאַנטי־שער דערהויבנקייט — מיט ביידע פיס אויף דער ערד. און אויף דער ערד — מיטן שפּרונג און שוואונג פון אַ הירש אַ צאַרטן, וואָס שטויסט מיטן האָרן אַ שטערן.

***

מאַני לייב, מאַני לייב!

מען האָט דיין טויט פון מיר באַהאַלטן. טעג און וואָכן באַהאַלטן. מיט קלוגשאַפט און געטריישאַפט באַהאַלטן.

אָבער דאָס האַרץ האָט געאַנט, און די צונג האָט געמאָנט. כסדר געמאָנט. פון פריינט און באַקאַנטע געמאָנט: — וואָס מאַכט מאַני לייב? ווי פילט מאַני לייב? וואָס שרייבט מאַני לייב?

און שטענדיק אין חלום דיך געזען. אַזוי און אַזוי און אַנדערש. און שטענדיק געדענקט אונזער לעצט צוזאַמען זיין. בלויז מיר אין צווייען, ווען אַלע פריינט זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. איך אויפן ראַנד פון בעט און דו לעבן מיר. און אונזערע הענט צונויפגעפלאָכטן און אונזערע בליקן מאַגנעטיש באַהאַפטן.

און פּלוצים האָב איך זיך אָנגעבויגן און דיר היים אַ קוש געטאָן אין אַ האַנט, און דו האָסט זיך אַ וואָרף געטאָן און אַ געשריי געטאָן. מיט צאָרן, מיט טרערן אין די אויגן און אַ שטיקעניש אין האַלז.

דו, וואונדערליכער פאַרשטייער, האָסט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער קוש האָט באַטייט. מיט געוואַלטיקן צער האָב איך דערפילט, אַז מיר זיינען צוזאַמען צום לעצטן מאָל, אַז מער וועלן מיר זיך ניט זען.

נאָר האָב איך עס דען אַזוי געמיינט?

***

מאַני לייב, מאַני לייב!

אויף דעם שיינעם קאָפּ, וואָס האָט באַצויבערט מענטשן און דאָרף איצט ליגן אין דער ערד, וויין איך.

אויף די שאַרף־גרויע אויגן, וואָס האָבן זיך געקענט אָנגיסן מיט שטערן — און איצט זיינען זיי אויף אייביק פאַרשלאָסן, וויין איך.

אויף דער מעלאָדישער שטים מיט אירע וויבראַציעס און טיפע אונטערטענער, וואָס איז אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן, וויין איך.

אויף די דינע הענט, וואָס האָבן מיט צויבערליכע זשעסטן גע־פּרואווט פון דער לופט אַרויס׳כשוף׳ן דאָס פּאַסיקסטע וואָרט אין אַן אַרגומענט און פון איצט אָן וועל איך זיי מער ניט זען, וויין איך.

אויף בריוו און בריוולעך, געפּינטלט מיט אַ קליינינקן כתב, אויף שמאָלע פּאַסיקלעך פּאַפּיר, פּראָסט אין לשון ווי ראָזעווע ברויט, און פול מיט פאַרשטייאונג און טיפער לעבנס־חכמה, וואָס וועלן מער ניט קומען, וויין איך.

אויף דעם, וואָס פון אַ גאַנצער גרופּע בין איך איצט אָן דיר פאַרבליבן איינער אַליין, וויין איך.

„ניט גוט, ניט גוט, ניט גוט...״

אוי, ווי ניט גוט, מאַני לייב, מאַני לייב!

1954־1953

משה לייב האַלפּערן

(צו זיין 10טן יאָרצייט)

פון משה לייב האַלפּערנ׳ס אַלע קאַלעגן בין איך ניט געווען דער נאָענט־סטער צו אים. איין צייט איז אַפילו צווישן מיר און אים, גענויער צווישן מיין קרייז און אים, געווען אַ שטילע, אָבער פאַרביסענע מחלוקה. מיר האָבן אים פאָרגעוואָרפן אויפגעבלאָזנקייט, באָמבאַסטיק, מעלאָדראַמאַטישקייט און בור־לעסק, דאָס לעצטע אין זיינע סאַטירישע לידער. ער, ווידער, האָט אונז פאָרגעוואָרפן לירישן גענוק און צעקראָכנקייט, איבער דער רעזיגנאַציע און דער עיקר צוליב דער וואָכעדיקייט, וואָס אַ טייל פון אונז האָט דעמאָלט גע־פאָדערט אין דער פּאָעזיע, אַלס רעאַקציע צו די פאַרטיקע פּאָעטישע שאַבלאָ־נען, מיט וועלכע אונזער דיכטונג איז דעמאָלט געווען אַזוי פול. אָט די פאָדערונג פון וואָכעדיקייט האָט געבראַכט צו פשטות און קלאָרקייט פון אויסדרוק, וואָס איז אפשר דער וויכטיקסטער פאַרדינסט פון די „יונגע“. אָבער דאָס איז האַלפּערנ׳ען ניט שטאַרק געווען צום האַרצן און ער האָט עס אַרויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט.

דאָס איז געווען מיט אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק צוריק, ווען מיר זיינען נאָך אַלע געווען פאַרהעלטניסמעסיק יונג און, ווי אַלע יונגע דיכטער, גרויסע קנאים, וואָס מיינען, אַז נאָר זייער וועג איז דער ריכטיקער און אַלע אַנדערע זיינען פאַלש. מיט דער צייט האָבן מיר, אַליין ניט פילנדיק, זיך געביטן מיט די ראָלן. מיר, די יונגע, זיינען אַוועק פון דער אייגענער וואָכעדיקייט־טעאָריע, נאָכדעם ווי דאָס מיטל קעגן שאַבלאָנען איז אַליין געוואָרן שאַבלאָן, און האַלפּערן האָט זי אויפגענומען. אויף זיין וועג צו וואָכעדיקייט איז ער דערגאַנגען אַזש ביז „גראָבע רייד“, אויף וויפיל גראָבע רייד זיינען ביי אים ניט געווען בלויז עפעקט און קאָקעטעריי. דאָס אַלץ האָב איך שוין באַרירט אַמאָל. וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען איז, אַז מיט דער צייט איז געוואָרן מער קרבות צווישן מיר און האַלפּערנ׳עז, און פון אַלע זיינע קאָלעגן בין איך געווען דער איינציקער צו זען משה לייב׳ן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. דאָס איז אפילו געווען אַ צופאַל, אָבער פונדעסטוועגן ניט אין גאַנצן צופאַל. מיטגלידער פון דער משפחה האָבן געוואוסט, אַז מיט אַ שטיקל צייט פריער האָט זיך פאַרקניפּט אַ שטיקל נאָענטקייט צווישן אונז ביידן, און ווען ער איז אַוועקגעפאַלן און מען האָט אים געדאַרפט אָפּפירן אין שפּיטאָל, האָט מען מיר געלאָזט וויסן וועגן דעם.

חדשים פאַר דעם האָב איך זיך געטראָפן מיט האַלפּערנ׳ען מער ווי פריער אין יאָרן. און צי ער האָט זיך ווירקליך געהאַט אַזוי שטאַרק געביטן אָדער מיר האָט זיך נאָר געדאַכט אַזוי, אין יענע חדשים איז האַלפּערן געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער פון דעם, וואָס איך האָב געקענט קנאַפּע צוויי און אַ האַלב צענדליק יאָר. געמאַסטענער אין די רייד און געמאַסטענער אין די באַוועגונגען. אמת, נאָך אַלץ זיכער ביי זיך, אַז נאָר זיין וועג איז דער איינ־ציקער. אָבער דאָך שוין טאָלעראַנטער צו דער מיינונג פון אַן אַנדערן, און וואָס וויכטיקער — מער גענייגט דעם אַנדערן אויסצוהערן. דאָס פּנים האָט נאָך אַלץ געשפּראָצט מיט גבורה, כאָטש עס האָט אָפּגענאַרט, ווייל, ווי זיינע נאָענטסטע דערציילן, איז ער שוין דעמאָלט געווען זייער קראַנק. אָבער די פאַרשייטקייט און חוצפּה׳דיקע אַרויסרופונג אין זיינע בלויע אויגן איז שוין ניט געווען מער.

פונקט צוויי וואָכן און אַ טאָג פאַר זיין טויט האָב איך פאַרבראַכט מיט אים אפשר צען שעה כסדר. מיר זיינען דעמאָלט אַרויסגעפאָרן אין אַ זומער־קאָלאָניע אַרום פּיקסקיל, וואו דער פּרץ־פאַראיין האָט אַראַנזשירט אַן אָוונט פאַר אַרבעטסלאָזע שרייבער. מיט אונז זיינען אויך געווען אברהם משה דילאָן, מאַרק שווייד, בעלא בעלאַרינאַ, נח נאַכבוש און אַ מוזיקער, וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן. פאַר און נאָך יענעם אָוונט האָב איך געזען משה לייב׳ן אין אַזאַ ליכט ווי קיינמאָל ניט פריער. אין זיין אומגאַנג מיט מענטשן האָט געוויזט פון אים אַזאַ שטילע גוטסקייט און לירישע צאַרטקייט, אַז איך בין געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. איז דאָס דער זעלביקער האַלפּערן, וועמען איך קען שוין אַ יאָר פיר־און־צוואַנציק? און איז דאָס דער זעלביקער האַלפּערן, וואָס האָט אויף יענעם אָוונט געלייענט לידער, וואָס זיינען געווען פונקט דער היפּוך פון דעם אַלעמען?

אין די גאָר פריע יאָרן איז האַלפּערן פאַר מיר אין צייט געווען אַ דיכ־טער, וועמען איך דאַרף באַקעמפן. אין די לעצטע יאָרן — אַ רעטעניש, וואָס איך קאָן ניט לייזן. דאָס רעטעניש איז נאָך גרעסער געוואָרן אין יענעם אָוונט אין „פאַין לעיק פאַרק" ביי פּיקסקיל. מאַנטיק ווערט צען יאָר ווי משה האַלפּערן איז אַוועק פון אונז, און דאָס רעטעניש האַלפּערן איז פאַר מיר נאָך אַלץ ניט געלייזט.

קלאָר איז, אַז משה האַלפּערן איז געווען גאָר אַ גרויסער דיכטערישער כוח. אפשר דער גרעסטער נאָך מאָריס ראָזענפעלד, קעגן וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק געקריגט, כאָטש אָדער אפשר גאָר ווייל ער איז מער ווי אין איין פּרט געווען ענליך צו אים. עס איז אָבער פונקט אַזוי קלאָר, אַז אָט דער גרויסער דיכטערישער כוח איז ניט שטענדיק געווען ווי געהעריק אָרגאַניזירט און גאָר אָפט איז ער צעטרענצלט געוואָרן אויף גאָרנישט.

מען רעדט ביי אונז אַ סך וועגן דעם „שטאַרקן" האַלפּערן, און ווען זיינע חסידים ריידן וועגן „שטאַרקן", מיינען זיי הויפּטזעכליך דעם סאַטיריקער האַלפּערן. אָבער דוקא דאָ איז דער דיכטער צום שוואַכסטן. די מחלוקה, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אויבן, האָט אויפגעהערט אַ סך יאָרן פאַר האַלפּערנ׳ס טויט, און אין איין פּרט, ווי עס איז שוין אויך אויבן אָנגעמערקט, האָבן מיר זיך אַפילו געביטן מיט די ראָלן... אָבער דאָס וואָס איך און די דיכטער פון מיין קרייז האָבן געהאַט אויסצוזעצן קעגן האַלפּערן דעם סאַטיריקער מיט אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק צוריק, גילט נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג. אין זיינע סאַטירישע לידער האָט זיך האַלפּערן, אמת, באַנוצט מיט „שטאַרקע" ווערטער, און אין איין פּעריאָד אַפילו מיט „גראָבע רייד", מיט וועלכע ער האָט דעמאָלט שטאָלצירט. אָבער זייער זעלטן האָט ער זיך און זיי דערהויבן צו דיכטעריש־קייט. מיט אַן אויסנאַם פון עטליכע איז ער אין זיינע סאַטירישע לידער אַפּילו טעכניש געווען אומבאַהאָלפן. צום סוד פון צמצום איז האַלפּערן דער־גאַנגען בלויז אין זיינע לירישע לידער. אָבער אין ערגיץ האָט ער זיך ניט אַזוי צעגאָסן אין אַ מבול פון רייד, ווי אין זיינע סאַטירישע לידער. דאָס זעלביקע וועגן זיינע גראַמען. איך קען ניט נאָך איין דיכטער ביי אונז, וואָס זאָל בכלל זיין אַזוי אָרים אין גראַמען, ווי האַלפּערן, און אָט די אָרימקייט זעט זיך אַרויס נאָך שטאַרקער אין זיינע סאַטירישע לידער. גאַנץ אָפט דאַכט זיך, אַז האַלפּערן האָט ניט פאַרמאָגט מער ווי פינף אָדער זעקס גראַמען, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן. אָבער דאָס איז נאָר אַן אויבנ־אויפיקער איינדרוק. אַ נעענטערער צוגאַנג ווייזט, אַז דאָס איז ניט אַזוי. פאַראַן ביי אים לידער, וואו ער איז ניט נאָר רייך, נאָר פּשוט איבערראַשענדיק מיט זיינע גראַמען. אמת, ניט קיין סך. אָבער די ווינציקע ווייזן, וואָס ער וואָלט געקאָנט אויפטאָן, ווען ער וואָלט זיך נאָר געגעבן די מי. פאַרוואָס ער האָט זיך די מי ניט געגעבן, נאָר איז געגאַנגען מיטן וועג פון לייכטסטן ווידער־שטאַנד און ביי זיך אַליין גענומען פּאַרטיקס פון גרייטן, דאָס דאַרף ערשט אויסגעפּאָרשט ווערן, פּונקט ווי עס דאַרף אויך ערשט אויסגעפּאָרשט ווערן פאַרוואָס זיינע מערסטע גראַמען זיינען מעגליכע. איך וואָלט זאָגן, אַז סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע איז געקומען פון פּשוט׳ער פוילקייט. ווייס איך אָבער, אַז האַלפּערן האָט זייער פיל געאַרבעט איבער זיינע לידער. ניט געווען קיין איין ליד כמעט, וואָס ער זאָל ניט האָבן איבערגעשריבן און אי־בערגעאַרבעט אַ סך מאָל. די סיבה מוז דעריבער זיין אַ טיפערע. און ווען זי וועט אויפגעדעקט ווערן, וועט אפשר דאָס רעטעניש האַלפּערן געלייזט ווערן. זיינע סאַטירישע לידער ליידן אויך פון דעם, וואָס ער חכמה׳ט זיך אין זיי צופיל. אַ סימן פון אַ מאַנגעל אין אמת׳ער לירישער חכמה. אונטער לירישער

חכמה פאַרשטיי איך יענע סומע פון טיפערער דערפאַרונג, וואָס זאַמלט זיך אָן פון ליריש-טראַכטערישע איבערלעבונגען.

ווען מען רעדט וועגן דעם „שטאַרקן" האַלפּערן, האָט מען אויך אין זינען האַלפּערן דעם פאַנטאַסט. און דאָ איז מען נענטער צום אמת. ווייל כאָטש אַ טייל פון זיין פאַנטאַסטיק איז פון דעם סאָרט, וואָס אב. קאַהאַן האָט אויף אַן עכט קאַהאַניסטישן און דאָך טרעפליכן אופן אַמאָל אָנגערופן „אויסגעטראַכטע פאַנטאַזיע", דערהויבט זיך אָבער האַלפּערן אין זיין פאַנטאַסטיק אָפּט צו אמת'ער גרויסקייט. צום מין „אויסגעטראַכטע פאַנטאַזיעס" וואָלט איך צוגעשריבן אַ גרויסן טייל פון זיינע גראָטעסקע געשטאַלטן, וואָס לעבן ניט אַפילו אַזוי פיל ווי מאַריאָנעטן אין די הענט פון זייער מאַניפּולאַטאָר. האַלפּערן פאַרמאָגט אָבער עטליכע פאַנטאַסטישע לידער, וואָס וואָלטן געווען אַ צירונג אַפילו אין דער רייכסטער דיכטונג. דער אמת „שטאַרקער" האַלפּערן איז לויט מיין מיינונג ניט אין זיינע סאַטירישע, ניט אין זיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע לידער, וואָס אַ טייל פון זיי, ווי די פּאָעמע „די נאַכט", למשל, האָט אין זיין צייט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, און אויך ניט אין זיין פאַנטאַסטיק, נאָר אין אַ טייל פון זיינע לירישע לידער. צו דעם מין שרייב איך צו די פּאָעמע „אַ באַנקעט רעדע", וואָס מען האָט געפונען נאָך זיין טויט צווישן זיינע שריפטן, כאָטש זי איז צופיל צעצויגן, מיט אַ סך איבעריקייטן און זייער ווינציק געשליפן. דאָ באַהאַנדלט דער דיכטער דאָס אייביקע פּראָבלעם פון לעבן און טויט און דעם תכלית פון זיין, אין יענעם לירישן טאָן, וואָס הערט ניט אויף צו בוירען און גריבלען, כאָטש עס איז פאַרן פּאָעט שוין לאַנג אַנטפּלעקט דער טראַגישער סוד, פון וועלכן עס רינט מיט טרויער פון הבל הבלים אין אַלע דורות און אַלע צייטן. דער „שטאַרקער" האַלפּערן אַנטפּלעקט זיך אין זיין גאַנצער גרויס אין דעם ליד „מיין אומרו פון אַ וואָלף", וואו דער דיכטער טרעט אַליין צו צום רעטעניש האַלפּערן. דאָס איז אַ גרויס קאָסמיש ליד, ווי פון איין גוס פון ערשטן ביז דעם לעצטן וואָרט, טיף אין דער אויפפאַסונג, קלאַסיש אין דער דורכפירונג, מיט אַ טאָן און ריטם, וואָס פאַרכאַפּן, פאַרפאַלגן און לאָזן ניט אָפּ, ביז דאָס ליד גראָבט זיך איין אין זכרון און ווערט אַ טייל פון דיר, ווי אַלע גרויסע וועלט-לידער.

צום סוף וועל איך זיך דערלויבן צו ברענגען אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן וועגן האַלפּערנ'ען באַלד נאָכדעם ווי ער איז אַוועק פון אונז.

משה לייב האַלפּערן, האָב איך דעמאָלט געשריבן, איז געווען איינער פון אַ גאַנצן דור, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער אידישער דיכטונג, אָבער אַן אַנדערער פון דעם גאַנצן דור. בלויז דער אויסגאַנג איז געווען דער זעלביקער: די דערקענטעניש, אַז מיר זיינען אַלע אונטער-

וואָרפן אַ בלינדן גורל. ווייטער זיינען זיך די וועגן צעגאַנגען. די מערסטע פּאָעטן פון דער גרופּע האָט די דערקענטעניש געפירט צו שטילער לירישער רעזיגנאַציע און אים האָט זי אויפגעברויזט צום אייביקן פּראָטעסט.

זיין גאַנץ לעבן איז משה לייב האַלפּערן געווען אַ רעבעל. מיט זיין וואָרט איז ער אויפגעשטאַנען קעגן אַלץ, וואָס שטייט אין וועג צווישן מענטש און זיין געווינטשטן גליק. ווי די מערסטע רעבעלן און פּראָטעסטלער איז ער ניט שטענדיק געווען אָפּגעהיט מיט זיין וואָרט. דער, וואָס זוכט דעם אמת פאַר זיך, זוכט פאַר זיין ליד פריער פאַר אַלץ דאָס וואָרט, וואָס איבערצייגט אים אַליין. דער, וואָס מיינט, אַז ער האָט שוין דעם גאַנצן אמת געפונען, איז אין זיין ליד, ווי דער אָראַטאָר און דער פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס זוכן מיט זייער וואָרט צו מאַכן אַן איינדרוק אויף אַנדערע. דער עפעקט ווערט דער עיקר. און כדי צו דערגרייכן עפעקטן, האָט מ. ל. האַלפּערן אָפט אויסגעקליבן אַזוינע ווערטער, וואָס זאָלן שאָקירן, און דאָס האָט געווירקט. איין צייט האָט מען אים שיער ניט געקרוינט פאַר דעם דיכטער פון „גראָבע רייד", און מען האָט געמיינט, אַז מיט דעם האָט מען אויסגעשעפּט זיין דיכטערישן מהות. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף משה לייב דעם רעבעל, וואָס איז מיט זיין וואָרט אויפגעשטאַנען קעגן יעדן סאָרט דעספּאָטיע, פּערזענליכע און געזעלשאַפטליכע, מאַטעריעלע און גייסטיקע, טראַדיציאָנעלע און די, וואָס קלייבט זיך ערשט צו ווערן די שאַפערין פון אַ נייער טראַדיציע, נאָר מערקווערדיקערוויז האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָקעגנגעשטעלט דעם גרויזאַמסטן דעספּאָט, זיין מאַיעסטעט דעם טויט. דעם טויט איז ער אין זיינע לידער אַקעגנגעקומען מיט דער זעלביקער רעזיגנאַציע ווי די אַנדערע פּאָעטן פון זיין דור.

פון אַלע זיינע לידער געדענקט זיך מיר צום בעסטן „די זון וועט אַרונטערגען אונטער'ן באַרג". צו דעם דאָזיקן ליד איז פאַרפאַסט געוואָרן אַ מעלאָדיע, וואָס האָט עס געמאַכט זייער פּאָפּולער ביים עולם. די מערסטע מעלאָדיעס פאַרשוועכן נאָר דעם ווערט פון אַ ליד. אָבער אין דעם פאַל האָט אפילו די מעלאָדיע אויף אַ האָר ניט געקאָנט מינערן דעם צויבער, וואָס האַלפּערן האָט אין דעם ליד דערגרייכט מיט אַ מינימום פון מיטלען. אין דעם ליד באַרירט האַלפּערן דריי פון די געהויבנסטע מאָמענטן אין לעבן פון יעדן מענטש: דעם מאָמענט פון ליבע, דעם מאָמענט פון חלום און דעם מאָמענט פון טויט. צוערשט קומט ביי אים די ליבע. דערנאָך דער חלום אין דער געשטאַלט פון דער גאָלדענער פּאווע און פאַרוויגט אין אַ געזאַנג, און צום סוף קומט דער טויט און ליולעט איין מיט דעם זעלביקן געזאַנג. ס'אַראַ שיינקייט און ס'ארא טרויער עס רינט פון דעם דאָזיקן ליד! און, ווי ביי

די מערסטע וואונדערליכע לירישע לידער, ווייסטו ניט צי קומט די שיינקייט פון טרויער אָדער דער טרויער פון דער שיינקייט.

פון דעם זעלביקן אַרטיקל, וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן וועל איך אויך ברענגען דעם אָנהייב אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן די לעצטע מינוטן פון מ. ל. האַלפּערן.

פון אַלע זיינע קאַלעגן איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו זען משה לייב האַלפּערן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

אָבער, האָב איך אים ווירקליך געזען? ביז איצט גלויבט זיך מיר דאָס ניט. וואָרים דער מענטש, וואָס איז געלעגן אויף דעם שפּיטאָל־בעטל מיט אַ ברייט־צעעפנט מויל, ווי ער וואָלט אָנגעווענדט זיינע לעצטע כוחות צו כאַפּן אַ ביסל לופט, האָט לחלוטין ניט אויסגעזען ווי יענער משה לייב האַלפּערן, וועמען איך האָב געקענט אַזוי פיל יאָרן.

פיר־און־צוואַנציק יאָר האָט ער געלעבט צווישן אונז אין ניו יאָרק. צוויי־און־צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען, ווען איך האָב אים באַגעגנט צום ערשטן מאָל. שוין דעמאָלט האָט ער געהאַט גרויע פּאַסמעס האָר. אָבער פון זיין דעמאָלט ניט־איבעריק שיינעם און מיט זומער שפּרענקלעך באַזייטן פּנים האָט געשפּריצט מיט גבורה און געזונטקייט און מיט יענער פאַרשייטער און אַלץ־פאַראַכטענדיקער חוצפה, וואָס מען זעט אָפט ביי אַטלעטן. ערשט מיט קנאַפּע צוויי וואָכן צוריק האָב איך פאַרבראַכט מיט אים צען שעה נאָכ־אַנאַנד אין אַ זומער קאָלאָניע לעבן פּיקסקיל, וואו דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין האָט געהאַט אַן אונטערנעמונג. זיין קאָפּ איז שוין געווען אין גאַנצן ווייס. אָבער פון פּנים האָט נאָך אַלץ געשפּריצט מיט דער זעלביקער גבורה, וואָס האָט דורך די ברילן אויך אַרויסגעקוקט פון זיינע בלויע אויגן. און אָט פירט מיך צו אַ קראַנקען־שוועסטער צו אַ שפּיטאָל־בעטל, וואָס איז פון דריי זייטן שוין פאַרהאַנגען, און איך דערזע פאַר זיך אַ זקן — אַ בן שבעים; אַן איינגעשרומפּענער אַלטער איד מיט איינגעפאַלענע בלויע באַקן און מיט אַ ברייט־צעעפנט מויל, פון וועלכן ס׳קוקט אַרויס אַן איינציקער פאַר׳יתומ׳טער צאָן און עפּעס זעגט ביי אים אין האַלז און זיין ברוסט באַוועגט זיך האַסטיק, און זיינע הענט באַוועגן זיך האַסטיק.

איך טרעט אָפּ צוריק. וואָרים איך וויל דאָך זען משה לייב האַלפּערן. און דאָס איז ניט משה לייב האַלפּערן.

1942

דוד איגנאַטאָוו

מיט דוד איגנאַטאָוו האָט זיך ניט אָנגעהויבן קיין נײַ קאַפּיטל אין אונזער ליטעראַטור. ער איז אָבער געווען אַ אָנהייבער פון אַ נײַ קאַפּיטל. אַוודאי וועט פאַר דעם קינפטיקן היסטאָריקער זיין זייער אינטערעסאַנט די ליטעראַרישע פיגור דוד איגנאַטאָוו, ווייל ער איז געווען אַ שרייבער מיט אַן אויסגעשפּראָכענער, איינציקאַרטיקער פיזיאָנאָמיע. אָבער מער פון אַלץ וועט דער היסטאָריקער זיך מוזן אָפּשטעלן אויף דעם ליטעראַרישן אויפטוער דוד איגנאַטאָוו. ביים שרייבער איגנאַטאָוו וועט ער געפינען אַ סך פלוסן, אָבער אויך ניט ווינציק מינוסן. אָבער סיי מיט זיינע פלוסן און סיי מיט זיינע מינוסן האָט ער שרייבעריש אויף קיינעם ניט משפיע געווען. מען קאָן ביי אונז ניט געפינען קיין שרייבער, פון זיין דור און פון די וואָס זיינען געקומען שפּעטער, וואָס מען זאָל קאָנען זאָגן אויף זיי, אַז אויף זייער שרייבן איז איינמאָל אָדער אַן אַנדער מאָל געווען קענטיק איגנאַטאָוו׳ס השפּעה, ווי מען קען זען די השפּעה — צום גוטן און צום שלעכטן — פון אַנדערע פּראָזאאיקער און דיכטער פון זיין דור אויף זייערע מיטצייטלער אָדער אויף איינגערע פון זיי. דערפאַר אָבער איז, מיט זייער ווינציק אויסנאָמען, ניט פאַראַן קיין איין וויכטיקער מיטצייטלער איגנאַטאָוו׳ס וואָס האָט ניט, דירעקט צי אומדירעקט, געהאַט עפּעס צו פאַרדאַנקען דעם ליטעראַרישן עסקן דוד איגנאַטאָוו.

אַלע וואָס זיינען נאָר אויף דאָס מינדסטע באַקאַנט מיט דעם גאַנג פון דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור וויסן, אַז מיט די „שריפטן" האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ נייע ליטעראַרישע תקופה. און די „שריפטן" וואָלטן ניט מעגליך געווען אָן איגנאַטאָוו׳ן. אָבער גאַנץ ווינציק מענטשן ווייסן, אַז איגנאַטאָוו׳ס פאַרדינסטן אין דעם פּרט האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך מיט יאָרן פאַר דעם, איידער די „שריפטן" האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין. דער ליטעראַרישער עסקן און עקשן דוד איגנאַטאָוו איז געקומען אינאיינעם מיט דעם שרייבער איגנאַטאָוו. אַ קאַמף פאַרן שרייבער׳ס רעכט צו זיין אַנדערש האָט ער אָנגעהויבן גלייך מיט זיינע זאַכן אין דעם זשורנאַל „די יוגנט", אויף וועלכע אַפילו די דעמאָלסטיקע „רעוואָלוציאָנערע" אָנהייבער האָבן געצויגן די פּלייצעס „משוגע!" גאָר שטאַרק האָט דער ליטעראַרישער עסקן און עקשן דוד איגנאַטאָוו זיך אָנגעזעצט אויף די מיטינגען פון פאַראיין ליטעראַטור, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די צוויי זאַמעלביכער „ליטעראַטור". מיטינגען, צו וועלכע עס פלעגן קומען אַ זעכציק־זיבעציק יונגעלייט, וואָס האָבן געדרוקט לידער

און דערציילונגען אין די טעגליכע און וועכנטליכע צייטונגען פון יענער צייט, און אַנדערע וואָס האָבן אַפּילו אַמאָל זוכה געווען, אַז זייערע אַ זאַך זאָל געדרוקט ווערן אין אַ חודש זשורנאַל.

די מערסטע פון יענע יונגעלייט האָבן געהאַט גאַנץ ווינציק מוט צו שטעלן זיך אויף זייערע אייגענע פיס, און אַז עס איז געקומען צום אויסקלייבן אַ רעדאַקציע פאַרן ערשטן זאַמעלבוך „ליטעראַטור" האָט די מערהייט אויס־געקליבן צוויי מענטשן, וואָס זיינען געווען שטענדיקע מיטאַרבעטער פון אַ צייטונג און איטליכער פון זיי האָט שוין געהאַט אַ נאָמען און אַ סטאַזש, דאָס זיינען געווען יואל ענטין און דער פאַרשטאַרבענער יואל סלאָנים. דער דריטער, משה יונה חיימאָוויטש, איז שוין אויך געווען אויפן וועג צו ווערן עטאַבלירט. פאַרן גרויסן עולם איז ער טאָקע דעמאָלט נאָך ניט געווען באַקאַנט. אָבער אַ סך יונגע שרייבער האָבן צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו איינעם וואָס ווייס מער און קען מער פון אַנדערע און וואָס האָט אין זייערע אויגן שוין געהאַט ניש'קשה'דיקע פאַרדינסטן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין ערשטן זאַמעל־בוך „ליטעראַטור" זיינען געקומען צום אויסדרוק ניט די יונגע שרייבער פון יענער צייט, וואָס האָבן דאָס זאַמעלבוך אַרויסגעגעבן, נאָר דוקא עלטערע, דעמאָלט זייער אָנגעזעענע שרייבער, ווי: לעאָן מאָיסעיעוו, משה קאַץ און יואל ענטין. אַ דאַנק דעם עקשנות'דיקן און ענערגישן קאַמף פון עטליכע געציילטע יונגע שרייבער, אָנגעפירט פון דוד איגנאַטאָוו'ן, איז ביים צווייטן זאַמעלבוך „ליטעראַטור" אַזאַ טעות מער ניט געמאַכט געוואָרן. די רעדאַקטאָרן פון צווייטן זאַמעלבוך זיינען שוין געווען דוד איגנאַטאָוו, י. י. שוואַרץ און משה לייב האַלפּערן. אָבער מער און שטאַרקער פון אַלץ האָט זיך אין דער רעדאַקציע פון צווייטן זאַמעלבוך געפילט די האַנט פון איגנאַטאָוו'ן.

אָט דאָס צווייטע זאַמעלבוך „ליטעראַטור" איז געווען אַ וויכטיקע דאַטע אין דער היגער אידישער ליטעראַטור. שוין מיט דעם אַליין, וואָס אין דעם זאַמעלבוך האָבן געפירט די גרענדע דורכאויס יונגע שרייבער, און נאָכמער מיט דעם, וואָס צוויי זאַכן אין יענעם זאַמעלבוך האָבן געמאַכט געשיכטע, אַזוי צו זאָגן. איינע איז געווען מאַני לייב'ס אַ סעריע לידער, וואָס די רע־דאַקציע פון ערשטן זאַמעלבוך האָט פאַרוואָרפן, און וואָס האָט נאָך דער פאַרעפנטליכונג אונז געוויזן ממש אַ נס — די געשטאַלט פון אַ פּאָעט, פול מיט קלאַנג, בילד און נואַנס, וואָס אַזאַ איז ביי אונז פריער קיינמאָל ניט געווען. יעדער ווענד ביי אים איז געווען אַ וואונדער, יעדעס וואָרט האָט וויברירט, און יעדע שורה איז געווען קאָמפּאַקט און אָנגעלאָדן. די צווייטע זאַך איז געווען די דערציילונג „אויף יענער זייט בריק", וואָס האָט איבער נאַכט כמעט געמאַכט אַ נאָמען יוסף אָפּאַטאָשו'ן אויף ביידע זייטן ים. די דריטע וויכטיקסטע זאַך איז געווען אַ קאַפּיטל פון דוד איגנאַטאָוו'ס ראָמאַן

„אין קעסל גרוב״. דער גאַנצער ראָמאַן איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין צווייטן זאַמעלבוך „שריפטן״. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז געווען דאָס שענסטע אין איגנאַטאָוו׳ס ערשטן ראָמאַן. עס האָט אָבער שוין אויך געהאַט אין זיך אויך אַלע חסרונות, וואָס מען געפינט אין איגנאַטאָוו׳ס אַלע ווערק. אין ערשטן זאַמעלבוך „שריפטן״ איז דערשינען דוד איגנאַטאָוו׳ס „דער גיבור״, אַ ביבלישע דערציילונג געבויט אויף דער יפתח־לעגענדע, וואָס האָט שוין דעמאָלט געוויזן די צוויי וויכטיקסטע עלעמענטן אין איגנאַטאָוו׳ס טאַלאַנט — זיין שפּראַך געפיל און זיינע שילדערונג־פעאיקייטן. אָבער דוקא די זאַך האָט ניט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. בלויז דאָ און דאָרטן האָט מען געקאָנט הערן אַ וואָרט פון לויב. די מערסטע אָפּרופן זיינען געווען פון חוזק. אָפּלאַכונג איז זעלטן אַ סימן, אַז דער אָפּלאַכער איז גערעכט. גאַנץ אָפט איז עס מער סימן, אַז דוקא דער אָפּלאַכער דאַרף אויסגעלאַכט ווערן, מחמת זיין שפּאָט נעמט זיך פון ניט פאַרשטיין. דער חוזק־אָפּרוף אויף איגנאַטאָוו׳ס „דער גיבור״ האָט זיך גענומען פון אַזאַ ניט פאַרשטיין. די מערסטע אָפּלאַכערס האָבן געכיכעט אויף דעם, וואָס כמעט אַלע זאַצן אין דער דאָזיקער דערציילונג האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַן „און״. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז דער כוח פון דער דאָזיקער דערציילונג האָט געשטעקט אין איר ביבלישן סטיל אין וועלכן דער „און״ איז אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל. אויב די דערציילונג האָט פאַרדינט אַ ביסל אָפּלאַכונג איז עס ניט געווען פאַר די „און׳ען״, נאָר פאַר דעם נביא׳אישן פּאָמפּ, וואָס האָט געשטעקט הינטער זיי; פאַר די האַרבע שטראָף־רייד מיט וועלכע ער האָט גערעדט וועגן געצנדינער בעת ער האָט זיך פּאָסמאַקעוועט מיט וואונדערליכע שילדערונגען פון אָרגיעס, וואָס זיינען געפּראַוועט געוואָרן אין דינסט פון די אָפּגעטער קעגן וועלכע ער האָט געדונערט. און למאי לייקענען? עסטעטיש באַפרידיקן און אַפילו מאָראַליש, צי אוממאָראַליש, באַווירקן, האָבן די פיינע שילדערונגען פון די אָרגיעס גיכער געקאָנט ווי די האַרבע נבי׳אישע שטראָפרייד.

* * *

דוד איגנאַטאָוו איז זיכער געווען אַ מענטש מיט אַ סך טאַלאַנט. אייגן און איינציקאַרטיק מיט זיין וואונדערליך ריטמישער שפּראַך און זיינע גרויסע שילדערונג פעאיקייטן. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט באַנוגנט מיט די מתנות, וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן, נאָר האָט דוקא געוואָלט זיין דאָס, וואָס ער איז ניט געווען. ער האָט זיכער געקאָנט זיין אמת׳ער קינסטלער, און אפשר גאָר גרויסער קינסטלער. דאָס איז אים אָבער קיינמאָל ניט געווען גענוג און אים האָט זיך דוקא געוואָלט זיין נביא. אים איז ווינציק געווען צו זיין אַ שאַפער פון עסטעטישע ווערטן. אים האָט זיך געוואָלט איינאיינעם מיט דעם אויך זיין אַ מאָראַלישער באַווירקער. און דערצו איז ער ניט געווען דער־

וואָקסן. דער רעזולטאַט איז געווען פאַלשער פּאָמפּ אָנשטאָט נביאישער פּאַטאָס. אַזוי האָבן מיר אים געזען אין זיין ערשטער וויכטיקער זאַך „דער גיבור“. מיט גרויס טאַלאַנט און נביאישן פּאָמפּ. און אַזוי זעען מיר אים אין כמעט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן. איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס לעצטע מאַכט פאַרזען דאָס ערשטע. און ניט זעלטן מאַכט דאָס לעצטע אַפילו קאַליע דאָס ערשטע. ווייל די טבע פון דעם ניט עכטן איז ניט נאָר צו פאַרשאָטענען דאָס עכטע, נאָר אויך עס קאַליע צו מאַכן. דאָס טראַגישע אין איגנאַטאָוו׳ן איז געווען, וואָס ער אַליין האָט ניט געקאָנט אונטערשיידן צווישן דעם עכטן און אומעכטן אין זיך. אָט דאָס ניט קאָנען אונטערשיידן צווישן דעם עכטן און אומעכטן אין זיך האָט אים געפירט צו „פאַרבעסערן“ נחמן בראַצלאַווערס מעשה׳ס אַזוי, אַז ס׳האָט זיך באַקומען אַ פאַרזעעניש ווי „דאָס ליכט פון דער וועלט“ און צו באַשאַפן „די מעשה פון דער וועלט“, וואָס איז אַ מין „תרגום שלישי“ פון אַ ניט איבערגעשפיצטן קאָמפּילאַטאָר. דאָס פיינסטע וואָס איג־נאַטאָוו האָט אין זיין לעבן אָנגעשריבן איז „פּיבי“. דאָס איינציקע ווערק זיינס, וואָס איז, אַחוץ דעם אַריינפיר, דאָס ריינסטע פון איבעריקייטן.

און דאָס ניט קאָנען אונטערשיידן זעט זיך ניט נאָר אין זיין שרייבן. דאָס זעלביקע קאָן מען זען אויך אין זיינע טואונגען. גרויס ווי עס זיינען זיינע פאַרדינסטן ווי אַ שרייבער, זיינען נאָך גרעסער זיינע פאַרדינסטן ווי אַ שרייבערשער עסקן. אָן אים וואָלטן זיכער ניט געווען די „שריפטן“, וואָס זיינען אַזאַ וויכטיקער לאַנדמאַרק אין אונזער ליטעראַטור, ווייל קיינער פון די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די „שריפטן“ האָט ניט פאַרמאָגט ניט די ענערגיע, ניט דאָס עקשנות און ניט דעם אויסדויער וואָס איז נויטיק געווען אויף צו שאַפן די טריבונע פאַר דער גרופּע, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַזאַ שטעמפּל אויף אונזער ליטעראַטור. דער עיקר אויפטו פון די „שריפטן“ איז באַשטאַנען דערין, וואָס אין זיי זיינען צום ערשטן מאָל געקומען צום פולן אויסדרוק יענע יונגע דיכטער און דערציילער פון דעמאָלט, וואָס האָבן ניט געוואָלט, אַז זייער שרייבן זאָל שטיין אין דינסט פון וועלכער עס איז אידייע, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז שרייבן דאַרף לעבן ניט אין זכות פון עפּעס אַנדערש נאָר אין זיין אייגענעם זכות. מחמת דעם האָבן זיי געוואָלט, ערשטנס, אַז זייער אָרגאַן זאָל זיך אָפּגעבן איינציק און בלויז מיט שרייבעריי און, צווייטנס, אַז אין אים זאָלן געדרוקט ווערן נאָר די זאַכן פון יונגע שרייבער, וואָס דאַרפן ערשט געווינען פאַר זיך סטאַזש דורך זייערע אייגענע זאַכן, און ניט פון עלטערע שרייבער, וואָס וועלן מיט זייערע נעמען זיי באַשיינען. איגנאַטאָוו האָט אין דעם פּרט געוואָלט פונקט דאָס פאַרקערטע פון זיי. ער האָט געוואָלט, אַז די „שריפטן“ זאָלן זיין דער אָרגאַן ניט נאָר פון יונגע אידישע שרייבער, נאָר אויך פון מאָלער, און ער האָט אויך געוואָלט, אַז אין די „שריפטן“ זאָלן

געדרוקט ווערן זאַכן ניט נאָר פון יונגע שרייבער, נאָר אויך פון עלטערע, וואָס האָבן שוין פאַרטיקע רעפּוטאַציעס. איבער דעם האָבן זיך אָנגעהויבן רייבונגען, צוערשט מילדע און דערנאָך אַלץ שאַרפערע, צווישן אים און זיינע מיטאַרבעטער. בנוגע דעם ערשטן האָט ער אויסגעפירט. בנוגע דעם צווייטן האָבן זיינע מיטאַרבעטער אויסגעפירט.

נאָכן צווייטן זאַמעלבוך „שריפטן" איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג. ניט צוליב די סיבות וואָס זיינען אויבן אָנגעגעבן נאָר צוליב עפּעס אַנדערש, וואָס ניט דאָ איז דער אָרט און ניט איך בין דער מענטש צו רעדן וועגן דעם. בעת דאָס דריטע זאַמעלבוך „שריפטן" איז צוגעגרייט געוואָרן, האָט די אָפּגעשפּאָלטענע גרופּע געשאַפן אַ בימה פאַר זיך אין דעם זאַמעלבוך „די נייע היים". אָבער נאָך איידער דאָס דריטע זאַמעלבוך „שריפטן" איז אַרויס פון דרוק האָט די גרופּע, וואָס איז פאַרבליבן מיט איגנאַטאָוו'ן, אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז דאָס וועט זיין דאָס לעצטע, און אַזוי איז טאַקע געווען. די „שריפטן" זיינען באַנייט געוואָרן, ווידער הויפּטזעכליך אונטער איגנאַטאָוו'ס רעדאַקציע, ערשטביים סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אָבער דאָס זיינען שוין מער ניט געווען די זעלביקע „שריפטן" וואָס אַמאָל. זיי זיינען אפשר געווען בעסער אין אינהאַלט און שענער אין אויסשטאַטונג. זיכער רייכער אין ביטראַג פון מאָלער און גראַפיקער. אָבער זיי זיינען מער ניט געווען דער אָרגאַן פון אַ געשלאָסענער גרופּע, טיילוויז דערפאַר, וואָס די אַמאָליקע גרופּע איז שוין געהאַט צעפאַלן אין עטליכע גרופּעס, און דער עיקר ווייל די תקופה איז שוין לאַנג געווען פאַראיבער. קיינער האָט זיך מער ניט גענויטיקט אין אַזאַ אָרגאַן ווי די „שריפטן".

נאָכן דריטן זאַמעלבוך „שריפטן" איז געוואָרן אַ ריס צווישן איגנאַטאָוו'ן און דער גרופּע, וואָס איז געגאַנגען מיט אים. דער ריס איז פון אָנהייב געווען אַ קליינער. מיט דער צייט איז ער אָבער געוואָרן אַלץ גרעסער אַזוי, אַז מען האָט זיך אויפגעהערט טרעפן, און אַ צייט שפּעטער האָט מען אַפילו אויפגעהערט רעדן צווישן זיך. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיט עטליכע יאָר צוריק, איידער איגנאַטאָוו איז אַוועקגעפאַלן, האָט ער פאַרעפנטליכט אַ סעריע אַרטיקלען מיט וועלכע ער האָט הויפּטזעכליך געצילט קעגן מיר. אָבער כאָטש דער ריס איז געוואָרן גרעסער איז ביי מיר אַלץ פאַרבליבן זייער אַ וואַרעם געפיל צו איגנאַטאָוו'ן. דאָס האַרץ האָט געדענקט די „גענאָד פון דער יוגנט", און די וואונדערליכע זונטיקס, וואָס מיר האָבן אין די טעג פון די „שריפטן" פאַרבראַכט אין זיין בראָנקסער בחור'שן צימערל אויף וואַשינגטאָן עוועניו. אין האַרצן האָט אויך שטענדיק געגעבן אַ טיאַכק ווען איך האָב אים צופעליק דערזען פון דער ווייטנס, אָדער ווען איך האָב אומגעריכט דערהערט זיין קול איבערן טעלעפאָן.

ווען מען האָט מיר מיט עטליכע יאָר צוריק געבראַכט די טרויעריקע בשורה, אַז איגנאַטאָוו איז געפאַלן ביי דער אַרבעט אין „האַיאַס״, וואו ער איז אַרום פערציק יאָר געווען אַ באַאַמטער, בין איך אַליין שיער ניט געפאַלן. ערשט דעמאָלט האָב איך דערפילט ווי שטאַרק איגנאַטאָוו איז מיר איינגעבאַקן אין האַרצן טראָצדעם וואָס מיר זיינען ליטעראַריש — און ער פון זיין זייט אויך פּערזענליך — צעריסן. שפּעטער, אַז איך האָב געהערט, ער איז שוין געבראַכט געוואָרן אַהיים פון שפּיטאָל וואוהין מען האָט אים געהאַט צוגע־נומען, און ער געפינט זיך שוין אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מען קאָן מיט אים רעדן, האָב איך צוגערעדט מאַני־לייב׳ן, אַז ער זאָל טאָן דאָס וואָס איך האָב ניט געקאָנט, און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט גיין זען איגנאַטאָוו׳ן, הגם צווישן אים און איגנאַטאָוו׳ן איז אויך געווען אַ גרויסער ריס. און מאַני לייב איז טאַקע געגאַנגען צו אים. ניט איינמאָל, נאָר אין אָנהייב כמעט יעדע וואָך און דערנאָך כמעט אַלע צוויי וואָכן. און געגאַנגען איז ער ניט נאָר מבקר חולה צו זיין דעם אַמאָליקן ליבן חבר, נאָר אויך אים העלפן. מיט דעם וואָס מאַני לייב האָט אים געקאָנט העלפן — מיט צוגרייטן צום דרוק זיין לעצט בוך „גדעון״. ביז אין דער לעצטער מינוט איז איגנאַטאָוו פאַרבליבן דער זעלביקער וואָס געווען. דער זעלביקער מענטש פון גרויסן טאַלאַנט, און דער זעלביקער מענטש פון גרויסן עקשנות. דאָס ווייס איך פון מינדליכע און שריפטליכע ידיעות, וואָס מאַני לייב האָט מיר צוגעשטעלט. אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו, ווען ער אַליין איז שוין געווען זייער אַ קראַנקער מענטש, האָט מאַני לייב שטאַרק געקלאָגט אויפן גורל פון דעם, וואָס האָט אַזויפיל געמיינט פאַר אונז אין אונזערע יונגע יאָרן.

דוד איגנאַטאָוו האָט ניט געגלויבט אין טויט, און ער האָט דאָס דער־קלערט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. באַזונדערס ביי לויות פון אייגענע און נאָענטע חברים. פאַר אים איז טויט געווען ניט מער ווי אַן אַריבערגאַנג פון איין סאָרט לעבן צו אַן אַנדערן — אַ העכערן. איך פּערזענליך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט טיילן אַזאַ גלויבן. איך וויל זיך אָבער טרייסטן, אַז ער האָט ביז אין דער לעצטער מינוט געגלויבט דערין באמונה שלמה. און אַז דער אַריבערגאַנג איז, שוין צוליב דעם אַליין, ביי אים געווען אַ גרינגער.

אויף וויפיל מיר איז נאָך באַשערט דאָ צו זיין וועל איך אים מיט אַ סך צער געדענקען, אָבער אויך מיט ניט ווייניק פרייד, פאַר דעם גוטן און שיינעם, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין אונזער ליטעראַטור, און אין אונזערע יונגע יאָרן אויך אין אונזער לעבן.

אַפּריל, 1954

י. י. שוואַרץ

(פון מיין טאָגבוך)

י. י. שוואַרץ און זיין פרוי מערי זיינען נעכטן געווען צו גאַסט ביי מיר. אַלעמאָל ווען שוואַרץ קומט איז ביי מיר אַ יום־טוב. אָבער נעכטן איז ניט געווען פריילעך. מיר זיינען געזעסן אין דרויסן, אין לאַנגן און שמאָלן גערטנדל, וואָס ציט זיך פון מיין וואוינונג ביז וואַשינגטאָן עוועניו, געקוקט אויף די זעקס באַנאַנאַ ביימער, וואָס וואַקסן אין צוויי קלומפּנס ניט וויט פון מיינע פענסטער, און דערלאַנגען זיך די לאַנגע און ברייטע, פון ווינט צעפּאַסעוועטע בלעטער, ווי הענט איבער דער סטעזשקע, וואָס ציט זיך ווי אַ סטיליזירטער איבערקערטער למד פון מיין וואוינונג דורך דער גאַנצער לענג פון גערטנדל; גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן און געפילט בשעת מעשה, אַז עפּעס דריקט ביים האַרצן. מיטאַמאָל האָט זיך שוואַרץ אַרויסגעכאַפּט מיט אַ זיפץ: — איז שוין אָפּאַטאָשו אויך ניטאָ!

אין ניו יאָרק האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן נאָך אָפּאַטאָשוס לוויה. אָבער דאָ, אין דעם שיינעם גרינעם גערטנדל, איז נאָך דער מת געלעגן פאַר אונזערע אויגן, אַזוי צו זאָגן. מיר האָבן געפּרוווט ריידן און פאַררייַדן דעם שטילן צער, וואָס האָט אונדז געדריקט. אָבער איטליכעס מאָל איז ער אַרויפגעשפּרונגען פון אויבן. — אַזוי פּלוצים פאַרכאַפּט געוואָרן! — און — ווי אַזוי איז דאָס געשען? — און נאָך אַנדערע ענליכע אויסרופן האָבן זיך אַרויסגעריסן אַמאָל פון מיין מויל און אַמאָל פון שוואַרצס מויל. מיר האָבן באַקוקט אַ ריי פּאַפּאַיע ביימלעך, וואָס וואַקסן אין דעם שמאָלן און לאַנגען גערטנדל. מיר האָבן גערעדט וועגן שוואַרצס שיינעם סאָד הינטער זיין הויז און וועגן דער לאַנקע מיט די פּרעכטיקע ביימער אין פראָנט פון זיין הויז אין דרום מיאַמי, אַרום אַכצן מייל פון דעם פּלאַץ וואו איך אַליין וואוין. אָבער אָפּאַטאָשוס געשטאַלט האָט אַפילו אויף אַ מינוט ניט אָפּגעטראָטן פון אונדזערע אויגן. און די נאַכט נאָכדעם האָב איך קיין אויג ניט צוגעטאָן.

איצט זיץ איך ביי מיין שרייבטיש, קוק אַרויס אין מיין גערטנדל צו די זעלביקע באַנאַנאַ ביימער, פּאַפּאַיע ביימלעך, היביסקוס קוסטעס און אַנדערע קוסטעס, און דאָס האַרץ איז פּונקט אַזוי פאַרקלעמט ווי נעכטן בעת שוואַרץ איז דאָ געווען און מיר זיינען געזעסן אין דרויסן. איך פרעג זיך אַליין: ווער איז דיר געווען אָפּאַטאָשו? און וואָס איז דיר געווען אָפּאַטאָשו? און איך ענטפער זיך אַליין: ביט זייער פיל. סיי ווי אַ מענטש און סיי ווי אַ שרייבער. אַזוי פון אָנהייב אָן ווען איך האָב זיך נאָר וואָס באַקענט מיט אים. און אַזוי

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב אים געקענט. ער איז ניט געווען מיין סאָרט מענטש, און ער איז אויך ניט געווען מיין שרייבער. איינמאָל איז אַפילו גע־קומען צו אַ געשלעג צווישן אים און מיר און נאָכדעם האָבן מיר יאָרן לאַנג ניט גערעדט איינער מיטן אַנדערן. און פאַרוואָס זשע איז דאָס האַרץ פאָרט אַזוי פאַרקלעמט?

אַ פּנים, אַז ווי פרעמד ער איז מיר געווען סיי ווי אַ מענטש און סיי ווי אַ שרייבער, איז ער מיר פאָרט געווען נאָענט און אַפילו אַ ביסל טייער. ווי אַלע שרייבער און פּאָעטן פון דעם דור, וואָס איז געקומען צווישן 1905 און 1915, און זיינען אין איין צייט אָדער אַן אַנדערער פאַררעכנט געוואָרן צווישן די „יונגע". וויפיל זיינען מיר נאָך פאַרבליבן פון יענעם דור? ווייִ, ווי ווינציק! אין גאַנצן אַ הייפעלע, וואָס קאָן איבערגעציילט ווערן אויף די פינגער פון איין האַנט, ווען מען זאָל אויך רעכענען איינעם, וואָס געפינט זיך שוין אַזוי פיל יאָרן אַ פּאַראַליזירטער אין אַ היים פון אומהיילבאַרע. ווען ער זאָל ניט גענומען ווערן אין חשבון, זיינען מיר בלויז פיר. אַלע זיינען זיי מיר נאָענט און טייער, און איך ציטער איבער איטליכן פון זיי, ווי איך ציטער איבער זיך אַליין. אָבער גאָר נאָענט און טייער איז מיר י. י. שוואַרץ.

ווי לאַנג איז שוין, אַז איך קען י. י. שוואַרצן? אַ קיימא לן פון אַן אַכט און פערציק יאָר. פון זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1906. אויף איסט בראָדוויי, לעבן דער ביבליאָטעק, האָט מען מיך באַקענט מיט אים. און איך האָב אים גלייך ליב באַקומען. שוין פאַר זיין אויסזען אַליין. הויך און שלאַנק מיט אַ געטאָקט פּנים און אַ פּרעכטיקן קאָפּ מיט פעך־שוואַרצע קרייז־לען, אַ דין שמייכעלע אויף אַ פיינעם, סענסיטיוון מויל, און אַ שקאָציש־פריילעך פייערל, וואָס האָט דורך אַ פּאָר ברילן אַרויסגעשיינט פון זיינע ברוינע אויגן. אגב, פונקט אַזוי שיין און פונקט אַזוי גלייך איז ער אויך היינט צו טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געפּראַוועט זיין ניין און זעכציקסטן געבוירן־טאָג און הייבט זיך אָן דערנענטערן צום עלטער פון זיסן זינגער אין ישראל. אויך איצט קאָן מען נאָך אָפּט זען דעם פיינעם שמייכל אויף זיינע ליפּן. אָבער ניט מער אַזוי אָפּט דאָס שקאָציש־פריילעכע פייערל אין די אויגן. פאַרשטייט זיך, אַז זיין קאָפּ איז שוין אין גאַנצן ווי זילבער. אָבער דאָס גיט נאָר צו ווירדע זיין גאַנצן יש.

ווען איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל, האָב איך שוין געהאַט גע־לייענט זיין פּאָעמע „אויפן ניעמאַן" — די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט אָפּגע־דרוקט דאָ אין אַמעריקע אין דער „צוקונפט", און אפשר אויך די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט דעמאָלט בכלל געהאַט אָפּגעדרוקט. און איך מוז זאָגן, אַז די דאָזיקע פּאָעמע האָט אים מיר ליב געמאַכט נאָך איידער איך האָב זיך מיט

אים באַקענט פּערזענליך, טראַצדעם, וואָס זי איז נאָך געווען זייער רוי און האָט בכלל געהאַט מער חסרונות ווי מעלות. און אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט אָפּ, האָט מען אין אָט דער ערשטער פּאָעמע זיינער, וואָס איך האָב געלייענט, שוין געקאָנט געפינען סימנים פון די מעלות און סימנים פון די חסרונות, וואָס מיר געפינען אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן ביז אַהער, באַזונדערס אין זיינע צוויי גרויסע זאַכן „קענטאַקי" און „יונגע יאָרן".

„קענטאַקי" איז ביי אונז געוואָרן אַ קלאַסיק, וואָס האָט זוכה געווען צו דריי אויפלאַגעס, און איז אַ היפּשע צייט געלערנט געוואָרן אין אונזערע מיטל־שולן. איצט איבערזעצט שוואַרץ זיין „קענטאַקי" אויף העברעאיש, און איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אויף העברעאיש וועט דאָס ווערק זיין פּונקט אַזאַ דערפּאָלג און אפשר נאָך אַ גרעסערער ווי אויף אידיש. דער דערפּאָלג איז אַוודאי אַ כשר פאַרדינטער. וואָרים מיט אַלע זיינע חסרונות האָט דאָס בוך „קענטאַקי" צו זיך ניט קיין גלייכן אין אונדזער פּאָעזיע. אָבער אַזוי ווי איך האָב וועגן דעם דאָזיקן בוך געשריבן אין זשורנאַל „דער אינזל" גלייך נאָכדעם ווי עס איז דערשינען אין 1925, וועל איך דאָ יענעם אַרטיקל איבערשרייבן אין אַ פאַרקירצטער פאָרם, ווייל איך מיין, אַז דאָס וואָס איז געווען גילטיק דעמאָלט איז נאָך גילטיק היינט צו טאָג.

די גרעסטע מעלה ביי שוואַרצן — האָב איך געשריבן אין יענעם אַרטיקל — איז זיין שאַרפע זינלעכע עמפינדלעכקייט. דאָרט וואו שוואַרץ פאַרלאָזט זיך אויף זיינע חושים, פירן זיי שוין אויס זייער שליחות בשלימות. זיי קוקן אויס, האָרכן זיך צו, שטעקן אומעטום די נאָז, באַטאַפּן און פאַרזוכן און שטעלן זיך ניט צופרידן ביז זיי געפינען ניט אויס אַלץ. וואָס שוואַרץ דערגרייכט און דערגרונטעוועט דורך זיינע חושים, איז עכט, קערנדיק און גאַנץ. און וואו נאָר מיר באַגעגענען ביי אים אַ שטעלע, וואָס איז דיקטירט געוואָרן פון זיינע חושים, איז זי מייסטערהאַפט.

אַזוי אין זיינע אַמאָליקע קלענערע לידער, און אַזוי אין זיינע פּאָעמעס און אידיליעס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די לעצטע עטליכע יאָר און איצט אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערן בוך מיטן נאָמען „קענטאַקי".

און הלוואי וואָלט שוואַרץ זיך כסדר פאַרלאָזט אויף זיינע חושים. זיי וואָלטן אים, ווי יעדן קינסטלער, שוין געפירט ווייטער — צו פּסיכאָלאָגישער איינזיכט, און אַנטפּלעקט פאַר אים יענעם טיפערן תוך, וואָס ליגט הינטער דעם אויסערלעכן שיין פון זאַכן און דערשיינונגען. דערצו איז אָבער נייטיק אינטענסיווע אָנשטרענגונג פון איין זייט, און דאָס אָפּוואָרפן פון יעדן זייטיקן מיטל פון דער אַנדערער זייט. און דאָס איז ניט אָפט דער פאַל ביי שוואַרצן.

דער מאַנגל אין אינטענסיווקייט פילט זיך ביי שוואַרצן אין דער אָרימקייט

דער מאַנגל אין אינטענסיווקייט פילט זיך ביי שוואַרצן אין דער אָרימקייט און אָפטמאָל אַפילו וואַסערדיקייט פון זיין שפּראַך, אין זיין שוואַכקייט צו פאַרטיקע, פון ששת־ימי־בראשית שוין באַקאַנטע בילדער, וויצן און משלים, און דער עיקר אין דעם אידישלעכן קוק, וואָס ער האָט אָפט אויף זאַכן און דערשיינונגען. — יענער אידישליכער קוק, וואָס איז אונז אַזוי באַקאַנט פון אונדזער משכיליש־לשון קודשדיקער און אידישיסטישער נאַציאָנאַל־מאמריסטיק, וואָס האָט אויף אַלץ שוין אַ פאַרטיקע שכלדיקע דערקלערונג, און וואָס איז ווי סם פאַר יעדע קינסטלערישער שאַפערישקייט.

וואו שוואַרץ איז פריי פון אָט דעם אידישלעכן קוק — ווי למשל, אין זיינע אַמאָליקע פּייזאַזשן און זיינע איצטיקע קלענערע אידיליעס — זעען זיך זיינע אַנדערע חסרונות ניט אַן אַזוי שטאַרק, און גאַנץ אָפט ווערן זיי אין גאַנצן אָפּגעווישט. וואָרים קוים איז שוואַרץ באַפרייט פון אָט דעם אַנשיקעניש, מוז ער, ווילנדיק ניט ווילנדיק, צונויפנעמען אַלע זיינע זינלעכע כוחות, און זיי העלפן אים שוין באַשאַפן עפּעס ווערטפולס און אַמאָל אַפילו עפּעס וואָס איז אמת גרויס, ווי למשל, זיינע צוויי בעסטע זאַכן אין איצטיקן בוך. „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" און „דער סוף פון טאָמאָסן".

אין „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" איז שוואַרצן געלונגען צו שאַפן ניט נאָר אַ גאַנצע אָפּגערונדיקטע זאַך, נאָר — וואָס איז פיל, פיל וויכטיקער — אַ גאַנצע טראַגי־קאָמישע געשטאַלט, וואָס אָטעמט מיט צאַפּלדיק לעבן פון אָנהייב ביזן סוף. ווי יעדע לעבעדיק געשאַפענע געשטאַלט, קריגן מיר ליב דעם לייכטזיניקן, תמ'עוואַטן נעגער, הגם מיר וואָלטן אפשר מיט אים ניט וועלן עסן פון איין שיסל, און טראַכטעם, וואָס מיר קאָנען זיך אָפט קוים איינהאַלטן פון אַ שמייכל, ווען מיר דערזען די קאָמישקייט פון דעם דאָזיקן שוואַרצן פאַרשויך, וואָס איז הוילע פּרימיטיווע זינלעכקייט, און אַזוי מוראדיק אומבאַהאָלפן אין זיין יעדן קער.

ווי יעדע פּרימיטיווע באַשעפעניש, ווערט דזשאָרדזש אַפילו ניט אויף איין מינוט דער האַר איבער זיינע אינסטינקטן, און אין דער זעלביקער צייט האָט ער ניט דעם כוח נאָכצוקומען דעם וואונטש פון די דאָזיקע אינסטינקטן. בטבע פויל ווי אַ קאַץ, און דאָך מוז ער האָרעווען ווי אַן אייזל; כיטרע ווי אַ פוקס, און דאָך טעמפּ ווי אַ קלאָץ ווען ס'איז נייטיק אַ האָרעלע שכלדיקע אָנשטרענגונג; אייביק אויף דער וואַך און אייביק גערייצט קעגן זיין ווייב, מעגי, וואָס ער איז חושד אין אומטרייקייט, און דאָך בלינד, בעת פאַר אים אין די אויגן נאָרט זי אים אָפּ מיט זיין פאָרביסנטסטן שונא, דעם אָוואַנטוריסט טאָמאָס, און אַזוי כסדר.

די דאָזיקע פּאָעמע איז רייך אין איינציקע שטעלן, וואָס באַווייזן אַן אי־בעריק מאָל, וואָס אַ פיינער באַאָבאַכטער און מייסטערהאַפטיקער שילדערער שוואַרץ קאָן זיין. ס׳איז גענוג אָנצואווייזן אויף דער סצענע אין דער קליינער נעגערשער קירך ביי אַ מיטנוואָכיקן גאָטדינסט. צי אויף דעם „טהענקסגיווינג דינער״ וואָס דזשאָרדזש טרעפט אומפּאַרהאָפט ביי זיך אין שטוב, ווען ער פאַלט אַריין אַהין אַן אויסגעמאַטערטער און דערפרוירענער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט.

„דער שיינער אינדיק האָט אַרויסגעשטעקט
און האָט אַרויסגעלויכטן גאָלדיק־ברוין,
מיט קלאָרע טראָפּנס פעטס אַזוי ווי פּערל;
און האָזן פונקט ווי לעבעדיק, מיט אַלע גלידער,
זיי זיינען ווי פאַרגליווערט שפּרינגעוודיק
געבליבן שטעקן צווישן ברוינע בולבעס
און כל־המינים לעבעדיקע גרינסן.
דער זויער־זיסער זאַפט פון זשוראַווינעס
האָט אים געמאַכט זיין מויל צו וואַסערן,
און ס׳האָבן פון געפלאָכטן (עס) קאָרב געלויכטן
די רויטע, גרויע עפּל און אָראַנזשן,
און קילע ריחות אין דער היץ פאַרשפּרייט.
און אויף דער ערד פון טיפן קובעל פונס גרעט,
מיט העלדזער אויסגעשטרעקט שערענגעווייז
אַזוי ווי זעלנער, האָבן פלעשער ביר
אַרויסגעקוקט פון אָנגעבראָקטן אייז.״

אַזוינע מייסטערהאַפטע שילדערונגען געפינען מיר אויך אין די אַנדערע קלענערע פּאָעמעס, באַזונדערס אין „דאָס זיידן העמד״ און „דער סוף פון טאָמאָסן״, וואו די הויפּט פיגור איז אין ביידע דער אויבן־דערמאָנטער אַוואַנ־טוריסט טאָמאָס.

טאָמאָס׳עס געשטאַלט ווי אַ גאַנצע איז שוין שוואַרצן ניט אַזוי געלונגען, הגם מיט אים גיט ער זיך אָפּ מער ווי מיט דזשאָרדזשן. דערפאַר אָבער ווי וואונדערלעך איז דער פראַגמענט אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דער אָנקום פון טאָמאָס׳עס סוף. דאָ ווייזט שוואַרץ אַרויס מייסטערשאַפט ניט נאָר אין אויסערלעכע שילדערונגען, נאָר אויך אין שילדערונגען פון אינערלעכע איבערלעבונגען. און ווי ביי יעדן אמתן קינסטלער, זיינען זיי ביידע ביי אים אַזוי צונויפגעפלאָכטן, אַז איינס וואַקסט אַרויס פון דאָס אַנדערע. ווען טאָמאָס ליגט באַהאַלטן אין וואַלד און דער הונגער טרייבט אים ענדלעך אַרויסצושטעקן

זיין קאָפּ פון זיין באַהעלטעניש און ער וויל פאַרנאַרן צו זיך אַ וועווערקע, וואָס שפּילט זיך ניט ווייט פון אים, דערפילן מיר ווי אַלץ אין אים רייסט זיך צו דעם קליינעם באַשעפעניש, וואָס וואָלט קאָנען שטילן זיין נאָגנדיקן הונגער און מיר דעזעען ווי —

„ס׳האָט דער קאָפּ
זיך איינגעפּרעסן אין די גרויע פעלעכלעך
מיט בלוט־פאַרלאָפענע און טעמפּע אויגן.״

צי שפּעטער ווען מען האָט אים שוין געכאַפּט און געבראַכט אין געריכט אַריין אַ פאַרוואונדעטן, אויסגעמאַטערטן און אויסגעשמירטן און —

„דאָס פּנים איז געווען גרוילעך־בלוי:
אַרום איין אויג האָט שרייענדיק געגליט
אַ בייל ווי אַ קולאַק גרויס. דאָס צווייטע אויג
איז ווי אַ רויטע און געיאָגטע מויז
אַרומגעלאָפן איבער ווענט און קעפּ...״

לעבן מיר איבער צוזאַמען מיט אים דעם גאַנצן שרעק פאַר דעם אומבאַוואוסטן, וואָס וועט זיך דאָ באַלד אַנטפּלעקן.

און ענדליך, ווען טאַמאַס דערפילט פּלוצים, אַז דער אומפאַרמיידליכער און שוואַרצער סוף רוקט זיך אָן, און אים באַפאַלט אַ מוראדיקע אַנגסט, און דאָס יונגע און קאַכיקע בלוט וויל ווילד אויפשרייען, וויל אַרויספּלאַצן אין אַ חיה׳שען ברום, באַגעגנט זיך דאָ זיין בליק מיט אַן אַנדערנס בליק און ס׳ווערט אים אומהיימליך קלאָר:

„אַז אַנדערש קאָן ניט זיין און וועט ניט זיין.״

בלייבן מיר פאַרגליווערט ווי מיר וואָלטן אַליין געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט דעם אומפאַרמיידליכן.

אין די צוויי זאַכן האָט שוואַרץ זיך געלאָזט פירן פון זיינע חושים און נאָר פון זיי, און ס׳האָבן זיך באַקומען צוויי אמתע מייסטערווערק, אין וועלכע די מערסטע פון זיינע חסרונות זיינען אַבסאָלוט אָפּגעווישט געוואָרן. אין „דזשאָו״ באַווייזן זיי זיך שוין דאָ און דאָרטן. אין דער פּאָעמע זיינען שוין פאַראַן גאַנצע שטעלעס, וואָס ווייזן, אַז דער דיכטער האָט מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זיך אויף זיינע חושים און גענומען צו הילף זיין אידישלעכן שכל. צום שטאַרקסטן און בולטסטן אָבער טרעטן אַרויס זיינע חסרונות אין זיין גרעסטער פּאָעמע, וואָס פאַרנעמט דעם אויבן אָן אין זיין בוך. אין ערגיץ איז די שפּראַך ביי שוואַרצן ניט אַזאַ אַרימע און אַזאַ וואַסערדיקע ווי אין דעם הויפּט ווערק פון בוך. אַפילו אין די בעסטע שטעלעס שלאָגסטו דיך פּלוצים אָן אין ווערטער און אויסדרוקן, וואָס פּאַסן זיך בשום אופן ניט אַהער. דו פילסט,

אַז שוואַרץ האָט זיך באַנוצט מיט דעם אָדער יענעם אויסדרוק נאָר ווייל ער האָט זיך געפּוילט צו זוכן דאָס עקזאַקטע וואָרט. דאָ שטויסט מען זיך אָן אָן רעדנס־אַרטן און אַפילו אָן גאַנצע זאַצן, וואָס זיינען ניט אידיש נאָר שלעכט איבערגעזעצטער ענגליש און אַמאָל גייען אַפילו אַוועק אַזוינע פּסוקים גאַנצע, וואָס מען באַגעגנט נאָר אַמאָל אין שלעכטן צייטונג־לשון. אָט זיינען עטליכע מוסטערן:

„די דייטשע ברידער וועלכע זיינען שוין
ביי יענער צייט געשטאַנען אויף די פיס".

אָדער:

„און אַלס אַזעלכע האָבן זיי געווירקט"

צי:

„דאָס לעבן איז דערווייל געגאַנגען פאָרווערטס
ווי ס׳גייט דער זייגער אויף דער וואַנט."

און נאָך צענדליקער אַנדערע פון דעם מין.

אַוודאי פעלן אין דעם הויפּט ווערק פון בוך אויך ניט קיין וואונדערליכע שילדערונגען פון אמתער מייסטערשאַפט. אָבער זיי ווערן אָפט דערטרונקען אין באַנאַלן וואַסער, שלעכטער שפּראַך, פלאַכן וויץ, זיסלעכן שמייכל און איבערטריבן פייערלעכן טרויער, וואָס שטאַמען פון די זעלביקע צוויי מקורים — דיכטערישער פוילקייט און אידישליכער אויפפאַסונג. די זעלביקע חסרונות, וואָס מען געפינט אין די דעטאַלן, שרייען אויך אַרויס פון דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון דעם ווערק.

עד־כאן פאַרקירצט דער דערמאָנטער אַרטיקל וועגן „קענטאָקי".

די זעלביקע מעלות און חסרונות, וואָס מיר געפינען אין שוואַרצס „קענ־טאָקי" געפינען מיר אויך אין זיין צווייטן ווערק, „יונגע יאָרן", וואָס איז אין כמות אפשר גרעסער פון דעם ערשטן. אויך דאָ געפינט מען — און אין אַ גרעסערער מאָס ווי אין „קענטאָקי" — פלאַסטישע שילדערונגען פון גרויס מייסטערשאַפט. און אויך דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף גאַנצע זייטן שיטערע און שלעכטע עברי איבער וועלכער מען דאַרף בראָדזשען ווי אין זאַמד. ווי אין „קענטאָקי" זיינען אויך אין די „יונגע יאָרן" די חסרונות צום גרויסן טייל אַ פועל־יוצא אי פון דיכטערישער פוילקייט און אי פון שוואַרצס אידישליכן קוק אויף זאַכן און דערשיינונגען.

אָבער פאַרוואָס אַרן מיך די חסרונות אין די „יונגע יאָרן" אַ סך ווינציקער ווי מיך האָבן געאַרט די חסרונות אין „קענטאָקי"? אפשר דערפאַר ווייל צווישן איין ווערק שוואַרצס און דעם צווייטן בין איך עלטער געוואָרן מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר, און די חסרונות פון אַ זאַך קאָנען מיך מער ניט אַזוי איריטירן

ווי אַמאָל. און אפשר דערפאַר ווייל איך פערזענליך בין איצטער מער מקנא אַ פּאָעט וואָס האָט אָנגעשריבן גרויסע ווערק, ווען אַפילו מיט אַ סך חסרונות, איידער איינעם, וואָס האָט פערפעקטע זאַכן נאָר קליינע און ווינציק. און אפשר האָט דער קאַטאַקליזם, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק אין די גרויליקע היטלער־יאָרן אויך מיך אַליין געמאַכט קוקן אויף אַלץ מיט אידיש־ליכע אויגן, אַזוי, אַז דער גרויסער צער, וואָס ווייעט אפילו פון די פּראָזאַאישע שטעלן אין שוואַרצס „יונגע יאָרן" איבער דער אכזריותדיק אומגעבראַכטער וועלט אונדזערער, וואָס איז געווען און וועט מער ניט זיין, פאַרכאַפּט מיך איצטער מער פון אַלע שענקייטן, וואָס האָבן אַזוי פיל געמיינט פאַר מיר אין די אַמאָליקע יאָרן.

דינסטאָג 12טן אָקטאָבער, 1954

אַננאַ מאַרגאָלין

די וויכטיקסטע פּרטים אין לעבן פון אַננאַ מאַרגאָלין

די פולע געשטאַלט פון אַננאַ מאַרגאָלין וועט אַנטפּלעקט ווערן ערשט דעמאָלט ווען ס'וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס וועט איבערלייענען, סאָרטירן און ברענגען אין אָרדנונג די הונדערטער בריוו, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך איר און פילן אָן אַ היפּשן וואַליז. די בריוו זיינען אין רוסיש, אידיש, העברעאיש און טיילווייז אויך אין ענגליש. די מערסטע בריוו זיינען געשריבן צו איר. אַ היפּשער טייל אָבער איז אויך פון איר צו אַנדערע. די בריוו צו איר זיינען אין גרויסן רוב פון מענטשן, וואָס האָבן זיך באַקענט מיט איר ווען זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן ביז אין אָנהייב פון אירע דרייסיקער יאָרן. קיין איינציקער פון די, וואָס האָבן געשריבן צו איר אין לויף פון די צוויי צענדליק יאָרן, איז ניט געווען אין גאַנצן גלייכגילטיק צו איר. דער גרעסטער רוב איז אַ לענגערע צייט, צי אַ קורצערע געווען פאַר־ליבט אין איר. עטליכע פון זיי פייערדיק פאַרליבט. און ביי איינעם האָט זיך די ליבע געצויגן עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד. וואָס מער איינער האָט זי ליב געהאַט, אַלץ מער האָט ער געליטן. דאָס איז באַזונדערס געווען דער פאַל אין אירע גאַנץ יונגע יאָרן. ווייל זי האָט זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט די, וואָס האָבן זי ליב געהאַט ביז צום פאַרוואונדן. דאָס מיינט אָבער ניט צו זאָגן, אַז זי אַליין איז פון אַזאַ שפּיל אַרויס גאַנץ. ביי די מערסטע אַזוינע שפּילן איז זי אַליין געווען דער גרעסטער קרבן. וואָרים יעדע אמת'ע ליבע, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען, איז ביי איר געווען טראַגישע ליבע. אַ ליבע איז ביי איר געווען אַ פּלאָקער. און זי איז שטענדיק פון אים אַרויס אַ פאַרברענטע. פאַראַן אין דעם וואַליז אַ מאַסע בריוו פון משפּחה. די מערסטע פון איר מוטער, געציילטע פון איר פאָטער, עטליכע פון אַ מומע. געווען אויך אַ צוויי צענדליק צי מער פון איר זון נעמן סתוי, וואָס איז נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל געווען דער ערשטער מיליטערישער גאָווערנאָר פון ישראל. אָבער די אַלע בריוו און די מערסטע פאָטאָגראַפיעס פון איר זון, האָב איך אָפּגע־שיקט צו אים אינאיינעם מיט אַ ריזיקן קאַסטן ביכער אין עטליכע שפּראַכן, באַלד נאָכדעם ווי זי איז געשטאָרבן. פון די לעצטע דריי צענדליק יאָר אין איר לעבן זיינען כמעט נײַנציק פּראָצענט פון אַלע בריוו פון איר צו מיר און פון מיר צו איר. אָט די בריוו אַליין זיינען וואונדערליכער מאַטעריאַל פאַרן קינפטיקן ביאָגראַף פון אַננאַ מאַרגאָלין. וואָרים זיי וואָלטן געגעבן דעם

שליסל צו אַ סך לידער פון דער דיכטערין, צום טראַגישן לעבנס פּלאָנטער פון איר לעצטע יאָרן, און אפשר אויך צום רעטעניש, פאַרוואָס זי האָט אויפגעהערט שרייבן לידער, פונקט אַזוי פּלוצים ווי זי האָט אָנגעהויבן.

משפחה

אַננאַ מאַרגאָלין איז געווען צו נאָענט צו מיר און אונזערע לעבנס זיינען געווען צו אינטים און צו טראַגיש פאַרפּלאָכטן, אַז איך זאָל קאָנען שרייבן ווי ס׳דאַרף צו זיין וועגן איר. כ׳פיל אָבער, אַז איך דאַרף פאַרצייכענען די וויכטיקסטע פּרטים פון איר לעבן אויף וויפל זיי זיינען מיר באַקאַנט. וואָרים אויב איך וועל עס ניט טאָן וועט ניט זיין קיינער, וואָס זאָל עס קאָנען טאָן. אויב אָבער ס׳וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס ווייסן עפּעס מער וועגן איר אָדער איר משפחה, און זיי ווילן מיך קאָרעגירן אָדער מיין אָנוואורף דערגאַנצן, וועל איך אודאי זיין צופרידן, מחמת יעדער נייער פּרט וועט העלפן פולער אַרויסברענגען איר געשטאַלט.

אָט זיינען די פּרטים פון אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס לעבן, ווי זיי זיינען מיר באַקאַנט:

אַננאַ מאַרגאָלין (ראָזע לעבענסבוים) איז געווען אַן איינציק קינד פון מנחם און דבורה־לאה לעבענסבוים, ביידע אויפגעוואָקסענע אין בריסק־דליטאַ. אָט־די איין־איינציקייט אירער איז זיכער געווען איינער פון די הויפּט גורמים, וואָס האָבן געהאָלפן אויספורעמען איר גאַנצן לעבנסלויף. פון איר פאָטער׳ס משפחה האָט ראָזע זייער ווינציק געוואוסט. דעם טאַטנס טאַטן האָט זי געדענקט ווי דורך אַ חלום. אין אירע אויגן איז ער געווען שוין גאָר אַ זקן, די עטליכע מאָל וואָס זי האָט אים געזען אַלס קינד. העכסט וואַר־שיינליך איז ער גאָר ניט געווען אַזוי אַלט ווי ער האָט איר אויסגעזען אין די קינדערשע יאָרן. געדענקט האָט זי אויך, אַז איר פאָטער האָט שטאַרק נוהג כבוד געווען אַן זיידן און געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט געהאַט אַ גאונ׳ישן קאָפּ. דער נאָמען לעבענסבוים ווייזט, אַז איר פאָטער האָט געשטאַמט פון אַ לומדישער פאַמיליע. אפשר איז דער שטאַמפאָטער פון דער פאַמיליע געווען איינער, וואָס האָט מחבר געווען אַ ספר „עץ־חיים״. פון אירע קינדעריאָרן האָט זי געדענקט ווי איינמאָל האָט מען זי מיטגענומען אויף אַ חתונה צו וועלכער עס זיינען אויך געקומען דער גראָדנער רב און זיינע טעכטער, וואָס האָבן זי געהאַלדזט און געקושט ווי אַן אייגענע. איר פאָטער האָט איר דעמאָלט געזאָגט, אַז דער גראָדנער רב איז געווען זיין שוועסטערקינד.

איר פאָטער, מנחם לעבענסבוים, האָט אין זיינע בחור׳שע יאָרן גע׳שמ׳ט פאַר אַן עלוי. אין יענער צייט איז ער אויך געווען אַ חסיד — אַ קאָצקער חסיד. — שפּעטער איז ער געוואָרן אַ משכיל און אַ ציוניסט. פון זיין אַמאָליקן

חסידות איז אים פאַרבליבן בלויז אַ פריינט, איינער וואָס איז פאַרבליבן אַ קאָצקער חסיד זיין גאַנץ לעבן. יענער פריינט פלעגט קומען צו אים פון צייט צו צייט שפּילן אַ שאַך. ביים שאַך־ברעטל פלעגן זיי ביידע אונטערברומען אַ חסידיש ניגונ׳דל, וואָס ראָזע האָט שטאַרק ליב געהאַט, און וואָס זי האָט געדענקט איר גאַנץ לעבן. אגב, דעם איינציקן חסידישן ניגון, וואָס זי האָט ליב געהאַט. זינט זי האָט געדענקט איר פאָטער, האָט ער געהאַט אַ קורץ געשוירן וואָן דאַיק בערדל, זיך געקליידט אייראָפּעאיש און גערעדט דייטש־מעריש. דאָס לעצטע האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער איז אַ סך יאָרן געזעסן אין קעניגסבערג ווי אַ קאָמיסיאָנער פון תבואה און מעל. אַהיימקומען פלעגט ער בלויז עטליכע מאָל אַ יאָר. געווען אויך צייטן ווען ער איז אַהיים געקומען בלויז צוויי מאָל אַ יאָר: אויף פּסח און אויף די ימים־נוראים. אַז ער איז געקומען אויף פּסח איז ער אַמאָל געבליבן אין דער היים ביז נאָך שבועות. ווען אָבער ער איז געקומען אויף די ימים־נוראים, איז ער שטענדיק פאַרבליבן אין דער היים ביז איבער אַלע טעג סוכות. אַט דער פאַקט, וואָס איר פאָטער איז אין אירע קינדערשע יאָרן זעלטן־ווען געווען אין דער היים, איז זיכער געווען איינער פון די גאָר וויכטיקע פאַקטאָרן אין דער פורעמונג פון איר לעבן. וועגן איר פאָטער פלעגט זי דערציילן, אַז ער איז געווען זייער אַ שיינער און עלעגאַנטער מאַן. און פרויען האָבן זייער ליב געהאַט צו זיין אין זיין געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט אַן אָפענעם מוח, איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט געלייענט אַ סך העברעאיש, דייטש און רוסיש, און איז געווען באַליבט אין ציוניסטישע קרייזן, פריער אין בריסק, דערנאָך אין אָדעס און צום סוף אויך אין וואַרשע. צווישן זיינע פריינט אין אירע קינדער־ און יוגנט־יאָרן זיינען געווען דער דעמאָלט באַרימטער ציוניסטישער טוער און מטיף חזן, די פינקעלשטיינס, אַברהם גאָלדבערג, דער ברודער פון מנחם באָריישאָ, ש. יאַצקאַן און אַנדערע. זיין געשטאַלט ווערט אַרויסגעבראַכט אין איר ליד „מיין שטאַם רעדט" ווען זי רעדט וועגן —

„סוחרים פון לייפּסק און דאַנסק,
בלאַנקע מאַנקעטן, איידעלער סיגאַרן־רויך,
גמרא־וויצן, דייטשע העפלעכקייטן.
דער בליק איז קלוג און מאַט,
קלוג און איבערזאַט.
דאָן־זשואַנען, הענדלער און זוכער פון גאָט"...

איר פאָטער האָט געהאַט צוויי שוועסטער. אַן עלטערע פון אים, פראַדל, און אַ אינגערע, לאה. די עלטערע איז אַ פּנים יונג געוואָרן אַן אַלמנה. און זי האָט אַליין אָנגעפירט מיט אַ הורט געשעפט פון מעל פון וועלכן זי איז רייך געוואָרן. חוקר איז געווען איר פאַמיליע נאָמען. זי האָט געהאַט עטליכע זין

און טעכטער און געהערשט איבער אַלע. זי איז געווען פון דעם טיפּ „מירעלע אפרת", האָט מיר געשריבן אירס אַן איניקל, דאָראַ ברקאי, וואָס געפינט זיך אין ישראל און האַלט אַן אַמט אין חיפה׳ר טעכניקום. זי איז, אגב, די איינציקע פון דער חוקר פאַמיליע, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער היטלער פאַרטיליקונג, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז אַוועק קיין ארץ ישראל ניט לאַנג פאַר דעם איידער די דייטשן זיינען אַריין אין פוילן. ווען אַננאַ מאַרגאָלין רעדט אין איר דערמאָנטן ליד וועגן „גראַן־דאַמען אין ציץ און לייוונט" האָט זי דערמיט געמיינט אָט די מומע אירע. פון קינדוויז אָן האָט זי געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר דער „מומע פראַדל", וואָס איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסן בינט שליסל, איינגעשטעקט אין איר ברייטן פאַרטוך, הינטער וועלכן עס האָט תמיד געהאָנגען אַ גרויסע לייוונטענע טאָרבע מיט געלט, איינגעלייזט אין איר גרויסער מעל קראָם. אָט די מומע אירע איז געווען פון אַלטמאָדישן אידישן טיפּ. אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ איז געווען אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס צווייטע מומע, לאה. זי איז, ווייזט אויס, שוין געווען אַ שטיקל אויפגעקלערטע, געלייענט דייטש און געקאָנט גאַנצע שטיקער שילער פון אויסנווייניק. זי האָט גאַנץ פרי איינגעזען, אַז אין רוסלאַנד איז פאַר איר ניטאָ קיין צוקונפט און איז געווען פון די גאָר ערשטע באַלעבאַטישע, אידישע מיידלעך אין בריסק צו פאָרן קיין אַמעריקע. דאָ, אין אַמעריקע, איז פון לאה געוואָרן „לינאַ". שיין איז זי געווען. האָט זיך דאָ באַלד געפונען אַ בעלן אויף איר. פּראַקטיש איז זי, ווי עס ווייזט אויס, געווען ניט ווינציקער, און זי האָט פון אָנהייב אָן געטראַכט וועגן אַ תכלית. סוחר׳ישע פעאיקייטן האָט זי פאַרמאָגט ניט ווינציקער ווי איר שוועסטער פראַדל. עטליכע יאָר נאָך איר חתונה איז זי שוין געווען גאַנץ פאַרמעגליך אַזוי, אַז ווען ראָזע איז נאָך געווען גאַנץ יונג האָט איר „טאַנטע לינאַ" זיך שוין געקאָנט פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן אַהיים צו קומען קיין בריסק אויף אַ לוסטרייזע מיט אירע צוויי קינדער און ווייזן די אַנדערע פון דער משפחה, ווי זי האָט מצליח געווען אין אַמעריקע. געקומען איז זי אויסגעפּוצט גרויסשטאָטיש, מיט אַ שטעל און האַלטונג פון אַ גרויסשטאָטישער רייכער יונגע דאַמע, וואָס דער אַלטמאָדישער פירנאָמען „מומע" האָט זיך צו איר מער ניט געקלעפּט. אַננאַ מאַרגאָלין פלעגט זי דעריבער שטענדיק רופן ניט „מומע" נאָר „טאַנטע לינאַ", אַזוי פון קינדוויז אָן און אַזוי איר גאַנץ לעבן. זי, איר פאָטער און די דאָזיקע טאַנטע אירער האָבן בשותפות געהאַט איין כאַראַק־טער־שטריך, וואָס זיי האָבן אַפּנים אַלע דריי איבערגענומען בירושה פון עמיצן אין דער משפחה. דער פאָטער, די טאַנטע און זי אַליין האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן קיין עוולה, וואָס עמיצער איז קעגן זיי באַגאַנגען. און ממילא האָבן זיי אויך קיינמאָל קיינעם ניט געקאָנט מוחל זיין קיין עוולה. די טאַנטע לינא האָט איר מאַן זייער ליב געהאַט. נאָר קוים איז ער איינמאָל באַ־

גאַנגען אַ זינד קעגן איר, האָט זי אים דאָס קיינמאָל מער ניט מוחל געווען, אים אָפּגעזאָגט און איז פאַרבליבן אַ גרושה אויף איר גאַנצן לעבן.

אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס מוטער האָט געשטאַמט פון אַ פּראָסטערער משפחה ווי איר פאָטער. דעם ערשטן נאָמען פון איר מוטער׳ס פאָטער קאָן איך זיך צום באַדויערן, ניט דערמאָנען. זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען ראָזענבלום. אַננאַ מאַרגאָלין האָט אים פאַר מיר געשילדערט ווי אַ פּראָסטן, אָבער זייער פרומען און ערליכן אידן. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געהאַלטן אַ קרעטשמע אין אַ דאָרף. אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין בריסק. ווייזט אויס, אַז ער איז געווען גאַנץ פאַרמעגליך, ווען ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין בריסק. וואָרים דאָ האָט ער געקאָנט קויפן פאַר זיך אַ היפּש הויז אַקעגנאיבער דעם „קייסערס סאָד”. אין איין טייל פון הויז האָט ער געהאַט אַ שענק און אַן אַכסניאָ. אין אַנדערן טייל הויז האָט ער געהאַט עטליכע דירות צו פאַרדינגען. געקומען פון דאָרף איז ער אַ בעל מטופל פון אַ ווייב, עטליכע טעכטער און עטליכע זין. ער האָט אויך מיטגעבראַכט אַן אַלטע מאַמע, וואָס אַלע אין שטוב האָבן געהאַלטן פאַר אַ מלומדת און אַ צדקת. אין בריסק האָט ער אַלע זיינע קינדער אויסגעגעבן בכבוד. און כאָטש ער האָט זיינע טעכטער געגעבן גרויסע נדנים, איז זיי אָבער כמעט אַלע שלעכט געגאַנגען, און זיי האָבן מיט זייערע הויזגעזינדן געמוזט צוריק אָנקומען צו אים. אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס מוטער, דבורה לאה, איז געווען זיין עלטסטע טאָכטער. פאַר איר האָט ער געזוכט גאָר אַ גוטן שידוך. און ווען מען האָט אים אָנגעשלאָגן דעם שידוך מיט דעם זייער שיינעם, זייער געראָטענעם און יחוס׳דיקן מנחם לעבענסבוים, האָט ער צוגעזאָגט צוויי טויזנט רובל נדן — אַ געוואַלטיקע סומע פאַר יענער צייט, און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. עטליכע יאָר נאָך איר חתונה האָט דבורה לאה קיין קינדער ניט געהאַט. סוף־כל־סוף איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן און דעם 21טן יאַנואַר 1887 האָט זי געבוירן אַ טאָכטער. דאָס איינציקע קינד, וואָס זי האָט געהאַט אין איר לעבן. דער טאָכטער האָט מען אַ נאָמען געגעבן ראָזע.

קינדהייט און יוגנט

וואָס ווייס איך פון אַננאַ מאַרגאָלינס קינדהייט און יוגנט? פאַרשטייט זיך, אַז נאָר דאָס וואָס זי אַליין האָט מיר דערציילט. און אַליין האָט זי, נאַטירליך, זיך ניט אַוועקגעזעצט דערציילן אין אַ סדר און ניט אָנגעגעבן קיין דאַטן. ס׳איז נאָר געווען אַן אומצייליק מאָל זיך אומקערן צו יענע יאָרן ווען מיר אַלע מיינען, אַז זיי זיינען געווען די גליקלעכסטע אין אונזער לעבן. איך קאָן דעריבער האָבן בלויז אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן איר קינדהייט און יוגנט. דער באַגריף איז אָבער פאַר מיר אַליין גענוג קלאָר, אַז איך זאָל דורך

אים קאָנען אויפוויקלען דעם פריען לעבנסגאַנג פון דעם קאָמפּליצירטן מענטשן און דער מערקווירדיקער דיכטערין אַננאַ מאַרגאָלין.

איר גאָר ערשטע קינדער־יאָרן האָט אַננאַ מאַרגאָלין געדענקט ווי דורך אַ חלום. איר טאַטע־מאַמע האָבן, ווי עס ווייזט אויס, נאָך זייער חתונה געוואוינט אין אַ קליין דירה׳לע, וואָס איז אַרויס צו אַ הויף. דער הויף האָט, אין די אויגן פון דעם קינד, אויסגעזען ריזיק, און אין איר פאַרשטעלונג האָט מיט דעם הויף זיך געעקט די וועלט. זי איז דעריבער איינמאָל זייער צעטומלט געוואָרן, ווען זי איז אַריבער דעם טויער פון הויף און דערזען פאַר זיך אַ נייע וועלט. אין איר צעטומלטקייט האָט זי זיך געלאָזט גיין אַלץ ווייטער און ווייטער. מיט וואָס דער דאָזיקער גאַנג אירער האָט זיך געענדיקט, דאָס האָט אַננאַ מאַרגאָלין אַליין ניט געדענקט. אָבער ווי איר מוטער פלעגט איר דערנאָך אַ סך מאָל דערציילן, איז זי דעמאָלט פאַרלוירן געוואָרן, און די מוטער איז דערפון שיער ניט משוגע געוואָרן. צי איר פאָטער איז דעמאָלט געווען אין דער היים, דאָס האָט אַננאַ מאַרגאָלין ניט געדענקט. יאָרן שפּעטער אָבער, ווען טאַטע־מאַמע האָבן מער ניט געוואוינט אין יענעם קליינעם דירה׳לע נאָר אין אַגרויסער, רחבות׳דיקער דירה פון דריי צימערן אין הויז פון איר זיידן, איז איר פאָטער שוין זעלטן־ווען געווען אין דער היים. דעמאָלט האָט ער שוין, ווי אַ תבואה־ און מעל־קאָמיסיאָנער, פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון יאָר אין אויסלאַנד. מערסטנס אין קעניגסבערג. אַהיים געקומען איז ער, ווי שוין דערמאָנט, בלויז עטליכע מאָל אַ יאָר. די מוטער אירע האָט דעם פאָטער זייער שטאַרק ליב געהאַט. און ס׳איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ יום־טוב סיי פאַר דער מאַמען און סיי פאַרן קינד, ווען דער טאַטע איז אַהיים געקומען. אָבער אָנגעהאַלטן האָט דער יום־טוב נאָר ביים קינד. די מאַמע איז באַלד נאָך די ערשטע טעג פון אויפגעלויכטענער פרייד געוואָרן פאַראומערט. זי האָט זיך געפילט שטאַרק שפּל לגבי דעם שיינעם גראָטענעם אין אירע אויגן אויך גרויסוועלטישן מאַן אירן. און וואָס — נאָך וויכטיקער — זי האָט פאַר אים מורא געהאַט. ווי נאָר די ערשטע פרייד פון באַגעגעניש איז אַריבער האָט זי דערפילט אויף זיך די קריטישע בליקן פון איר מאַן, און דאָס האָט זי געמאַכט זייער אומגליקליך. דאָס האָט פון איר פריעסטער קינדהייט אָן געווירקט צום שלעכטן אויפן קינד. זי האָט זייער פרי דערשפּירט דעם גרויסן, כאָטש שטילן, ריס צווישן איר פאָטער און איר מוטער. די כמעט שקלאַווישע אונטערטעניקייט פון איר מוטער און דעם שטאַרקן ביטול פון איר פאָטער. זי האָט זיך אויך זייער פרי געשטעלט אויפן צד פון שטאַרקערן, דעם פאָטער, וואָס זי האָט, ווי אַ קינד פאַרגעטערט, און אויך אַזוי פרי אָנגעהויבן קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף איר מוטער. אין איר גרויסער מאַמישער ליבשאַפט צו וועלכער עס איז נאָך צוגעקומען די גרויסע ליבשאַפט

צו איר מאַן, וואָס זי האָט אויס מורא און שפּלות־געפיל אים ניט געקאָנט אַרויסווייזן ווי געהעריק אין די געציילטע וואָכן אַ יאָר, ווען ער איז געווען אין דער היים, איז די מוטער גאָר אין גיכן געפאַלן אַ קרבן צו די קאַפּריזן פון איר איין איינציק טעכטערל. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פאַטאַלער פאַר ביידע. דאָס קינד האָט באַהערשט די מאַמע אַלע טעג פון יאָר ניט ווינציקער ווי דער מאַן האָט זי באַהערשט אין די קורצע טערמינען, וואָס ער איז געווען אין דער היים, און איר שפּלות־געפיל איז ביי איר געוואָרן נאָך גרעסער. דאָס קינד האָט זיך פון די פריעסטע יאָרן צוגעוואוינט, אַז אירער אַ פאַרלאַנג זאָל זיין אַ געבאָט. אַ דאַנק איר שיינקייט, קלוגשאַפט און ווייבערשן רייץ איז איר פאַרלאַנג כמעט שטענדיק געווען געבאָט פאַר אַלע מענער מיט וועלכע זי איז געקומען אין באַריר כל־זמן זי איז געווען יונג. זי האָט עס געוואוסט און זי האָט מיט אָט דעם כוח אירן זיך באַנוצט אויף רעכט און אויף לינק. געבראַכט האָט ער איר אָן אַ שיעור נצחונות. אָבער אויך ניט ווינציק דורכפאַלן, אַפילו נאָך אין אירע רייצנדיקסטע בליענדיקע יאָרן. און ווען זי האָט שפּעטער, נאָך אין אירע גאַנץ יונגע יאָרן, פּלוצים דערפילט, אַז איר וואָרט האָט אויפגעהערט זיין געבאָט, איז עס פאַר איר געווען אַזאַ קלאַפּ, אַז זי האָט מער ניט געקאָנט קומען צו זיך. דאָס איז אפשר געווען איינער פון די הויפּט גורמים, וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז זי זאָל זיך אַלץ מער און מער דערווייטערן פון מענטשן, און צום סוף זיך אינגאַנצן אָפּזונדערן און אָפּשליסן פון דער וועלט.

ווען אַננאַ מאַרגאָלין איז אַלט געווען זעקס יאָר האָט איר פאָטער אַרויסגערופן צו זיך, קיין קעניגסבערג, זיין פרוי און קינד. ווי אַננאַ מאַרגאָלין האָט מיר אַ סך מאָל געזאָגט, האָט איר פאָטער געקאָנט און געדאַרפט געשלעכטליך בענקען נאָך איר מוטער. וואָרים איר מוטער האָט פאַרמאָגט אפשר דעם שענסטן פרויען־קערפער, וואָס זי האָט געזען אין איר לעבן. די צרה איז אָבער געווען, וואָס איר מוטער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו האַלטן איר קערפער, אים אָפּהיטן און פלעגן. זי האָט אויך ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אָנצוטאָן און ווי אַזוי צו האַלטן זיך צווישן מענטשן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער פאָטער האָט זיך געשעמט מיט דער מוטער. ווען ער האָט זי אַרויסגערופן צו זיך קיין קעניגסבערג איז דער פאָטער געווען זיכער, אַז דאָרטן, אין דער נייער סביבה פון אַן אייראָפּעאישער שטאָט, וועט זיין ווייב ווערן אַן אַנדערע, זיך אָנטאָן אַנדערש און האַלטן אַנדערש. געשען איז אָבער פונקט דאָס פאַרקערטע. דאָרטן האָט זיך איר מוטער געפילט אַזוי פרעמד און פאַרלוירן, אַז זי האָט אין גאַנצן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון הויז. און טאָמער האָט געטראָפן, אַז דער מאַן האָט זי מיט געוואַלט כמעט אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר, צי גאָר געפירט זי אין טעאַטער, איז זי אַהיים געקומען אַ צעוויינטע און אומגליקלעכע. מחמת כמעט שטענדיק איז ביי אַזאַ אַרויסגאַנג

עפּעס געשען, וואָס האָט איר געמאַכט פּילן, אַז פאַרפאַלן: אויסמענטשלען זיך אַזוי ווי איר מאַן וואָלט וועלן, וועט זי קיינמאָל ניט. בלויז אַ דריי צי פיר חדשים איז אַננאַ מאַרגאָלין געווען מיט איר מוטער אין קעניגסבערג. אין דער קורצער צייט האָט זי באַוויזן זיך אויסצולערנען ריידן דייטש און אַפילו אַ ביסל צו לייענען.

צו זיבן יאָר האָט איר פאָטער געדונגען אַ לערער, וואָס זאָל מיט איר לערנען העברעאיש. אַלע טאָג איז דער לערער געקומען צו איר אַהיים אויף אַ שעה און געלערנט מיט איר תנ״ך, דקדוק און מאָדערנע העברעאישע ספרים׳לעך. זאָל זי זיך פריער אָנזאַפּן מיטן אידישן גייסט און קענען העב־רעאיש איידער זי וועט אָנהייבן צו לערנען רוסיש און אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן, האָט איר פאָטער געזאָגט. און אַזוי ווי אַליין איז ער אין דער היים ניט געווען האָט ער אָנגעזאָגט זיין ווייב, זי זאָל אויפּפּאַסן און זען, אַז דאָס קינד זאָל קיינמאָל ניט פאַרפעלן קיין העברעאישע לעקציע. אין די עטליכע מאָל אַ יאָר, ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער זי גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער צו זען, ווי וויט זי איז אַוועק אין לימוד פון העברעאיש. און אַזוי ווי זי האָט איר פאָטער אין יענע יאָרן ממש פאַרגעטערט, האָט זי זיך שטאַרק געפּלייסט אין איר לערנען, כדי אים צו פאַרשאַפן אַ נחת־רוח. אַ יאָר שפּעטער האָט מען פאַר איר שוין אויך געדונגען אַ רוסישן לערער. צו רוסיש האָט זי זיך צוגעכאַפּט מיט אַזאַ חשק און אַזאַ ברען, אַז זי וואָלט העברעאיש אינ־גאַנצן פאַרנאַכלעסיקט, ווען זי זאָל ניט געווען געדענקן, אַז זי קאָן דורך אַזאַ פאַרנאַכלעסיקונג פאַרלירן די ליבשאַפט פון איר פאָטער. צו ניין יאָר איז איר אומגאַנג־שפּראַך שוין געווען רוסיש. אַלע אירע חבר׳טעס האָבן גערעדט רוסיש און די אינגלעך וואָס זי האָט געקענט האָבן אויך גערעדט נאָר רוסיש. די איינציקע צו וועמען זי האָט געמוזט רעדן אידיש, ווייל קיין אַנדערע שפּראַך האָבן זיי ניט געקענט, זיינען געווען איר מוטער, איר באָבע און אירע מומעס. און ווייזט אויס, אַז אָט דער ווייבערשער צד פון איר מוטערס משפּחה האָט גערעדט אַ רייכן און זאַפטיקן פאָלקסטימליכן אידיש, וואָס האָט צו איר זיך אומגעקערט, ווען זי איז, מיט יאָרן שפּעטער, געוואָרן אַ אידישע שריי־בערין. גאָר באַזונדערס איז דאָס געווען קאָנטיק אין די איבערזעצונגען, וואָס זי האָט געמאַכט פאַרן „טאָג״, מיט איין איינציקן אויסנאַם שטענדיק אַנאָנים. אגב, איז זי געווען איינע פון די פיינסטע איבערזעצערס, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

אַלע אירע יאָרן האָט אַננאַ מאַרגאָלין גערעדט מיט טיפער בענקשאַפט וועגן די פאָר יאָר, וואָס זי האָט מיט טאַטע־מאַמע געוואוינט אין אָדעס, וואו זי איז געגאַנגען אין גימנאַזיע. ווי אַלט זי איז געווען, ווען אירע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין אָדעס קאָן מיר בשום אופן ניט קלאָר ווערן.

אָבער סיי פון אירע רייד און סיי פון געוויסע לידער אירע קאָן מען דרינגען, אַז דאָס זיינען געווען די יאָרן ווען דאָס מיידל אין איר איז געוואָרן וואַך, און אַלץ אין איר און אַרום איר איז געווען איין ראָמאַנטיש וואונדער. דאָס דאָזיקע וואונדער האָט זי אין זיך נאָכגעטראָגן דאָס גאַנצע לעבן און דעם שענסטן אויסדרוק געפונען דערפאַר אין אירע צוויי לידער „אַ שטאָט ביים ים" און „אַדעס". דער גרונט מאָטיוו פון ביידע לידער איז אַ ווילן זיך דערמאָנען, אַ פאַרלאַנג צוריק אויפצוכאַפּן אין נעץ פון זכרון די דינסטע מיידלשע דער־וואַרטונגען, וואָס זיינען אין זיך גופא געווען טיפע איבערלעבונגען. און יאָגנדיק זיך נאָך דערמאָנונג פון פּערזענליכע איבערלעבונגען, האָט זי ביים ביים סוף פון ליד „אַדעס" געכאַפּט די שענסטע אימפּרעסיע פון דער שטאָט, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט.

„און קאָנט איר זיך דערמאָנען
אַלץ דאָס, וואָס האָט נישט קיין נאָמען
און איז בלויז אַ דופט און אַ סוד?
אין דעם אָטעם פון סטעפּ,
און פון זון און פון סמאָלע?
און צום זינגענדיקן ים האָט די שטאָט,
ווי מיט אַ זיידענעם שלעפּ,
געניִדערט פון טויזנט מירמעלנע טרעפּ."

פון אַדעס איז אַננאַ מאַרגאָלין צוריקגעקומען קיין בריסק אַ פולשטענדיקע „באַרישנע". ווי אַלט איז זי דעמאָלט געווען? אויך דאָס ווייס איך ניט גענוי. פון שמועסן מיט איר איז ביי מיר געבליבן דער איינדרוק, אַז צווישן פופצן און זעכצן יאָר. מנחם באָריישאַ, וואָס איז געווען אַ יאָר אינגער פון איר און האָט זי געקענט פון קינדוויַז אָן, האָט מיר דערציילט, אַז זי איז דעמאָלט געווען צויבערליך שיין, קלוג, שטאַרק באַלעזן און פולשטענדיק דערוואַקסן ווי אַ פרוי. זי האָט פאַרמאָגט אַ וואַלד פון אַש־בלאָנדע האָר, וואָס האָבן איר געגרייכט ביז די קני און גרויסע בלויע אויגן. זי האָט געקאָנט כשופ'ן אי מיט די אויגן און אי מיט די האָר, וואָס אַז זי האָט זיי צעלאָזן זיינען זיי געפאַלן אין דיקע און לאַנגע כוואַליעס איבער די אַקסלען און אַרונטער איבער די היפטן. זי האָט געוואוסט אירע מעלות און וואָס פאַר אַ כוח זי האָט פאַרמאָגט, און האָט זיך באַנוצט מיט זיי אין אַ פולער מאָס. זי איז אין גיכן געווען אַרומ־גערינגלט פון יונגע בחורים'לעך אין איר עלטער, וואָס זיינען געפאַלן פאַר איר. עס זיינען געווען פלירטן און שפּילן ביי וועלכע סיי זי און סיי די אינגלעך, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אין שפּיל, זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. זי איז שטענדיק געווען אַזוי זיכער אין איר כוח אַז ווען אַ אינגל האָט זיך איינגעליבט אין איר האָט זי אים אָנגעוויזן אויף איינער פון אירע חבר'טעס און אים איינ־

געדעדט אַז יענע איז שענער און אינטערעסאַנטער פון איר. טאָמער אָבער איז איר געלונגען איינעם פון אירע פאַרערער אַזוי איינצורײדן און יענער האָט זיך טאַקע פאַרליבט אין איר חבר׳טע, פלעגט זי דערפון שרעקליך ליידן. ווי אַננאַ מאַרגאָלין האָט מיר דערציילט, האָט זי געהאַט די דאָזיקע טבע ניט נאָר אין די נאַרוואַס אויפגעוואַקסטע יונג־מיידלשע יאָרן, נאָר אויך אַפילו שפּעטער, אין איר פולער צייטיקייט פון אַ פרוי מיט אַ סך דערפאַרונג. און שטענדיק האָט זי געליטן, ווען אַ פאַרערער האָט, אַ דאַנק איר אָנווייזונג, זיך טאַקי פאַרליבט אין אַן אַנדערער פרוי. אָבער איר צו ליידן, אַדאַנק אַזאַ קאַפּריז, איז אויסגעקומען אַ סך ווינציקער ווי די אינגלעך, וואָס האָבן זיך איינגעליבט אין איר. מחמת אַלס יונג מיידל האָט זי ליב געהאַט אויסצופּראָוון איר כוח און ווען זי האָט געזען, אַז ער איז אין איר נעך האָט זי אים אַ שטויס געטאָן פון זיך. זייער פיל געליטן האָט אַ אינגל מיטן נאָמען אַבראַשאַ. ווי אַננאַ מאַרגאָלין האָט אים געדענקט איז ער געווען זייער אַ שיינער און זייער אַ באַגאַבטער, האָט פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלן זכרון און געשריבן רוסישע לידער. אָט דער אַבראַשאַ האָט אָבער געליטן פון דער פאַליגע. דעם ערשטן אָנפאַל פאַר איר אין די אויגן האָט אַבראַשאַ געהאַט נאָכדעם ווי זי האָט זיך איינמאָל מיט אים אַ שפּיל געטאָן ווי מיט אַנדערע אינגלעך און געהייסן אים שוין גיין פון אירע אויגן, ווייל זי קאָן אים ניט אָנקוקן. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז געוואָרן אַן אויפגעציטערטע, ווען זי האָט דערזען דעם רעזולטאַט פון דעם שפּיל. אָבער אַז אַבראַשאַ איז באַלד געקומען צו זיך האָט ער אָנגעהויבן ריידן צו איר אַזוי שיין, אַז זי איז פאַר׳כשופ׳ט געוואָרן. שפּעטער האָט זי עטליכע מאָל באַנוצט זיך מיט אַזאַ שפּיל כדי ער זאָל קריגן אַן אָנפאַל און זי זאָל נאָכדעם אים ווידעראַמאָל קאָנען הערן אַזוי שיין ריידן. אין אירע לעצטע יאָרן, ווען אַננאַ מאַרגאָלין האָט אַליין פיזיש און גייסטיק געליטן פון אַלערליי חולאת׳ן, אמת׳ע און איינגערעדטע, איז זי גאַנץ אָפט געוואָרן מעלאַנכאָליש פון אַן אָבערגלויביש איינרעדעניש, אַז דאָס קומט זי אָפּ פאַר זינד, וואָס זי איז אין אירע יונגע יאָרן באַגאַנגען קעגן אַנדערע. מער פון אַלץ, האָט זי געפילט, ווערט זי באַשטראָפט פאַר דעם, וואָס זי האָט אין אירע יונג־מיידלשע יאָרן אַזוי גרויזאַם זיך געשפּילט מיט אַבראַשאַ׳ן.

איר פאָטער פאַרלאָזט די מוטער

אין דער זעלביקער צייט ווען זי איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך און מיט אירע יונגע ליבע־שפּילן און פלירטן, האָט איר מוטער איבערגעלעבט די טרויעריקסטע צייט אין איר לעבן. מנחם לעבענסבוים, איר מאַן, האָט געהאַט פאַרביטן קעניגסבערג אויף אָדעס דער עיקר צוליב פרנסה. זיינע „קאָמיסיאָנס־געשעפטן" אין קעניגסבערג זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען גאָר גלענצנדיק.

אין לויף פון די אַלע יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קעניגסבערג, האָט ער אַ סך מאָל געמוזט אָנקומען צו זיין שווער נאָך „הלוואות", וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט באַצאָלן. ווען ער האָט דערפילט, אַז דאָס וואַסער גרייכט שוין ביזן האַלז, האָט ער אויפגעגעבן קעניגסבערג און איז אַוועק זוכן זיין גליק אין אָדעס. דערביי איז אָבער געווען אַ צווייטער אויסרעכענונג, וואָס איז פאַר אים געווען ניט קיין סך ווינציקער וויכטיק. וואָס לענגער ער איז געווען אין קעניגסבערג און זיין פרוי איז פאַרבליבן אין בריסק, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער תהום צווישן זיי. ער איז מיט יעדן יאָר געוואָרן אין זיינע אויגן אַלץ גרויס־שטאָטישער און זי אַלץ צוריקגעשטאַנענער. דער איינציקער פאַר־זוך צו ברענגען זי צו זיך קיין קעניגסבערג האָט זיך ניט איינגעגעבן. ער האָט דאָס אין אַ גרויסער מאָס צוגעשריבן דעם פאַקט, וואָס זיין קליינשטעטל־דיק, ניט געבילדעט וויב, האָט זי זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו דער פרעמדער, דייטשער און דורכאויס גוי׳אישער סביבה. גאַנץ אַנדערש, האָט ער גערעכנט, וועט זיין אין אָדעס. ווי פרעמד זי זאָל זיך ניט פילן אין אָט דער גרויסער דרום־רוסישער שטאָט וועט זי זיך אָבער אין אר ניט פילן אין גאַנצן פרעמד. וואָרים דאָ וועט וועט זי געפינען אַ סך אידן. און גאָר אַ סך פון זיי, אידן אַנגעפּאָרענע פון דער פרעמד. פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. פיל פון זיי אַפילו פון איר בריסק און שטעטלעך אַרום בריסק. מיט זיי וועט זי זיך קאָנען צונויפרעדן, מיט זיי וועט זי קאָנען פאַרברענגען, און פון זיי וועט זי זיך קאָנען אָנלערנען און זען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויסמענטשלען. אָבער זיינע ביידע אויסרעכענונגען האָבן זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין פאַלשע. ניט ער האָט אין אָדעס מער מצליח געווען געשעפטלעך און ניט זיין פרוי האָט זיך דאָ מער „אויסגעמענטשלט". דאָ, אין אָדעס, האָט זיך זיין פרוי געפילט נאָך מער פרעמד ווי מיט יאָרן פריער אין קעניגסבערג. און דוקא דערפאַר, ווייל דאָ האָט זי זיך געטראָפן מיט אַנדערע אידישע פרויען, וואָס ערשט מיט עטליכע יאָר פריער זיינען זיי געווען אַזוי פשוט און אַזוי קליינשטעטלדיק ווי זי און אין אַ קורצער צייט האָבן זיי דאָ, אין אָדעס, באַוויזן צו ווערן גאַנצע גרויס־שטאָטישע דאַמען, אַ זאַך, וואָס זי האָט געפילט, אַז אַליין וועט זי קיינמאָל ניט קאָנען ווערן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען מיט איר מאַן און קינד אין אָדעס, האָט זי מורא געהאַט צו קומען צווישן מענטשן און טאָמער איז זי געגאַנגען ערגיץ וואו מיט איר מאַן, ווייל זי האָט געמוזט, איז דער גאַנג שטענדיק געווען אַ דורכפאַל. נאָך יעדן גאַנג אַזאַ האָט זי דערפילט, אַז דער מאַן ווערט איר פרעמדער, און ווען זיי זיינען סוף־כל־סוף צוריקגעקומען קיין בריסק, איז ער שוין געווען אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט פון איר.

לאַנג איינזיצן אין בריסק האָט איר מאַן ניט געקאָנט. פאָרן צוריק קיין קעניגסבערג איז שוין ניט געווען נאָך וואָס. האָט ער אָנגעהויבן פאָרן אַהין און צוריק, פון בריסק קיין וואַרשע און פון וואַרשע קיין בריסק. און נאָך יעדן פאָרן איז ער צוריקגעקומען אַלץ מער דערוויטערט און אָפּגעפרעמדט פון זיין ווייב. ער איז דעמאָלט געווען אין זיינע בעסטע און געזינטסטע מענערשע יאָרן. שענער ווי ווען עס איז פריער און עלעגאַנטער ווי ווען עס איז פריער. אין די אויגן פון זיין טאָכטער איז ער איצט געווען דער שענסטער און עלעגאַנטסטער מאַנסביל אויף דער וועלט. און אַז דער פאָטער האָט זי אַמאָל אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר האָט זי זיך געפילט שטאָלץ און גליקליך, וואָס זי קאָן גיין מיט אים געאָרימט איבער דער גאַס אַזוי, אַז אירע פריינדינס זאָלן זי מקנא זיין.

איינמאָל ווען איר פאָטער האָט זי אויסגענומען אויף אַזאַ שפּאַציר, האָט ער איר פאַרטרויט אַ סוד, אַז אין גיכן וועט ער אין גאַנצן אַוועק פון בריסק און זיך מער ניט אומקערן. וואָרים איר מוטער איז ניט קיין לייט און ער האָט זי ניט ליב און ער קאָן ניט אָפּפינצטערן דאָס גאַנצע לעבן מיט איר. דער טאָכטער האָט, פאַרשטייט זיך, אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן און זי האָט זיך צעוויינט. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זי איר פאָטער געגעבן גערעכט. וואָרים אין אירע אויגן איז איר מוטער ווירקליך געווען זייער הינטערשטעליק לגבי דעם פאָטער, און ממילא איז זי אים ניט ווערט. און אַזוי ווי אָנגעלייענט מיט ראָמאַנען איז זי געווען און זי האָט „געוואוסט“, אַז אָן ליבע טאָרן מאַן און פרוי בכלל ניט לעבן צוזאַמען, האָט זי ביים סוף פון שפּאַציר גענומען אויף זיך דאָס שליחות אַליין צו ברענגען די טרויעריקע בשורה צו איר מוטער, און זי צורידן, אַז זי זאָל פון איר פאָטער נעמען אַ גט. וואָס פאַר אַן אכזריות עס איז געווען פון איר פאָטער איר איבערצוגעבן אַזאַ שליחות, און ווי נאַריש עס איז געווען פון איר צו נעמען אויף זיך דאָס דאָזיקע שליחות. דאָס האָט אַננאַ מאַרגאָלין איינגעזען ערשט אויף די עלטערע יאָרן. אָבער אין יענע יונגע יאָרן, ווען זי האָט אין איר קרייז געגאָלטן ניט נאָר ווי אַ שיין און גוט באַלעזן מיידל נאָר אויך ווי אַ חכמת, איז פאַר איר געווען נאַטירליך, אַז ווען איר פאָטער האָט ניט ליב די מוטער מוז די מוטער אים באַפרייען, און אויף איר, דער טאָכטער ליגט דער חוב דאָס דער מוטער צו זאָגן און זי צו באַוועגן דערצו. אָבער די מוטער אירע, וואָס האָט אין קיין זאַך ניט געקאָנט שטעלן ניט קעגן איר מאַן און ניט קעגן איר טאָכטער, ווייל זי האָט זיך געהאַלטן נידעריקער און פּראָסטער פוןביידן, האָט דווקא אין דעם פּרט אַרויסגעוויזן זעלבסטשטענדיקייט און עקשנותדיקע אַנטשלאָסנקייט. אַז איר מאַן ווערט אַלץ ווייטער און פרעמדער פון איר, דאָס האָט זי שוין לאַנג געפילט און געריכט זיך, אַז אין איינעם שיינעם טאָג וועט ער זי פאַרלאָזן. און

פונדעסטוועגן, אַז די בייזע שעה איז געקומען און די טאָכטער האָט איר אונטערגעטראָגן די טרויעריקע בשורה, איז עס פאַר איר געווען אַזאַ קלאַפּ, אַז אין איין טאָג האָט זי אין אויסזען זיך געעלטערט אויף יאָרן. צו קיין סצענעס צווישן איר און דעם מאַן איז ניט געקומען, אויף דער הייסער מינוט, ווייל דער מאַן איז דעמאָלט אין דער היים ניט געווען, און שפּעטער אַוודאי ניט, ווייל זי איז בטבע ניט געווען אַזאַ, וואָס זאָל עמיצן קאָנען מאַכן סצענעס. אָבער היסטערישע אויסברוכן זיינען געווען, און נאָך יעדן אויסברוך אַזאַ איז געוואָרן שטאַרקער איר אַנטשלאָסנקייט קיין גט פון מאַן ניט צו נעמען.

איצט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר איר און פאַר איר טאָכטער זייער טרויע־ריקע טעג. וואָרים ווען מנחם לעבענסבוים האָט געזען ווי פעסט אַנטשלאָסן זיין פרוי איז אים ניט צו באַפרייען האָט ער באַשלאָסן צו ברעכן איר עקשנות מיט דעם וואָס ער האָט איר אויפגעהערט געבן געלט אויף חיונה. און דער מוטער מיט דער טאָכטער איז פּשוט אויסגעקומען צו הונגערן. אין איר נויט האָט די מוטער ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צוריקצוגיין צו איר טאַטן. וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר איר, קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר נאָך דער חתונה, און דאָס נאָך מיט אַ דערוואַקסענער קאַפּריזנע טאָכטער אויף דער האַנט, דאָס קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן. טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק געווען האָט אין בריסק אויסגעבראָכן די גרויסע שרפה ביי וועלכער כמעט די גאַנצע שטאָט איז אַראָפּ מיטן פייער. אין דער שרפה איז אויך פאַרברענט געוואָרן דאָס גרויסע הויז פון אַנאַ מאַרגאָלינ׳ס זיידן, און אַזוי ווי אַסעקורירט איז ער ניט געווען, האָט די שרפה דעם זיידן געמאַכט פאַר אַ גרויסן אָרימאַן. אויפן אָרט פון דער גרויסער, רחבות׳דיקער וואוינונג אין וועלכער דער זיידע האָט געוואוינט ביז אַהער, האָט ער איצט אויף דער עלטער זיך געמוזט אַריינציען אין אַ קליין דירה׳לע. און אין אָט דעם ענגן דירה׳לע האָט ער צו זיך נאָך געמוזט אַריינגעמען זיין עלטסטע טאָכטער, דבורה־לאה, מיט איר טאָכטער ראָזע, און אַ צווייטע טאָכטער מיט אירע קינדער, וואָס האָט ביי אים געוואוינט נאָך פון פריער, ווייל דער מאַן אירער איז איר יונג געשטאָרבן און געלאָזן די אלמנה און יתומים נאַקעט און באָרוויס.

מיר איז ניט אין גאַנצן קלאָר, וואָס ס׳איז געקומען פריער, דער באַשלוס פון אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס פאָטער פטור צו ווערן פון דער מוטער, אָדער די בריסקער שרפה. סיי ווי איז דער עלנט פאַראורזאַכט פוןביידע געפאַלן טאָפּלט שווער סיי אויף דער מוטער און סיי אויף דער טאָכטער. אָבער, ווי געוויינטליך, אויף דער מוטער הונדערט מאָל שווערער ווי אויף דער טאָכטער. די טאָכטער איז פאָרט געווען אַ יונג, שיין און רייצנדיק מיידל, און פאַר די בחורימ׳לעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר איז ניט געווען קיין נפקא מינה צי איר לעבט זיך ערגער אָדער בעסער אין זיידנס הויז ווי איר האָט זיך געלעבט

פריער. פאַר זיי איז זי אַלץ געווע דער פלאַם צו וועלכן עס האָט זיי געצויגן, און איר האָט אַלץ הנאה געטאָן צו זען ווי זיי ווערן פאַרסמאַליעט, ווען זיי דערנענטערן זיך צו איר. אַחוץ דעם האָט זיך פאַר איר אין גיכן געעפנט אַ גאַנץ נייע וועלט, וואָס האָט זי געמאַכט פאַרגעסן ניט נאָר אָן דער מוטער, נאָר אויך אָן דעם גאַנצן קרייז אין וועלכן זי האָט זיך געדרייט ביז אַהער. איר פאָטער האָט אין גאַנצן פאַרלאָזן בריסק און זיך באַזעצט אין וואַרשע, און פאַר איר איז געווען ניט מער ווי נאַטירליך איבערצולאָזן די מוטער אין איר עלנט ביים זיידן אין בריסק און צו פאָרן צום פאָטער קיין וואַרשע. פאַר איר איז דאָס געווען נאַטירליך, ראשית דערפאַר, ווייל איר פאָטער האָט זי נאָך אַלץ פאַרגעטערט און אויף איר מוטער האָט זי געקוקט פון אויבן אַראָפּ. צווייטנס, דערפאַר ווייל זי איז געווען יונג און שיין און לעבנס־דורשטיק, און זי האָט געוואוסט, אַז ביים טאַטן אין וואַרשע וועט איר זיין בעסער ווי ביי דער מאַמען אין בריסק.

און דאָ אין וואַרשע איז איר ניט נאָר געווען בעסער. דאָ איז איר גאַנץ לעבן געוואָרן ברייטער און רייכער. ווי איבערנאַכט איז זי דאָ פון אַ האַלב דערוואָקסן מיידל געוואָרן אַ גאַנצע און צייטיקע פרוי, פאַרקערט צווישן גרויסע און דערוואַקסענע, צום ערשטן מאָל באַקענט זיך פּנים אל פּנים מיט שרייבער, העברעאישע און אידישע, מיט לערער און מיט פאַרטיי־פירער. ווי די מערסטע יונגע מענטשן פון יענער צייט איז זי נאָך אין בריסק אָנגע־רעגט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע און איז צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַ־ליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער (ס.ס.) באַוועגונג. דאָ, אין וואַרשע, האָט זי זיך פערזענליך באַקענט מיט עטליכע פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס געוואוינט האָבן זיי אין קיעוו, נאָר קיין וואַרשע פלעגן זיי קומען פון צייט צו צייט. דאָ אין וואַרשע האָבן פאַר איר אויפגעהערט די אַמאָליקע פלירטן און ליבע־שפּילן, און ס'האָבן אָנגעהויבן גרויסע ליבעס, ביי וועלכע זי האָט ניט געוואוסט קיין גרעניץ. און אַז זי איז געווען פאַרליבט האָט זי פאַרגעסן אָן אַלץ און אַלעמען. מער פון אַלעמען האָט זי דעמאָלט פאַרגעסן אָן איר מוטער. אויף צען בריוו, וואָס זי האָט פון איר מוטער באַקומען, האָט זי געענטפערט איינעם, און אַמאָל האָט זי דעם איינעם ענטפער אויך ניט געשריבן. וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר איר מוטער, וואָס איז איצט געווען באַרויבט פון אַלץ, און איר איינציק קינד איז געווען איר אויג אין קאָפּ, דאָס האָט זי געדאַרפט וויסן אַפילו אין איר שטאַרקסטער פאַר'שכור'ט־קייט. אָבער אַננאַ מאַרגאָלין האָט דאָס דעמאָלט ניט געוואוסט. עס איז פאַר איר דעריבער געקומען ווי אַ שרעקליכער קלאַפּ, ווען זי איז איין טאָג אַרויס פון איר קוואַרטיר אין וועלכער זי האָט זיך אויפגעהאַלטן מיט איר פאָטער און דערזען ווי איר מוטער זיצט אָן איינגעהויקערטע און פאַרוויינטע אויף די

טרעפּ. אין איר שטאַרקסטער בענקעניש נאָך איר איינציק קינד האָט די מוטער אירע נאָך לאַנגע נעכט פון ניט שלאָפן ביי זיך גע׳פועל׳ט צו פאָרן קיין וואַרשע זיך זען מיט איר טאָכטער. אָבער אַז זי איז געקומען קיין וואַרשע און איז אַריין אין הויז, וואו זי האָט געוואוסט, אַז איר מאַן און טאָכטער האַלטן זיך אויף, איז זי בלויז דערגאַנגען ביז צום גאָרן וואו זייער קוואַרטיר האָט זיך געפונען. צוגיין צו דער טיר, אָנקלאַפּן און אַריינקומען — צו דעם האָט זי מער קיין מוט ניט געהאַט. און אַזוי ווי זי האָט דאָך איר טאָכטער פאָרט געוואָלט זען האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ וואַרטן, אפשר וועט געשען אַ נס און איר טאָכטער וועט אַרויסקומען און זי וועט זי זען.

דער נס איז געשען, אָבער נאָר פאַר איר. די טאָכטער האָט דערפילט ווי זי וואָלט געקראָגן מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ ווען זי האָט דערזען איר מוטער זיצן. אַננאַ מאַרגאָלין איז אין אירע שפּעטערדיקע יאָרן שטענדיק געוואָרן היסטעריש ווען נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם מאָמענט. און ווי זי האָט מיר עטליכע מאָל געזאָגט האָט זי זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן דערפילט שטאַרק זינדיק. דערזען די מוטער אַזוי דערנידעריקט און דערשלאָגן כמעט ווי אויף דער שוועל פון איר און איר פאָטערס קוואַרטיר, האָט זי זיך דערמאָנט אָן אַלע ענוים און אַלע צער׳ן, וואָס זי האָט איר פאַרשאַפט דורך די אַלע יאָרן, וואָס זי האָט געדענקט. און אַ סך ווייטיקן גרויסע און טיפע זיינען עס געווען. יענעם טאָג איז זי פון איר מוטער שוין ניט אָפּגעטראָטן. און פון דעמאָלט אָן האָט זי געוואוסט, אַז זי קאָן מער ניט בלייבן כסדר מיט איר פאָטער אין וואַרשע, ווי גוט עס זאָל איר דאָ ניט זיין, נאָר זי מוז טיילן איר צייט צווישן וואַרשע און בריסק און זיין מיט דער מוטער כאָטש אַ ביסל אַזוי פיל ווי מיט איר פאָטער. זי איז טאַקי אין גיכן צוריקגעפאָרן קיין בריסק, אָבער קיין נחת האָט זי איר מוטער פאָרט ניט פאַרשאַפט. ווייל ערשטנס, האָט זי איצט שוין לאַנג דאָרט ניט געקאָנט איינזיצן, און דער עיקר דערפאַר, ווייל אין גיכן איז אין איר לעבן געקומען די ערשטע אמת גרויסע ליבע. און ווי שוין געזאָגט, האָט זי אין אַ ליבע ניט געוואוסט פון קיין גרעניצן. וואו זי האָט געטראָפן דעם בחור, וואָס איז היינט צו טאָג אַ פּראָמינענטער זשורנאַליסט און קהלשער עסקן אין ניו יאָרק, דאָס געדענק איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז געקומען איז ער פון אַ קליין אוקראַיניש שטעטל און אין זיינע בחור׳שע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין ווילנע און אין וואַרשע. אַ שטיקל צייט איז ער, דאַכט זיך, אויך געווען אין בריסק. ווי אַננאַ מאַרגאָלין איז ער אַליין צו יענער צייט אויך געווען אַן עס־עס׳ניק, וואו ער האָט פאַרנומען אַ שטיקל פירנדיקן אַמט אין אַן אָרטיקן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. דאָס איז אפשר געווען די ערשטע סבה, וואָס האָט זי געבראַכט אין

קאָנטאַקט מיט אים. אָבער ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און די ערשטע סבה איז פאַרגעסן געוואָרן. צענדליקער בריוו פון אים, וואָס איך האָב געפונען פון יענער צייט, ווייזן, אַז צווישן זיי איז געוואָרן איינע פון יענע גרויסע ליבעס ביי וועלכעביידע צדדים זיינען גרייט אַלץ מקריב צו זיין. ער האָט בוכשטעבליך געקאָנט גיין פאַר איר אין פייער און וואַסער. און זי איז געוואָרן איין שטיק פייער, וואָס האָט אַלץ פאַרצערט אַרום זיך. אין איר ליבע האָט זי פאַרגעסן פאָטער און מוטער, פריינט און באַקאַנטע, אַלע אירע געוואוינהייטן ביז דעמאָלט און אַלע אָנגענומענע זיטן. אַז ער איז געווען אין ווילנע און זי האָט געוואָלט זיין לעבן אים האָט זי ניט געקוקט דערויף, וואָס דער פאָטער וועט ברענען ווען ער וועט זיך דערוויסן דערפון, און די מוטער וועט נעכט ניט קאָנען שלאָפן, און וואָס מענטשן וועלן זאָגן, נאָר זי האָט געכאַפּט און איז געפאָרן צו אים קיין ווילנע. און טאָמער האָט ער געדאַרפט אַוועק אויף אַ שטיקל צייט אין זיין היים־שטעטל, איז זי אויך אַוועק אַהין. און איר איז דאָרטן אויסגעקומען אַזוי צו הונגערן, אַז די באַלעבאָסטע ביי וועלכער זי האָט געדונגען אַ צימער אין יענעם שטעטל, האָט זי איינמאָל אין מיטן דער נאַכט געכאַפּט ביי דער האַנט, ווען זי איז אין דער קעלט געשטאַנען אַ באָרוועסע פאַר אַ שאַפּקעלע און געהאַלטן ביים אַרויס׳גנב׳ענען אַ שטיקל ברויט.

ווי לאַנג קאָן דויערן אַזאַ ליבע? אַמאָל אַן אייביקייט און אַמאָל בלויז אַ קורצע צייט. ביי אַננאַ מאַרגאָלין האָט זי געברענט אַרום יאָר אָדער עפּיס מער, ביים בחור אַ סך, אַ סך לענגער. די מוטער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו דער טאָכטערס צושטאַנד און אַזוי ווי זי האָט דעם בחור געקענט און ער איז איר געפעלן געוואָרן אויך, האָט זי אָנגעהויבן קוקן אויף אים ווי אויף אַ צוקונפטיקן איידעם. דער פאָטער איז אָבער אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם גאַנצן ענין. ער האָט זיין קינד ביז דעמאָלט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזען אין אַזאַ אומגעצאַמטן צושטאַנד, און, ווי אַלע טאַטעס, האָט ער מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן. אַ חוץ דעם איז אים דער בחור ניט געפעלן געוואָרן. זיין טאָכטער, האָט ער דערוואַרט, וועט פאַר זיך אויס־קלייבן אַ רייכערן, געראָטענערן און געבילדעטערן פון אים. פון דער טאָכטער אַליין האָט ער אויך דערוואַרט אַ סך מער. ער האָט זי געהאַלטן פאַר באַגאַבט און פאַר אַ מיידל מיט אַן עילוי׳שן מוח. און ער האָט גע׳חלומ׳ט וועגן אַ גרויסער קאַריערע פאַר אירעטוועגן. ער האָט געפּרוּווט שטערן זיין טאָכטערס ליבע מיט אַלע מיטלען און, פאַרשטייט זיך, אַז קיין איינס פון זיי האָט ניט געהאָלפן. ער האָט זיך דעריבער וועגן דעם גאַנצן ענין דורכגעשריבן מיט זיין שוועסטער לינאַ אין אַמעריקע, אויסגעגאָסן פאַר איר זיין ביטער האַרץ און געבעטן פון איר הילף אויב מעגליך, ווען ניט איז

כאָטש אַן עצה. פון דעם דורכשרייבן זיך איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן. זאָל דער ברודער שיקן זיין טאָכטער צו איר קיין אַמעריקע. זי אַליין איז רייך געגוג, פאַרמאָגט אַן אייגן הויז, וואָס זי באַוואוינט אַליין. פּלאַץ איז פאַר איר פאַראַן גענוג, און עסן וועט איר ניט פעלן, אַפילו קליידונג אויך ניט. אַלץ וואָס דער ברודער וועט דאַרפן טאָן איז שיקן זיין טאָכטער 50 רובל אַ חודש אויף בילדונג. לכתחילה וועט מען דינגען אַ פּריוואַטן לערער, וואָס וועט קומען צו איר אַהיים איר געבן ענגלישע לעקציעס, און שפּעטער ווען אירע ידיעות אין ענגליש וועלן שוין זיין גענוג, וועט מען זי צוגרייטן צו קאָלעדזש. איר פאָטער האָט זיך אָן דעם פּלאַן אָנגעכאַפּט, און צו זיין שטוינען האָט אים זיין טאָכטער אויך ניט פאַרוואָרפן. מער ניט זי וועט זיך פריער וועגן דעם דאַרפן דורכריידן מיטן חתן. דאָס איז אים דווקא ניט געפעלן געוואָרן. וואָרים ער האָט זיך אָן דעם פּלאַן אָנגעכאַפּט הויפּטזעכליך דערפאַר, ווייל דער פּלאַן וועט זי אָפּרייסן פון דעם, וואָס זי רופט איר חתן. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ווען זי זאָגט, זי וועט זיך דאַרפן דורכריידן, וועט זי עס טאָן צי אים געפעלט עס אָדער ניט, און ער האָט מסכים געווען. אַננאַ מאַרגאָלין האָט געהאַט אַן אָפענעם שמועס מיט איר געליבטן. אַזוי אָנגיין ווי זיי זיינען אָנגעגאַנגען ביז אַהער קאָן זי ניט און וועט ניט. זי מוז טראַכטן וועגן אַ צוקונפט. און אַ צוקונפט מיינט פאַר איר פון אַ געבילדעטער פרוי. ביז איצט האָט זי פאַרטאַכלעוועט איר צייט אויף נאַרישקייטן. אָבער איצט, אַז עס מאַכט זיך פאַר איר אַ געלעגנהייט, זי זאָל זיך ווירקליך קאָנען נעמען צו בילדונג, וועט זי די געלעגנהייט ניט פאַרנאַכלעסיקן. זי וועט פאָרן קיין אַמעריקע, וואו זי וועט זיך גלייך אָנהייבן גרייטן אָנצוקומען אין אַן אוניווערזיטעט, און אויב ער וויל זייער בונד זאָל ניט איבערגעריסן ווערן, וועט ער מוזן טאָן דאָסזעלביקע אין אייראָפּע. ער וועט מוזן אויפגעבן אַלע געשעפטס־פאַר־בינדונגען, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט אין ווילנע, און פאָרן שטודירן אין דער שווייץ. ווי שווער דאָס איז ניט געווען פאַרן בחור, האָט ער פונדעסט־וועגן מסכים געווען. אַ חודש שפּעטער איז זי שוין געווען אויף דער שיף, וואָס האָט זי געפירט קיין אַמעריקע. ניט לאַנג נאָכדעם האָט דער בחור איבערגעריסן זיינע געשעפטס־פאַרבינדונגען אין ווילנע און איז אַוועק אין דער שווייץ.

אין אַמעריקע צום ערשטן מאָל

אַכצן און אַ האַלב יאָר איז אַננאַ מאַרגאָלין אַלט געווען ווען זי איז, אין 1906, צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע. די טאַנטע לינאַ האָט זי דאָ אויפגענומען ווי אַן אייגן קינד. איר אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר אין איר רחבות׳דיקן הויז אויף ראַדני סטריט, אין וויליאַמסבורג, באַקליידט זי און באַשוכט

זי ווי זי וואָלט געווען אַן אייגענע טאָכטער. און באַלד באַשטעלט פאַר איר אַ לערער, וואָס איז געקומען אין הויז אַריין יעדן אָוונט און מיט איר אָנגעהויבן לערנען ענגליש. אין הויז זיינען אַחוץ איר געווען דער טאַנטעס אייגענע צווייקינדער, וואָס איינער פון זיי איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָמינענטער דאָקטאָר. ביידע זיינען זיי, דאַכט זיך, געווען אינגער פון איר. און ביידע האָבן איר צוגעטיילט גרויס כבוד. עטליכע וואָכן האָט זיך אננאַ מאַרגאָלין געפילט אין דער טאַנטעס הויז ווי אין אַ גן־עדן. ביידע, די טאַנטע און דער אָנקל, זיינען באַלד נאָך פרישטיק אַוועק פון הויז צו זייערע געשעפטן. די קינדער זיינען אויך אַוועק אין דער שולע אַריין, און זי איז פאַרבליבן אין הויז איינע אַליין. מיט דער דינסט האָט זי זיך ניט געקאָנט צונויפריידן. אַחוץ דעם איז די דינסט געווען פאַרנומען ביי איר אַרבעט. דאָס ביסל ביכער, וואָס אננאַ מאַרגאָלין האָט געפונען אין דער טאַנטעס הויז, האָט זי שנעל אַלע איבערגעלייענט, און ס'האָט איר אָנגעהויבן ווערן לאַנגווייליק. אַ געוועזענע חבר'טע פון בריסק האָט זי אויפגעזוכט, און איין אָוונט האָט זי זי מיטגענומען אויף איסט בראָדוויי, וואו זי האָט זיך באַגעגענט מיט אַנדערע פריינדינס, וואָס זי האָט געהאַט געקענט פון בריסק, פון וואַרשע, פון ווילנע און פון קיעוו. אַלע האָבן זיי גערעדט רוסיש, און אויך אַנדערע מענטשן וואָס זי האָט באַגעגענט אויף איסט בראָדוויי האָבן גערעדט רוסיש, און זי האָט זיך דערפילט וואַרים און היימיש צווישן זיי. צוריקגעקומען אַהיים איז זי ערשט שפּעט ביינאַכט, און אַז זי איז אויף מאָרגן ווידער געבליבן אַליין, האָט איר דער טאַנטעס גרויסע און רחבות'דיקע היים אויסגעזען פּוסט און קאַלט. און ווען די טאַנטע מיטן אָנקעל זיינען פאַרנאַכט צוריקגעקומען אַהיים האָבן זיי זי אין דער היים ניט געטראָפן. די טאַנטע איז געווען ברוגז אויף איר, ווען זי איז, ווי אין די פריערדיקע נאַכט, אַהיים געקומען שפּעט. עס איז געקומען צו אַ שטיקל איבעררייד. מען האָט שעה'ן געוואַרט אויף איר מיט דער וועטשערע, וואָס איז געווען דאָס הויפּט מאָלצייט אין הויז. דער לערער האָט גע'פּטר'ט אַ שעה וואַרטנדיק אויף איר. און אַלע אין הויז זיינען געווען אומרואיק צוליב איר. זי האָט צוגעגעבן די שולד און צוגעזאָגט, אַז מער וועט זי עס ניט טאָן. און עטליכע טעג ווירקליך געהאַלטן וואָרט. אָבער איין טאָג האָט איר ווידעראַמאָל אַ צי געטאָן צו איסט בראָדוויי, האָט זי פאַרגעסן איר צוזאָג. זי האָט אָבער געדענקט אַהיים צו קומען אין צייט. זי האָט אויך אָפּגעהיט די צייט פון דער ענגלישער לעקציע. אָבער באַלד נאָכדעם האָט זי זיך אָנגעטאָן און איז צוריקגעפאָרן אויף איסט בראָדוויי. אַ ביסל שפּעטער האָבן צו איר אָנגעהויבן קומען באַזוכער פון איסט בראָדוויי. דער טאַנטע אירער זיינען זיי ניט געפעלן געוואָרן. אין אירע אויגן זיינען זיי אַלע געווען צו „גרין", און ניט פון דעם מין, וואָס זי וואָלט געוואָלט זען ביי זיך אין הויז.

ווינציקער פון אַלע זייענען איר געפעלן געוואָרן די בחורים, וואָס זיינען געקומען צו איר פּלימעניצע. מער פון אַלע האָט זי ניט געוואָלטליידן איינעם, וואָס האָט אין אירע אויגן אויסגעזען מיט פופצן יאָר עלטער פון איר פּלימעניצע. זיין מערכה איז אין אירע אויגן ניט בעסער געוואָרן, אַפילו נאָכדעם ווי די פּלימעניצע האָט איר געזאָגט, אַז ער איז אַ רעדאַקטאָר און פּראָמינענט ביי דער אינטעליגענציע אויף דער איסט סייד. אין אירע אויגן איז ער געווען אַ בטלן. און וואָס פאַר אַ מחזיקות האָט אַ מאַן אין זיינע יאָרן בכלל מיט אַ מיידל אין אַזאַ עלטער ווי איר פּלימעניצע?

און די טאַנטע לינא איז ניט געווען פון די מענטשן, וואָס קאָנען באַהאַלטן אין זיך דאָס, וואָס זיי געפעלט ניט. אַז איר איז ניט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס ראָזע לויפט כסדר אויף איסט בראָדוויי, האָט זי געזאָגט, אַז ס'געפעלט איר ניט. און ניט בלויז געזאָגט נאָר אויך פאַרלאַנגט, אַז דאָס זאָל געשען וואָס ווינציקער. פאַרשטייט זיך, אַז ראָזע האָט זיך אין דעם פּרט ניט געלאָזט דיקטירן. זי איז פון קינדוויז אָן געוואוינט געווען, אַז מען זאָל זי פאָלגן און ניט, אַז זי זאָל פאָלגן עמיצן אַנדערש. האָבן דעריבער אָנגעהויבן קומען צוזאַמענשטויסן איינער נאָכן אַנדערן. די צוזאַמענשטויסן האָבן זיך נאָך פאַרמערט נאָכדעם ווי די פּלימעניצע האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן אירע ענגלישע לעקציעס אַזוי, אַז דער לערער האָט סוף־כל־סוף אויפגעהערט צו קומען. צו נאָך גרעסערע צוזאַמענשטויסן איז געקומען צוליב דעם, וואָס די טאַנטע האָט באַמערקט, אַז פון דער שווייץ קומען אָן בריוו צוויי און דריי מאָל אַ וואָך און איר פּלימעניצע עפנט זיי אַפילו ניט. איינמאָל האָט זי, געטריבן פון ווייבערשער נייגיריקייט, זיך דערלויבט צו עפענען איינעם פון די בריוו, איבערגעלייענט אים האָט זיך זיך שוין גענומען לייענען אַלע איבעריקע. אַליין אַ האַרטע און הערשערשע נאַטור, האָט זי פונדעסטוועגן געקאָנט ווערן זייער סענטימענטאַל. און דאָס וואָס זי האָט זיך דערוואוסט פון די געעפנטע בריוו האָט זי געמאַכט מער ווי סענטימענטאַל. איר פּלימעניצע האָט זי געפונען מיט פאַרוויינטע אויגן ווען זי איז יענע נאַכט אַהיימגעקומען פון דער איסט סייד. פון דעם געלייענטן איז זי געווען אַזוי אָנגעלאָדן מיט צער, אַז זי האָט אַ היפּשע ווייל געקוקט פאַר זיך אַ פאַרכמורעטע און געשוויגן. פּלוצים אָבער האָט זי דער פּלימעניצע אָנגעהויבן שמייסן מיט דער צונג ווי מיט אַ בייטש. ווי האָט מען אין זיך אַזוי פיל אכזריות! אַ מענטש האָט זי אַזוי ליב, אַז ער האָט פאַר איר מקריב געווען אַלץ, פאַרלאָזן אַ היים, אַ געשעפט, און איז אַוועק שטודירן אין דער פרעמד, וואו ער הונגערט, ליידט נויט און אַלץ פאַר אירעט וועגן, און איר הייבט עס ניט אָן צו אַרן, ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער, ווי ער וואָלט געווען אַ הונט. קוים האָט זי אים אויפגעהערט צו זען, שוין, קען זי אים מער ניט, ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט

געווען. ער קומט דאָרטן שיער ניט אום פון צער, וואָס ער הערט גאָר ניט פון איר, ווייס שוין ניט, וואָס איבערצוקלערן, צערייסט זיך שרייבנדיק צו איר, און זי עפנט אַפילו ניט זיינע בריוו. ווי האַנדלט מען דאָס אַזוי? ווי קאָן מען דאָס זיין אַזאַ אוממענטש? אויף די אַלע פאָרוואורפן האָט די פלימעניצע געענטפערט מיט איין איינציקן קעגן פאָרוואורף: — מיט וועלכן רעכט האָט די טאַנטע געעפנט אירע בריוו? דאָס האָט די טאַנטע גאָר אַרויס־געבראַכט פון די כלים. בריוו וואָס וואַלגערן זיך וואָכנלאַנג ניט געעפנטע, זיינען „אירע" בריוו? און זי שעמט זיך גאָר ניט? אַודאי האָט זיך די פלימעניצע געשעמט און אַודאי האָט זי געוואוסט, אַז זי איז שולדיק קעגן איר געליבטן אין דער שווייץ און אַז איר קעגן־פאָרוואורף איז אומזין. אָבער דער שטאָלץ האָט ניט געלאָזט עס צוגעבן. און אַ חוץ דעם, וואָס זאָל זי פאָרט טאָן, ווען זי האָט אים מער ניט ליב און ער מיינט פאַר איר מער גאָרניט? געגוג וואָס זי איז געווען ברוטאַל געגוג און עס אים איינמאָל געלאָזט וויסן. מוז זי עס דען טאָן ווידער און אָבער אַמאָל? זי האָט פונדעסטוועגן זיך פאָרט געפילט שולדיק, און וואָס מער זי האָט זיך געפילט שולדיק אַלץ פעסטער האָט זי זיך געהאַלטן ביי איר קעגן־פאָרוואורף, אַז זי וויל ניט מען זאָל עפענען אירע בריוו. און זי וועט ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל זיי עפענען, און זי וויל בכלל ניט מען זאָל איר זאָגן דעות וואו זי זאָל גיין, מיט וועמען זי זאָל זיך טרעפן, וועמען זי זאָל שרייבן און וועמען זי זאָל ניט שרייבן. דער ערשטער ברוך צווישן איר און דער טאַנטע איז געקומען. לאַנג וואַרטן אויף אַנדערע האָבן ביידע ניט געדאַרפט. די טאַנטע האָט זי אין בריוו פאַר׳מסר׳ט פאַר איר פאָטער. פון פאָטער האָבן אָנגעהויבן קומען שאַרפע מוסר־בריוו. דריי פון זיי האָב איך געפונען נאָכן טויט פון אַננאַ מאַרגאָלין צווישן אירע פאַפירן, און האָב זיי, צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן, אָפּגעשיקט צו איר זון קיין ישראל. די צוזאַמענשטויסן צווישן די צוויי זיינען געקומען אַלץ אָפטער ביז אין איין שיינעם טאָג ווען די טאַנטע איז ניט געווען אין דער היים האָט די פלימעניצע פאַרנומען אירע זאַכן, איז אַוועק פון הויז און מער ניט צוריקגעקומען.

דאָס פאַרהעלטעניש מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי

איך האָב זיך ביז איצט אָפּגעשטעלט מער באריכות אויף געוויסע פרטים פון אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס לעבן, ווייל דורך זיי האָב איך געוואָלט געבן דעם הינטערגרונט פון וועלכן זי איז אַרויסגעוואַקסן, און וואָס האָט זיכער אַ סך בייגעטראָגן, זי זאָל ווערן דאָס וואָס זי איז געוואָרן. אַלע איבעריקע וויכטיקע פרטים פון איר לעבן וועל איך, אפשר בלויז מיט עטליכע אויסנאַמען, בלויז דערמאָנען. איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פונקטן פון איר לעבן איז

זיכער געווען איר פאַרהעלטעניש מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי. מחמת דאָס פאַרהעלטעניש האָט גאָר אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט דעם גורל און ווייטערדיקן גאַנג פון איר לעבן. ווען זי איז אַוועק פון איר טאַנטעס הויז, איז אַננאַ מאַרגאָלין געגאַנגען וואוינען מיט נאָך דריי אַנדערע מיידלעך אין אַ קליין, האַלב פינצטער חדר׳ל אויף דער איסט סייד. ווי זי אַליין זיינען יענע מיידלעך אין דער היים אויף יענער זייט ים געווען באַלעבאַטישע קינדער, געלערנט זיך אין גימנאַזיעס, באַטייליקט זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און זיך אַרומגעטאָרגן מיט שיינע חלומות וועגן זייער אייגענער פערזענליכער צוקונפט. דאָ אָבער זיינען זיי פון דער האַרטער ווירקליכקייט געצוואונגען געוואָרן צו גיין אַרבעטן אין פאַבריקן. כל־זמן אַננאַ מאַרגאָלין איז געווען מיט איר טאַנטע האָט זי, פאַרשטייט זיך, אויסגעמיטן דעם גורל. איצט אָבער איז זי ווי די אַנדערע אויך געצוואונגען געווען צו גיין אַרבעטן אין אַ שאַפּ. אָבער לאַנג האָט זי זיך אין אַ שאַפּ ניט געקאָנט האַלטן. אין גאַנצן האָט זי געאַרבעט אַן אַכט־ניין וואָכן. און אין דער קורצער צייט האָט זי געאַרבעט ביי צוויי פאַכן און אין דריי שעפּער. פאַרדינט האָט זי צווישן פיר און פינף דאָלאַר אַ וואָך. געגעסן אויף ברויט מיט הערינג און אַ וואַרימען פליישיקן מאָלצייט איינמאָל אין צוויי טעג און אַמאָל בלויז צוויי מאָל אַ וואָך. זי האָט דעמאָלט געקאָנט צוריקגיין צו איר טאַנטע צו יעדער מינוט. זי האָט עס אָבער בשום אופן ניט געוואָלט. צווישן אירע פּאַפּירן האָב איך געפונען אַ בריוו פון איר פאָטער צו איר טאַנטע, אין וועלכן ער האָט געקלאָגט, וואָס זיין טאָכטער איז געוואָרן אַ פּראָסטע פאַבריק־אַרבעטערין. ער האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דעם, אָס דאָס איז מסתמא ניט מער ווי איינער פון אירע ווילדע קאַפּריזן, וואָס וועט זיכער גאָר אינגיכן פאַראיבער. זיין נבואה איז טאַקע מקוים געוואָרן, אָבער ניט אויף אַזאַ אופן ווי ער האָט געמיינט.

גאָר אין גיכן איז אָנגעקומען דער ווינטער און מיט אים די אַלע „לעקטשורס״, קאָנצערטן און בעלער מיט וועלכע ניו יאָרק איז דעמאָלט פול געווען. די אינטעליגענטערע יוגנט איז דעמאָלט איינמאָל אַ וואָך געלאָפן הערן אַ סעריע פאָרטראָגן וועגן פילאָזאָפיע, וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין קלינטאָן סטריט האָל. צו זיינע פאָרטראָגן איז דער זאַל, וואָס האָט אַריינגענומען אַן אַכט־ניין הונדערט מענטשן, שטענדיק געווען געפּאַקט. גאַנץ אָפט איז דער עולם געווען אַזוי גרויס, אַז אַלע דורכגאַנגען זיינען פאַרנומען געוואָרן און מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ צונויפגעדריקט ביי די ווענט. און ניט אומזיסט איז דער עולם געלאָפן. ווייל הערן דר. זשיטלאָווסקי׳ס אַ פאָרטראָג איז געווען אַ גרויסער גייסטיקער געניוס. ער איז געווען אַ מייסטער אין אויפבויען אַ פאָרטראָג. און ער האָט געהאַט די מתנה,

וואָס בעת ער האָט גערעדט האָט דער עולם באַשיינפּערלעך געזען, ווי עס ווערט געלייגט אַ פונדאַמענט אויף וועלכן עס וואַקסט דערנאָך לאַגיש אויס גאָר אַ הערליכער בנין. ער איז אַ חוץ דעם נאָך געווען געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינטליכער שיינקייט, אַ וואונדערליכער שפּראַך און דיקציע, און לאַנגזאַמע ריטמישע געסטיקולאַציעס, וואָס האָבן געהאָלפן אונטערשטרייכן און אַרויסהייבן אַ געדאַנק. צווישן די, וואָס זיינען יענעם ווינטער געגאַנגען הערן זשיטלאָווסקי'ן זיינען אויך געווען אַננאַ מאַרגאָלין און די אַנדערע מיידלעך מיט וועלכע זי האָט געטיילט דאָס ענגע, האַלב פינצטער חדר'ל. און זי איז פאַר'שיכור'ט געוואָרן ניט נאָר פון דער לעקציע נאָר נאָך מער פונעם לעקטאָר. אַרויס פון זאַל איז זי אין גאַנצן אַ פאַרליבטע אין אים. און אַזוי זיכער איז זי געווען, אַז ער וועט זיך אויך פאַרליבן אין איר, אַז אויפן וועג אַהיים איז זי וועגן דעם גרייט געווען זיך צו געוועטן מיט די אַנדערע מיידלעך. און זי האָט זיך געמעגט געוועטן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און דר. זשיטלאָווסקי האָט זי אָנגעהויבן באַמערקן. נאָך ווינציקער האָט גענומען, אַז ער זאָל זיך וועלן מיט איר נעענטער באַקענען. איידער וואָס־ווען האָט ער איר אָנגעבאָטן, זי זאָל ווערן זיין סעקרעטאַרין און אין געציילטע עטליכע וואָכן אַרום איז זי געווען זיין געליבטע און ס'איז ניט געווען איין אָרט, ער זאָל גיין אָן איר. אין ניו יאָרק האָבן דעמאָלט אַ סך פּרויען ליב געהאַט זשיטלאָווסקין, און ער האָט, מילד גערעדט, געלאָזט, אַז זיי זאָלן אים ליב האָבן. אָבער מיט איר קומען אין זיין לעבן זיינען אַלע אַנדערע אָפּגעווישט געוואָרן. אַלע האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף איר ווי אויף דער קינפטיקער פרוי זשיטלאָווסקי, און מען האָט איר צוגעטיילט דעם כבוד ווי זי וואָלט עס שוין געווען. און ער האָט געוואָלט, זי זאָל ווערן זיין פרוי. און איר שכל האָט געזאָגט אַודאי. וואָרים ס'איז ניט געווען קיין קלייניקייט צו ווערן די פרוי פון דעם דעמאָלט באַרימטסטן מענטשן אויף דער אידישער גאַס. אָבער דאָס יונגע בלוט האָט גערעדט קעגן דעם. זי איז אַלט געווען קוים ניינצן. ער אין די פערציקער. אַזוי אַלט ווי איר אייגענער פאָטער און אפשר נאָך עלטער. אַריבער אַ יאָר האָט געדויערט דאָס פאַרהעלטעניש, און אין דער צייט איז זי גייסטיק שטאַרק אויסגעוואַקסן. אַליין באַגאַבט מיט אַ וואַכן, אַנאַליטישן מוח, גוטן זכרון און שאַרפער תפיסה, האָט זי, נאַטירליך, געמוזט געוואונען אַ סך פון דעם אומגאַנג מיט איינעם פון די פיינסטע מוחות. ביי וועמען טראַכטן איז געווען פונקט אַזאַ נויטווענדיקייט ווי אָטעמען. אָבער פאַר זשיטלאָווסקין צו האָבן לעבן זיך אַזאַ מענטשן ווי זי, איז אויך געווען אַ גייסטיקער געווינס. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן זיינע „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען" פאַר זיין וויכטיקסטן און אָריגינעלסטן ווערק. און פאַר מיר אין די אויגן האָט ער געזאָגט צו אַננאַ מאַרגאָלין, אַז דאָס ווערק האָט ער איר געהאַט צו פאַרדאַנקען.

מחמת זי האָט אים אָנגערעגט דערצו, און אַז זי האָט געקאָנט שטאַרק אָנרעגן אַ מענטשן אויף דעם קאָן איך עדות זאָגן. צוויי דריטל פון די לידער אין מיין ביכל „פון מיין זומער" האָט זי מיך אָנגערעגט צו שרייבן. קוים האָט זיך ביי מיר אין אַ שמועס מיט איר אַרויסגעכאַפּט אַ געלונגענע פראַזע האָט זי אַ זאָג געטאָן: אָט האָסטו דאָך אַ ליד, פאַרוואָס זאָלסטו עס ניט אָנשרייבן? און זי האָט ניט גערוט ביז איך האָב עס אָנגעשריבן. ווי דר. זשיטלאָווסקי'ס סעקרעטאַרין האָט זי צווישן זיינע פּאַפּירן געפונען עטליכע מוסטערן פון היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען. דאָס האָט זי געבראַכט אויף דער אידייע, אַז וועגן דעם קאָן געשריבן ווערן אַ גאַנץ ווערק. ביי זשיטלאָווסקי'ן האָבן די שיינע גרינע אויגן אויפגעלויכטן ווען ער האָט עס דערהערט, און ער האָט זיך טאַקי באַלד גענומען צו דער אַרבעט.

געזאָגט האָט עס איר זשיטלאָווסקי פאַר מיר אין די אויגן אַ צוואַנציק יאָר צי מער נאָכדעם פאַרהעלטעניש צווישן זיי. ביי אַ טישל אין שלום'ס קאַפע איז דאָס געווען, ווען ער האָט אונדז דאָרטןביידן געטראָפן איין אָוונט און געפרעגט, צי ער מעג זיך אַנידערזעצן לעבן אונדז. יענעם אָוונט האָט דר. זשיטלאָווסקי אויך אַ זאָג געטאָן צו אַננאַ מאַרגאָלין, אַז זי איז שטענדיק געווען איר גרעסטער שונא. און זוען ניט דאָס, ווער ווייסט צי וואָלט ניט דאָס לעבן פוןביידן גענומען אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג. גענוי וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם אַרויסצובערענגען, ווייס איך ניט. אָבער ווי אַננאַ מאַרגאָלין האָט מיר אַ סך מאָל אַליין דערציילט האָט זיך זייער פאַר־העלטעניש פאַרענדיקט דורך דעם, וואָס זשיטלאָווסקי האָט אין אַ מאָמענט פון אייפערזוכט זי באַשולדיקט אין פאַרראַט. געווען איז דאָס ערב אַן עקסקורסיע מיט אַ שיף אויפן האַדסאָן. און אַזוי געטראָפן האָט ער זיך געפילט פון דעם דאָזיקן „פאַרראַט", אַז ער האָט זי אויף דער עקסקורסיע „ניט געזען". ער האָט זי אויך „ניט געזען" ווען מען איז אַראָפּ פון דער שיף, און אויף מאָרגן און איבערמאָרגן האָט ער זיך ניט באַוויזן. דאָס האָט זי אַזוי אויפגעטרייסלט, אַז זי איז עטליכע טעג געלעגן אין בעט און געיאָמערט, און דר. פּאַול קאַפּלאַן, איינער פון דר. זשיטלאָווסקי'ס נאָענטסטע פריינד, איז געזעסן לעבן איר און זי געהיט אויס מורא, זי זאָל ניט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד. אָבער אַז זי איז ענדליך אַרויס פון בעט איז זשיטלאָווסקי שוין אין גאַנצן געווען אויסגעשניטן פון איר לעבן. איצט האָט שוין זשיטלאָווסקי איינגעזען דעם אמת, אַז זיין חשד איז געווען אַן אומזיסטער. אָבער זי האָט זיך געפילט אַזוי געטראָפן פון דעם אופן ווי ער האָט זי באַהאַנדלט אונטערן שאָטן פון חשד, אַז זי האָט עס אים מער ניט געקאָנט מוחל זיין אויפן גאַנצן לעבן. דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער גאַנצער געשיכטע איז געווען, וואָס ערשט נאָכדעם האָט זי זיך טאַקע פאַרליבט אין דעם מענטשן אויף ווענן זישטלאָווסקי האָט

געהאַט דעם חשד, אַז מיט אים האָט זי אים פאַרראַטן. און דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער דערמאָנטער דר. פּאַול קאַפּלאַן, וואָס איז געווען מיט אַ צען יאָר עלטער פון זשיטלאָווסקין. ווי אַזוי די וואונדערשיינע אַננאַ מאַרגאָלין האָט צו ניינצן יאָר זיך געקאָנט פאַרליבן אין אַזאַ מענטשן ווי דר. קאַפּלאַן, וואָס האָט געקאָנט זיין איר זיידע און איז מיט זיין קורצן, דיקליכן וואוקס און זיין אויסזען געווען ווייט פון אַנציִענדיק, דאָס איז איינס פון יענע רעטענישן, וואָס נאָר אַ גוטער פּסיכאָלאָג קאָן אויפפלאָנטערן. איין גורם איז דערביי זיכער געווען דר. קאַפּלאַנ׳ס אומגעהייערע גוטסקייט און גרייטקייט צו קומען צו הילף.

פּאַריז, וואַרשע, חתונה און גט

אומגעפער אין דער צייט האָט אַננאַ מאַרגאָלין אָנגעשריבן עטליכע דערציילונגען און איינע פון זיי האָט זי צוגעשיקט צו דער „פרייע אַרב. שטימע״ אונטער דעם פּסעוודאָנים חוה גראָס. ש. יאַנאָווסקי׳ן, דעם רעדאַקטאָר פון דער „פ.אַ.ש.״ איז די דערציילונג געפעלן געוואָרן. אַזוי ווי אָבער ער האָט שוין גע־האַט עטליכע דערפאַרונגען מיט שרייבער־אָנהייבער, וואָס האָבן אים צוגעשיקט זאַכן אונטער פרויען נעמען, האָט ער דורך זיין דעמאָלט באַרימטן בריווקאַסטן פאַרבעטן חוה גראָס, זי זאָל אים קומען זען אין דער רעדאַקציע. און אַז זי איז געקומען און ער האָט געזען ווער עס באַהאַלט זיך אונטערן נאָמען חוה גראָס, האָט ער איר געמאַכט אַן אָנבאָט צו ווערן די סעקרעטאַרין פון דער רעדאַקציע. זי האָט דעם אָנבאָט גערן אָנגענומען, כאָטש ער האָט זיך באַצאָלט גאַנץ ווינציק, ווייל קיין אַנדערע אויססיכט אויף פאַרדינען האָט זי ניט געהאַט. דעם פּאָסטן האָט זי געהאַלטן אַרום זעקס חדשים. אָבער זי האָט ניט ליב געהאַט די אַרבעט און האָט אויך ניט ליב געהאַט די סביבה אין וועלכער איר אויסגעקומען זיך אַרומצודרייען אין ניו יאָרק, ווייל אַן דעם שיין פון זשיטלאָווסקי׳ן האָט פאַר איר איצט גאַנץ ניו יאָרק אויסגעזען וואָכעדיק און גרוי. זי איז געוואָרן אומרואיק און אָנגעהויבן חלום׳ען וועגן אומקערן זיך קיין אייראָפּע. אַז די מוטער האָט ענדליך איינגעוויליקט צו נעמען אַ גט פון פאָטער, דאָס האָט זי זיך דערוואוסט באַלד נאָכדעם ווי זי איז אַוועק פון איר טאַנטע. איצט האָט זי באַקומען אַ ידיעה, אַז דער פאָטער האָט אויפסניי חתונה געהאַט. דאָסמאָל מיט זייער אַ שיינער און זייער אַ רייכער פרוי. אָט די ידיעה האָט אי פאַרקלענערט און אי פאַרגרעסערט ביי איר דעם פאַרלאַנג זיך אומ־צוקערן קיין אייראָפּע. אָבער סוף־כל־סוף איז געקומען דער באַשלוס צו פאָרן. פריינט האָבן איר געהאָלפן, מיט געלט אויף אַ שיפסקאַרט, און מיט עמפעלונגס בריוו. ש. יאַנאָווסקי האָט איר מיטגעגעבן אַ בריוו צו פרינץ פּיאָטר קראָפּאָטקין, דעם גרויסן טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם, וואָס האָט געוואוינט אין אַ ווילאַ

אין אַ פאַרשטאָט פון לאָנדאָן. זשיטלאָווסקי האָט איר געגעבן אַ בריוו צו װלאַדימיר בורצעװ, דעם סאָציאַליסט־רעװאָלוציאָנער, װאָס האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ געװאַלטיקע סענסאַציע מיט דער אויפדעקונג, אַז אַזעװ, װאָס האָט געגאָלטן פאַרן אָנפירער פון דער טעראָר אָרגאַניזאַציע ביי די סאָ־ציאַליסטן־רעװאָלוציאָנערן, איז גאָר געװען אַ אַגענט־פּראָװאָקאַטאָר פון דער צאַריסטישער אָכראַנע. בורצעװ האָט דעמאָלט געװאױנט אין פּאַריז, און יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק געהאַלטן אין איין אויפדעקן די טאָפּלטע ראָלע פון אַ סך אַזױנע װאָס האָבן ביי אַלע פּאַרטייען געגאָלטן װי רעװאָלוציאָנערן און אין דער אמת׳ן זיינען זיי גאָר געװען שפּיאָנען און פּראָװאָקאַטאָרן. די ביידע בריװ האָבן איר געבראַכט אַ סך נוצן, גייסטיק און מאַטעריעל, װאָרים אַ דאַנק דעם בריװ צו פּרינץ קראָפּאָטקין האָט זי זיך באַקענט מיט איינעם פון די שענסטע און איידלסטע מענטשן און גרויסע גייסטער פון יענער צייט. און אַדאַנק דעם צװייטן בריװ האָט זי עטליכע חדשים געקאָנט פאַרברענגען אין פּאַריז און באַקענען זיך מיט די גרויסע קונסט־אוצרות פון לואװר און אַנדערע מוזייען אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, װאָס איז צו יענער צייט פאַר קינסטלער און שרייבער אויך געװען דער צענטער פון דער װעלט. פיר װאָכן האָט זי פאַרבראַכט אין לאָנדאָן. און אין די פיר װאָכן האָט זי, אויפן פאַרלאַנג פון קראָפּאָטקינען אַלע טאָג געמוזט קומען צו אים. דער אַלטער אַנאַרכיסטי־שער טעאָרעטיקער האָט אַפילו געהאַט באַשטימט אַ מענטשן, אַ יונגן רוס, װאָס איז געװען זיין פאַרברענטער חסיד, אַז ער זאָל זי ברענגען צו אים יעדן טאָג. און יענער איז געקומען יעדן טאָג פּונקטליך אין דער זעלביקער צייט און גענומען זי צו קראָפּאָטקינען. אין בריװ צו פאַרשיידענע מענטשן האָט קראָפּאָטקין עטליכע מאָל דערמאָנט איר נאָמען, זי שטאַרק געלויבט און אין איין בריװ אַפילו געשריבן, אַז זי איז געװען דער איינציקער מענטש װאָס האָט אים זיך געמאַכט פאַרטראַכטן איבער דעם אידישן פּראָבלעם. אין פּאַריז האָט איר בורצעװ געגעבן גענוג מאַטעריאַל װעגן די סודות פון דער רוסישער רעװאָלוציע אַזוי, אַז זי האָט געקאָנט צושיקן אָפּטע קאָרעספּאָנדענ־ציעס צום „פאָרװערטס״ אין ניו יאָרק. דאָס איז פאַר איר געװען אַ קװאַל פון פּרנסה די גאַנצע צייט, װאָס זי האָט פאַרבראַכט אין פּאַריז.

װי אַננאַ מאַרגאָלין האָט מיר אַ סך מאָל דערציילט, איז פּאַריז איינע פון צװיי שטעט, װאו זי האָט אין איר לעבן באמת זיך געפילט אין דערהיים, טראָצדעם װאָס זי האָט דעמאָלט קיין װאָרט פראַנצויזיש ניט געקאָנט אַרויס־ריידן. אין פּאַריז, האָט זיך איר געדאַכט, מוז זיך פילן היימיש יעדער מענטש פון װאַנען ער זאָל ניט קומען און צו װעלכן פאָלק, ער זאָל ניט געהערן. די צװייטע שטאָט, װאו זי האָט זיך געפילט אַבסאָלוט אין דער היים איז געװען תל־אביב, װאָס האָט דעמאָלט זיך נאָר װאָס געהאָט אָנגעהויבן צו בויען. אָבער

ווי היימיש זי האָט זיך ניט געפילט אין פּאַריז איז זי דאָרטן פונדעסטוועגן אַלץ ניט געווען צופרידן. איר האָט געצויגן צוריק קיין וואַרשע. און נאָך עטליכע חדשים זיין אין פּאַריז איז זי אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. און כאָטש זי איז פון וואַרשע געווען אַוועק ניט מער ווי עפּעס מער פון צוויי יאָר, האָט זי פונדעסטוועגן די שטאָט ניט דערקענט. אין לויף פון די צוויי יאָר איז אין וואַרשע אויפגעשטאַנען אַ נייער דור אידישע שרייבער — דער דריטער דור נאָך פּרץ׳ן. אַלע האָבן געוועדט פון א. מ. ווייסענבערג, משה סטאַווסקי, אפרים קאַגאַנאָווסקי און נאָך און נאָך אַנדערע. גאָר אַ באַזונדער אָרט האָט אין דער פּלעיאַדע פאַרנומען דער פּאָעט „מנחם״, וואָס איז געווען איר בן־עיר און אַמאָליקער גאָר נאָענטער חבר מנחם גאָלדבערג פון בריסק. זי איז באַלד אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קרייז. און גאָר אין גיכן איז זי אויך געוואָרן אַן אַריינגייערין צו פּרץ׳ן. עס איז געקומען צו אַ ליבע צווישן איר און משה סטאַווסקי׳ן. זיי האָבן חתונה געהאָט און באַלד נאָך דער חתונה זיינען זיי ביידע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבן געוואוינט, פריער אין יפו און דערנאָך אין תל־אביב. דאָרטן איז געבוירן געוואָרן זייער זון נעמן, וואָס איז נאָך דער גרינדונג פון מדינת־ישראל באַשטימט געוואָרן פאַר מיליטערישער גאָווערנאָר פון גליל. אָבער ס׳איז ניט געווען קיין גוט לעבן צווישן איר און סטאַווסקי׳ן. זי האָט סטאַווסקי׳ן געוואָרנט, אַז אַזוי גיך ווי איר קינד וועט אַנטוויינט ווערן, וועט זי אים פאַרלאָזן. און אַזוי איז טאַקע געווען. קוים האָט זי דאָס קינד מער ניט געדאַרפט זייגן האָט איר סטאַווסקי געמוזט געבן אַ גט. דאָס קינד האָט זי איבערגעלאָזט ביי אים און זי איז אַוועק צוריק קיין וואַרשע. ביי מיר געפינט זיך אַ בילד פון אַננאַ מאַרגאָלין מיט איר קינד אויף דער שויס. און דאָס בילד ווייזט די טרויעריקסטע פּרוי, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אין מיין לעבן. אַננאַ מאַרגאָלין האָט דאָס דאָזיקע בילד שטענדיק געהאַלטן באַהאַלטן ערגיץ אַזוי, אַז זי זאָל דערצו ניט קאָנען לייכט צוקומען. ווייל ווען זי האָט דאָס דאָזיקע בילד דערזען איז זי געוואָרן אַזוי היסטעריש, אַז זי האָט מיט די פויסטן זיך אָנגעהויבן קלאַפּן אין קאָפּ אַריין, און דערנאָך איז זי געלעגן עטליכע טעג אין בעט אַ קראַנקע. דאָס בילד האָט זי דערמאָנט אַן יענעם טאָג ווען זי איז אַוועק פון תל־אביב. כדי דאָס קינד זאָל זיך צוגעוואוינען צו זיין אָן דער מוטער, האָט מען עס עטליכע טעג פאַר איר אָפּפאָרן צוגענומען פון איר און געהאַלטן עס אין הויז פון אַ פריינדין. אָבער אין טאָג פון איר אָפּפאָרן האָט מען עס געבראַכט צו איר אויף עטליכע מינוט. אָבער ווי נאָר דאָס קינד האָט דערזען די מוטער האָט עס מיט די הענטלעך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר האַלז און זיך אַזוי איינגעקלאַמערט מיט די פינגערלעך אין דער מוטערס נאַקן, אַז מען האָט עס ניט געקאָנט אָפּרייסן. זי האָט שטענדיק דערפילט די נעגעלעך פון איר קינד

ווי זיי האָבן זיך דעמאָלט איינגעגראָבן אין איר נאַקן ווען נאָר זי האָט אויף דעם בילד אַ קוק געטאָן, און דעריבער האָט זי עס שטענדיק אַזוי פֿאַרשטעקט, כדי עס ניט צו קאָנען געפינען.

וואַרשע, קרעמענטשוג און ווידער ניו־יאָרק

טרויעריק ווי אַננאַ מאַרגאָלין איז אַוועק פון תל־אביב, איז איר געוואָרן נאָך טרויעריקער ווען זי איז אָנגעקומען צוריק קיין וואַרשע. אין די צוויי יאָר, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין תל־אביב האָט זי געהערט, אַז איר פֿאָטער פירט גרויסע געשעפטן און פירט זייער אַ ברייט הויז. אַז זי איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע איז זי, נאַטירליך, פאַרפאָרן צו אים. נאָך פאַר איר חתונה האָט איר פֿאָטער געוואוינט זייער שיין מיט זיין צווייטער פרוי און אירע דריי יונגע טעכטער. ווען זי איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע האָט ער זיך געפונען אין גאָר אַ גרויסער און רחבות'דיקער דירה, זייער שיין און רייך אויסמעבלירט. אָבער דעם קבלת־פנים, וואָס זי האָט געקראָגן אין דער דירה איז געווען זייער אַ קאַלטער. ניט נאָר די שטיפמוטער נאָר אויך דער פֿאָטער האָט איר גלייך געגעבן צו פילן, אַז זי איז ביי זיי ניט קיין אָנגעלייגטער גאַסט. צו דער חתונה האָט איר דער פֿאָטער געגעבן נדן און געלאָזט פאַר איר אויסנייען אַ גאַנץ רייכן גאַרדעראָב. זי האָט, אַחוץ דעם, אויך געקראָגן חתונה־מתנות, און מיט דעם האָט דער פֿאָטער געהאַלטן, איז ער פטור געוואָרן פון אַלע התחייבות'ן צו איר. האָבן זי אויפסניי אויף זיינע פלייצעס, דערצו האָט ער גאָר קיין חשק ניט געהאַט, ווען אַפילו זי וואָלט געווען אַ „גוטע" טאָכטער. אָבער אין זיינע אויגן איז זי שוין לאַנג קיין „גוטע" טאָכטער ניט געווען. קיין נחת האָט זי אים מיט איר אויפפיר ביז דער חתונה זיכער ניט פאַרשאַפט. כל־זמן זי איז ביי אים געווען אַן איינציקע האָט ער נאָך איר אויפפיר ווי עס איז אַראָפּגעשלונגען, אָבער זי איז ביי אים קיין איינציקע מער ניט געווען. זיין ניי ווייב האָט אים געבראַכט אַ זון, און אויף דעם זון, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ זייגקינד אין וויגל, האָט ער איצט געלייגט אַלע האָפענונגען, וואָס ער האָט פריער געלייגט אויף זיין טאָכטער. דערצו איז דער הויפּט בעל־דעה אין דער שטוב איצט געווען ניט ער נאָר זיין ניי ווייב. זי האָט אים געבראַכט עשירות, ווען ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. אַדאַנק איר האָט ער איצט געפירט גרויסע געשעפטן, און, פאַרשטייט זיך, אַז איר וואָרט איז אין דער שטוב געווען געבאָט. דער שטיפמוטער איז גלאַט ניט אָנגעשטאַנען צו האָבן ביי זיך אַננאַ מאַרגאָלין. פאַר איר זיינען געווען גענוג אירע אייגענע דריי טעכטער פון איר פריערדיקן מאַן און דאָס אינגעלע פון איר איצטיקן מאַן. זי האָט דעריבער געזען, אַז אַננאַ מאַרגאָלין זאָל ביי איר אין שטוב האָבן אַזוינע קעסט, אַז זי זאָל וואָס גיכער וועלן אַנטלויפן פון דאָרטן.

און איר האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן פון ערשטן טאָג אָן. אָבער צו איר צער האָט זי דאָס ניט געקאָנט. וואָרים פון ארץ־ישראל איז זי צוריק געקומען כמעט נאַקעט און באָרוויס. דער נדן איז אַוועק אויף דער הוצאָה פאַר איר און איר מאַן קיין ארץ־ישראל און אויף חיונה פאַר די ערשטע עטליכע וואָכן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין לאַנד. די חתונה־קליידער זיינען צעריסן געוואָרן אין די צוויי יאָר, וואָס זי האָט זיך דאָרט געפונען, און די געשאַנקן, וואָס זי האָט געקראָגן צו דער חתונה, זיינען ביסלעכווייז פאַרזעצט און פאַרקויפט געוואָרן כדי עס זאָל זיין אויפן אָרימען אויסקומעניש. אין וואַרשע האָט זי איצט ניט געהאַט קיינעם צו וועמען זי זאָל זיך קאָנען ווענדן נאָך הילף. און אויב זי האָט אַפילו געהאַט עטליכע באַקאַנטע האָט זי זיי זעלטן געקאָנט גיין באַזוכן צוליב איר אָפּגעריסענעם הולך. געוועזן עטליכע חדשים אין וואַרשע ווען זי האָט אין גאַנצן ניט געקאָנט אַרויסגיין פון הויז, פשוט דערפאַר, ווייל די שיך זיינען ביי איר צעריסן געוואָרן, און דער פאָטער האָט איר ניט געוואָלט געבן קיין געלט כדי זיי צו פאַרריכטן. און גראָד זיינען דאָס געווען ווינטערדיקע חדשים ווען אַרויסגיין אין צעריסענע שיך איז געווען אוממעגליך. סיי דער פאָטער און סיי די שטיפמוטער האָבן איר אַרויסגעוויזן פשוטע אַכזריות. גוט צו איר זיינען בלויז געווען די עלטערע צוויי שטיף שוועסטער, וואָס איינע פון זיי איז געווען ניט ווייט געררוקט פון איר אין עלטער. די צוויי שטיף שוועסטער זיינען אַפילו געוואָרן אירע פריינדינס און אַ דאַנק זיי האָט זי אין איר פאָטערס הויז געקאָנט אויסהאַלטן אַזוי לאַנג ווי זי האָט אויסגעהאַלטן. פאַר דער אכזריות׳דיקער באַנעמונג צו איר יענעם ווינטער, איז אַננאַ מאַרגאָלין געוואָרן אַ שונא דעם פאָטער, דעם זעלביקן פאָטער אירן, וואָס זי האָט פריער אַזוי פאַרגעטערט. אַזוי שטאַרק איז ביי איר געוואָרן די שנאָה, אַז ווען זי האָט יאָרן שפּעטער געקראָגן פון אים אַ בריוו האָט זי אים צעריסן ניט געעפנטערהייט, און ווען ש. יאַצקאַן איז מיט יאָרן נאָך שפּעטער געקומען קיין ניו יאָרק אויף אַ לענגערן באַזוך און איר געבראַכט אַ גרוס פון איר פאָטער, וואָס איז געווען זיינער אַ ידיד, האָט זי אים געזאָגט, אַז פאַר איר איז דער פאָטער טויט. און פונדעסטוועגן, אַז דער זעלביקער יאַצקאַן האָט איר, מיט עטליכע חדשים שפּעטער, געבראַכט דעם אָנזאָג, אַז איר פאָטער איז נאָך אַ קורצער קראַנקייט געשטאָרבן, איז זי געוואָרן אַזוי היסטעריש, אַז זי האָט טעג נאָכדעם געמוזט ליגן אין בעט. אָבער אין יענע טעג האָט זי דערמאָנט ניט נאָר אָן דעם פאָטער, וואָס זי האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק ליב געהאַט נאָר נאָכמער אָן דעם, וואָס זי האָט שפּעטער פיינט געקראָגן און פאַרוואָס זי האָט אים פיינט געקראָגן. און אויף איר גאַנצן לעבן האָט זי וועגן אים מער ניט געקאָנט ריידן אָן שנאָה. אַפילו ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן די גרויסע מעלות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט

און פאַר די אייגנשאַפטן, וואָס זי האָט פון אים איבערגענומען בירושה און אַנדערע, וואָס ער האָט איינגעפלאַנצט אין איר. פאַר דער גרעסטע מעלה אין אים האָט זי גערעכנט זיין וואונדערליכן מוח. זי איז געווען בטוח, אַז ווען ער וואָלט געווען שטודירט וועלטליכע זאַכן, וואָלט ער זיך זיכער שטאַרק אויסגעצייכנט אין אַלץ צו וואָס ער וואָלט זיך גענומען. די וויכטיקסטע אייגנשאַפט, וואָס ער האָט איינגעפלאַנצט אין איר איז געווען, ליבע צום אמת. אָן אייגנשאַפט, וואָס זי האָט ביי זיך אַליין דערפירט צו גאָר אַ הויכער מדרגה, און וואָס האָט איר אויך פאַרשאַפט אַ סך צרות. וואָרים איר ליבע צום אמת איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון זאָגן דעם אמת איטליכן מענטשן מיט וועמען זי איז געקומען אין באַריר. און מענטשן האָבן פיינט ווען מען זאָגט זיי דעם אמת. כמעט אַלע מיינע נאָענטסטע חברים האָבן זי ניט ליב געהאַט, און אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט זיי געזאָגט דעם אמת, וואָס איר מיינונג איז געווען וועגן זיי.

ווי לאַנג זי איז געווען אין איר פאָטער׳ס שטוב נאָך איר צוריקקומען פון תל־אביב, דאָס איז מיר ניט קלאָר. מיין איינדרוק איז, אַז אַרום אַ דריי פערטל יאָר. אַרויסגעראַטעוועט זי פון דאָרטן האָט זי איר מוטער, וואָס איז צו יענער צייט געווען פאַרהייראַט צו אַ בוכהאַלטער אין קרעמענטשוג. די מוטער האָט איר געשיקט געלט אויף אויסקליידן זיך, די מוטער האָט איר אויך געשיקט געלט אויף דער הוצאָה און זי געבראַכט צו זיך קיין קרעמענ־טשוג. עטליכע חדשים איז זי געשטאַנען מיט דער מוטער וואו אַלע האָבן איר אַרויסגעוויזן ליבשאַפט און דרך־ארץ. אָבער וועגן בלייבן אין קרע־מענטשוג האָט אַפילו קיין רייד ניט געקאָנט זיין. ווי ווינציק די מוטער האָט אַליין געהאַט האָט זי אָבער געזען, אַז איר טאָכטער זאָל גאָר ניט פעלן. און ווען איר טאָכטער איז געוואָרן ענג אין קרעמענטשוג, האָט זי געזען צו שאַפן דאָס געלט פאַר אַ שיפסקאַרט און באַן־הוצאות, און דעם 13טן מאַי 1914 איז זי צום צווייטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע. דאָסמאָל איז זי שוין דאָ פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

אין די ערשטע עטליכע חדשים נאָך איר צווייטן קומען קיין אַמעריקע איז איר גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו הונגערן. פון אַמאָליקן קרייז, וואָס האָט זיך געדרייט ארום זשיטלאָווסקי׳ן איז זי איצט געווען זייער ווייט. דער איינציקער פון יענעם דור, וואָס איז איר געבליבן נאָענט איז געווען דר. פאַוול קאַפּלאַן. אָבער ער האָט זיך שטאַרק געעלטערט אין די עטליכע יאָר, וואָס זי איז ניט געווען אין ניו יאָרק. איצט איז ער נאָך אַלס צוגאָב, געווען קראַנק און געליטן שטאַרק פון אַסטמאַ. זיין דאָקטאַרשן אָפיס האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן, אָבער פּאַציענטן זיינען צו אים געקומען זייער ווינציק. ער האָט איר ממילא זייער ווינציק געקאָנט קומען צו הילף עקאָנאָמיש. דער יונגער

דור פּאָעטן און שרייבער, וואָס איז אויסגעוואַקסן און געקומען צום וואָרט אין די יאָרן ווען זי איז דאָ ניט געווען, איז אין אַלגעמיין געווען פּונקט אַזוי אָרים ווי זי אַליין. פאַר די יונגע פּאָעטן איז זי געווען אַ שיינע דאַמע מיט אַ סך ווּנדערלעך ווערטער און גאָר אַן אייגנאַרטיקער זעלטן־מוזיקאַלישער שטים, וואָס אַ סך זיינען פון איר באַצויבערט געוואָרן און אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַר ניט נאַטירליך און אַפעקטירט. געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך פאַרליבט אין איר און אַנדערע, וואָס האָבן פאַר איר מורא געהאַט, אָבער כמעט אַלע האָבן פאַר איר געהאַט גרויס דרך־ארץ. אַנהייב נאָוועמבער פון זעלביקן יאָר האָט אין ניו יאָרק אָנגעהויבן אַרויסגיין „דער טאָג״, וואָס האָט דאָ רעוואָלוציאָניזירט די אידישע טאָג־פּרעסע, ווי „דער פריינד״ בשעתו ווען ער איז דערשינען אין פּעטערסבורג. מיט דער הילף פון דר. קאַפּלאַן איז זי אָנגעקומען ווי אַ מיטאַרבעטערין פון דער דאָזיקער צייטונג מיט אַ וועכנטליכן איבערבליק „אין דער פרויען וועלט״, וואָס איז מיט גרויס פאַרגעניגן געלייענט געוואָרן דוקא פון שרייבער און דעם בעסערן לייענער, מחמת זי האָט זיך אין דעם איבערבליק באַוויזן ווי אַ זשורנאַליסטין מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל און אַזאַ גלאַנץ, אַז ער האָט פאַרכאַפּט אפילו אַזאַ פיינשמעקער ווי קאַליאַ טעפּער און אַזאַ סטיליסט ווי משה נאַדיר.

גאָר אין גיכן איז זי געוואָרן אַ פולער מיטגליד אין דער רעדאַקציע. אַ פּאָסטן וואָס זי האָט אָנגעהאַלטן ביזן האַרבסט 1920. פאַרלאָזן דעם פּאָסטן האָט זי צוליב עטליכע סבות. שפּעטער איז זי צוריק געוואָרן אַ מיטאַרבעטערין פון „טאָג״ מיט אַ שטענדיקן געהאַלט, אָבער ניט ווי אַ פולער מיטגליד פון דער רעדאַקציע נאָר ווי אַ צושטעלערין פון איין אַרטיקל אָדער צוויי אַרטיקלען אַ וואָך. ביז האַרבסט 1920 האָט מען זי געקענט נאָר מיט איר אייגענעם נאָמען ראָזע לעבענסבוים. אָבער צוויי יאָר שפּעטער האָט זי אָנ־געהויבן שרייבן לידער אונטערן פּסעוודאָנים אַננאַ מאַרגאָלין. אין די שפּע־טערדיקע יאָרן האָט מען געקענט נאָר אַננאַ מאַרגאָלין. דעם נאָמען ראָזע לעבענסבוים האָבן געוווּסט נאָר די, וואָס האָבן זי געקענט פון אַמאָל.

אין דער רעדאַקציע איז אַמאָל אַריינגעקומען זייער אַ שיינער, בלאָנדער בחור מיט בלויע אויגן, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי יונג און בליענדיק, אַז אַלע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג האָבן לגבי אים אויסגעזען אַלט און פאַרוועלקט, הגם עטליכע פון זיי זיינען געווען ניט פיל עלטער פון אים. דאָס איז געווען הירש לייב גאָרדאָן, וואָס איז היינט דער באַקאַנטער פּסיכיאַטער דר. הירש לייב גאָרדאָן. איין קוק אויף אים און ס'איז געווען גענוג, אַז אַננאַ מאַרגאָלין זאָל זיך אין אים איינליבן. עס איז באַלד געוואָרן אַ קרבות צווישן זיי, און כאָטש הירש לייב גאָרדאָן איז געווען מיט פינף יאָר אינגער פון איר, זיינען זיי געוואָרן מאַן און ווייב. ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער ערשטער וועלט־

מלחמה און ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אידישער לעגיאָן האָט גאָרדאָן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם לעגיאָן און איז מיט אים אַוועק קיין ארץ־ישראל. ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט האָבן צו איר אָנגעהויבן קומען פאַרשיידענע שמועות וועגן איר מאַן. זי האָט זיי יאָ און ניט גענומען ערנסט, און פונדעסט־וועגן האָט זי געפילט, אַז עפּיס איז קאַליע געוואָרן צווישן זיי. די פינף יאָר מיט וועלכע ער איז געווען אינגער פון איר האָבן פון אָנהייב אָן באַשטימט, אַז מער ווי עטליכע יאָר וועלן זיי ניט קאָנען זיין צוזאַמען. איצט קומען סמנים, וואָס ווייזן דעם אָנהייב פון סוף. אין האַרבסט 1919 בין איך אַריינגע־קומען אין איר לעבן. אין די ערשטע עטליכע יאָרן איז געווען אַ פלאַקער און גראַנגל צווישן אונדז. איבער אַ העלפט לידער אין מיין ביכל „פון מיין זומער", וואָס איז אַרויס אין ווין אין 1922, און גאָר אַ גרויסער טייל פון איר בוך לידער, וואָס איז אַרויס אין ניו יאָרק אין 1929, דערציילן אויף די פאַרשיידנסטע אופנים וועגן דעם דאָזיקן פלאַקער און דעם דאָזיקן גראַנגל.

יולי, 1954

די דיכטערין אַננאַ מאַרגאָלין *)

אַננאַ מאַרגאָלין — ווי אַלע אמת׳ע און רייפע פּאָעטן — פירט אַ שטענדיקן משפט איבער זיך אַליין. אַמאָל קומט זי פון דעם משפט אַרויס גערעכט און אַמאָל אומגערעכט. נאָר שטענדיק איז דערביי אויך דאָ יענע טיפערע דער־קענטעניש, אַז אַזוי צי אַזוי איז דאָ נאָך אַ העכער געריכט מיט זיין אייגענעם פאַטאַלן אורטייל, וואָס דערגרונטעווען אים קאָנען מיר ניט, נאָר מיר אָנען אים מיט אונזער גאַנצן יש. דערפון יענער אומענדליכער טרויער און יענע אומענדליכע פרייד, וואָס ווייען אונז אַנטקעגן פון אַננאַ מאַרגאָלנ׳ס לידער, ווי פון יעדער אמת׳ער און רייפער דיכטונג: דער טרויער פון דערקענטעניש און די פרייד פון דעם, וואָס מיר זיינען געקומען צו דערקענטעניש.

דער אומרייפער פּאָעט אונטערשיידט זיך פון דעם דורכשניטליכן מענטשן נאָר דערמיט, וואָס זיינע חושים זיינען וואַכער און זיינע עמפינדונגען שאַרפער. דער רייפער פּאָעט אונטערשיידט זיך פון דעם אומרייפן דערמיט, וואָס צו די וואַכע און שאַרפע חושים קומט נאָך צו דער חוש פון אָביעקטיוויזירונג: דאָס איז יענע ברכה אָדער קללה פון קאָנען אָפּשיידן פון זיך אַליין און זיך אַליין באַטראַכטן ווי אַ פרעמדן קעגנשטאַנד. דער אויסדרוק פון אומצייטיקן פּאָעט איז געשריי. דער אויסדרוק פון צייטיקן — געשטאַלטונג. אָט דאָס שטענדיקע געשטאַלטן און איבערגעשטאַלטן די אייגענע עמאָציעס, איז פירן משפט איבער זיך אַליין.

*) אַננאַ מאַרגאָלין: לידער, ניו־יאָרק, 1929.

פירן משפט איבער זיך, זעצט פּאַראויס זיין אויפריכטיק מיט זיך; מיינט אַנוועגדן וואָג און מאָס צו אונזערע עמפּינדונגען ווי צו אונזערע מעשים; מיינט אויך פאַרוואַרפן פּאַרטיקע אָנגענומענע באַגריפן, נאָר אַלץ צוריקפירן צו די אורגעפילן. און נאָר דער, וואָס ווענדט אָן וואָג און מאָס צו דעם עמ־פונדענעם קריגט אויך וואָג און מאָסביים ברענגען עס צום אויסדרוק. דאָס עקזאַקטע וואָרט, דעם עקזאַקטן קנייטש, דאָס פאַרהוילן וואָס מען דאַרף פאַרהוילן, און דאָס אַנטפּלעקן וואָס דאַרף אַנטפּלעקט ווערן, אַמאָל דורך איין איינציק וואָרט און אַמאָל דורך יענער צויבערליכער אַראַנזשירונג פון ווערטער־גרופּן, שורות און סטראָפן, וואָס טיילמאָל פאַרוויגן זיי אונז ווי מוזיק, און אַן אַנדערשמאָל באַצווינגען זיי אונז דורך אַן אַנדערן כשוף און לאָזן ניט אָפּ און קלינגען אונז נאָך טעג, וואָכן און אַמאָל יאָרנלאַנג.

דאָס עקזאַקטע וואָרט און די צויבערליכע אַראַנזשירונג פון ווערטער־גרופּן זיינען דאָ ביי אַננאַ מאַרגאָלין אין אַזאַ פולער מאָס, ווי נאָר ביי זעלטענע, געציילטע אידישע דיכטער. איר וואָרט, סיי ביי פּשוט׳ע באַהויפּטונגען, סיי אין דער שילדערונג, און סיי ווען עס זאָגט איינס און עס וויל סוגעסטירן נאָך עפּיס, איז אין די מערסטע פאַלן אַזוי טרעפנדיק, אַז מען קאָן עס בשום אופן ניט פאַרבייטן אויף קיין אַנדערס. און איך ווייס פון זייער ווינציק פּאָעטן, וואָס פון זייערע לידער זאָלן מיר נאָכקלינגען אַזוי פיל איינציקע שורות און סטראָפן ווי ביי אַננאַ מאַרגאָלין.

דער בליק און דער זשעסט און געפליסטער פון ליבע און שטאַרבנדע זאַכן.
(ז. 99)

געבליט און גערייפט און געאיבט זיך אין שפּיל פון לעבן און טויט.
(ז. 17)

אָבער דאָס לייב איז אַ וויינענדיקע ווערבע,
אָבער ווי טרוקענע בלעטער די פינגער אין שויס.
(ז. 11)

די נאַכט האָט געעפנט די גאָלדענע אויגן,
בין איך פידל געוואָרן און דו דער בויגן.
(ז. 44)

טרויעריק ווי טשערעט,
צאַרט ווי די נעמען פון בלומען. (ז. 43)

צי „דאָס ליד פון אַ מיידל״, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַזוינע וואונדערליכע שורות:

יענע שעה, יענעם רייץ וועל איך אייביק געדענקן,
ווי אַן ווערטער אַ ליד, ווי אַ ליד פון ווערלען.
איך האָב אַזוי מורא, טאָמיר הער איך אויף בענקן. (ז. 125)

נאָר רייִנסטע דיכטערישע אינטואיציע און פייַנסטע קינסטלערישע וואָג און מאָס קאָנען אַרויסברענגען אַזאַ אומגעריכטן און דאָך אַזאַ נאַטירליכן און פסיכאָלאָגיש עכטן איבערגאַנג ווי אין דעם לעצטן ציטאַט, און דעם כשוף וואָס וויִט פון די איבעריקע.

2.

מ'רעדט ביי אונז אָפט וועגן פאָרם און אינהאַלט, און די מערסטע פון די וואָס רייִדן וועגן פאָרם ברענגען ביישפּילן, וואָס באַווייזן, אַז זיי זייַנען דערצו צום ווינציקסטן באַרופן. וואָרים דאָס וואָס זיי רופן פאָרם איז אין דער אמת'ן ניט מער ווי פאַרטיקע פאַרפיקסירטע פאָרמען, דרויסנדיקע טעכנישע פאָרם־מיטלען, אָבער אויף קיין פאַל ניט קיין פאָרם־עלעמענטן. די אַלע זאַכן קאָן מען זיך אויסלערנען. און אַוודאי איז פאַר יעדן דיכטער נייטיק זיי צו באַהערשן. אָבער, נאָר ווי אַ קלוגער גוי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, כדי מען זאָל זיי קאָנען פאַרוואַרפן. אמת'ע פאָרם וואַקסט אַרויס פונם אינהאַלט און איז אָרגאַניש איינהייטליך מיטן אינהאַלט, ווי די שאָל איז אָרגאַניש איינהייטליך מיטן יאָדער פון דער נוס. דער אמת'ער קינסטלער קאָן זיך וועלן אַ שפּיל טאָן מיט די פאַרפיקסירטע פאָרמען און ווייַזן, אַז אַפילו אין שוין פאַרטיקע פורעמס קאָן ער נאָך אַלץ באַשאַפן אַ זאַך, וואָס זאָל האָבן זעלבסטשטענדיקע פאָרם. אָבער קיין מוז איז דאָס בשום אופן ניט. וואָרים סוף־כל־סוף איז ער נאָר אויסן שלמות אין זיין ווערק, און שלמות דערגרייכט אַ קונסטווערק נאָר דעמאָלט ווען אַלע איינצלהייטן זייַנען אונטערוואָרפן דעם קינסטלערישן ענדציל.

אַזאַ שלמות דערגרייכט אַננאַ מאַרגאָלין אין גאָר אַ היפּשער צאָל פון אירע לידער. פאַראַן ביי איר אַזוינע לידער ווי, „איך בין אַמאָל געווען אַ אינגלינג", „מוטער ערד", „מיין שטאָם", „פול מיט נאַכט און געוויין", „אַזוי ווי מיין בליק דער פאַרטרויערטער", „איז די גאָלדענע פּאַווע געפלויגן", „אין גאַסן", „האַרבסט", און עטליכע פונ'ם ציקל „מארי", וואָס זייַנען מיט אַ קאַרגער מאָס פון אויסדרוק־מיטלען געבראַכט געוואָרן צו אַזאַ פולקומענקייט, אַז עס שטעלט זיי אָוועק צווישן די פייַנסטע אין דער אידישער פּאָעזיע.

אַמאָל דערגרייכט זי עס דורכן טאָן, אַמאָל דורכן ריטם און ווידער אַן אַנדערש מאָל דורכן בילדליכן אויסדרוק, און גאַנץ אָפט דורך אַלע אויסגערעכנטע צוזאַמען.

מיר וועלן נעמען פאַר אַ ביישפּיל דאָס ליד „מוטער ערד", געבויט אויף דעם באַקאַנטן און, אויב איר ווילט, אַפילו באַנאַלן געדאַנק, אַז די פרוי לעבט ניט איר אייגן לעבן, נאָר מיטן לעבן פון מאַן, וואָס זי האָט ליב, און דאָך איז דער מאַן וואָס ער איז, בלויז אַ דאַנק איר. ביי אַננאַ מאַרגאָלין

קריגט די דאָזיקע אַבסטראַקציע בלוט און פלייש, און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַזאַ וואונדערליך ליד:

מוטער ערד פיל־געטראָטענע, זון־געוואָשענע,
טונקעלע שקלאַווין און האַרין
בין איך געליבטער.
פון מיר דער נידעריקער און באַטריבטער.
וואַקסטו אַרויס — אַ מעכטיקער שטאָם.
און ווי די אייביקע שטערן, און ווי פון זון דער פלאַם,
קרייז איך אין לאַנגן און בלינדן שוויגן
אין דיינע וואָרצלען און דיינע צווייגן,
און האַלב אין וואַך און האַלב אין דרימל,
זוך איך דורך דיר דעם הימל.

(ז. 6)

טאָן, ריטם און בילד, אַלץ איז דאָ אַזוי האַרמאָניש, ווי איינס וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון אַנדערן, ווי איינס וואָלט ניט מעגליך געווען אָן דעם אַנדערן, און אַלע דריי צוזאַמען האָבן זיי דאָ אין צען שורות געגעבן דעם שענסטן און טיפסטן אויסדרוק צו דעם, וואָס די פרוי פון אַלע דורות האָט אין איר בלוט געפילט צום מאַן.

אָדער נעמט דאָס ליד „פול מיט נאַכט און געוויין״:

אַ שוייגן פלוצים און טיף
צווישן אונזביידן,
ווי אַ צעטומלטער בריוו
מיטן אָנזאָג פון שיידן,
ווי אַ זינקענדע שיף.

אַ שווייגן אָן אַ בליק, אָן אַ ריר,
פול מיט נאַכט און געווין
צווישן אונז ביידן,
ווי מיר וואָלטן אַליין
צו אַ גן־עדן
פאַרשלאָסן די טיר. (ז. 28)

וואָס פאַר אַן אייגנאַרטיקער וואונדערליכער פאַרגלייך: „ווי אַ צע־טומלטער בריוו״, און ווי דערשראָקן אַפּגעהאַקט דאָ איז דער ריטם ביז צום פינאַל, וואָס ווערט פאַררונדיקט מיט אַ נאָכקלאַנג פון רעזיגנאַציע.

רעזיגנאַציע גיט געהויבענע פשטות צו „מאריס תפלה״:

גאָט, הכנעה׳דיק און שטום זיינען די וועגן.

דורכן פייער פון זינד און פון טרערן
פירן צו דיר אַלע וועגן.
איך האָב פון ליבע געבויט דיר אַ נעסט
און פון שטילקייט אַ טעמפּל.
איך בין דיין היטערין, דינסט און געליבטע,
און דיין פּנים האָב איך קיינמאָל ניט געזען.
און איך ליג אויפן ראַנד פון דער וועלט,
און דו גייסט פינסטער דורך מיר ווי די שעה פון טויט,
גייסט ווי אַ ברייטע, בליצנדיקע שווערט. (ז. 105)

און נאָר אַ פּאָרם קינסטלער האָט געקאָנט פאַרווענדן דעם טאַנצנדיקן פּערזפוס, דעם אַנאַפּעסט, אויף אַ ריין עלעגיש ליד ווי „מארי און דער טויט" און דאָס ליד זאָל נאָך געווינען דערפון.

ס'האָט מארי זיך געזעגנט מיטן ליכטיקן הויז,
פאַר די ווענט זיך גענייגט, געניגט און אַרויס,
און אַוועק אין דער נאַכט, ווי מען גייט אין אַ וואַלד,
וואו גאָט'ס אָטעם איז נאָענט און ס'שרעקט יעדע געשטאַלט.

— — — — — — — — — —

און געגאַנגען נאָך איר זיינען פריילעך און בונט
בעטלער און שכור און וואַגאַבונד,
ווי טרויעריקע פייגל קראַנקע פאַרליבטע
האָבן קאַליקעס נאָכגעהיפּט,
און קרעציקע האָבן פאַרשעמטע געגענט,
און זיך די וואונדן פאַרשטעלט מיט די הענט,
און פאַראויס איז געגאַנגען פאַרבענקטערהייט
דער אינגלינג טויט מיט דער טונקעלער פלייט.

(ז. 113)

אָבער ניט נאָר אין גאַנצע לידער איז צו דערקענען דעם פולבלוטיקן פּאָעט און קינסטלער. דעם עכטן פּאָעט קאָן מען אָנטאַפּן אַפילו אין איינציקע שורות, ווענדונגען, מעטאַפּאָרן, אַדיעקטיוון און פאַרגלייכן. און אַנאַ מאַרגאָלין פלעפּט מיט אירע פאַרגלייכן, כאָטש זי האָט ניט קיין איינציקן געקליגלט אויסגעזוכטן סימיל, וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט צום פלעפּן, ווי דאָס איז אָפט דער פאַל ביי אונזערע לידער שרייבער. פאַרגלייכן ביי אַנאַ מאַרגאָלין קומען נאָר נאָענט מאַכן דאָס ווייטע און מיט אַ שפּרונג אַוועקטראָגן דאָס נאָענטסטע אין דער אומענדליכקייט. און ווי אַנדערש און אייגנאַרטיק אירע פאַרגלייכן זיינען: „טרויעריק ווי טשערעט, צאַרט ווי די נעמען פון בלומען."

„גייסט פינסטער דורך מיר ווי די שעה פון טויט". טראַמפּלען דורך מיר ווי דורך אַ טונקל הויז." „זיך אויסוויקלען פון דער שטומער, גרויער נאַכט ווי אַ נעפּל פון נעפּל, ווי אַ נאַכט פון דער נאַכט". „דאָס אַלץ איז ווייט שוין אַוועק... ווי אַ פאַרכשופטער ברעג אין זוניקן נעפּל." „ווי דער ריח פון פריש ברויט איז יעדער פרימאָרגן אין אַלע גאַסן און שטיבער דיין גוטמאָרגן." און „צום זוניקן ים האָט די שטאָט ווי מיט אַ זיידענער שלעפּ געניִדערט פון טויזנט מירמלנע טרעפּ."

3.

פון אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס ליד וואַקסט אַרויס אַ מענטש, וואָס לעבט אַלץ איבער שאַרף און אינטענסיוו. קיין זאַך גייט איר ניט פאַרביי לעבלעך. אַלץ ווערט עלעמענטאַרע, דערשיטערנדיקע איבערלעבונג. און דערפון די ברייטע גאַמע פון געפילן: פון דער ראַפינירטסטער ליבע ביז דעם באַרבאַרישסטן האַס, טיפע הכנעה און טראַציקן שטאָלץ, באַוואונדערונג און ביטול, אויפגע־ברויזטער דראַמאַטיזם און באַרואיקטע רעזיגנאַציע, העראָאישע געוואַגטקייט און כמעט קינדערשע שרעק. די שרעק האָט גרויסע אויגן, זאָגט דאָס ווערטל. מיר איז ניט באַקאַנט נאָך איין אידישער דיכטער, וואָס זעט אַזוי פיל אומ־געהייערע, אויסטערלישע זאַכן ווי אַננאַ מאַרגאָלין. די לופט איז ביי איר ממש באַפעלקערט מיט קאָשמאַרן, מיט „גוטע" טייוואָלים און „ליבע" מאָנסטערן. כלים, ווענט, הייזער, גאַסן, ביימער און וואָלקנס — אַלץ ווערט ביי איר לעבעדיק, און אַלץ נעמט אָן אויסטערלישע גראָטעסקע געשטאַלטן זי צו שרעקן.

אָן אומרייפער פּאָעט וואָלט ביי אַזאַ שאַרף איבערלעבן געוועזן פול מיט ווילדן געשריי. דער קינסטלער אין אַננאַ מאַרגאָלין דערלאָזט אָבער ניט דעם געשריי, נאָר טאָנט אים אַרונטער און פאַרדעקט און אַנטפּלעקט אים אין דער זעלביקער צייט דורך אַ בילד. אַמאָל ווערט זי געשטרויכלט, באַקומט זיך טאַקי אַ געשריי, וואָס פּאַסט איר אַזוי ווינציק. ווי ביי אַלע פּאָעטן זיינען ביי איר שטרויכלונגען בכלל ניט קיין זעלטנקייט. אַמאָל פעלט איר דער פּאַסיקער ריטם, און אַמאָל איז דער גראַם ממש אַן אומגעלומפּערטער. אָט האָט זיך נאָך פאַרוואָלגערט ביי איר, אין אַדיעקטיוון, די דייטשמערישע ענדונג „דע" אַנשטאָט „דיקע". (ליבנדע, וויינענדע, שטאַרבנדע א. אַז. וו. אַנשטאָט „ליבנ־דיקע", „וויינענדיקע" א. אַז. וו.), און אַמאָל ווילט זיך איר מיט געוואַלט אַריינפּאַקן אין אַ ליד אַלץ, אַפילו דאָס, וואָס דאָס ליד וויל ניט און קאָן אין זיך ניט אויפנעמען.

אָבער דאָס אַלץ זיינען קלייניקייטן, ווי פאַרדאַרטע צווייגלעך אויף אַ

לעבעדיקן בוים. זיי זעען זיך אָן, האָבן אָבער ניט קיין באַטרעף. און אין דער אמת׳ן, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן אַלע חסרונות ביי אַ פּאָעט וואָס טראָגט

...אין וואָכן געמיט
אייערע שטימען, שמייכלען, גרימאַסן,
ווי מען טראָגט אויף די ליפּן אַ ליד,
ווי אויפן פינגער אַ קאָסטבאַרן רינג!

די לעצטע יאָרן פון אַננאַ מאַרגאָלין

„טאָג״, 27טן יולי, 1952

אין די לעצטע אַכט יאָר פון איר לעבן האָט אַננאַ מאַרגאָלין פאַרלאָזן איר היים בלויז אַ צוועלף צי דרייצן מאָל. פינף מאָל האָבן זי די היצן אַרויס־געטריבן, און קעגן איר ווילן האָט זי די הייסע חדשים געמוזט פאַרברענגען אין אַ זומער קאָלאָניע בשכנות מיט אַנדערע מענטשן. דריי מאָל האָט מען זי צוגענומען פון דער היים אויף טראָגבעטלעך און אַמבולאַנסן האָבן זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. פון דריטן מאָל איז זי מער ניט צוריקגעקומען. איך האָב פאַרלוירן דאָס ליבסטע און טייערסטע אין מיין לעבן, און אונזער ליטעראַטור די גרעסטע דיכטערין, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונזערע ביידע שפּראַכן.

די ערשטע טענדענץ זיך איינצושליסן און אָפּצושיידן פון מענטשן האָט זי אָנגעהויבן אַרויסווייזן ניט לאַנג נאָכדעם ווי איר בוך לידער איז אַרויס. גורמים זיינען געווען אַ סך און פאַרשיידענע. איינער פון זיי איז זיכער געווען דאָס, וואָס איר בוך האָט דאָ־הי אין אַמעריקע ניט געקראָגן דעם אָפּקלאַנג, וואָס זי האָט דערוואַרט און וואָס זי האָט געוואוסט אַז עס דאַרף האָבן. פּאָעטן זיינען בטבע זייער עמפּינדליכע מענטשן. אַננאַ מאַרגאָלין איז געווען היפּערעמפּינדליך. ווי אַ פיינער אינסטרומענט האָט איר דענקונג און שאַפונג־אַפּאַראַט געקראָגן אַ געוואַלטיקן שאָק פון דער מינדסטער אומגינסטיקער וויבראַציע. אַננאַ מאַרגאָלין האָט פאַרמאָגט אַ וואונדערליך קלאָרן און לאָגישן מוח, וואָס האָט געקאָנט זיך דערגרונטעווען צו די טיפסטע געדאַנקען און אויפפּלאָנטערן די פאַרפּלאָנטערסטע געפילן, אַפילו ביי זיך אַליין. איר מוח איז באַוואונדערט געוואָרן פון אַזעלכע מוח־מענטשן ווי פּיאָטר קראָפּאָטקין, דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. נחמן סירקין, י. ל. פּרץ און ח. נ. ביאַליק. זשיטלאָווסקי האָט זי געטריבן צו גיין נעמען פילאָזאָפישע קורסן. קראָפּאָטקין האָט זי עטליכע מאָל דערמאָנט אין בריוו צו בורצעוו׳ן און ש. יאַנאָווסקי׳ן. אין איינעם פון זיינע בריוו צו ש. יאַנאָווסקי׳ן האָט ער געשריבן, אַז זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט אים געמאַכט זיך פאַרטראַכטן איבערן אידישן פּראָבלעם. די אַלע דערמאָנטע אַ חוץ זשיטלאָווסקי און סירקין, האָבן זי

געקענט בלויז אונטער איר מיידעלשן נאָמען, ראָזע לעבענסבוים. די דיכטערין אַננאַ מאַרגאָלין איז ערשט שפּעטער אויפגעקומען. אָבער ווי וואונדערליך עס איז געווען איר מוח, האָט ער איבער אירע עמאָציעס ניט געהאַט קיין שליטה. ווי אַ סך פּאָעטן איז זי געווען זייער אימפּולסיוו און האָט געקאָנט גרויס ליב האָבן און נאָך טיפער האַסן. סיי איר ליבע און סיי איר האַס האָבן זי פאַרוואונדעט ביז בלוט, און דער מינדסטער פּגיעת־כבוד האָט זי טיף געטראָפן און איבערגעלאָזן אין איר נשמה אייביקע שפּורן.

אויסער די גרעניצן פון ניו יאָרק האָט איר בוך דוקא אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. אין וואַרשע האָבן וועגן איר געשריבן מיט דער העכסטער באַוואונדערונג אהרן צייטלין און מלך ראַוויטש, און בער האָראָוויץ האָט אין ליטעראַטן קלוב געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן איר און פאַרגלייענט פון אירע לידער. דאָס האָט איר, נאַטירליך, פאַרשאַפט אַ סך פרייד. ניט ווייניקער פרייד האָט זי געהאַט פון דעם אָפּרוף, וואָס זי האָט אויף איר בוך געקראָגן אין בריוו פון אַנדערע פּאָעטן. אַזוינע בריוו האָט זי באַקומען עטליכע צענדליק. די גרעסטע פרייד האָט איר פאַרשאַפט אַ קורץ בריוול פון ביאַליקן, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

לכבוד הגברת אַנה מאַרגאָלין,

נו־יורק.

גברת נכבדה!

אַ דאַנק אייך פאַר אייער בוך לידער. ווער זייט איר? דאַכט זיך, אַז ביז איצט האָב איך אייער נאָמען ניט באַגעגנט. אייערע לידער זיינען עכט. איר זייט אַן אמת׳ער פּאָעט. איך האָב דאָס בוך איינגעשלונגען באַלד ווי ס׳איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט. אַ שיינעם דאַנק אייך.

אַכטונגספול,

ח. נ. ביאַליק

וואָלט אַננאַ מאַרגאָלין אין איר בייגעלייגטן בריוו אָנגעגעבן איר אמת׳ן נאָמען, וואָלט ביאַליק ניט געדאַרפט פרעגן „ווער זייט איר?״ מחמת ער האָט זי זייער גוט געקענט. ווען זי און איר ערשטער מאַן, משה סטאַווסקי, האָבן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט אין אָדעס, איז ביאַליק ביי זיי געווען אַן אָפטער גאַסט. איר אַרויסגעוויזן גרויס פריינטשאַפט און זי באַוואונדערט פאַר איר מוח און פאַר איר גרויסן וויסן. זי האָט אָבער ניט געוואָלט אָנגעבן דעם נאָמען אונטער וועלכן ביאַליק האָט זי געקענט, אויס מורא, אַז זייער באַקאַנטשאַפט וועט האָבן וועלכע עס איז השפּעה אויף זיין מיינונג וועגן איר אַלס פּאָעט. דאָס איז, אגב, געווען אַ גרונטשטריך אין איר כאַראַקטער. זי האָט קיינמאָל ניט געוואָלט גילטן פאַר

דעם, וואָס זי איז ניט געווען, פונקט אַזוי שטאַרק ווי זי האָט געוואָלט די די פולסטע אָנערקענונג פאַר דעם, וואָס זי איז יאָ געווען. צווישן אירע פאַפּירן געפינען זיך לידער פון אַנדערע פּאָעטן, וואָס זיינען איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. אויס מורא טאָמער וועט זיך עמיצער טועה זיין און מיינען, אַז דאָס זיינען אירע לידער, האָט זי אויף איטליכן פון זיי אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות דעם נאָמען פון מחבר. זי איז בכלל געווען אַ מענטש פון אמת. אין דעם פּרט איז זי אַוועק ביז צום עקסטרעם. איך פלעג זי צוליב דעם שפּאַסיק (און גאַנץ אָפט שוין גאָרניט שפּאַסיק) רופן „בראַנד אין אַ קליידל". ווייל ווי איבסענ׳ס העלד מיט דעם נאָמען איז זי אַ סך מאָל געקומען צו טיף טראַגישע איבערלעבונגען. אַ טייל פון דער ניט געהעריקער אָנערקענונג דאָ אין ניו יאָרק, באַזונדערס צווישן די היגע פּאָעטן, האָט זי געהאַט צו פאַר־דאַנקען גאָט דער גרויסער ליבע אירער צום אמת.

אָבער, ווי געזאָגט, איז דאָס געווען בלויז איינער פון פאַרשיידענע גורמים, וואָס האָבן געפירט פריער צו דערוויטערונג און שפּעטער צו פולשטענדיקער אָפּזונדערונג פון מענטשן. דאָ זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז ער איז אויך ווייט ניט געווען דער וויכטיקסטער. אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר האָט זי געהאַט עטליכע זייער שאַרפע איבערלעבונגען, וואָס אין די מערסטע פון זיי בין איך שולדיק געווען. דירעקט און אומדירעקט. די דירעקטע בין איך ניט שטאַרק גענוג צו דערציילן. אומדירעקט האָב איך זי צעבראָכן מיט מיין קראַנק ווערן, און מיט אַ ריי אומשטענדן, וואָס די קרענק מיינע האָט געבראַכט מיט זיך. דעם לעצטן קלאַפּ האָט זי געקראָגן מיט אַכט יאָר צוריק, ווען איך האָב געהאַט איין האַרץ אַטאַקע נאָך דער אַנדערער און מען האָט מיך דריי מאָל אין איין זומער געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל. ווען איך בין צום דריטן מאָל צוגענומען געוואָרן, האָט זי מיך מער ניט געקאָנט באַזוכן. מחמת אַזוי גיך ווי זי איז אַהיים געקומען האָט זי זיך אַליין אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין, און זינט דעמאָלט האָט זי מער ניט געקאָנט קומען צו זיך. פון די שאָקס, וואָס זי האָט צוליב מיר געהאַט יענעם זומער און פון אירער אַ פּערזענליכער טראַגישער איבערלעבונג, האָט זיך ביי איר אַנטוויקלט אַ בלוטדרוק פון 250. תמיד אַן אימפּולסיווע און תמיד זייער טעמפּעראַמענטפול, איז זי אונטער דעם געוואַלטיקן הויכן בלוטדרוק שטענדיק געווען געררייצט און גרייט אויפצופלאַקערן. זי האָט געקענט איר צושטאַנד און געוואוסט, אַז אויף אַנדערע מוז איר שטענדיקע געררייצטקייט פאַלן זייער שווער. דאָס האָט דערביבער אין איר פאַרשאַפט די טענדענץ זיך אָפּצושליסן. צום סוף איז זי געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז זי האָט פּשוט מער פיזיש ניט געקאָנט זען לעבן זיך קיין פרעמדן מענטשן.

דווקא אין די גאָר לעצטע יאָרן פון איר לעבן, ווען זי האָט זיך אַזוי

אָפּגעשלאָסן, אַז אַפילו דער סופּעראינטענדענט פון הויז האָט ניט געקענט אַריינקומען אין אונזער דירה עפּעס פּאַרריכטן סיידן ווען איך בין געווען אין הויז און זי האָט זיך געקאָנט פאַרשליסן אין איר צימער, דוקא אין די יאָרן האָבן אַ סך מענטשן ממש געקלאַפּט אין דער טיר און זיך געוואָלט באַקענען מיט איר פּערזענליך. אַ טייל פון די דאָזיקע מענטשן האָט זי ליב געהאַט. געציילטע האָט זי פאַרערט, און זי האָט אַליין געחלש׳ט זיך צו באַקענען מיט זיי. אָבער דער געדאַנק, אַז זי וועט זיך מיט זיי דאַרפן טרעפן פּנים אל פּנים האָט זי אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זי האָט איר אייגענעם פאַרלאַנג דערדריקט אין זיך. זי האָט געוואַלטיק ליב געהאַט דעם פּאָעט איציק מאַנגער. צווישן אירע פּאַפּירן האָב איך געפונען צוויי פון זיינע לידער, וואָס זי האָט נאָך אין די דרייסיקער יאָרן אויסגעשניטן פון די „ליטעראַרישע בלעטער". אַז מאַנגער האָלט אויך שטאַרק פון איר, דאָס האָט זי ניט אָנגעהויבן צו וויסן. ווען זי האָט מיט איבער אַ יאָר צוריק געהערט, אַז מאַנגער קומט צו פאָרן אַהער, איז עס ביי איר געווען אַ יום־טוב, אָבער ווען מאַנגער האָט גלייך ביי זיין אָנקומען אָנגעקלונגען צו אונז, און געזאָגט, אַז אים ווילט זיך פערזענליך באַקענען מיט אַננאַ מאַרגאָלין, איז איר באַפאַלן אַ פּחד. אין אַ בריוו צו אים האָט זי געשריבן, אַז מער ווי ער וויל זי זען, וויל זי אים זען. אָבער דאָס וועט קיינמאָל ניט געשען. און צום באַדויערן איז עס טאַקע קיינמאָל ניט געשען. איך זאָג „צום באַדויערן" מחמת מאַנגער האָט איר געבראַכט אַ סך פרייד, און ווען זיי וואָלטן זיך באַגעגנט וואָלט זי אים זיכער אויך פאַרשאַפט אַ סך פרייד, און איין גאָט ווייס, ווי שטאַרק פּאָעטן, וואָס זיינען ביי אונז ווי יתומים, נייטיקן זיך אין פרייד.

אין די לעצטע צוויי יאָר פון איר לעבן האָט אַננאַ מאַרגאָלין בוכשטעבליך ניט געהאַט קיין איין גוטן טאָג. לידער האָט זי אויפגעהערט צו שרייבן נאָך אין 1932. איצט איז איר שווער געוואָרן צו שרייבן אַפילו דעם וועכנטליכן אַרטיקל פאַרן „טאָג" אונטערן פּסעוודאָנים קלאַראַ לעווין. זי פלעגט אויפגע־בראַכט ווערן ביז גאָר, ווען עמיצער האָט געלויבט די דאָזיקע אַרבעט אירע. אָבער ווי אויף צו להכעיס איז אַפילו די אַרבעט שטאַרק געלויבט געוואָרן, און ניט אומזיסט. ס׳איז געווען סטיל אין אַלץ וואָס זי האָט געשריבן. איין צייט האָט זי אין „טאָג" געפירט אַ מאָדע אָפּטיילונג, האָט זיך די אָפּטיילונג געלייענט ווי פּאָעזיע. טראָץ די שווערע יסורים, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען אין די לעצטע יאָרן איז איר מוח געבליבן קלאָר און שאַרף ביז דער לעצטער מינוט, ווען זי איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ קאָמאַ פון וועלכער זי איז מער ניט אַרויס. אין אירע יונגע יאָרן האָט זי ניט געהאַט קיין שום אינטערעס אין פּאָליטישע ענינים. אַן ענדערונג אין דעם פּרט איז געקומען מיט היטלער׳ס קומען צו דער מאַכט. זינט דעמאָלט איז איר מוח געווען וואַך פאַר יעדן

פּאָליטישן געשעעניש און זי איז געוואָרן אַזוי וואונדערליך אָריענטירט, אַז זי האָט פון איין געשעעניש געקאָנט פּאָראויסזאָגן אַלע מעגליכע אַנטוויקלונגען, וואָס וועלן קומען. געוואַלטיקע פרייד און אפשר פּונקט אַזוי פיל צער האָט איר פאַרשאַפט די אַנטשטייאונג פון ישראל. אָבער איבער אַלץ איז שטענדיק געווען איר אינטערעס אין פּאָעזיע. זי האָט נאָכגעפאָלגט יעדע נייע פּאָעטישע דערשיינונג אויף אידיש, ענגליש, רוסיש און טיילווייז אויך פראַנצויזיש. קיין גרויס נחת האָט זי פון די נייע פּאָעזיע ניט געהאַט. לויט איר מיינונג גייט איצט דורך די פּאָעזיע אַ צייט פון ירידה. פונדעסטוועגן האָט דאָס זי ניט אָפּגעהאַלטן פון שלינגען יעדעס נייע לידער־בוך, וואָס איך האָב אַהיים געבראַכט, און יעדעס אינדיווידועלע ליד, וואָס זי האָט באַגעגנט אין די בעסערע אַמעריקאַנע רזשורנאַלן.

אַ ביסל פראַנצויזיש האָט זי געהאַט געלערנט נאָך אין אירע יונגע יאָרן אין דער גימנאַזיע, און דאָס ביסל דערנאָך פולשטענדיק פאַרגעסן. זי האָט דעריבער צו פערציק יאָר זיך אויפסניי גענומען לערנען פראַנצויזיש, און זיך אויסגעלערנט גענוג אויף צו קאָנען לייענען אין אָריגינאַל אַזוינע ליבלינגען אירע ווי באָדלער, ווערלען און רעמבאָ. עטליכע לידער פון׳ם שפּאַנישן פּאָעט לאָרקא האָבן אויף איר געמאַכט אַזאַ רושם, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן לערנען שפּאַניש, ווען זי איז שוין געווען איבער פופציק. אָבער אין שפּאַניש איז זי וויט ניט אַוועק. וואָס ווינציקער עס זיינען איר געפעלן געוואָרן די איצטיקע פּאָעטן, אַלץ מער האָט זי זיך אומגעקערט צו די אַמאָליקע. און דער עיקר צו אירע פראַנצויזישע ליבלינגען. נאָך מיט איבער צוויי צענדליק יאָר צוריק האָט זי דורך לופּוס בלומענפעלד באַשטעלט אַלע ווערלענ׳ס ווערק און, פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט גלייך איבערגעלייענט אַלץ וואָס איז נאָר ווערט געווען געלייענט צו ווערן. ערשט מיט עטליכע חדשים צוריק האָט זי פון דער ביכער־שראַנק אַרויסגענומען צוויי פון ווער־לענ׳ס בענדער, און זיי זיינען געווען פון די לעצטע, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף איר טישל לעבן בעט. די אַנדערע זיינען געווען אַ בוך לידער פון דעם ענגלישן פּאָעט דילאַן טאָמאַס, דריי ביכער פון איציק מאַנגער און א. סוצקע־ווער׳ס לעצטע לידער־בוך „אין פייערוואָגן״. מאַנגער איז געווען אירער אַ ליבלינג פון לאַנג. דעם אמת׳ן סוצקעווער האָט זי דערקענט ערשט אין זיין לעצטן בוך. אין דעם ציקל לידער פון נגב און לידער פון סדום האָט זי געפונען עטליכע, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר גאָר גרויסע דערגרייכונגען אין אונזער פּאָעזיע.

איר ליבע צו פּאָעזיע איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ גוט ליד איז פאַר איר געווען אַ פּערזענליכע איבערלעבונג ביי ווען זי האָט עס נאָר געפונען. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן פון זישאַ לאַנדוי און זי האָט געהאַט גענוג

אורזאַכן אים פּערזענליך פיינט צו האָבן בתכלית השנאה. אָבער אַ צענדליק לידער זיינע זיינען איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. און ניט קוקנדיק ווי גרויס איר שנאה איז צו אים איז געווען, האָט דאָס זי ניט אָפּגעהאַלטן פון זאָגן, אַז זיי זיינען פון די בעסטע לידער וואָס מיר פאַרמאָגן. דער פרוי אין איר האָבן נאַטירליך שטאַרק פאַראינטערעסירט אַלע אונזערע דיכטערינס, און האָט זי געפונען גוטס ביי זיי איז זי זיך פאַרגאַנגען אין גרויס התפּעלות. עטליכע חדשים פאַר איר טויט האָט זי אין לעיעלעס׳עס „וועלט און וואָרט״ געפונען אַ ליד פון סאָפי גובערמאַן אין וועלכן זי האָט דערזען עפּעס ווירקליך נייעס. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס זי האָט דעם נאָמען באַגעגנט, האָט זי אַליין ניט גערוט און מיך ניט געלאָזט רוען ביז איך וועל ניט אויס־געפינען, ווער עס איז סאָפי גובערמאַן. און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זי איז די פרוי פון וואָלף יוניך, האָט זי אים גלייך אָפּגערופן אין דער „טאָג״־רעדאַקציע און אים געבעטן, ער זאָל זאָגן זיין פרוי, וואָס פאַר אַ שטאַרקן רושם דאָס ליד האָט געמאַכט אויף איר. און פונקט ווי אַ גוט ליד האָט זי געקענט באַגייסטערן, האָט אַ שלעכט ליד זי געקאָנט קראַנק מאַכן. איין גאָט ווייס וויפיל שלעכטע לידער עס ווערן ביי אונז געשריבן אין די לעצטע יאָרן. פאַר איר פּערזענליך איז אונזער נאָך־חורבן פּאָעזיע געווען איינער פון די סימנים פון חורבן־אידיש.

...אַ פּשוטע פרוי פון ליטע,
אַ קינד פון סוחרים און לערנער,
מיט אַ שכל שאַרף און פאַרשניצט
צו באַנעמען ביז אויף אַ האָר
דאָס שאַכשפּיל פון לעבן,
און אַ האַרץ צעקריצט און צעריסן
פון דער האַרטער וואָר.

אָט די שורות האָב איך געפונען צווישן אַננאַ מאַרגאָלינ׳ס פּאַפּירן, אויף אַ בלעטל פאַרצייכנט נומער 2, וואָס ווייזט, אַז פאַר דעם איז געווען אַן ערשט בלעטל. וואו דאָס ערשטע בלעטל איז אַהינגעקומען ווייס איך ניט. וואַרשיינליך האָט זי עס צעריסן. דאָס פּאַפּיר און דער אויסלייג ווייזן, אַז די שורות זיינען פון יענער צייט, ווען זי האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו שרייבן לידער. דער אינהאַלט ווידער ווייזט, אַז זיי זיינען געווען אַ רויער ערשטער אָנוואורף פאַר דעם ליד „מיין שטאָם רעדט״, וואָס האָט בשעתו, מיט רעכט, געמאַכט אַזאַ געוואַלדיקן רושם. אין אָט די עטליכע שורות איז שוין אויך דאָ דער פיינליכער וועג צו זעלבסט־דערקענטעניש, אויף וועלכן זי איז געגאַנגען דעם רעשט פון איר לעבן. פון אָט דער דערקענטעניש האָבן אַרויסגעבליט לידער פון גרויס שיינקייט און אומגעהייערער טיפקייט, וואָס זייגען אַן אוצר אין אונזער

פּאָעזיע. דער וועג צו דערקענטעניש איז אָבער אויך געווען באַוואָקסן מיט דערנער, וואָס האָבן געשטאָכן און פאַרוואונדעט איר גוף און איר נשמה. אויף מיין גוטן גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין דער איינציקער מענטש, וואָס האָט איר געהאָלפן טראָגן די ליידן. דאָס איז ניט געווען לייכט. אַנאַ מאַרגאָלין איז צו אַלע אירע מעלות אויך געווען געבענטשט מיט אַ וואונדערליכער מוזיקאַלישער שטים. און ס׳איז געווען פּיינליך ביז גאָר צו הערן ווי אָט די וואונדערליכע שטים בייט זיך אונטער דעם שטענדיקן קרעכצן, וואָס די יסורים האָבן אַרויסגערופן, און פאַרגייט זיך אָפט אין אַ יאָמער. ביי דער פיין פילנדיקער דיכטערין זיינען די נערוון, אַפילו אין די געזונטע יאָרן, געווען אַזוי געשפּאַנט און פאַרשפּיצט, אַז אַפילו אַ לאַנדשאַפט האָט זי געקאָנט פאַרוואונדן מיט איר שיינקייט.

די שעה שפּילט איצט אויף שטילסטע פלייטן.
אַפילו צערטליכקייט קאָן וויי טאָן.

האָט זי געשריבן אין איינעם פון אירע לעצטע לידער. נאָך געשפּאַנטער און פאַרשפּיצטער איז איר גאַנצער יש געוואָרן אונטער די פיזישע יסורים פון די לעצטע יאָרן. אויך דאָס איז ניט געווען לייכט. אָבער וויפיל וואָלט איך איצט אַוועקגעגעבן צו הערן איר שטים, אַפילו איר קרעכצן און יאָמערן. אָן איר איז דאָס לעבן געוואָרן אויסגעליידיקט. אָן איר האַלט איך אין איין שעפּטשן צו זיך די לעצטע שורות פונם זעלביקן ליד אירן:

„אָ, שטילער, שטילער,
יעדער ריר קאָן וויי טאָן״.

יולי 1952

צוגאָב

צווישן די פּאַפּירן פון אַנאַ מאַרגאָלין האָב איך געפונען עטליכע און צוואנציק גאַנצע לידער און אַ צוויי צענדליק פראַגמענטן פון לידער. סיי די גאַנצע לידער און סיי די פראַגמענטן זיינען געשריבן געוואָרן צווישן 1929 און 1934. פון די גאַנצע לידער האָט זי פינף אָדער זעקס געלאָזט אָפּדרוקן אין דער וואָכנשריפט „אידיש״, און נאָך צוויי זיינען געדרוקט געוואָרן אין אַנדערע פּובליקאַציעס. צווישן די געדרוקטע זיינען עטליכע אמתע פּערל. די ניט־געדרוקטע האָבן טאָקע ניט געדאַרפט געדרוקט ווערן. אַנאַ מאַרגאָלין איז געווען צו זעלבסטקריטיש, אַז זי זאָל אַזוינע לידער לאָזן דרוקן. און דאָס וואָס זי האָט אַליין ניט געוואָלט דרוקןביים לעבן, טאָר נאַטירליך אויך ניט געדרוקט ווערן ווען זי איז ניטאָ מער. אַ גרויסער טייל פון די ניט געדרוקטע לידער און כמעט אַלע פראַגמענטן דרייען זיך אַלע אַרום איין איינציקן מאָטיוו, וואָס גיט אפשר דעם שליסל צום רעטעניש פאַרוואָס זי האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און איינגעשלאָסן צווישן די ווענט פון איר היים.

באַלד אין אָנהייב פון אונדזער פאַרהעלטעניש האָט אַננאַ מאַרגאַלין געהאַט אַ מין חלום אויף דער וואָר, אָדער אַ זעלטענע „הערונג". איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג ווען זי איז געזעסן ביי זיך אין צימער מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, האָט זי געפילט ווי אַ פרוי שטייט הינטער איר, בייגט זיך אויס הינטער איר קאָפּ און שעפּטשעט אַריבער איר: — דו וועסט זיך שעמען! — אַט דעם חלום אויפן וואָר אָדער די „הערונג" האָט אַננאַ מאַרגאַלין קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן, און דעם חלום האָט זי געפּרוּווט פאַרקערפּערן אין די מערסטע ניט געדרוקטע גאַנצע לידער און אין כמעט אַלע פראַגמענטן. געפּרוּווט אויף אַלערליי אופנים, אָבער קיין איינציקער פּרוּוו האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. אַט דער פאַקט ווייזט, אַז אַננאַ מאַרגאַלין איז אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן געווען באַזעסן פון עפּעס אַ שעם־געפיל, און אַזאַ שעם־געפיל איז ביכולת איינצושליסן אַ מענטשן און אים צו איזאָלירן. אויף וויפיל איך בין שולדיק געווען אין דעם דאָזיקן שעם־געפיל — דאָס האָב איך ניט גענוג מאָראַלישן כוח צו זאָגן.

צווישן די געדרוקטע לידער, וואָס איך האָב געפונען איז איינס אַן עפּיטאַף פאַר זיך אַליין, וואָס זי האָט אָנגעשריבן אין 1932. דער עפּיטאַף, וואָס איז באַלד נאָך איר טויט איבערגעדרוקט געוואָרן אין „טאָג" לייענט זיך אַזוי:

זי מיט די קאַלטע מאַרמאָרנע בריסט
און מיט די שמאָלע ליכטיקע הענט,
זי האָט איר לעבן פאַרשווענדט
אויף מיסט, אויף גאָר נישט.

זי האָט עס אפשר געוואָלט, אפשר געגלוסט
צום אומגליק, צו זיבן מעסערס פון פּיין
און פאַרגאָסן דעם לעבנס הייליקן ווייַן
אויף מיסט, אויף גאָר נישט.

איצט ליגט מיט אַ צעבראָכן געזיכט.
דער געשענדטער גייסט האָט פאַרלאָזט די שטייג.
פאַרבייגייער, האָב רחמנות און שווייג —
זאָג גאָר נישט.

אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר פון איר לעבן האָט זי פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל איר צוזאָגן, אַז אויב זי וועט שטאַרבן פאַר מיר, וועל איך דעם עפּיטאַף לאָזן אויסקריצן אויף איר מצבה. אָבער אָן די ערשטע צוויי שורות. איר ווילן איז געטאָן. אַ מצבה מיט דער אויפשריפט שטייט אויף איר קבר, אויפן נייעם כרמל בית־עולם פון אַרבעטער רינג.

אָקטאָבער 1954

י. קיסין

דאכט זיך, אַז עס איז ערשט ניט לאַנג ווי מיר האָבן זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז די רייען ווערן שיטערער, און שוין איז כמעט אַ האַלבער דור אַוועק. דער לעצטער אונז צו פאַרלאָזן איז געווען י. קיסין. דיכטער, איבער־זעצער, רעצענזענט און פינף און צוואַנציק יאָר פאַרבונדן מיט אַ צייטונג ווי אַ זשורנאַליסט. און דאָך איז ער דעם גרויסן עולם געווען כמעט ווי אומבאַקאַנט. נאָר צווישן שרייבער און נאָר אין קרייזן פון געציילטע צווישן די לייענער ווייסט מען, אַז מיט זיין אַוועקגיין איז געוואָרן ליידיק אַ באַשיידן אָבער חשוב אָרט אין אונזער ליטעראַטור.

ער האָט זיינע זאַכן קיינמאָל ניט געזאַמלט אין בוך־פאָרם. און דאָס איז בפירוש אַ שאָד. וואָרים ביי די איצטיקע טרויעריקע צושטאַנדן אויפן אידישן ביכער־מאַרק, ביי דער טייערקייט פון זאַץ, דרוק, פאַפּיר און איינבאַנד, איז אַ גרויסער ספק, צי עס וועלן זיך געפונען די מענטשן, וואָס וועלן אויף זיך נעמען די מי דורכצוקוקן זיין ליטעראַרישע ירושה, שאַפן מיטלען, און זען, אַז דאָס וואָס איז ווערט זאָל געזאַמלט ווערן. אויף וויפיל איך געדענק, וואָלט די הוצאה ניט געווען קיין גרויסע. אַ גאַנץ קליין בוך פון אייגענע גע־קליבענע לידער. אַ היפּש בוך פון איבערזעצטע, און אַ בוך עסייען, וואָלטן געוויזן די ליטעראַרישע פיגור פון דעם נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם. און עס וואָלט זיך באַקומען אפשר ניט קיין אימפּאָזאַנטע, אָבער דאָך אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע און אינטערעסאַנטע פיגור.

באַוויזן זיך אין אונזער ליטעראַטור האָט ער פאַר אָדער אַרום דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון אָנהויב אָן איז ער געשטאַנען נאָענט צו דער גרופּע „יונגע", הגם ער איז געווען צופיל סאָציאַלער מענטש, אַז ער זאָל זיך קאָנען אַוועקלאָזן אויפן גאַנצן אַסאָציאַלן וועג, אויף וועלכן די „יונגע" זיינען געגאַנגען, לכל הפחות אין די ערשטע יאָרן. ער איז פאַר אונז, די אַנדערע אין דער גרופּע, אויך געווען צופיל „ליטוואַק" און צופיל „תכלית־מענטש" (אין גייסטיקן זין, פאַרשטייט זיך), אַז מיר זאָלן אים קאָנען אין גאַנצן אויפנעמען ווי אַן אונזעריקן. ער האָט מיטגעאַרבעט אין אונזערע זשורנאַלן און זאַמלביכער. ער האָט זיך באַטייליקט אין אונזערע מחלוקת׳ן. ער האָט, אפשר מער ווי ווער עס איז צווישן אונז, געליטן פון אָנפאַלן, וואָס עס זיינען אויף אונז געמאַכט געוואָרן. אָבער אין גאַנצן זיך צונויפגיסן מיט אונז האָט ער פאָרט ניט געקאָנט.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין אָט דעם „ליטוואַק״ און ״תכלית־מענטש״ איז אָבער געווען דאָס, וואָס ער איז געווען דער ראָמאַנטישסטער צווישן אונז, און בנוגע דער אידישער ליטעראַטור אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַלערליי אומדורכפירבאַרע דאָן קיכאָטישע פּלענער. איינער פון זיינע גרעסטע חלומות, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעטראָגן יאָרן נאָכאַנאַנד, איז געווען דער פּראָיעקט פון אַ וועלט־פּאָעזיע ביבליאָטעק אויף אידיש. צענדליקער מאָל האָט ער מיך אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן און מיר געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך זען, ווייל ער האָט עפּעס זייער וויכטיקס איבערצוריידן מיט מיר. געדאַרפט מיך זען האָט ער צוליב פאַרשיידענע ענינים. אָבער ביז די סאַמע לעצטע יאָרן, איידער זיין פרוי איז קראַנק געוואָרן, איז זעלטן געווען אַ פאַל, אַז ער זאָל ניט ריידן אויך וועגן זיין ליבלינג־פּלאַן. פון אָנהויב אָן איז דער פּלאַן ביי אים געווען אויסגעאַרבעט מיט אַלע פרטים. ער האָט געוואוסט גענוי וועלכע פּאָעטן מען דאַרף און מען מוז איבערזעצן אויף אידיש. ער האָט שוין אַפילו געהאַט אויסגעקליבן די ווערק, וואָס מוזן איבערגעזעצט ווערן. ער האָט זיך אָבער בשום אופן ניט געוואָלט רעכענען, ערשטנס, מיט דעם פאַקט, אַז מיר פאַרמאָגן גאָר ניט די מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען איבערזעצן די גרויסע פּאָעטישע ווערק פון אַלע שפּראַכן אויף אידיש. און צווייטנס, ווען מיר זאָלן אַפילו האָבן די איבערזעצער, וועלן מיר אָבער קיינמאָל ניט האָבן די מיטלען אַרויסצוגעבן די איבערזעצטע ווערק, אויף וועלכע עס וועלן זיך ביי אונז לכל הדעות געפינען זייער ווינציק בעלנים. אויב איך האָב ניט קיין טעות האָט ער איינמאָל אפילו געפּרואווט פאַראינטערעסירן אין דעם פּלאַן אַ מענטשן, וואָס האָט געלט, און האָט אויך ליב די אידישע ליטעראַטור. ווי עס ווייזט אָבער אויס איז די ליבע ביי יענעם מענטשן ניט געווען גרויס גענוג, אַז זי זאָל ביי אים עפענען די האַנט.

***

י. קיסין איז געווען איינער פון די געציילטע, ביי וועמען איבערלייענען אַ ליד איז געווען אַ וואונדערליכע פּערזענליכע איבערלעבונג. פונקט אַזוי האָט ער געקאָנט זיך פילן פּערזענליך געטראָפן, ווען ער האָט געזען געדרוקט אַ שלעכט ליד. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע האָט ער ניט געקאָנט האַלטן פאַר זיך, נאָר געמוזט זיי טיילן מיט אַנדערע. פאַרשטייט זיך, אַז אַרויסגעזאָגטע מיינונגען קומען פריער־שפּעטער אָן צו די, וועגן וועמען זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. גוטע וואַרימען אַביסל און מען פאַרגעסט. אָבער שלעכטע טרעפן שטענדיק און מען קאָן זיי ניט פאַרגעסן, ווייל זיי טוען וויי. דער געטראָפענער ווערט דעריבער, נאַטירליך, אַ שונא. אָבער קיסין פלעגט פּערזענליך אַזוי געטראָפן ווערן פון אַ שלעכט ליד, אַז ניט דער שרייבער

פון שלעכטן ליד איז אים געוואָרן אַ שונא, נאָר ער איז געוואָרן אַ שונא דעם, וואָס האָט דאָס שלעכטע ליד געשריבן. ער האָט בכלל געקאָנט טיף ליב האָבן און טיף פיינט האָבן. צו זיין לויב זאָל אָבער געזאָגט ווערן, אַז ער האָט מער ליב געהאַט, און שטענדיק געזוכט ביים מענטשן די שענערע און פיינערע זייטן. האָט ער עמיצן ליב געקראָגן, האָט ער בכלל אין אים מער קיין ניט שיינע זייטן ניט געקאָנט זען.

געווען אַ צייט ווען קיסין האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשיידט פון מענטשן. קיינער פון זיינע חברים האָט אים דעמאָלט ניט געזען. ער האָט אין יענער צייט מסתמא איבערגעלעבט עפּעס טיפס, וואָס איז פאַר אונז שטענדיק געבליבן פאַרהוילן. איך האָב ערשט דאָ ניט לאַנג געטראָפן אין אַ שופלאָד פון מיין שרייבטיש אַ צענדליק צי מער בריוו פון אים, געשריבן צו מיר אין פאַרשיידענע צייטן. אָבער קיין איינער איז ניט געווען פון יענער צייט ווען ער האָט זיך פון אַלעמען דערווייטערט. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָב איך אים אויך ווינציק געזען. צוערשט די קרענק פון זיין פרוי און דערנאָך איר טויט האָבן אים שטאַרק צעבראָכן, און, ווי שטענדיק, ווען ער איז געווען צעבראָכן, האָט ער זיך ווינציק געזען מיט מענטשן, סיידן מיט די, וואָס ער האָט געאַרבעט צוזאַמען. אין מיטן פעברואַר האָב איך אים צופעליק געטראָפן און מיר האָבן זיךביידע דערפרייט. מיר האָבן דעמאָלט אָפּגעמאַכט צו טרעפן זיך דעם קומענדיקן שבת פאַרנאַכט אין דער קאַפעטעריע אויף איסט בראָדוויי און שמועסן אַביסל. אָבער ער האָט, אַפּנים, פאַרגעסן דערין, אָדער אפשר האָט ער שוין דעמאָלט דערפילט זיך צו קראַנק. וואָרים בלויז עטליכע וואָכן נאָכדעם האָב איך דערהערט די טרויעריקע בשורה, אַז ער איז אָפּערירט געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן אים אויפגעגעבן.

זינט דעמאָלט האָב איך נאָר געקאָנט אָננעמען גרוסן פון אים, און די גרוסן זיינען ניט געווען קיין גוטע.

דער אָנזאָג פון זיין טויט איז דעריבער פאַר מיר ניט געווען קיין איבער־ראַשונג. ער האָט זיך פונדעסטוועגן איינגעשניטן ווי אַ וואונד אין געמיט. איז שוין קיסין אויך ניטאָ מער!

„דאָ און דאָרטן איז שוין אָוונט, מיין נשמה!“

יולי, 1950.

הערמאָן גאָלד

אָט נאָר וואָס, אָבער טאַקע נאָר וואָס, ערשט מיט אַ פיר טעג פריער, בין איך געזעסן ביי מיין טיש און געלייענט אין אַ בריוו, אין פאַרבינדונג מיט אַ באַמערקונג וועגן מיר:

„הערמאַן גאָלד האָט געשמייכלט אין דער באָרד אַריין און פאַרטרונקען מיט נאָך אַ גלעזל — לחיים! לחיים טובים, ארוכים ולשלום!" — און מיר האָט שטאַרק הנאָה געטאָן.

דער בריוו איז געווען פון מיין פריינט און קאָלעגע ש. ערדבערג, וואָס ביי אים איז הערמאַן גאָלד געווען אַן אָפטער בן־בית און דורך וועמען ער האָט כמעט אַלעמאָל געשיקט האַרציקע גרוסן צו מיר.

ווען דער בריוו איז אָנגעקומען, איז הערמאַן גאָלד געווען אַ פופצן הונדערט מייל פון מיר אין צפון. איך כמעט אויפן ווייטסטן דרום־ווינקל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָך האָב איך אים דערפילט ממש ווי אַ לעבעדיקן לעבן זיך.

ער איז געשטאַנען אַזוי לעבעדיק פאַר מיר, אין זיין אויף אים הענגנדיקן, שלעפעריש־אָפּגעטראָגענעם, ברודיק־אויסזעענדיקן, דאָך שטענדיק ציכטיקן רעקל זיינעם, אַז איך האָב געקאָנט זען ווי איין אויג זיינס פאַרזשמורעט זיך און דאָס צווייטע לאַכט, און די רויטע ליפּן שמייכלען, און די דיקע, שווערע באָרד, וואָס נעמט אַרום זיין פול, געזונט און רויט פנים, פאַרשפּיצט זיך אַ ביסל מיט חוזק אויף אַ זייט.

און איך האָב אַפילו געקאָנט הערן ווי ער זאָגט באַגלייט פון זיין כאַראַקטעריסטישן געלעכטערל: — סעי, באָיעלע, גוט, שיין דאָ ביי דיר. ווי אין פסוק שטייט: „כפות־תמרים". און „על שפת־הים", אויף דער באָרד — באָרטען, ממש אויף דער באָרד פון ים. סעי, פּויער, טאַקע אמת׳ע פאַלמען, אָט די אַלע בעזימער, וואָס מען זעט דורך דיין פענסטער?

און אָט זיץ איך ווידער ביי מיין טיש איבער דער צייטונג, וואָס דער בריוו־טרעגער האָט מיר נאָר־וואָס געבראַכט, און נאָך איידער דאָס אויג דערזעט ריכטיק, שפּרינג איך אויף. — אוי, געוואַלד! ס׳קאָן דאָך ניט זיין! הערמאַן גאָלד? געבראַכט צו זיין אייביקער רו? אָט דאָס שטיק געזונטע גבורה, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן אונז? ווען? און ווי אַזוי איז דאָס געשען?

דאָס טיפע שטוינען און דער טיפער שניט, וואָס קומען שטענדיק פון אַזאַ אומגעריכטן אָנזאָג. טראָצדעם וואָס מיר ווייסן שוין אַזוי גוט אויף וואָס

מיר קאָנען זיך אַלץ ריכטן, און טראַצדעם וואָס מיר זיינען שוין, צו אונזער צער, אַזוי רייך אין דערפאַרונגען פון דעם דאָזיקן טרויעריקן מין.

***

הערמאַן גאָלד איז מיט זיין שרייבן, זיין הולך, זיין אומגאַנג מיט מענטשן, זיינע רייד, זיינע האַוואַיעס, זיינע טואונגען, שאַרפע קאָנטראַסטן און ווידערשפרוכן פון זיין כאַראַקטער, געווען דער היפוך פון גאַנצן דור שרייבער, מיט וועלכן ער איז געקומען, און דאָך אַזאַ אינטעגראַלער טייל פון אים, און אין אַ געוויסן זין אפשר דער קאָנטיקסטער אויסדרוק פון דעם דור, לכל הפחות ווי ער איז געווען אין די אויגן פון זיין סביבה.

דער דור שרייבער, מיט וועלכן הערמאַן גאָלד איז געקומען, האָט זיך געקאָנט צעבליען און צעוואַקסן נאָר אויפן היגן אַמעריקאַנער אידישן באָדן, אין היגן קלימאַט און אונטער די היגע אומשטענדן. די היגע סביבה האָט דעם דור געגעבן אָן אַ שיעור און דאָך האָט ער זיך אין איר געפילט פרעמד. אפשר דערפאַר, ווייל זיינע וואָרצלען, די פיזישע און גייסטיקע, זיינען געווען ערגיץ אַנדערשוואו, און אפשר דערפאַר, ווייל די סביבה, וואָס איר האָט דער דור געהאָט אַזויפיל צו פאַרדאַנקען, איז אין תוך געווען פרעמד צו אים, זיינע השגות און אַספּיראַציעס, קינסטלערישע, עסטעטישע און עטישע.

אַזאַ פרעמדקייט מוז אַרויסרופן קעגנזייטיקע פיינטליכקייט און ביטול. הערמאַן גאָלד איז מיט זיין גאַנצן יש געווען דער קאָנטיקסטער אויסדרוק פון דעם ביטול, וואָס די שרייבער פון זיין דור האָבן געהאַט צו דער סביבה. אויף אַזוי פיל אויסדרוק, אַז ער איז אין אַ גרויסער מאָס אַפילו זיינע אייגענע קאָלעגן גאַנץ אָפט אויך געווען דערווידער. טאָקע אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט מיט זיך אויף אַזוי פיל אויסגעדריקט אויך זיי. וואָרים הערמאַן גאָלד איז געווען דער קרומער שפיגל, אין וועלכן דער דור זיינער האָט דערזען זיך אַליין, ניט אַזוי ווי ער האָט זיך געוואָלט זען, נאָר ווי ער איז געזען געוואָרן דורך די אויגן פון זיין סביבה. אויסטערליש אין גאַנג, בטלנ׳יש אין דער טואונג, אומפאַרשטענדליך און אַפילו אומזיניק אין די רייד.

דעריבער אַזאַ נאָענטקייט און אַזאַ ווייטקייט צווישן הערמאַן גאָלד און זיין דור. און דעריבער אויך אַזוינע פאַרשיידענע קעגנגעזעצטע מיינונגען צווישן די מענטשן פון זיין דור וועגן דעם מענטשן און דעם שרייבער הערמאַן גאָלד.

איך פערזענליך ווייס ניט וואָס פאַר אַ גיש הערמאַן גאָלד האָט פאַר זיך אויסגעהאַקט אין בנין פון אונזער ליטעראַטור. איך ווייס אָבער, אַז מיט זיין

אָוועקגיין איז די היגע אידיש־ליטעראַרישע לאַנדשאַפט באַרויבט געוואָרן פון דעם קאָנטיקסטן, קאָלירדרייכסטן און אינטערעסאַנטסטן כאַראַקטער, וואָס זי האָט פון זיך אַרויסגעגעבן.

שוין מיט זיין דערשיינונג אַליין, אַנדערש פון אַלע. אַ פּנים אַנדערש, אַ הולך אַנדערש, האַוואַיעס, רייד און מעשים אַנדערע. גאָר אַמאָל אַ פּנים ווי אַ קאַריקאַטור פון אַ יונגער לבנה. דער קין פרשפּיצט פאָראויס. דער שטערן פאַראויס. און דאָס מויל איינגעפאַלן און פאַרזונקען. שפּעטער מאַכט אַ שווערע און ווילדע באָרד דאָס פּנים פולער און רונדער און די קאָנטורן ווייכער. אָבער די אויגן זיינען די זעלביקע. שטענדיק האַלב פאַרזשמורעטע און שטענדיק לאַכעדיקע.

דער „פאָני מען" האָבן אים אַמאָל גערופן די קינדער אונזערע, ווען ער האָט זיך באַוויזן און אָנגעהויבן אויסטיילן צווישן זיי משונה'דיקע כינעזישע ניסלעך, וואָס ער האָט ווי אַ פאָקוסניק אַרויסגעשעפּט פון אַ טיפער קעשענע פון זיינע טשאַרלי טשאַפּלין הויזן.

דער „פאָני מען" איז הערמאַן גאָלד שטענדיק פאַרבליבן. דער „פאָני מען" אין אים איז געווען נאַטור און קולטור, אַזוי צו זאָגן, איינגעבוירן און געמאַכט. באַוואוסטזיניק עלאַבאָרירט און קולטיווירט. זיין באַווייזן זיך האָט דעריבער געקאָנט וועקן אַזויפיל פריד ביי די קינדער, אַזאַ שרעק ביי פילִיסטער און אַזוינע ניט גלייכע, געמישטע געפילן צווישן זיינע אייגענע חברים.

הערמאַן גאָלד איז געווען אַ קאָמפּליצירטע נאַטור, פול מיט היפּוכים און ממילא אַ רעטעניש פאַר אַלעמען. הפקר'דיקער באָהעמיער און פּראַק־טישער סוחר. קמצן אויף פעניס און פאַרשווענדער פון פופציקערס און אַפילו פון הונדערטערס. אַן אָפּגעלאָזטער אין הולך און דאָך אָפּגעהיט אין ריינקייט. אין אויסזען אַ שלעפּער און אין דער באַנעמונג געקאָנט ווי אַ בעטלער מיט ניט קיין גאַנצע ריינע פינגער קריכן אין אַ פרעמדן טעלער אַריין, און דאָך אַ געוואַלדיקער היטער פון זיין קערפּער, וואָס ער האָט פלייסיק געפלעגט מיט פיזישע איבונגען און קאַלטע שפּריץ־בעדער.

און ווי פערזענליך אַזוי אין שרייבן. אָט אַ צעדרייטער, אומזיניקער פּראָזן־דרעשער, און אָט איינער פון די אָריגינעלסטע און אייגנאַרטיקסטע זאַץ־בויער. אָט ציט זיך ביי אים אַ לאַנגאַצקע מעשה, אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף, אָן אַ מיטן, אָן אַ טעם און אָן אַ פאַרוואָס. און אָט פאַלט ביי אים אַרויס אַ מעשה'לע פון בלויז אַ צענדליק צי צוויי צענדליק שורות, וואָס איז אַזוי גוט, אַזוי אָרגאַניש גאַנץ און אַזוי פול מיט טעם, אַז דו ווילסט עס האַלטן, קייען און איבערלייגן ביי זיך אין זכרון אומצייליקע מאָל, ווי אַ וואונדערליכע

פּרוכט אין מויל פון אַ אינגל. אָט נאָר אַ כלאָם פון ווערטער־אַנהויפּונגען, אין וועלכן מען ווערט דערטרונקען ווי אין אַ בלאָטע, און באַלד די קלאָרסטע פּשטות, אין וועלכער אַלץ שפּיגלט זיך דורכזיכטיק און לויטער.

***

איך האָב געקענט הערמאַן גאָלד׳ן פון די יאָרן 1907־1908, ווען ער האָט געפּעדלט אויף מיטינגען מיט ראַדיקאַלע ביכלעך און בראָשורן. איך געדענק זיין אָנהייב ווי אַ שרייבער מיט אַ מעלאָדראַמאַטישער דערציילונג „אין הויז וואו מען וויינט און מען לאַכט״. איך געדענק ווי ער האָט מיך געפּלעפט מיט אַן אַריינפיר צו אַ משיח־ראָמאַן, וואָס ער האָט פאַרגעלייענט פאַר מיר. אַ ראָמאַן, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעשריבן, נאָר וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּרעכטיקער שילדערונג פון אַ ניו יאָרקער סקווער, וואו מען שטעלט אויס טישן און מ׳גרייט זיך אויפצונעמען משיח׳ן מיט אַ גרויסער סעודה אונטערן פרייען הימל. איך געדענק די פּרעכטיקע קורצע דערציילונגען, וואָס ער האָט איין צייט געשריבן און וואָס האָבן אין זיך געהאַט עפּעס פון דעם סטיל און דעם טעם פון דעם ספּעציפיש־אידישן מעשה׳לע, ווי מיר קענען עס, אין אַלע זיינע פאַרוואַנדלונגען פון תנ״ך, דורך דער אגדתא און די מיטל־אַלטערליכע מוסר־ספרים ביז דער חסידישער מעשה. און איך געדענק אויך ווי ער האָט אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען אויף וועגן פאַרדרייטע, וואָס נאָר ער אַליין האָט געוואוסט וואוהין זיי דאַרפן פירן.

פון די ערשטע יאָרן ביזן סוף פון זיינע טעג איז הערמאַן גאָלד שטענדיק געווען דער „פּאָני מען״, דער טשודאַק, חוזק מיט דער באָרד, דער אַריינ־זאָגער און אַריינגעזאָגטער, דער פלעכטער פון די משונה׳דיקסטע ווילדסטע וואָרט־שפּילן, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געוואוסט צי וויל ער מיט זיי עפּעס אַרויסברענגען אָדער עפּעס באַהאַלטן.

דער איינדרוק איז געווען, אַז דאָס אַלץ איז אין אַ גרויסער מאָס מאַסקע, אַ פאַרשטעלעניש און אָפּווער־מיטל, כדי מען זאָל ניט קאָנען צוקומען נאָענט צו אים און אים דערקענען. בלויז געציילטע האָבן געוואוסט, אַז גאָלד קאָן אין געוויסע מאָמענטן אויך זיין אינטים און פירן אַ האַרץ־צו־האַרץ שמועס.

די זעלביקע געציילטע האָבן אויך געוואוסט, אַז גאָלד, דער צונישטמאַכער און אָפּלאַכער פון אַלץ און אַלעמען, האָט אין תוך אַ גרויסן דרך־ארץ און אַ סך ליבשאַפט פאַר די וואָס ער לאַכט כלומר׳שט אויס. זיי האָבן אויך גע־וואוסט, אַז גאָלד טראָגט זיך אַרום מיט אַ גראַנדיעזן חלום פאַר אידישע שרייבער און דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אין דעם חלום איז אַריין אַ פּלאַן פאַר אַ שרייבער און קינסטלער־הויז אָן דעם אַפּיטרופּסות פון פּאַרטייען און קהל׳שע קאָכלעפלס, אַ סובסידירטן

פאַרלאַג און אַ פאַרברידערונג צווישן אידישע און אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס זאָל פירן צו אַ שותפות׳דיקן צוויי שפּראַכיקן זשורנאַל פאַר די בעסטע זאַכן וואָס ווערן געשריבן אויף אידיש און ענגליש.

עס האָט זיך שוין אַפילו געפונען אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַזוי פאַר־אינטערעסירט מיט דעם פּלאַן, אַז ער איז גרייט געווען צו פינאַנסירן דעם דאָזיקן חלום, ווען ס׳וועט געשאַפן ווערן אַן ענגע גרופּע פון אידישע שרייבער, וואָס וועט נעמען אויף זי די עובדה פון רעאַליזירן דעם חלום. אויף וויפיל יענער מענטש האָט פאַקטיש עקזיסטירט און אויף וויפיל ער איז נאָר געווען פיקציע, אַליין אַ טייל פון גאָלד׳ס חלום, דאָס איז שווער צו זאָגן. וואָרים ווי שטאַרק גאָלד האָט זיך ניט באַמיט, איז אים בשום אופן ניט געלונגען צוזאַמענצושטעלן אַזאַ גרופּע. כמעט אַלע צו וועמען ער האָט זיך געווענדט, האָבן פריער פון אַלץ געוואָלט זען דעם מענטשן, וואָס איז גרייט צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערן פינאַנציעלן עול לטובת אידישע שרייבער און דער אידישער ליטעראַטור.

איצט איז דער „פאַני מען״ ניטאָ מער, דער שרייבער ניטאָ מער, דער לץ ניטאָ מער, דער גע׳לצ׳עווטער ניטאָ מער, דער בעל־חלומות ניטאָ מער. און ס׳איז געוואָרן אַ סך פוסטער און טרויעריקער אויף דער נשמה.

מאַי, 1953.

אַ היים פאַר אידישע שרייבער

ווען עמיצער וועט אַמאָל אָנשרייבן די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועט ער ווידער און אָבער אַמאָל מוזן דערמאָנען דעם נאָמען פון דר. יחיאל קלינג.

זיין נאָמען וועט מוזן דערמאָנט ווערן, ווייל ער איז שוין אַ סך מאָל דערמאָנט געוואָרן און געפינט זיך אין די זכרונות פון אידישע שרייבער. זיין שטוב איז שטענדיק געווען אַ בית ועד פאַר שרייבער, און דורך איר זייגען שטענדיק דורכגעגאַנגען די מערסטע דיכטער, נאָוועליסטן און עסייאיסטן, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין די לעצטע פיר צענדליק יאָר.

איין גרופּע שרייבער האָט אין זיין שטוב זיך געפילט אַזוי היימיש, וואַרעם און אינטים, ווי ביי זיך אין דער אייגענער היים. איך אַליין האָב געהערט צו דער דאָזיקער גרופּע. און ביז אויפן היינטיקן טאָג גייט אויף אין מיר אַ ליבע וואַרימקייט, ווען איך דערמאָן זיך אָן יענע אַלע שבת־צו־נאַכטן, זונטיק־נאַכטן און סתם גוטע שעה׳ן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט, אַליין און מיט חברים, אין זיין שטוב. אין אַנדערע שטיבער קלייבט מען זיך אַריינצוגיין, צו דר. קלינג אין שטוב איז מען שטענדיק אַריינגעפאַלן און שטענדיק איז מען דאָרטן געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אַזאַ שטוב ציט. און איך קאָן ניט נאָך אַ שטוב, וואָס האָט אַזוי געצויגן ווי די פון דר. קלינג. ניט קיין וואונדער פאַרוואָס זי איז אַזוי לאַנג געווען אַ היים און אַ צענטער פאַר אַזוי פיל אידישע ליטעראַטן, מוזיקער און מאָלער.

ס׳איז שוין קרוב צו פערציק יאָר, זינט איך בין באַטראָטן די שוועל פון זיין שטוב צום ערשטן מאָל. דאָס איז געווען אומגעפער אין דער זעלביקער צייט פון יאָר: פאַר סוכות אָדער אין איינעם פון די חול־המועד טעג. די בלעטער אויף דיביימער האָבן שוין אָנגעהויבן בייטן די קאָלירן, נאָר די טעג זיינען נאָך געווען הייסע. אין אַזאַ הייסן נאָכמיטאָג האָב איך פאַרבראַכט מיט דוד איגנאַטאָוו׳ן, אין זיין צימערל אויף וואַשינגטאָן עוועניו, וואו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע, אַזוי צו זאָגן, פון דער גרופּע „יונגע״. דאָרטן איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס צווייטע זאַמלבוך „ליטעראַטור״. דאָרטן זיינען געבוירן געוואָרן די זאַמלביכער „שריפטן״, און דאָרטן זיינען אַ לאַנגע צייט יעדן זונטיק נאָכמיטאָג, זיך צוזאַמענגעקומען כמעט אַלע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום יענע זאַמלביכער. וועגן יענע זונטיק נאָכמיטאָגס, און וואָס זיי האָבן געמיינט פאַר די אַלע, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען אין יענעם וואונ־

דערליכן פרילינג פון אונזער היגער אידישער ליטעראַטור, האָב איך שוין דערציילט ביי אַנדערע געלעגנהייטן. אויך אויף זיי וועט זיך מוזן אָפּשטעלן דער קינפטיקער היסטאָריקער. אָבער דער נאָכמיטאָג וועגן וועלכן ס׳רעדט זיך דאָ, איז דוקא ניט געווען אין קיין זונטיק, נאָר אין אַ פּראָסטן וואָכעדיקן טאָג.

די מערסטע פון די, וואָס זיינען היינט לאַנג־איינגעפונדעוועטע שרייבער, זיינען דעמאָלט געווען אָנהייבער, וואָס האָבן געלעבט פון זייער פּראַצע ווי שאַפּ־אַרבעטער. געשריבן האָט מען נאָר אין די שעה׳ן, ווען מען איז געווען פריי פון דער אַרבעט, אָדער וואָס מען האָט „צוגע׳גנב׳עט" פון דער אַרבעט. אַ סך צו׳גנב׳ענען פון דער אַרבעט האָבן געקאָנט נאָר יענע, וואָס זיינען נאָך געווען פריי. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ באַווייבטער און אַ פאָטער פון צוויי קינדער. ווי אַזוי איך האָב יענעם טאָג זיך געקאָנט אַרויסכאַפּן פון שאַפּ אין מיטן דער אַרבעט, דאָס געדענק איך שוין ניט. איך געדענק שוין אויך ניט מיט וואָס איגנאַטאָוו און איך האָבן יענעם גאַנצן נאָכמיטאָג פאַרבראַכט אין זיין צימער. איך קאָן אָבער ניט פאַרגעסן די האַלבע שעה פאַרנאַכט, וואָס מיר האָבן נאָכדעם פאַרבראַכט אויפן בערגל פון קלערימאָנט פּאַרק, וואָס איז געווען ניט ווייט, און וואו עס האָבן אונז ביים פאַרלאָזן דעם פּאַרק, ביים אַרויסגאַנג אַקעגנגעלויכטן די צוויי פורפור־עשענביימער, מיט זייערע שאַרף־גרויע, פעסטע שטאַמען, ווי די פּיס פון העלפאַנטן, און זייערע גלאַנציק־פייכטע, דיקליכע בלעטער, וואָס בייטן אין איין סעזאָן דריי מאָל זייערע קאָלירן, און דעמאָלט זיינען זיי שוין געווען היפש רויט. און מער פון אַלץ קאָן איך ניט פאַרגעסן ווי איגנאַטאָוו האָט מיך פון פּאַרק אַוועקגעפירט אויף בעטגעיט עווענין אין דער הונדערט פיר־און־זיבעציקסטער גאַס, און מיך כמעט אַריינגעשלעפּט אין דער וואוינונג פון דר. קלינג.

אין מיינע יונגע יאָרן בין איך געווען אַ שעמעוודיקער. אין אַ פרעמדער שטוב פיל איך זיך ניט גאַנץ באַקוועם נאָך אַפילו איצט אויף דער עלטער. דעמאָלט האָב איך זיך שטאַרק געראַנגלט, ווען עמיצער האָט מיך געוואָלט אַריינפירן אין אַ שטוב, וואו איך בין פריער ניט געווען, אָדער באַקענען מיך מיט פרעמדע מענטשן. אָבער פונקט אַזוי ווי איגנאַטאָוו האָט מיך כמעט ווי אַריינגעשלעפּט אין דער וואוינונג פון דר. קלינג, האָט ער געדאַרפט פון דאָרטן מיך צוריק אַרויסשלעפּן יענעם אָוונט. איך האָב זיך דאָרטן גלייך דערפילט אַזוי היימיש, ווי איך וואָלט דאָרט שוין געווען אַן אַלטער בן־בית, כאָטש סיי דר. קלינג און סיי זיין ליבע בערטאַ, האָבן זיך גאָרניט באַמיט צו מאַכן מיך פילן היימיש. און אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך ניט באַמיט. ווייל ס׳איז געווען נאַטירליך פאַר זיי אויפצונעמען ביי זיך נייע מענטשן גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע. איך האָב דעמאָלט

געהאַט אָפּגעדרוקט זיכער ניט מער ווי אַ צוויי צענדליק לידער און עטליכע דערציילונגען. און איך ווייס ניט, צי דר. קלינג אָדער זיין ליבע פרוי האָבן ביז דעמאָלט שוין ווען עס איז געהאַט געהערט מיין נאָמען. אָבער דער אופן ווי מען האָט מיך געבעטן זיצן, דער אופן ווי אַזוי דער דאָקטאָר האָט גלייך פאַרפירט אַ שמועס מיט מיר, ווי ער וואָלט מיך קענען מי יודע ווי לאַנג, און דער אופן, ווי מען האָט מיך פאַרבעטן צום טיש, ניט ווי אַ פרעמדן מענטשן, וואָס איז צופעליק אַריינגעפאַלן, נאָר ווי איינעם אויף וועמען מען האָט זיך געריכט — אַט דאָס אַלץ האָט מיר ליב געמאַכט די צוויי מענטשן גלייך ביי מיין ערשטן באַזוך, און פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער גאַסט אין זייער שטוב יאָרן נאָכאַנאַנד.

***

עס האָט מיר לאַנג ניט גענומען אויסצוגעפינען, אַז איך בין ניט דער איינציקער. די אַלע שרייבער פון מיין דור, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט באַגעגנט אויף די מיטינגען פון פאַראיין „ליטעראַטור"; אין גודמאַן און לעווינ׳ס רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעלער, וואו עס איז היינט די עקספּעדיציע פון „טאָג"; צי אין שלומ׳ס קיבעצאַרניע, האָב איך פון איצט אָן געפונען ביי די קלינגס. אין מיטן דער וואָך — צו איינציקע אָדער צו צוויי; אין די שבת צו־נאַכטן און די זונטיק־נאַכטן — אין היפשע גרופּעס. באַזונדערס איז דאָס געווען דער פאַל ווען די קלינגס האָבן זיך אַריבערגעקליבן פון דעם אַפּאַרטמענט־הויז אין וועלכן זיי האָבן פריער געוואוינט, און וואו דער דאָקטאָר האָט געהאַט זיין אָפיס, אין דעם פּריוואַטן הויז אַריבער דעם וועג, וואו עס איז געווען מער פּלאַץ און מער צימערן אין וועלכע מען האָט זיך געקאָנט צעוואַרפן.

געווען איז דאָס אַן אַלט הילצערן פּריוואַט הויז, מיט עטליכע צימערן אונטן, אַ צוויי צי דריי אויבן און נאָך איינס, אַ בוידעם־שטיבל מיט קרומע ווענט, גאָר אויבן אונטערן דאַך. אין יענעם בוידעם־שטיבל האָבן איין צייט געוואוינט זישאָ לאַנדוי און משה וואַרשע, וואָס זיינען געווען ידידים און בונדיסטן פון דער היים, און דאָ איז איינער פון זיי — משה וואַרשע — געוואָרן אַ גאָט־זוכער. אין יענער צייט האָבן זיי ביידע געהונגערט, ביידע געשריבן, און ביידע — טיילוויז אונטער דער השפּעה פון קאָליע טעפּער — זיך געשפּייזט מיט קריסטליכן מיסטיציזם. פאַר לאַנדוי׳ן איז עס געווען נאָר פאַרבייגייענדיק און ניט מער ווי שפּיל. אָבער וואַרשע האָט, ווי עס ווייזט אויס, געזוכט עפּעס אַן אָנהאַלט אויף וועלכן ער זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן. געזוכט און ניט געפונען, און צום סוף, אין אַ צייט שפּעטער, ווען ער האָט שוין געוואוינט ערגעץ אַנדערש וואו, זיך דאָס לעבן גענומען.

איז וועגן דעם האָב איך שוין דערציילט ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט. דאָ דערמאָן איך עס דרך אגב, ווייל פאַר מיר איז אוממעגליך זיך פאָרצושטעלן יענע היים פון די קלינגס, און פאַר מיינע אויגן זאָל ניט פאַרביישוועבן דאָס געשטאַלט פון דעם פּיזיש־שוואַכן און טיף עטישן מענטשן, וואָס האָט זיך דאָרטן אַרומגעדרייט און וועלכער האָט צו עטליכע און צוואַנציק יאָר אויס־געזען ווי אַ מאַנאַך, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אויף יענער וועלט. אגב, האָט וואַרשע מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ געוואַלטיקן קאָנטראַסט צו די אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען צו יענער צייט געווען כמעט שטאָם־געסט ביי די קלינגס.

אין אַ שבת אָדער זונטיק נאַכט, האָט זיך דאָרטן כמעט שטענדיק געפונען דוד איגנאַטאָוו, יוסף אָפּאַטאָשו, אברהם משה דילאָן, משה יונה חיימאָוויטש, דר. ש. פאַקס, י. י. שוואַרץ, אַחוץ פרץ הירשביין, וואָס האָט נאָך זיין ערשטן קומען קיין אַמעריקע געוואוינט ניט וויט און פאַרבראַכט ביי די קלינגס ניט ווייניקער ווי ביי זיך אויף זיין אייגענער קוואַרטיר. משה לייב האַלפּערן, אַלעקסאַנדער זעלדין, יואל סלאָנים, יוסף ראָלניק, ב. ריווקין, וואָס פלעגן אַריינפאַלן פון צייט צו צייט, און מאַני לייב, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט ווען נאָר ער איז געווען אין די בראָנקס. שפּעטער אויך ה. לייוויק און אַנדערע. און אין צייט פלעגט יעדן זונטיק אויך אַריינקומען אַ יונגער אַמעריקאַנער קריסטליכער זשורנאַליסט, וואָס זיין נאָמען האָב איך שוין פאַרגעסן.

מיט אַ קליינעם אויסנאָם זיינען מיר דעמאָלט אַלע געווען יונגע מענטשן, אין די צוואַנציקער. און ווי אַלע יונגע מענטשן, האָפערדיק און זיכער ביי זיך און מיט ביטול און חוצפה׳דיקע אַרויסרופן, וואָס הגם זיי זיינען ניט שטענדיק קיין סימן פון זיכערקייט, האָבן זיי אָבער נאָך בולט׳ער אונטערגעשטראָכן וואַרשע׳ס אומזיכערקייט אין זיך. דאָס איז אפשר געווען איינע פון די סיבות, וואָס דוקא דעמאָלט, ווען די שטוב איז געווען פול מיט געסט, האָט ער זיך באַהאַלטן אין זיין דאַך־שטיבל, און זעלטן־ווען, אַז מען האָט אים אין אַזאַ אָוונט געקאָנט באַוועגן, ער זאָל אַרונטערקומען אונטן.

***

ווען עטליכע שרייבער קומען זיך צונויפן איז שטענדיק דאָ אַ געפאַר, עס זאָל ניט קומען צו אַ שטיקל צוזאַמענשטויס. אָבער ווען עטליכע שרייבער קומען זיך צוזאַמען קאָן אויך ווערן זייער אַ פריילעכע און יום־טוב׳דיקע שטימונג. ביי די קלינגס אין שטוב איז כמעט שטענדיק געווען פריילעך און כמעט שטענדיק יום־טוב. דאָס איז געווען וועגן סתם שבת־צו־נאַכטן און סתם זונטיקס. עטליכע מאָל אַ יאָר זיינען אָבער דאָרטן געווען ספּעציעלע ימים טובים, און דעמאָלט איז מען זיך צוזאַמענגעפאָרן פון אַלע עקן שטאָט.

אַלע חדרים זיינען געווען פול און אַלע פּנים׳ער האָבן געלויכטן. די דאָזיקע ימים־טובים האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען „ליטעראַריש״. קיינער האָט אויף זיי קיינמאָל גאָרניט פאַרגעלייענט פאַרן עולם. דערפאַר אָבער זיינען קופּקעלעך געזעסן אין פאַרשיידענע ווינקע־לעך און מען האָט געלייענט שטיל איינער פאַרן אַנדערן, אָדער מען האָט פאַרפירט ליטעראַרישע שמועסן, וואָס האָבן געוועקט, געררייצט און אַמאָל אויך צערייצט און דערפירט צו אַ קריג מיט שטעכווערטלעך און שאַרפע בייסעניש. בערטאַ קלינג האָט, אין יענע יאָרן, נאָך קיין אייגענע לידער ניט געשריבן. און אַזוי ווי זי האָט שטענדיק געהאַט אַ פיינע שטים און האָט ליב געזאַנג, האָט זי אויף די דאָזיקע יום־טובים פאַר אירע געסט געזונגען אַלערליי לידער און געמוזט פאַרענדיקן מיט דעם וואונדערשיינעם פאָלקס־טימליכן, מגיד׳ישן „שיר המעלות״, וואָס איין גאָט ווייס פון וואַנען ער האָט זיך גענומען צו איר.

פון בעטגעיט עווניו האָבן די קלינגס מיט יאָרן שפּעטער זיך אַריבער־געקליבן אויף דער איסט הונדערט און אַכציקסטער גאַס, און ערשט דאָ איז זייער שטוב געוואָרן דער אמת׳ער בית־ועד. צו דער ערשטער גרופּע זיינען צוגעקומען אַנדערע, און אַ חוץ שרייבער, האָבן אין זייער שטוב אויך אָנ־געהויבן אַריינקומען מוזיקער און מאַלער. אָבער דאָ אין דער דירה, וואו די קלינגס וואוינען ביז אויפן היינטיקן טאָג, בין איך שוין ניט געווען אַזאַ אָפטער גאַס. דאָ זיינען שוין די מערסטע פון דער ערשטער גרופּע בכלל ניט געווען אַזוינע אָפטע געסט. טיילווייז צוליב דעם, וואָס אינצווישן איז די ערשטע גרופּע „יונגע״ צעטיילט געוואָרן אין צוויי זיך באַקעמפנדיקע מחנות, און טיילווייז צוליב דעם, וואָס מען האָט מער ניט געוואוינט בשכנות אין דער בראָנקס, נאָר מען איז שוין געווען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. אָבער עטליכע מאָל אַ יאָר איז מען זיך נאָך אַלץ צונויפגעפאָרן צו די קלינגס. און די שטוב איז נאָך אַלץ געווען פול מיט יום־טוב. מען האָט געזען אַ סך נייע פּנים׳ער, פון עלטערע און יונגערע קאָלעגן, און מיט דער צייט נאָך נייערע און נאָך אינגערע. דער יום־טוב איז אָבער געווען דער זעלביקער. אפשר נאָך גרעסער, ווייל דער עולם איז געווען גרעסער.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי עס איז אין דעם פּרט אין די לעצטע יאָרן, ווען איך גיי אין ערגיץ ניט און פאָר אין ערגיץ ניט. עס וואָלט אָבער פאַר מיר ניט געווען קיין איבעראַראַשונג ווען איך זאָל הערן, אַז ביי די קלינגס איז נאָך אַלץ דערזעלביקער צענטער און די זעלביקע היים פאַר אידישע שרייבער און קינסטלער, און אַז אַלע וואָס קומען איצט אַריין אַהין פילן זיך דאָרטן פונקט אַזוי היימיש, וואַרעם און אי־נטים, ווי איך און מיינע חברים אין די אַמאָליקע יאָרן. איך ווייס, אַז איין צייט איז דר. קלינג געווען זייער שטאַרק

פאַראינטערעסירט אין די אידישע שולן און ער האָט אָפּגעגעבן אַ סך צייט פאַר דער שול־באַוועגונג. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם קרייז פון זיינע באַקאַנטע, וואָס זיינען מסתמא, פונקט ווי מיר אין אונזער צייט, אַ סך מער ווי גלאַט באַקאַנטע.

דר. קלינג האָט אין מיין צייט מער ליב געהאַט צו הערן ווי אַליין צו ריידן. נאָר פונדעסטוועגן פלעגט אָפּט טרעפן, אַז ער פלעגט זיך מיט מיר אַוועקזעצן אין אַ ווינקל און פאַרפירן אַ לאַנגן שמועס וועגן פאַרשיידענע ענינים. די ענינים זיינען מערסטנס געווען אַלגעמיינע, אָבער די שמועסן זיינען שטענדיק געווען אינטים. איך האָב דערביי שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס רעדט דר. קלינג אַזוי אינטים נאָר מיט מיר, אָבער מסתמא בין איך ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַזוי געפילט.

דאָ מיין איך, שטעקט אייגנטליך דער שליסל, פאַרוואָס דר. קלינג איז באַליבט ביי אַזוי פיל מענטשן. ער האָט שטענדיק געקאָנט געבן צו פילן, אַז דער מענטש מיט וועמען ער רעדט איז אים נאָענט. ער האָט דאָס אַמאָל געקאָנט מאַכן פילן בלויז מיט אַ בליק אָדער מיט אַ שמייכל פון דער ווייטנס. ביז היינט וואַרעמען מיך נאָך יענע בליקן און שמייכלען.

גודמאַן און לעווינס רעסטאָראַן

אין קעלער פון „טאָג“, וואו עס געפינט זיך היינט די עקספּעדיציע און די פּרעס, און וואו עס שמעקט היינט צו טאָג מיט טינט, בליי, פּאַפּיר־שטויב און פּאָסט־זעק, האָט מיט יאָרן פאַר דעם, איידער דער „טאָג“ איז געבוירן געוואָרן, געשמעקט מיט געקאָכטע פיש און געבראָטענע הערינג, מיט זויערן באָרשט און געפּרעגלטע לאַטקעס, מיט שלעכטער קאַווע און איבערגעבריטער מילך און נאָך אַנדערע ריחות, וואָס האָבן זיך אַזוי דורכגעמישט, אַז עס איז געווען שווער זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין זיי. אויף די עטליכע טרעפּ, וואָס פירן צום קעלער פון איסט בראָדוויי און וואָס זיינען היינט באַלעבט נאָר אין די שעה׳ן, ווען די צייטונג ווערט אַרויסגעשיקט, איז אין יענע יאָרן געווען אַ שטענדיק געגיי פון גאַנץ פרי אָן ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. ווייל דאָ, אין דעם קעלער, איז געווען דער מילכיקער רעסטאָראַן פון גודמאַן און לעווין און אַהער פלעגן שטראָמען אַלע יונגע שרייבער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין ניו יאָרק, ניט ווייל זיי זיינען געווען פאַרליבט אין מילכיקע מאכלים, חלילה, נאָר ווייל דאָ איז געווען דער צענטער פון די „יונגע“. דאָ האָט מען געקאָנט לייענען און הערן אַ ליד. דאָ האָט מען בכלל געקאָנט הערן און לערנען עפּעס וועגן לידער און דערציילונגען, ווייל שמועסן וועגן ליטעראַטור האָבן דאָ קיינמאָל ניט אויפגעהערט. דאָ האָט מען געקאָנט טרעפן די עטליכע, געציילטע יונגע שרייבער, וואָס טאַלאַנט צי מזל האָבן זיי אויפגעהויבן איבער אַלע אַנדערע און זיי זיינען שוין געווען באַרימט, בעת פון אַנדערע האָט נאָך קיינער ניט געוואוסט. און דאָ האָט מען אויך געקאָנט דערוואַרטן צו הערן — מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ — ווי עס האַלט מיט דעם אייגענעם סטאַזש אַלס דיכטער אָדער דערציילער.

פאַר דעם גרויסן עולם איז אָט דער ליטעראַרישער צענטער געווען כמעט אומבאַקאַנט. דער גרויסער עולם — אויף וויפיל ער האָט בכלל אַרויסגעוויזן וועלכן עס איז אינטערעס צו אידישע שרייבער — האָט געוואוסט אַז אויף דיוויזשאַן סטריט איז פאַראַן אַ „קיבעצאַרניע“, וואָס איז פריער געווען באַקאַנט אַלס „העריקס קאַפע“ און דערנאָך אַלס „שלומ׳ס“, און אַז דאָרטן קומען זיך צוזאַמען די עלטערע אידישע שרייבער, וואָס זייערע נעמען זעט מען אין די צייטונגען. אַז אויסער זיי זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע אידישע שרייבער, דאָס האָט דער גרויסער עולם ניט געוואוסט, און וואָלט ער עס געוואוסט וואָלט עס אים סיי ווי ניט אַנגעגאַנגען. וועגן דער „קיבעצאַרניע“

פון די עלטערע שרייבער האָט מען אויך געוואוסט אויף דער פּראָווינץ און כמעט אַלע שטאָם־געסט ביי שלומ׳ען האָט מען אויף דער פּראָווינץ געהאַלטן פאַר גדולים. ווען איך האָב, סוף 1914, אין קליוולאַנד דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ געוויסן שרייבער און ווי מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו האָבן מיט אים אַ שטיקל וויכוח וועגן מאָדערנער ליטעראַטור, האָט מען זיך הינטער מיינע פּלייצעס דורכגעוואונקען איינער צום אַנדערן: „דער בחור בלאָפט”. און אויב יענע מענטשן לעבן נאָך און געדענקען עס נאָך, בין איך מסתמא אין זייערע אויגן ביז אויף דעם הייטיקן טאָג פאַרבליבן אַ וויסטער בלאָפער.

צוויי סיבות האָבן געפירט דערצו, אַז די „יונגע” זאָלן מאַכן שבת פאַר זיך אין אַ באַזונדערער קאַפע. איינע איז געווען אַ ריין עקאָנאָמישע. די „קיבעצאַרניע” אויף דיוויזשאָן סטריט איז פּשוט געווען צו טייער פאַר די יונגע שרייבער, וואָס די מערסטע זיינען דעמאָלט געווען אָרימע שאָפּ־אַרבעטער אָדער אין גאַנצן אָן באַשעפטיקונג. אויף צו פאַרברענגען עטליכע שעה אין „שלומ׳ס קאַפע” האָט מען געדאַרפט האָבן כאָטש אַ קוואָדער אין קעשענע, און אַ קוואָדער איז דעמאָלט ביי די יונגע שרייבער געווען אַ היפּשע מטבע. אין גודמאַן און לעווינ׳ס רעסטאָראַן אָבער האָט מען געקאָנט אָפּזיצן און שמועסן עטליכע שעה פאַר בלויז צען צי פופצן סענט, און אַז די צען סענט זיינען אויך ניט געווען — גאָר ניט קיין זעלטנקייט אין יענער צייט — האָט מען באַין ברירה באַשטעלט אַ גלאָז קאַווע צי טיי מיט אַ זעמל אָדער אַ קיכל און מען איז אָפּגעזעסן די זעלביקע לאַנגע שעה׳ן פאַר בלויז פינף סענט. די צווייטע סיבה איז געווען — אַ סנאָבישע אויב איר ווילט. די וואָרטזאָגער פון די „יונגע” איז פּשוט ניט אָנגעשטאַנען צו פאַרברענגען אין איין קאַפע מיט די עלטערע שרייבער.

געווען אַ היבש ביסל אינגעלשקייט אין דעם דאָזיקן סנאָבישן סעפּאַראַ־טיזם. ער איז אָבער דיקטירט געוואָרן פון אַ געזונטן חוש. די „יונגע” זיינען געקומען מיט עפּעס נייעס און אייגנס, און זיי האָבן געפילט, אַז כדי דאָס נייע זאָל קאָנען באַשטיין און ניט פאַרווישט ווערן, מוזן זיי זיך מיט אַלץ אָפּזונדערן פון דעם אַלטן און איינגעזעסענעם. מען טאָר ניט האָבן צו טאָן מיט די צייטונגען און זשורנאַלן, וואו די עלטערע פירן די גרענדע, ווייל דאָרטן וועט מען מוזן מאַכן קאָמפּראָמיסן און זיך אונטערוואַרפן דעם געשמאַק און דעם ווילן פון די עלטערע. מען טאָר בכלל ניט האָבן צו טאָן מיט צייטונגען און צייטונגסלייט, ווען מען האָט אין זינען ריינע ליטעראַטור, און וויל מען זיך באמת אויסהיטן מוז מען אַפילו וויכן פון דער קאַפע, וואו די עלטערע גיבן דעם טאָן. שרייבער מוזן האָבן אַ פּלאַץ, וואו זיך צו דרוקן. שרייבער מוזן אויך האָבן אַ פּלאַץ וואו זיך צונויפצוקומען. כדי ניט צו דאַרפן אָנקומען צו די צייטונגען, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן אייגענע זשורנאַלן און

זאַמלביכער. כדי ניט צו דאַרפֿן זיין מיט די עלטערע שרייבער אונטער איין דאַך האָט מען זיך אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדערער קאַפֿע.

ליטעראַריש האָט די אָפּזונדערונג געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. די זעלביקע אָפּזונדערונג האָט אָבער אויך געפֿירט צו קאָמיזמען און ניט זעלטן אויך צו טראַגי־קאָמיזמען. איין פֿאַל געדענקט זיך מיר באַזונדערס שאַרף. דאָס איז געווען אין די ערשטע חדשים פֿון 1915, אַ שטיקל צייט פֿאַר דעם איידער דער „טאָג" האָט זיך אַריבערגעקליבן פֿון פּוירל סטריט אין דער געביידע אויף איסט בראָדוויי, וואו ער געפֿינט זיך היינט. די טעג פֿון דער „קיבעצאַר־ניע" פֿון די „יונגע" זיינען געווען געציילטע. עטליכע וואָכן שפּעטער האָט גודמאַן און לעווינ׳ס רעסטאָראַן זיך צוגעמאַכט און מיר, די „יונגע", האָבן, ווילנדיק ניט ווילנדיק, געמוזט אויפגעבן אונזער אייגענעם צענטער און זיך צונויפמישן מיט די עלטערע שרייבער, וואָס האָבן דעמאָלט „שלומ׳ס קאַפֿע" געהאַט פֿאַרביטן אויף למד שאַפּיראָ׳ס רעסטאָראַן, אויך אויף איסט בראָדוויי, ניט ווייט פֿון ראַטגערס סטריט, וואו עס איז היינט אַ ליקער געשעפֿט. אין שאַפּיראָ׳ס רעסטאָראַן האָבן מיר גלייך איינגעזען, אַז דער בייט איז געווען ניט קיין שלעכטער. דאָס עסן איז געווען בעסער, די קאַווע אַודאי בעסער און אַז ביי די נייע טישלעך האָט מען זיך געפֿילט ניט אויף אַ האָר פֿרעמדער, ווי ביי די אַלטע טישלעך אין גודמאַן און לעווינ׳ס קעלער. דאָ האָבן מיר אויך גיך זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן שוין גאָר ניט מער וואָס מורא צו האָבן פֿאַר שעדליכע איינפֿלוסן פֿון די עלטערע, ווייל מיר זיינען שוין גענוג אויסגעוואַקסן צו קאָנען אַליין האָבן שעדליכע איינפֿלוסן איינער אויפֿן אַנדערן. מיר זיינען שוין אויך ליטעראַריש גענוג פּראָמינענט, אַז די עלטערע זאָלן אונז מער ניט קאָנען דאָמינירן. איצט האָבן מיר שוין דאָמינירט יעדן פּלאַץ אין וועלכן מיר זיינען אַריין. און פֿונדעסטוועגן זיינען מיר ניט אַוועק פֿון קעלער איידער מיר האָבן אָפּגעשפּילט אַזאַ שטוקע:

איין נאַכט, ווען אַ צען אונזעריקע זיינען געזעסן ביי גודמאַנ׳ען אין קעלער, איז אַריינגעפֿאַלן אַ חסיד פֿון איינעם פֿון אונזערע באַרימטסטע דיכטער מיטן פּזמון: „חברה, קומט! ביי שאַפּיראָ׳ן איז אַ באַנקעט, און מען בעט אייך קומען. אַלעמען בעט מען קומען."

פֿאַר וועמען אַ באַנקעט, דאָס האָט מען אונז ניט געדאַרפֿט דערציילן. ווייל דער דערמאָנטער באַרימטער דיכטער האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַ טבע צו פֿראַווען פֿאַר זיך אָפֿטע באַנקעטן. אַרויסגעבן אַ בוך — אַ באַנקעט. צוויי ביכער — אַודאי און אַודאי אַ באַנקעט. ניט קיין ביכער און ניט קיין יובילײ — האָט ער שוין געפֿונען אַן אַנדער צוטשעפּעניש. היינט פֿאַרשטיי איך, אַז די אַלע באַנקעטלעך זיינען געווען ניט מער ווי אַן אויסרייד פֿאַר אַ שטיקל הוליאַנקע. צו פֿאַרטרייבן אַן אומעט אָדער גלאַט ווייל עס האָט זיך

געוואַלט אַ טרונק טאָן בחברותא. דעמאָלט אָבער זיינען מיר מיט יענעם דיכטער געווען אין קריג און ווי אַלעמאָל אין קריג, זעט מען ביים קעגנער בלויז שלעכטע כוונות. מיר האָבן דעמאָלט אין די באַנקעטלעך געזען אַ יאָגעניש נאָך כבוד און פרסום און פונקט יענע נאַכט האָבן מיר באַשלאָסן: — אַ סוף! מיר וועלן אים נים העלפן אין זיינע שטיק. און וויפיל זיין חסיד איז ניט צוגעשטאַנען צו אונז, האָט זיך קיינער פון אונזער טישל ניט אויפ־געהויבן, און דעם באַרימטן דיכטער׳ס חסיד איז אַוועק ווי ער איז געקומען — אַליין. דעם דערמאָנטן באַרימטן דיכטער האָט דאָס געקרענקט. סטייטש, פאַר אים איז דאָ אַ באַנקעט און מען שיקט זיי רופן און זיי ווילן ניט קומען? זיין ערגערניש איז געווען אין לשער.

בקיצור, צו אונז אין קעלער האָט אָנגעהויבן קומען איין דעלעגאַציע נאָך דער אַנדערער. און ווער איז דען ניט געווען אין די דעלעגאַציעס? די גרעסטע גדולים פון יענער צייט. אָבער קיינער האָט זיך ניט אויפגעהויבן פון אונזער טישל און די דעלעגאַציעס האָבן זיך אומגעקערט אַזוי ווי זיי זיינען געקומען — אָן אונז. מיר האָבן זיך אינערליך אַ ביסל געשעמט מיט דעם גאַנצן עסק. אונזער עקשנות האָט אונז אָנגעהויבן אויסזען נאַריש און גאוה׳דיק, נאָר וואָס מער דעלעגאַציעס עס זיינען געקומען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן אונזער עקשנות. בלויז איין איינציקער האָט זיך אויפגעהויבן פון טישל. מיר, אַלע איבעריקע, האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט, און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָבן מיר דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער העלדישקייט.

***

בלויז אַ פיר־פינף טישלעך זיינען אין דעם קעלער געווען „רעזערווירט״ פאַר שרייבער. אין אַ ווינקל לינקס פון אַריינגאַנג זיינען זיי געשטאַנען צווישן דעם בופעט און דער קיך.

גוטס איז פוןביידע זייטן ניט געקומען. פון בופעט פלעגן אָפט דורכשטעכן אַ פּאָר גרויסע און בייזע אויגן פון איינעם פון די שותפים, באַזונדערס ווען דער רעסטאָראַן איז געווען פול און די „לאַפּעצאַנעס״ איז אַפילו גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז פאַראַן צייטן, ווען עס וואָלט געווען אַ יושר ווען זיי הייבן זיך אויף און לאָזן איבער די טישלעך פאַר „לייטישערע״ קונדן. און פון דער קיך האָבן זיך שטענדיק געטראָגן טשאַד, שלעכטע ריחות פון געפּרעגלטע זאַכן, דאָס קלאַפּן פון געשיר און דאָס געבראַזג פון עסצייג אין וואַשן. גאַנץ אָפט האָט אין די אויגן געביסן אַ רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער קיך־טיר, זיך געקנוילט אונטער דעם נידעריקן סופיט און אין וועלכן עס האָט זיך אויך באַהעפט דער רויך פון די אומצייליקע פּאַפּיראָסן, וואָס זיינען ביי די טישלעך אויסגערויכערט געוואָרן. זומער איז דאָ געווען שוידערליך

הייס און ווינטער פלעגן די פיס גאַנץ אָפט פרירן פון אַ קעלט, וואָס האָט געצויגן פון אונטערן דיל און פון דרויסן, ווען מען האָט געעפנט די טיר. דאָס עסן איז — ווי אין די מערסטע איסט סיידער רעסטאָראַנען פון יענער צייט — געווען קוים דערטרעגליך און די קאַווע פשוט שוידערליך. פון די רייד, וואָס מען האָט אָפט געהערט וועגן זיך אַליין אַלס שרייבער, האָט געקאָנט גערונען ווערן דער מאַמעס מילך און דאָך האָט דער קעלער געצויגן ווי אַ מאַגנעט.

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז די מערסטע יונגע שרייבער זיינען דעמאָלט געווען שאַפּ־אַרבעטער. פאַרפעלן אַ טאָג אַרבעט האָט גאַנץ אָפט געמיינט, ניט האָבן אויף אַ פּאָר שיכלעך פאַר קינד, אָדער עס פעלט אַ דרייערל צום דירה־געלט. און דאָך ווען מען איז געקומען אין קעלער האָט מען דאָרטן געפונען חברה, וואָס מען האָט געוואוסט, אַז איצט דאַרפן זיי זיין אין שאַפּ. עטליכע פון די „יונגע״ זיינען געווען פאַרבער און טאַפּעטן הענגער. איז ניט געווען קיין זעלטנקייט, אַז זיי זאָלן אין מיטן דער אַרבעט אַרונטער פון די לייטערס און קומען אין קאַפּע אַריין אין די פאַרשפּריצטע אַרבעטס־קליידער, וואָס זיינען אַמאָל געווען ווייס און מיט פאַרב־שפּריצן אויף די פּנים׳ער און הענט. איך האָב אַ לאַנגע צייט מיינע מיטאָגן געגעסן אין שאַפּ אויס מורא, אַז טאָמער גיי איך אַרונטער עסן אין אַ רעסטאָראַן וועל איך מער ניט צוריקקומען אַרבעטן יענעם טאָג, ווייל עס וועט מיר אַ שלעפּ טאָן אין קאַפּע אַריין און איך וועל ניט קאָנען ביישטיין דעם נסיון. איינמאָל האָט מיט מיר געטראָפן אַזאַ מעשה:

אין אַ זומערדיקן שבת, ווען איך האָב געאַרבעט בלויז אַ האַלבן טאָג, בין איך אַהיים געקומען, אָפּגעגעסן מיטאָג און דערנאָך בין איך אַוועק צו אַ באַרבער זיך אָפּגאָלן. פאַרנאַכט האָב איך געזאָלט נעמען מיין יונגע פרוי און אונזער טעכטערל פון אַ זעקס חדשים און גיין אויף אַ באַזוך ערגיץ וואו צו אַ קרוב. געוואוינט האָב איך אויף דער פערטער גאַס לעבן דער עווענױ „בי״, די גאָל שטוב איז געווען ערגיץ אויף האָוסטאָן סטריט. אויפן באַרבער שטול האָט מיר פּלוצים אַ שמעק געטאָן די „קאַפּע״ און איך האָב זיך שוין קוים דערוואַרט, אַז דער באַרבער זאָל מיך אָפּגאָלן. איך האָב אַפילו אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט גלייכער געווען פריער צו גיין אַהיים און זאָגן וואו איך קלייב זיך צו גיין. אָבער די פיס זיינען שוין געווען אין דער ריכטונג פון איסט בראָדוויי, און עס איז געווען אַ שאָד זיך אומצוקערן. דער טאָג איז געווען אַ הייסער און איך בין געווען זיכער, אַז אין קאַפּע וועל איך געפינען ווייניק קאָלעגן, און אַז שוין דערפּאַר אַליין וועל איך זיך מסתמא זאַמען ניט מער ווי אַ שעה אָדער צוויי. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז דער קעלער איז געווען פול. פון דעם ים פּנים׳ער אין די קנוילן רויך האָבן זיך אָנגעהויבן

אַרויסשיילן מאַני לייב מיט אַ פינגער, וואָס האָט זיך געוויגט טייטלדיק פאַר זיין נאָז און מיט די שכור׳ליך־גרינע אויגן פאַרזשמורעט אָנגעשטעלט אויף דעם ניט־שיינעם, מיט קלייען באַשאָטענעם אָבער מיט גבורה און עזות שפּריצנדיקן פּנים פון משה לייב האַלפּערן; יוסף ראָלניק מיט אַ שווערע פאַר וואָנצעס, וואָס האָבן געוואָרפן אַ שאָטן פון אַ קלוגן שמייכל אויף זיין געווינט־ליך זיך היטנדיקן און שטענדיק אומעטיקן פּנים; זישא לאַנדוי, ווי אַלעמאָל מיט אַ שקאָצישן בליק און מיט דעם פאַרשייטן בלאָנדן לעקעלע, באָהעמיש (אויסגערעכנט) צעפּאַטעלט איבער דעם שיינעם ווייסן שטערן; י. י. שוואַרץ, מיטן שענסטן קאָפּ און געטאָקטסטן פּנים אין דער גאַנצער חבריא; דער אייביק צעשויבערטער און אייביק אָנגעכמורעטער, מיט פלענער אָנגעשטאָפּ־טער און פון ענערגיע שיער ניט פּלאַצנדיקער דוד איגנאַטאָוו; דער שוואַרצער, בייניקער, און ביז די אויגן באַוואָקסענער א. ראַבאָי, מיט דער אייביקער פּיפּקע אין דער האַנט און מיטן ליכטיקן שמייכל אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן; משה יונה חיימאָוויטש, וואָס האַלט זיך אין איין עדות׳ן, דאָ מיט דעם און דאָ מיט יענעם, צי האָט ער ניט געזאָגט דאָס און צי האָט ער ניט געזאָגט יענעס נאָך מיט אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן צוריק; זוני מאָוד, שטענדיק מיט עפּעס אַ שפּילכעל אין די הענט און מיט אַ ווערטל, וואָס מאַכט אַלעמען לאַכן, כאָטש עס איז גאָר ניט קאָמיש; דער קליינער א. מ. פוקס, (אָדער „פוקסל״, ווי מיר האָבן אים גערופן פאַרציִגן), מיט די אויגן פון אַ שאַלטיק און שאַרפע נאָז פליגל, וואָס ציטערן ווי ביי אַ פאַרליבט מיידל, און נאָך און נאָך אַ צענדליק אָדער צוויי צענדליק אַנדערע.

איך געדענק שוין ניט וועגן וואָס מען האָט זיך דאָס אַזוי געקאָכט, ווען איך בין אַריינגעקומען. איך ווייס נאָר, אַז איך אַליין בין באַלד אויך געווען אין מיטן דער קאָכעניש. און עס האָט געקאָכט אַ שעה און צוויי און דריי. פון איין טעמע איז מען אַריבערגעשפּרונגען צו אַ צווייטער, פון אַ צווייטער צו אַ דריטער; באַלד איז מען צוריק געווען ביי דער ערשטער און מען האָט געזוכט צו באַשטעטיקן מיט ציטאַטן פון לידער און פון דעם, וואָס דער אָדער יענער אויטאָריטעט האָט געזאָגט וועגן דעם ענין. און פּונקט אַזוי האָט מען געזוכט צו באַשטעטיקן פּונקט דאָס פאַרקערטע און אויך פאַר דעם האָט מען געפונען שלאָגנדיקע באַווייזן ביי אַנדערע אויטאָריטעטן. אַ טייל פון די שרייבער זיינען אַוועק. אַנדערע זיינען געקומען. נאָך אַנדערע זיינען אַוועק און ווידער אַנדערע זיינען געקומען. מען האָט פאַרטרונקען מיט קאַווע און מיט טיי און מען האָט פאַרביסן מיט לאַטקעס, מיט בלינצעס, מיט קיכלעך און מיט זעמל און דער עיקר מיט פּאַפּיראָסן. שעה נאָך שעה איז פאַרפלויגן. די נאַכט איז צוגעפאַלן און מען האָט ניט באַמערקט. פון דעם גרויסן עולם איז אַ העלפט שוין געהאַט אויסגערונען. אָבער מיר, די איבעריקע, וואָס זיינען

פאַרבליבן, זיינען ווייטער געזעסן. דער שוויס האָט זיך געגאָסן. אָבער מען איז אַלץ געזעסן און מען האָט דיסקוטירט. פון בופעט האָט גודמאַן געהאַלטן אין איין שיקן שטעכיקע און ביטול׳דיקע בליקן אין אונזער זייט. אָבער מיר האָבן ניט געזען ניט אים און ניט זיינע בייזע בליקן און מען האָט ווייטער געצויגן דעם שמועס. ענדליך האָט גודמאַן אַ זאָג געטאָן: „אפילו אין גיהנום איז אויך דאָ אַ צייט, ווען מען רוט. גייט אייך שוין געזונטערהייט!“ אָבער געקלונגען האָט עס — ווי צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

דעמאָלט איז שוין געווען אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג, און וויפיל עס זיינען נאָך פאַרבליבן פון אונז האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן איבערן קליינעם סואַרד פּאַרק צו דילענסי סטריט, פון דאָרטן מיט עסעקס סטריט צו עוועניו „איי“, איבער דעם טאָמסאָן פּאַרק צו עוועניו „בי“, פון דאָרטן מיט דער צענטער גאַס צום וואַסער, וואו איינער האָט געוואוסט פון אַ וואונדערליכן אָרט, לעבן אַ געהילץ לאַגער, וואו עס איז זייער שיין און קיל. פון דאָרטן צוריק צו טאָמסאָן פּאַרק און דערנאָך ערשט איבער די נומערירטע גאַסן. די גאַנצע צייט האָבן די מיילער זיך ניט פאַרשלאָסן. מען האָט אַלץ געפונען וועגן וואָס צו דיסקוטירן.

סוף־כל־סוף אָבער האָט דער עולם אָנגעהויבן ווערן אַלץ קלענער און קלענער, ביז מיר זיינען פאַרבליבן בלויז צוויי — איך מיט מאַני לייב׳ן. איך בין געווען ניט ווייט פון מיין היים. מאַני לייב אָבער האָט געוואוינט אין ברוקלין און עס איז אים מיט אַמאָל געוואָרן זייער אומעטיק צו גיין אַהיים און ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים באַגלייטן כאָטש ביז דילענסי סטריט, וואו ער וועט נעמען די קאַר, וואָס וועט אים פירן אַהיים. אויף דילענסי סטריט האָט ער ערשט גענומען מיך אָפּפירן אַהיים און אין מיטן וועג האָבן מיר זיך ווידער פאַרקירעוועט אויף דילענסי סטריט. איצט זיינען אַלע ליטעראַרישע שמועסן שוין געווען אויסגעשעפּט. איצט איז געווען דער נאָגנדיקער טרויער פון מנחה־צייט, כאָטש געהאַלטן האָט עס פאַר זון־אויפגאַנג. און מען האָט זיך צערעדט וועגן דעם שווערן וואָכדיקן לעבן, וועגן דעם טרויער פון דעם שווערן לעבן און וועגן די נאָגענישן און בענקשאַפטן, וואָס שלעפּן דורך די נעכט פון די היימען און ווי אָט דאָס אַלץ, אָט די אַלע לאַנגע און נודנע רייד זיינען דאָך אין תוך ניט מער ווי אַן אַנטלויפן, ווי אַ וועלן פאַרשרייען אין זיך יענע ציענישן און יענע בענקשאַפטן. און דערביי דערציילט ער מיר אַזוי זיך, כלאחר יד, אַז יעדעס מאָל ווען ער קומט אַהיים זייער שפּעט ביינאַכט, גייט ער ניט אַריין אין זיין וואוינונג דורך דער טיר, נאָר קלעטערט אויפן דאַך און פון דאָרטן מיטן פייער עסקייפּ צו אַ פענסטער פון זיין וואוינונג און אַזוי קריכט ער אַריין צו זיך אין שטוב, ווי אַ גנב, זיין ווייב זאָל ניט דערהערן, און אַז איינמאָל האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און געעפנט דאָס פענסטער פון

זיינעם אַ שכן אַן איטאַליענער, און ווי יענער האָט געמיינט, אַז ער איז אַ גנב, האָט ער זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ סטילעט.

ווען מאַני לייב איז ענדליך אַראָפּ צו זיין קאַר איז די זון שוין געהאַט אויפגעגאַנגען אויף דער ברוקלינער זייט פון איסט ריווער. ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל, ווי איך בין אַוועקגע־שטאַנען פון מיין היים אַ גאַנצע נאַכט, און אַז איך האָב גאָר ניט געזאָגט אין דער היים פאַר מיין אַוועקגיין, אַז איך וועל זיך זאַמען, און אַז איך האָב מיט מיין ווייב געזאָלט גיין צו גאַסט צו אַ קרוב. און עס איז מיר געווען גאָר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דער פערטער גאַס. אַז איך בין געקומען צום הויז, וואו איך האָב געוואוינט, איז דאָס שפּייז קרעמל אונטן שוין געווען אָפן און דער שפּייז־קרעמער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט מיך אַנגעקוקט מיט גרויס ביטול און אַ פרעג געטאָן:

„יונגערמאַן, איז דאָס אייער ווייבל געלאָפן אויף דער פּאָליציי אייך זוכן?"

זעכציק טעג מיט אברהם ליעסינען

1.

ס'איז געווען אין מיטן ווינטער, באַלד נאָך ניי־יאָר פון 1938, ווען ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט מיר דערציילט, אַז דאָס דיכטער־פּאָר, מלכה לי און אהרן ראַפּאָפּאָרט, בויט אַ זומער־קאָלאָניע צופוסנס פון אַ באַרג אין אַ וואונדערשיינער געגנט פון אָלסטער קאָונטי. דערווייל, האָט מיר ווייטער דערציילט ביאַלאָסטאָצקי, האָבן מלכה לי און אהרן ראַפּאָפּאָרט אויסגעבויט ניט מער ווי פינף שטיבלעך, און כמעט אַלע זיינען זיי שוין פאַרדונגען. דאָס גרעסטע שטיבל, וואָס איז פריער געווען אויסגערעכנט פאַר צוויי פאַמיליעס, און וואָס האָט אַ גרויסן גאַניק פון פאָרנט, האָט געדונגען א. ליעסין. דאָס צווייטע, אין דער זעלביקער ריי, האָט געדונגען מרים כהן, די אלמנה פון דעם באַוואוסטן פאָלקלאָריסט י. ל. כהן. דאָס דריטע ער, ביאַליסטאָצקי אַליין. דאָס פערטע אַ לערערין אין אַ ניו יאָרקער פּאַבליק סקול. פאַרבליבן איז בלויז דאָס לעצטע, אָדער פאַרקערט, דאָס ערשטע, וואָס מלכה לי און ראַפּאָפּאָרט האָבן לכתחילה געלאָזט אויסבויען פאַר זיך אַליין. שפּעטער אָבער האָבן זיי זיך באַרעכנט, אַז דערווייל, ביז די קאָלאָניע וועט זיך אָנהייבן באַצאָלן, קאָנען זיי אַליין נאָך שטיין אין דעם גרויסן הויז, וואָס געהערט צו ראַפּאָפּאָרט'ס פאָטער, און דאָס שטיבל, וואָס זיי האָבן לכתחילה געבויט פאַר זיך, פאַרדינגען צו עמיצן אַנדערש. אויב איך וויל, זועט ער, ביאַליסטאָצקי, רעדן מיט מלכה'ן אָדער „אַרטשי'ן, ווי ער האָט גערופן ראַפּאָפּאָרט'ן פאַרצויגן, און זיי וועלן דאָס שטיבל האַלטן פאַר מיר.

אין מיינע יונגע יאָרן האָט מיך רק געצויגן צו וואַנדערן. נאָר אַזוי ווי איך האָב פרי חתונה געהאַט און בין פרי געוואָרן אַ טאַטע פון דריי קינדער, און האָב זיך קיין לאַנגע רייזעס ניט געקאָנט פאַרגינען, האָב איך מיין „וואַנדערלוסט" געשטילט מיט דעם, וואָס איך האָב אין די שבתים און זונטיקס זיך אַרויסגעכאַפּט פון צייט צו צייט אין וועסטשעסטער קאָונטי, צפון ניו דזשוירזי און היפשע שטרעקעס אין לאָנג איילאַנד. די קורצע אַרויספאָרן האָב איך געמאַכט מיט טראַמוויען, וואָס פלעגן אַמאָל צירקולירן צווישן די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין די דערמאָנטע געגנטן, מיט אָמניבוסן, ווען זיי האָבן פאַרביטן די טראַמוויען, און מיט לאָקאַלע באַנען. שפּעטער, אַז פריינט און באַקאַנטע האָבן אָנגעהויבן האָבן אייגענע אויטאָמאָבילן, האָב איך צוגערעדט, און אַ טייל האָבן זיך געלאָזט צורעדן, מען זאָל זיך אַרויסלאָזן און מיך מיטנעמען אויף לאַנגע שטרעקעס „אַפּסטייט", ניו יאָרק. און אָט אַזוי האָב

איך זיך מיט דער צייט באַקענט מיט גרויסע טיילן פון דעם שטאַט ניו יאָרק, און געוואוסט פון כמעט אַלע הערליכע פונקטן, וואָס אונזער „אימפּעריע־שטאַט" פאַרמאָגט. אָבער גראָד יענעם פונקט, וואו די נייע זומער־קאָלאָניע איז געבויט געוואָרן, האָב איך נישט געקענט. ביאַליסטאָצקי האָט פאַר מיר אָבער גע־שילדערט אַזוי לעבעדיק די שיינקייט פון יענער געגענט, ווי ער האָט זי געזען ווינטער־צייט, אַז ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך וועגן דעם גלייך איבערגערעדט מיט אַננאַ מאַרגאָלין, און אין אַ האַלבער שעה אַרום אין יענעם אָוונט האָב איך דאָס שטיבל שוין געהאַט געדונגען.

די ביאַליסטאָצקיס און די ליעסין־פאַמיליע זיינען יענעם זומער אַרויס־געפאָרן אין דער קאָלאָניע נאָך אין מיטן יוני, מיט אַ צוויי וואָכן פריער איידער די שולן פון ניו יאָרק שליסן זיך און דער גרויסער עולם לאָזט זיך אַרויס אויפן לאַנד. איין טאָג קריג איך פון ביאַליסטאָצקין אַ בריוו, אין וועלכן ער דערציילט מיר, אַז זיי האָבן דאָרטן געהאַט אַ גאָס רעגן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבער דריי מעת־לעת און די גאַנצע קאָלאָניע איז געווען אַזוי פאַרפלייצט, אַז מען האָט פון די שטיבלעך נישט געקאָנט אַרויסגיין. אָבער אַז מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי פון פערטן טאָג איז מער קיין רעגן נישט געווען. דער הימל איז, אמת, נאָך אַלץ געווען פאַרצויגן מיט שוואַרצע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך געיאָגט נידעריק און געשראָקן. אָבער ליעסין איז געשטאַנען אויפן גאַניק פון זיין גרויסן שטיבל אין אַ סוועטער און אַ פּאָר ברייטע ווייסע פלודערן, ווי נח פאַרצייטנס אויף דער דעק פון דער תיבה, מיט אַ האַנט ווי אַ דעקל פאַר די אויגן, און ער האָט געקוקט און געקוקט אין אַלע זייטן צו זען, אויב דער מבול האָט שוין באמת אויפגעהערט. דאָס דאָזיקע בילד, ווי ליעסין שטייט אין אַ פּאָר ברייטע, ווייסע פלודערן, ווי נח פאַרצייטנס אויף דער דעק פון זיין תיבה, האָב איך דערנאָך דעם גאַנצן זומער נישט געקאָנט פאַרגעסן. הגם פערזענליך האָב איך דערנאָך ליעסינ'ען אין אַזאַ פּאָזע קיינמאָל נישט געזען.

אַננאַ מאַרגאָלין און איך זיינען אַרויסגעקומען אין דער קאָלאָניע דעם פינפטן אָדער זעקסטן יולי. ס'איז שוין געווען אַרום פינף פאַרנאַכט ווען די מאַשין, וואָס האָט אונז געבראַכט צו פירן, האָט זיך פון הויפּט־וועג פאַר־קערעוועט מיט אַ זייטיק וועגל, וואָס פאַרמערישע וועגענער שניידן געוויינטליך אויס מיט זייערע רעדער אין לויף פון יאָרן. די מאַשין איז בלויז דורכגעפאָרן אַ קליינעם סאָד פון אַלטע עפּל־ביימער, זיך נאָכאַמאָל אַ קערעווע געטאָן לינקס און געבליבן שטיין אויף אַ לאַנגן און ברייטן באַגראָזטן פּלאַץ, וואָס איז געווען באַגאָסן מיטן גאָלד פון אַן אָנהייב פאַרנאַכטיקער זון, פאַר אַ קליין ווייס שטיבל מיט גרינע פענסטער, וואָס האָט אַ פאַרשפּיצט דעכל פון אויבן און אַ קליין אָפן גאַניקל פאַר דער טיר. נאָך איידער אַננאַ מאַרגאָלין

און איך האָבן רעכט אַראָפּגעלאָזט די פיס אויף דער באַגראָזטער ערד, האָב איך דערזען ווי פון דער אַנדערער זייט באַגראָזטן פלאַץ, וואו ס׳זיינען גע־שטאַנען בלויז צוויי שטיבלעך ענליך צו מיינעם, נאָר איינס כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס, לאָזט זיך גיין צו אונז אַ מיטלוואוקסיקער מענטש אין ברייטע ווייסע פלודערן און אַ ווייס העמד מיט קורצע אַרבל און אַן אָפענעם האַלז.

„נח פון דער תיבה!״ זאָג איך צו זיך שטיל אין האַרצן, און גיי דעם מענטשן אַקעגן. מיר טרעפן זיך אין מיטן וועג און בלייבן שטיין איינער קעגן אַנדערן. ליעסין שטייט פאַר מיר מיט אַ גרויס, גוטמוטיק און זייער פריינטליך פנים, און זיין יונישע נאָז ווערט פון אויבן פול מיט דינע קנייטשעלעך, ווען ער צע־שמייכלט זיך און שטרעקט אויס צו מיר אַ גרויסע און ברייטע האַנט:

— שלום עליכם!

2

נאָך אין זעלביקן אָוונט זיינען ליעסין, אַננאַ מאַרגאָלין און איך גע־גאַנגען שפּאַצירן אויפן וועג פאַרן טויער פון דער קאָלאָניע, און, ווי גע־וויינטליך צווישן שרייבער, האָט מען גערעדט „שאָפּ״. וועגן פּאָעזיע, פּאָעטן, דעם צושטאַנד פון אונזער ליטעראַטור און, ווידעראַמאָל ווי צווישן שרייבער, ווען מען קומט זיך צוזאַמען, אויך אַ ביסל רכילות. דעם צווייטן אָוונט האָבן מיר זיך ווידער אַרויסגעלאָזט אינאיינעם אויפן זעלביקן וועג און אַזוי אויף דעם דריטן. אָבער צוריק אין דער קאָלאָניע זיינען מיר אין דריטן אָוונט שוין ניט געגאַנגען אַלע דריי צוזאַמען, ווייל ליעסין איז פריער אַנטלאָפן איינער אַליין, און מיך מיט אַננאַ מאַרגאָלין געלאָזט שטיין אויפן מיטן וועג. די סיבה איז געווען אַ וויכוח צווישן ליעסינ׳ען און אַננאַ מאַרגאָלין וועגן דעם רוסישן פּאָעט, וואַלערי בריוסאָוו. איך געדענק שוין ניט, וואָס עס האָט דעמאָלט געפירט צום וויכוח. כ׳געדענק אָבער גענוי, ווי ליעסין האָט בריו־סאָוו׳ן אינגאַנצן מבטל געמאַכט און אַננאַ מאַרגאָלין האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים.ביידע זיינען געבליבן איינגע׳עקשנ׳ט ביי זייערע מיינונגען און דער וויכוח איז מיט יעדער מינוט געוואָרן שאַרפער. ביידע זיינען זיי געווען שטאַרק סוביעקטיווע מענטשן און דער וויכוח האָט לאַנג ניט געקאָנט אָנ־געהאַלטן ווערן אויף דער געהעריקער אָביעקטיווער הייך. ס׳האָבן באַלד אָנגעהויבן פאַלן בייסיקע ווערטער פון ביידע צדדים. דער סוף איז געווען אַ גאָר בייז וואָרט פון ליעסינ׳ען אויפן חשבון פון אַננאַ מאַרגאָלין און נאָך אַ בייזערס פון אַננאַ מאַרגאָלין אויף לעסינ׳ס חשבון. פון זיין זייט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן פון איר ווי אַ דיכטערין. אַי, ער האָט זי געדרוקט אין דער „צוקונפט״? איז עס נאָר געווען פון רחמנות־וועגן. פון איר זייט: אַז דאָס, וואָס זי הערט איצט וועגן זיך, האָט זי פון זיין מויל געהערט כמעט וועגן יעדן פּאָעט, וואָס ער האָט געדרוקט אין דער „צוקונפט״, און

דוקא וועגן זיך אַליין האָט זי פון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער לויבט אירע לידער ביזן הימל אַריין. אָבער זי לייגט סיי־ווי פּונקט אַזוי פיל ווינציק געוויכט אויף זיין לויב ווי אויף זיין טאַדל, מחמת איר גייט נאָר אָן די מיינונג פון פּאָעטן, וואָס זיינען עפּעס פאַר איר, און ער איז עס קיינמאָל ניט געווען. דער פּאָעט ליעסין מיינט פאַר איר לחלוטין גאָר ניט. איך האָב זיך אין דעם וויכוח ניט געמישט. מחמת איך קען ניט קיין רוסיש, און בריוסאָוו איז פאַר מיר געווען בלויז אַ נאָמען, וואָס איך האָב געהערט פון אַננאַ מאַרגאָלין און מיינע נאָענטסטע חברים, מאַני לייב און זישאַ לאַנדוי, און אפשר האָט אַמאָל איינער פון זיי פאַר מיר געפּרואווט איבערזעצן בריוסאָוו'ס אַ ליד ווערטערליך. און ווייל איך האָב זיך ניט געמישט, האָב איך מיט אַ ציטער אין האַרצן געזען ווי דער שטורעם וואַקסט און געפילט ווי יעדע סעקונדע קאָן קומען אַ קראַך. אָבער, אַז אַננאַ מאַרגאָלין וועט גיין אַזוי ווייט און זאָגן, אַז „דער פּאָעט ליעסין מיינט פאַר איר לחלוטין גאָר ניט", אויף דעם האָב איך זיך ניט גערעכנט. און ווייזט אויס, אַז ליעסין איז פון דער דאָזיקער באַמערקונג גאָר טיף געטראָפן געוואָרן. וואָרים ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דעם אָרט, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען און ווי אַן אונטערגעשאָסענער אַנגעהויבן שפּאַנען אויף שנעל צוריק אין דער קאַלאַניע אַריין.

יענע נאַכט זיינען ביידע ניט געשלאָפן. אַננאַ מאַרגאָלין האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס זי האָט אין דער צעהיצטקייט זיך געקאָנט פאַרגעסן אַזוי ווייט, אַז זי זאָל ליעסינ'ען אַ זאָג טאָן, אַז ווי אַ פּאָעט עקזיסטירט ער ניט פאַר איר. בפרט, ווען דאָס איז לחלוטין פאַלש, ווען זי האַלט דוקא זייער פיל פון אים ווי אַ פּאָעט, טראָץ דעם וואָס ער איז ניט איר פּאָעט און לויט אירע באַגריפן אַלטמאָדיש אין מעטאָד און גאַנץ אָפט פאַרעלטערט, ווייל ניט פּרעציז און ניט אייגנאַרטיק אין אויסדרוק. זי האָט זיך סתם געשטראָפט, למאי זי האָט זיך געצילט אים צו טרעפן און ווי צו טאָן, טראָץ דעם, וואָס ער האָט איר פריער וויי געטאָן, און אומגערעכט וויי געטאָן. ליעסין האָט ניט געקאָנט שלאָפן, ווייל ער האָט יענעם אָוונט געהערט פון אַננאַ מאַרגאָלין עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט געהערט פון עמיצן אַנדערש. ער איז באַרימט געוואָרן נאָך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן אויף יענער זייט ים, און דאָ, אין אַמעריקע, האָט מען אים אין די ערשטע יאָרן געפּיעשטשעט ווי זייער אַ גרעאָטענעם, ציטערדיקן בן־יחיד, אַזוי, אַז אַפילו אב. קאַהאַן האָט איבער אים ניט געקאָנט האָבן קיין שליטה. שפּעטער, ווי דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", איז ער געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור, און זיין הויז איז געוואָרן אַ בית ועד פאַר שרייבערס און קינסטלערס. די מערסטע, וואָס זיינען געקומען צו אים אין שטוב אַריין, האָבן אים געלויבט אין הימל אַריין. אַנדערע אַפילו קריכעריש גע'חנפה'ט. אַוודאי זיינען געווען אַ סך, וואָס

האָבן אים, פּונקט ווי אַננאַ מאַרגאָלין, ניט געהאַלטן פאַר זייער פּאָעט, און הינטער די אויגן אים אפילו אין גאַנצן מבטל געמאַכט ווי אַ פּאָעט. אָבער זאָגן עס אים אין אויגן, האָט זיך קיינער ניט דערוועגט. אַננאַ מאַרגאָלין איז געווען די איינציקע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ „חוצפּה". אַזוי גיך ווי ער איז אין דער פרי אויפגעשטאַנען, האָט ער אויפן טעלעפאָן אָפּגערופן עטליכע פריינט אין ניו יאָרק און דערציילט זיי וועגן דער „חוצפּה" אַזוי, אַז אויפן צווייטן צי דריטן טאָג האָט מען שוין וועגן דעם גערעדט אין דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע.

ווען אַננאַ מאַרגאָלין איז אויפגעשטאַנען אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן: — איך וויל, ראובן, אַז באַלד נאָכן אָנבייסן זאָלסטו אַריבערגיין צו ליעסינ׳עו. מיט מיר וועט ער שוין קיינמאָל מער ניט רעדן. זאָג ניט, אַז יאָ. איך קען אים בעסער. דו ביסט קיינמאָל ביי אים אין הויז ניט געווען. איך בין געווען ביי אים אַן אָפטער גאַסט, און איך ווייס, אַז די מינדסטע באַליידיקונג פאַרגעסט ער קיינמאָל ניט. און איך האָב אים נעכטן אָונט שטאַרק באַליידיקט. איך האָב חרטה, שטאַרק חרטה. איך וואָלט געגאַנגען צו אים און זיך אַנטשולדיקט. איך ווייס אָבער, אַז דאָס וועט ניט העלפן. אַזאַ איז ער. איך וויל אָבער ניט האָבן קיין רוגז צווישן אייךביידן. ווייל ערשטנס, דאַרפט איר זיין צוזאַמען אויף איין אָרט גאַנצע צוויי חדשים, און ס׳וועט אונז אַלעמען דאָ זיין ענגער, ווען ס׳זאָל זיין אַ רוגז אויך צווישן אייך ביידן. צווייטנס, פיל איך זיך שולדיק, ווייל דו ווייסט דאָך, אַז איך האַלט דווקא פון ליעסינ׳ען ווי אַ פּאָעט, טראָץ דעם, וואָס ער איז ניט מיין פּאָעט. אַחוץ דעם איז ער ליעסין, דער גרויסער למדן, דער גרויסער ערודיט, דער שאַרפער זשורנאַליסט און סתם דער מענטש מיט גרויסע פאַרדינסטן, און איך האָב זיך ניט געטאָרט פאַרגעסן.

און באַלד נאָכן אָנבייסן בין איך טאַקע אַריבערגעגאַנגען צו ליעסינ׳ען. ער איז געזעסן אויפן גאַניק אין דרויסן, ווען ער האָט געזען, אַז איך פאַרנעם זיך אין דער ריכטונג פון זיין שטיבל. לעבן אים איז אויך געזעסן זיין טאָכטער, רחל׳ע. ביידע האָבן שטאַרק געקוקט אויף מיר, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו זיי. איך האָב מורא געהאַט, אַז ליעסין וועט זיך אויפהייבן ווען ער וועט מיך דערזען, און אַרייך אינעווייניק אין שטיבל. אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. איך בין צוגעקומען, געזאָגט אים גוט מאָרגן, ער האָט געענטפערט: גוט מאָרגן, גוט יאָר און מיר האָבן פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס וועגן אַ סך זאַכן, ווי ס׳וואָלט דעם אָוונט פריער, צווישן אים און אַננאַ מאַרגאָלין, גאָר ניט פאָרגעקומען. ער האָט אָבער געקוקט קאַלט אויף מיר און פון צייט צו צייט אַפילו אַ וואָרף געטאָן אַ בליק פון חשד אויף מיין זייט. אָבער פונדעסטוועגן האָט מען געשמועסט און גאַנץ לאַנג. די גאַנצע

צווײ חדשים, וואָס מיר האָבן זיך געפֿונען אין דער קאָלאָניע, האָט ליעסין מער קײנמאָל ניט געקוקט אויף דעם אָרט, וואו ער האָט געזען שטײן אַננאַ מאַרגאָלין, און איז קײנמאָל ניט צוגעקומען נעענטער ווי אַ הונדערט טריט פֿונ׳ם שטיבל, אין וועלכן מיר האָבן געוואוינט. הגם דאָס האָט אים אָפּט פֿאַרשאַפֿט אומבאַקוועמליכקײטן און ער האָט איבער דעם גאַנץ אָפּט געמוזט מאַכן אומוועגן פֿון גאַנצע בויגנס, נאָר כּדי אונזער שטיבל אויסצו־מײדן. אָבער איך בין כּמעט יעדן טאָג אַריבערגעגאַנגען צו אים, און גאַנץ אָפּט אַפֿילו עטליכע מאָל אַ טאָג, און פֿאַרבראַכט מיט אים אויפֿן גאַניק שעה׳ן נאָכאַנאַנד. אַ סך מאָל האָבן מיר זיך געטראָפֿן לעבן אַ שורה עשען־בײמער, וואו ליעסין האָט ליב געהאַט אויפֿצוהענגען זײן העמאַק אין די נאָכמיטאָגן, און אַ סך מאָל האָט שוין אײנער פֿון אונז געוואַרט אויפֿן צווײטן אויף אַ הײ־פֿעלד הינטער דער קאָלאָניע אָדער אויפֿן וועג פֿאַר דער קאָלאָניע. צווישן אונז בײדן איז אַפֿילו אײן מינוט קײן רוגז ניט געווען. פֿאַרקערט גאָר, איך בין אים יענעם זומער, — וואָס איז, אגב, לײדער, געווען דער לעצטער זומער פֿון זײן לעבן, — געוואָרן גאַנץ נאָענט, און ער מיר — גאָר נאָענט. ווײל כאָטש איך האָב געקענט ליעסינ׳ען זינט 1905, אָדער אפֿשר נאָך פֿון פֿריער, האָב איך זיך אָבער מיט אים אמת באַקענט ערשט אין יענעם זומער פֿון 1938. אין זײן הויז בין איך קײנמאָל ניט געקומען ווי אַ פּאָעט צו זײן רעדאַקטאָר. איך בין אין זײן הויז בכלל געווען בלויז אײן־אײנציק מאָל אין מײן לעבן און דווקא ווען ער איז אין דער הײם ניט געווען. געקומען אַהין בין איך צופֿעליק, באַגלײטנדיק אַ דאַמע, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט זען מיט ליעסינ׳ס שוועגערין בײלע. אמת באַקענט זיך מיט אים האָב איך ערשט אין יענעם זומער־קאָלאָניע. באַקענט זיך מיט אים און דערקענט אים, און פֿאַר אים געקראָגן גרויס־דרך־ארץ.

3

אַז מען איז געזעסן אויפֿן גאַניק פֿון ליעסינ׳ס שטיבל האָט מען געהאַט פֿאַר די אויגן אַ הערליכע פּאַנאָראַמע פֿון די קעטסקיל בערג, ווי זײ זײנען געלאָפֿן אין אַ האַלבן קרײַז, דרײַ קײטן אײנע הינטער דער אַנדערער און אײנע העכער פֿון דער אַנדערער, פֿון צפֿון־מזרח אין אַ צפֿון־דרום ריכטונג. ווי אַלע בערג און וואַלקן־פֿאַרמאַציעס, האָבן זײ בײ פֿאַרשײדענע געלעגנהײטן אָנגענומען פֿאַרשײדענע געשטאַלטן. אַ טײל פֿון די בערג האָבן שטענדיק אָנגעהאַלטן די זעלביקע געשטאַלטן. אַזוי האָט אײנער, בײם בויג פֿון צפֿון צו צפֿון־מזרח, אויסגעזען ווי אַ ריזיקער קאָפּ מיט נאָז, קין, אויגן און שטערן צום הימל. מוסאָליני, ווי ער וויל פּאָזירן בײ פּאַראַדן, נאָר אומצײליקע מאָל גרעסער און מעכטיקער, — האָט אַמאָל באַמערקט ביאַליסטאָצקי. און מוסאָליני איז פֿאַרבליבן דער נאָמען פֿון יענעם באַרג דעם גאַנצן זומער. פֿון דער

וויטנס זיינען אַלע בערג געווען בלוי, און די העכסטע האָט מען גאַנץ אָפט אַנגענומען פאַר וואַלקנס. ווי אַלץ, וואָס טורעמט, האָבן די בערג באַוועלטיקט און אַרויסגערופן באַוואונדערונג. צווישן די בערג און דער קאַלאָניע איז געלעגן אַ האַלב־קיילעכדיקער טאָל, דורך וועלכן עס האָט זיך אין פאַר־שיידענע ריכטונגען געדרייט און געשלענגלט דער ראַונדאַוט קריק, איינער פון די לענגסטע און שענסטע שמאָלע שטראָמען צווישן דעם האָדסאָן און דעם דעלעווער. דער טאָל האָט זיך באַהעפט מיט די בערג דורך קליינע, רונדע בערגלעך צופוסנס די קעטסקילס. אין קלאָרע טעג האָט דאָס שפּיל פון ליכט און שאָטן אַנטפּלעקט און באַהאַלטן קלומפּענס הייזער און גאַנצע דערפלעך אויף די רוקנס און פלאַטאָס פון די דאָזיקע בערגלעך, ווי זיי האָבן אַרויסגעלויכטן ווייס און רויט פון פאַרשיידענע שאַטירונגען פון גרין. דער גאַניק פון ליעסינ׳ס שטיבל איז כמעט שטענדיק געווען באַזעצט מיט מענטשן. אָבער די, וואָס זיינען דאָרט געזעסן זיינען ניט געקומען זען די הערליכע לאַנדשאַפט — נאָר ליעסינ׳ען. געווען יענעם זומער עטליכע שרייבער און קינסטלער משפחות אין און אַרום דער קאַלאָניע. אָבער דער צענטער פון דער קאַלאָניע איז געווען ליעסין, און אַלעמען האָט געצויגן צום צענטער. און אַז מען איז געקומען און געזעצט זיך אויף זיין גאַניק, איז מען מערסטנס געזעסן מיט די רוקנס צו די אַרומיקע שיינקייטן און מיט די פּנים׳ער צו ליעסינ׳ען.

געקומען זען ליעסינ׳ען איז מען פון גאַנץ פרי אָן. אָבער צום מערסטן באַזעצט איז דער גאַניק געווען אין די שפּעטע נאָכמיטאָגן און פאַרנאַכטן. דעמאָלט זיינען מיט אים אויפן גאַניק כמעט שטענדיק אויך געווען זיין טאָכטער רחל׳ע און זיין שוועגערין ביילע. מען האָט געקאָנט זען, אַז ליעסין איז געווען שטאַרק צופרידן דערפון, וואָס ער איז דער צענטער, און אַלע ציען צו אים. ער האָט, ווי עס זעט אויס, זיך אויך געפילט גוט, וואָס זיינע נאָענטסטע זיצן לעבן אים. און פונקט ווי כמעט אַלעמענס אויגן זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף אים, זיינען זיינע אויגן געווען אָנגעשטעלט מיט גרויס ליבשאַפט אויף זיין טאָכטער, און גאַנץ אָפט האָט ער אויף פאַרשיידענע קונציקע אופנים אויך זיין טאָכטער געזוכט אַריינצוציען אין דעם שמועס, וואָס איז אָנגעגאַנגען. רחל׳ע איז, ווי באַקאַנט, געבוירן געוואָרן מיט אַ וואַסער־קאָפּ. וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ ריזיקער האָט אויסגעזען דער קאָפּ און אַלץ פאַרקריפּלטער, איינגעשרומפּענער און נישטיקער דער קערפּער. אין גאַנצן גענומען, איז זי געווען אַן אויסטערליש אומבאַהאָלפן פאַרזעעניש, וואָס מען האָט געמוזט פירן, ווייל אַליין האָט זי ניט געקאָנט גיין, און אַפילו געמוזט אינדערזעצן און אויפהייבן, ווייל אַליין האָט זי דאָס ניט געקאָנט טאָן. איך בין אַפילו ניט זיכער, צי האָט מען זי אויך ניט געמוזט קאָרמענען ווי אַ

קינד, ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געזען ווען זי האָט געגעסן. אָט דאָס קליינע, פאַרקריפּלטע און נישטיקע גופ׳ל האָט געליטן פון אַלערליי ווייטיקן. ווען זי איז געווען אין פּיין, זיינען אירע אויגן געווען מוטנע און פאַרוואָלקנט. קוים אָבער איז זי פריי געוואָרן פון פיזישע יסורים, האָבן די אויגן אירע געקאָנט ווערן גרויס און ליכטיק, און דעמאָלט האָבן זיי געוויזן מער ווי דורכשניטליכע אינטעליגענץ. ליעסין האָט געזען, אַז אויך וויפיל זיינע געסט באַמיען זיך ניט צו קוקן אויף זיין איין־איינציק קינד, קאָנען זיי זיך פאָרט ניט העלפן און מוזן דוקא קוקן אויף איר. ווייל דאָס אָבנאָרמאַלע, אומבאַהאָלפענע, דאָס דעפאָרמאַטיווע, וואָס שטויסט־אָפּ אַפילו ווען עס רופט אַרויס רחמנות, ציט אויף זיך בליקן, ווי אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון דער נאָרם. מיר האָט זיך דעריבער אויסגעוויזן, אַז ליעסין האָט מיט זיין ווערלן אַריינציען זיין טאָכטער אין אַ שמועס געוואָלט וויזן זיינע באַזוכער, אַז זיי דאַרפן ניט קוקן אויפן דרויסנדיקן „קרוג, נאָר אויף דעם, וואָס געפינט זיך אין אים״. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קערפּערליך־פאַרקריפּלטע פאַרזעעניש זיינס, פאַרמאָגט היפשע גייסטיקע מעלות, ווי אַ קלאָרן קאָפּ, אַ וואונדערליכן זכרון און אַ גוטע באַהאַוונטקייט אין די אידישע און ענגלישע ליטעראַטורן.

א. ליעסין, דער אידישסטער מענטש צווישן אַלע שרייבער און דיכטער פון זיין דור און קרייז, האָט דוקא געהאַט אַ ניט אידיש, שיר ניט אַ קאַצאַפּיש פנים. על כל פנים האָט ער אויפן ערשטן בליק אויסגעזען מער ווי אַ סלאַוו, איידער אַ איד. אַזוי מיט זיין ברייטן פנים און הויכע קינבאַקן; אַזוי מיט דער יוונ׳ישער נאָז און די גלייכע שטשעטשענע האָר, וואָס זיינען ווילד געפאַלן איבער זיין שטערן. און נאָך שאַרפער מיט זיין ברייטן קין און דעם ניט שיינעם, אַ ביסל קרומליכן מויל, מיט אַן אַראָפּהענגנדיקער, פליישיקליכער אונטערשטער ליפּ, אין קאָנטראַסט צו דער אויבערשטער, וואָס איז געווען דין און שאַרף און האָט געקאָנט ווערן נאָך דינער, ווען ער איז געוואָרן בייז, אָדער איראָניש. אָט דאָס ניט שיינע פנים האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך אַן אייגנאַרטיקן חן און אַפילו אַ ליבקייט, וואָס האָט געצויגן צו זיך, הגם אָפּט האָט זיך גערדאַכט, אַז דאָס איז אַ פנים פון אַ מענטשן, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך היטן. באַזונדערס אָנציענדיק איז זיין פנים געווען ווען דאַרויף האָט געשפילט אַ שמייכל און עס איז פאַרוויכט געוואָרן מיט אומצייליקע דינע קנייטשעלעך. מיט אַזאַ שמייכל האָט מען אים יענעם זומער גאַנץ אָפּט געזען זיצן אויפן גאַניק. באַזונדערס ווען ער האָט באַמערקט, אַז די באַזוכער, וואָס זיינען געקומען צו אים, ווערן דערשטוינט, ווען זיין טאָכטער לאָזט פאַלן אַ באַמערקונג, וואָס ווייזט, אַז די קאַליקע, וואָס איז פיזיש פאַרבליבן כמעט אַ קינד, איז גייסטיק דערוואָקסן. מיט אַזאַ שמייכל האָט מען אים אויך געקאָנט

זען, ווען ער האָט מיט ביטול צונישט געמאַכט אַ באַהויפּטונג מיט וועלכער ער האָט ניט מסכים געווען.

אָבער ניט אַלעמאָל. ווייל ביטול האָט ביי אים אָפט אויך אַרויסגערופן איראָניע. און דעמאָלט איז דער אויסדרוק שוין געווען גאָר אַן אַנדערער. ביטול צו יענעמס מיינונג, קומט תמיד פון זיכערקייט אין דער אייגענער מיינונג. דאָס איז אָבער ניט שטענדיק דער פאַל מיט איראָניע. גאַנץ אָפט איז איראָניע ניט מער ווי אַן אָפּווער־מיטל, אַ פאַרלויפן דעם וועג. מען איראָניזירט איבער דער מיינונג פון אַן אַנדערן דוקא דעמאָלט, ווען מען איז ניט אין גאַנצן זיכער אין דער אייגענער. איראָניע, ווי אַן אָפּוועער־מיטל, איז פּסי־כאָלאָגישער אָנגריף. דאָס רייצט און רעגט אָן צו ווערן נאָך שאַרפער אויפן חשבון פון אַנדערן. דער שמייכל, וואָס באַווייזט זיך דעמאָלט אויף זיין פּנים, איז שוין ניט מער דער גוטמוטיקער שמייכל, וואָס מען זעט ביי אַ מענטשן, וואָס איז אַמוזירט פון יענעמ׳ס שוואַכן דענקען. נאָר פאַרקערט, — אַ בייזער און אַ ביטערער. און ליעסין האָט געקאָנט זיין בייז און ביטער. צו זיין שבח זאָל אָבער געזאָגט ווערן, אַז אין די זעכציק טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט אים יענעם זומער אין דער קאָלאָניע, האָב איך אים זעלטן געזען בייז און ביטער נאָך יענעם אָוונט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער שאַרפער צוזאַמענשטויס צווישן אים און אַננאַ מאַרגאָלין. איך האָב אים אָפט געזען אומעטיק, און אַ סך מאָל אין טיפן צער. אָבער בייז און ביטער — זייער זעלטן. אומעטיק האָב איך אים געזען גאַנץ אָפט איבער אַ קלייניקייט, פון וועלכער אַן אַנדערער וואָלט זיך גאָר ניט געמאַכט. אַלע פּאָעטן זיינען עמפינדליך און ממילא מענטשן פון שטימונגען, אָבער ליעסין איז געווען היפּער־סענסיטיוו. טאָמער האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיצער האַלט ניט, אַז דאָס לעצטע ליד זיינס איז געווען פון די בעסטע וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט דאָס אים געקאָנט מאַכן אומעטיק אויף עטליכע טעג.

און גאַנץ אָפט האָט ער געקאָנט ווערן אומעטיק פון אַ סך ווינציקער ווי דאָס. אָט, למשל, האָב איך איינמאָל באַמערקט, אַז ליעסין שפּאַנט אויפן היי־פעלד הינטער מיין שטיבל אין דער ריכטונג פון עפּל־סאַד, וואו איך בין געזעסן אין שאָטן פון אַ בוים און געליינענט אַ בוך, און אָט גיט ער זיך אַ קער אויס, ווי ער וואָלט חרטה געהאַט, מאַכט אַ גרויסן בויגן איבערן זעלביקן פעלד און דערנענטערט זיך צו דער שורה עשען־ביימער הינטער ביאַליסטאָצ־קי׳ס שטיבל, וואו ס׳הענגט זיין העמאַק. אָבער נאָך איידער ער קומט צו אַהין, דרייט ער זיך ווידער אויס, לאָזט זיך ווידער גיין צו מיר, האָט ווידער חרטה און מאַכט ווידער דעם גרויסן בויגן אין דער ריכטונג צו זיין העמאַק. איך שטויס זיך אָן, אַז לעסינ׳ען ווילט זיך איצט שטאַרק רעדן מיט מיר וועגן

עפּעס. דערפֿאַר לאָזט ער זיך גיין צו מיר. ער האָט אָבער מורא, טאָמער וועט ער לעבן מיר אויך טרעפֿן אַנאַ מאַרגאַלין, און דעריבער האָקט ער איבער דעם גאַנג אין מיטן און קערט זיך צוריק אַהין פֿון וואַנען ער איז געקומען. איך האָב דעריבער זיך אויפֿגעהויבן פֿון מיין אָרט און זיך געלאָזט גיין צו אים. געטראָפֿן האָב איך אים זיצן אין העמאַק מיט זייער אַ פֿאַר־כמאַרעט פּנים.

— וואָס איז, ליעסין? — האָב איך אים געפֿרעגט. — גאָרניט! — האָט ער געענטפֿערט. אָבער דאָס פּנים האָט געוויזן, אַז עפּעס טאָטשעט אים. אַ ווייל זיינען מיר ביידע געשטאַנען שטיל. אָבער באַלד האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ טרויעריק קול: — מלכה איז ניט לאַנג צוריק געווען ביי מיר און מיר געמאַכט זייער נידערגעשלאָגן. מלכה לי איז אין דער קאָלאָניע פֿון אַלעמען גערופֿן געוואָרן בלויז ביי איר ערשטן נאָמען. — מיט וואָס האָט אייך מלכה געקאָנט מאַכן זייער נידערגעשלאָגן? — האָב איך אים געפֿרעגט. — זי האָט מיר דערציילט, — האָט ער וויטער געזאָגט, — אַז דער אָרדן (געמיינט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן) גיט אַרויס איר׳ס אַ בוך לידער אין פֿיר טויזנט עקזעמפּלאַרן און זיי וועלן זיך אַלע פֿאַרקויפֿן. מיין סעט גיט מען אַרויס אין ניט מער ווי פֿופֿצן הונדערט עקזעמפּלאַרן און איך בין זיכער, אַז זיי וועלן בלייבן ליגן אין קעלער. מיט זיין „סעט" האָט ער געמיינט זיינע געזאַמלטע לידער אין דריי בענדער, וואָס זיינען צו יענער צייט שוין געווען אָפּגעדרוקט און אַ סך פֿון זיי שוין אַפֿילו איינגעניייט און מען האָט זיי בלויז נאָך געדאַרפֿט איינבינדן אין די טאָוולען. דאָס וואָס זיין „סעט" ווערט אַרויסגעגעבן אין בלויז פֿופֿצן הונדערט עקזעמפּלאַרן בעת מלכה לי׳ס אַ בוך גיט מען אַרויס אין פֿיר טויזנט, איז געווען גענוג, אַז אויף אים זאָל זיך אַרונטערלאָזן אַן אומגעהויערער אומעט, און ווער שמועסט נאָך דאָס, וואָס מלכה לי איז זיכער, אַז די גאַנצע אויסגאַבע פֿון איר בוך וועט זיך פֿאַרקויפֿן ביז איינס און וואָס ער איז געווען זיכער (אַ זיכערקייט, וואָס האָט זיך, ליידער, כמעט אינגאַנצן באַשטעטיקט), אַז זיינע דריי ביכער וועלן בלייבן ליגן אין קעלער. אָבער אַזוי ווי איך ווער קיינמאָל ניט נתפּעל ווען איך הער, אַז אַ בוך לידער פֿאַרקויפֿט זיך גוט, ווייל איך ווייס, אַז אין וויפֿיל עקזעמפּלאַרן עס זאָל זיך ניט פֿאַרקויפֿן, וועט עס געלייענט ווערן פֿון זייער ווינציק מענטשן, האָב איך ליעסינ׳ען אַ פֿרעג געטאָן: וואָס איז דער חילוק צווישן אין קעלער און פֿיר טויזנט קעלערן? ליעסין האָט מיך אַ ווילדע אָנגעקוקט ווי ער וואָלט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס איך פֿרעג אים. מיטאַמאָל אָבער האָט זיך אַ פּייערל באַוויזן אין זיינע אויגן און זיין פּנים איז באַלויכטן געוואָרן פֿון אַ לייכטן שמייכל.

4

ווען מען זעט אַ מענטשן טאָג־איין טאָג־אויס אַ לענגערע צייט, איז שווער צו האָבן פאַר אים דרך־ארץ. על כל פנים ווערט ער גרינג אין די אויגן. ווארים מען זעט אים אין זיין טאָג־טעגליכער וואָכעדיקער טואונג און מען זעט זיינע שוואַכקייטן. די שוואַכקייטן פון אַ מענטשן מאַכן אים גרינגער אין די אויגן און ממילא וועגן זיי אַריבער די מעלות וואָס גיבן אים חשיבות. איך האָב געזען ליעסינ׳ען זעכציק טעג נאָכאַנאַנד און אין די מערסטע טעג מער ווי איין מאָל, און דאָס ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ביי וועלכע די שוואַכע זייטן זיינע זיינען געווען מער קאָנטיג. און פונדעסטוועגן איז מיין דרך ארץ צו אים ניט שוואַכער געוואָרן. פאַרקערט גאָר — מיט יעדן טאָג איז ער אַלץ גרעסער געוואָרן. און ווי ביי מיר אַזוי ביי אַלע באַזוכער, וואָס זיינען יענעם זומער געקומען זיצן אויף זיין גאַניק. דאָס איז, לויט קאַרלאַיל׳ס אַ באַהויפּטונג, איינער פון די קאָנטיקסטע סימנים פון אַ גרויסן מענטשן. איך ווייס ניט ווי גרויס ליעסין איז געווען ווי אַ פּאָעט. איך פערזענליך קאָן דאָס ניט וויסן, ווייל ער איז ניט געווען מיין פּאָעט, ווי ער איז ניט געווען דער פּאָעט פון מיין גאַנצן דור פּאָעטן. דער פּאָעט ליעסין האָט געהאַט שוואַכע זייטן, וואָס זיינען ביי אונז געווען פאַררעכנט פאַר פּאָעטישע טויט־זינד, אַזוי צו זאָגן. פונקט ווי מיר האָבן געהאַט אונזערע שוואַכע זייטן, וואָס זיינען דערנאָך ביי די אינזיכיסטן פאַררעכנט געוואָרן פאַר אפשר נאָך גרעסערע זינד. קינסטלעכע שוואַכקייטן זיינען דאָס ערשטע, וואָס איין גרופּע קינסטלער דערזעט ביי אַן אַנדערער, און אָט די באַמערקטע נעגאַטיווע שוואַכע זייטן דערלאָזן שוין ניט, אַז איין גרופּע זאָל ביי דער אַנדערער זען די גוטע פּאָזיטיווע זייטן. אין מיינע אויגן זיינען די שוואַכסטע זייטן ביי ליעסינ׳ען געווען: דאָס ניט זיין איבערקלייבעריש אין וואָרט; דער מאַנגל אין חוש פאַר צמצום און סוגעסטיע; זיין צו אימפּעטיקער, זיך פאַרכלינדיקער ריטם; זיין שענקען מער אויפמערקזאַמקייט דער טעמע און דעם גאַנצן ליד איידער דער אויסאַרבעטונג פון דער איינצלנער שורה, און דער עיקר דאָס, וואָס זיין פּאָעטישער אידיאַם איז געווען אַ פאַרעלטערטער. אָט די שוואַכע זייטן זיינע האָבן קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז איך זאָל קאָנען זען די גאַנצע דיכטערישע געשטאַלט ליעסינ׳ס.

איך האָב אָבער פונדעסטוועגן שטענדיק דאָך געוואוסט, אַז ליעסין איז אַן עכטער און קערנדיקער פּאָעט. פונקט אַזוי עכט און קערנדיק און אפשר נאָך מער ווי די אַנדערע פון זיין דור, וואָס האָבן געלאָזן נאָך זיך גרעסערע נעמען ווי ער. זינט יענעם זומער ווען איך האָב דערקענט דעם גאַנצן מענטשן ליעסין, ווייס איך, אַז ער האָט אַ חוץ דעם אויך פאַרמאָגט אַ סך אידיש און וועלטליך וויסן, אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַ חריפות׳דיקן מוח און אַ גרויס האַרץ,

וואָס האָבן שאַרף באַנומען און זיך טיף אָפּגערופן אויפן שווערן גורל פון זיין פאָלק און די גרויסע האָפענונגען פון דער מענטשהייט איף אַ בעסערער און גערעכטערער וועלט־אָרדנונג.

אָבער דער גורל פון אידן איז אים מער אָנגעגאַנגען ווי דער גורל פון דער מענטשהייט. אין יענעם זומער זיינען אין ארץ־ישראל פאָרגעקומען אַראַבישע אָנפאַלן אויף אידן און אויך שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן די אַראַבישע אָנפאַלער און די אידישע באַשיצער. אין יענעם זומער האָט היטלער געסטראַשעט טשעכאָסלאָוואַקיע, און ענגלישע דיפּלאָמאַטן זיינען ספּעציעל געשיקט געוואָרן קיין פּראָג כלומר׳שט אונטערזוכן, צי היטלער׳ס טענות וועגן סודעטנלאַנד האָבן אַ האָפט, אין דער אמת׳ן אָבער אויסצואיבן אַ דרוק אויף דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג, אַז זי זאָל נאָכגעבן היטלער׳ס פאָדערונגען און אָפּגעבן סודעטנלאַנד צו דייטשלאַנד.

די צייטונגען זיינען דעמאָלט געווען פול מיט ביידע סאָרטן ידיעות. ליעסין און איך האָבן ביידע געהאַט אויסגעשריבן די ניו יאָרקער „טיימס". אַלע אינדערפרי זיינען די דאַטשניקעס אַרויס פאַרן טויער פון דער קאָלאָניע און געוואַרט אויף דעם פּאָסטוואָגן, וואָס איז אַלעמאָל אָנגעקומען פּינקטליך אין אַ באַשטימטער צייט. אַז איך האָב געקראָגן די „טיימס" האָב איך דאָס ערשטע געלייענט די נייעס וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע. אַז ליעסין האָט געקראָגן די „טיימס" האָט ער פריער פון אַלץ אויסגעזוכט די ידיעות וועגן ארץ־ישראל. ליעסין האָט באַמערקט, אַז איך כאַפּ זיך פריער פון אַלץ לייענען די נייעס וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע און עס האָט אים אָפּנים שטאַרק פאַרדראָסן. עטליכע פרימאָרגנס האָט ער גאָר ניט געזאָגט. איינמאָל אָבער האָט ער זיך ניט געקאָנט מער איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— איר זייט דאָך גאָר קיין איד ניט, אייזלאַנד. אַרט אייך טאַקע גאָרניט דאָס וואָס ס׳קומט פאָר אין ארץ ישראל?

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז מיך אַרט עס שוין גאָר. נאָר וואָס דען? איך כאַפּ זיך פריער לייענען די ידיעות וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע, ווייל ענגלאַנד׳ס האַנדלונג דאָרטן וועט ווייזן ווי אַזוי זי וועט האַנדלען קעגן אונז אין ארץ־ישראל, און ווי אַזוי זי האַנדלט שוין אין ארץ־ישראל. אָבער, ליעסין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיין ענטפער האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט.

די מערסטע פון די, וואָס זיינען דעמאָלט געקומען צו ליעסינ׳ען האָבן צו אים אַרויפגעקוקט מיט יראת־הכבוד, און געקוקט אים אין מויל אַריין ווען ער האָט עפּעס דערציילט, הגם ער איז געווען אַ כבד־פה, ניט קיין גוטער דערציילער, און דערציילט האָט ער כמעט נאָר וועגן זיך אַליין, און ווי מיר אַלע ווען מיר דערציילן וועגן זיך, איז אין זיין דערציילן געווען מער ווי אַ שמץ פון באַרימעריי. ווען איך פּרואוו זיך איצט דערקלערן פאַרוואָס

די מענטשן האָבן דעמאָלט אַזוי געשפּאַנט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס ליעסין האָט דערציילט, מיין איך, אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דערציילט האָט ער נאָר וועגן זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג און זיינע צוהערער האָבן דורך דעם דערזען פאַר זיך אַמענטשן, וואָס האָט געדאַרפט דורכמאַכן אַ סך ראַנג־לענישן און קאַמפן מיט זיך אַליין אין זיינע איבערגאַנגען פון אַ טיף־פרומען, איינגעוואָרצלטן טראַדיציאָנעל אידישן לעבן צו פרייער וועלטליכקייט; פון לומד׳ישער עילוי׳שקייט צו גרויס אַלעמנטשליך וויסן; פון ענגן רבנ׳ישן און לומד׳ישן יחוס אין אַ הייסן סאָציאַליסטישן קעמפער פאַר די מאַסן און פאַר אַ נייער, שענערער און בעסערער וועלט.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז אָבער געווען, וואָס ביי אַלע מע־טאַרמעפאָזן, דורך וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען אין זיין גייסטיקער אַנטוויק־לונג האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם למדן און דעם רבנישן יחסן אין זיך. ער האָט געצויגן זיין יחוס פון דורות און דורות רבנים, וואָס זיינען צוריקגעגאַנגען ביזן זיבעצנטן און זעכצענטן יאָרהונדערט, און ער האָט זיך שטאַרק געגריסט מיט זיי. איינמאָל איז צוליב דעם אַפילו געקומען צו אַ שטיקל קאָמישע סצענע. צווישן די שרייבער, וואָס האָבן זיך יענעם זומער געפונען אין און אַרום דער קאָלאָניע איז אויך געווען מנשה אונגער. ער האָט עטליכע וואָכן פאַרבראַכט אַרום אַנדערהאַלבן מייל פון דער קאָלאָניע. ווי אַלע אַנדערע שרייבער און קינסטלער, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, איז ער אויך געקומען צו ליעסינ׳ען. איין טאָג איז אין אַ שמועס געקומען צו רייד וועגן יחוס. און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ליעסין און אונגער האָבן זיך ביידע מיחס געווען מיט די זעלביקע רבנים און גדולים, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין פאַרשיידענע אידישע קהלות פון דייטשלאַנד, בעהמען און פוילן מיט עטליכע הונדערט יאָר צוריק.

ליעסין איז אויף אַ ווייל געוואָרן אויסער זיך פון דעם. אים האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, אַז ער, דאָס אייניקל און אור־אייניקל פון גרויסע ליטווישע רבנים און מתנגדים, זאָל ציען דעם זעלביקן יחוס, וואָס אונגער, דער זון, אייניקל און אור־אייניקל פון חסידישע רביים אין גאַליציע. עפּעס איז אויסגעקומען ווי ליעסין וואָלט זיך געפילט באַ׳גזל׳ט דערפון, און געהאַלטן אין איין אויסרופן: ס׳קאָן ניט זיין!

אגב האָט ליעסין, געטריי צו דער שטרענג מתנגד׳יש־לומד׳ישער און רבנישער אַטמאָספערע, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, ניט ליב געהאַט דאָס חסידות. ער האָט דאָס חסידות אויך ניט געקאָנט באַנעמען ווי עס דאַרף צו זיין. צום בעסטן זעט מען דאָס ווען מען פּרואווט פאַרגלייכן זיין ליד „דער באַהעלפער״, אין וועלכן ער פאַרהערליכט דעם פאָטער פון חסידות, דעם בעל־שם־טוב מיט זיין ליד „פראַנציסק פון אסיסי״. אין דעם לעצטן

גיט ער איבער בלויז דאָס, וואָס עס ווערט אין די ביכלעך דערציילט וועגן דעם גרויסן קאַטוילישן מיסטיקער, און אַזוי קאַרג, אַז ס׳באַקומט זיך בלויז אַ צעטל פון די מעשׂים, וואָס ווערן דעם מיסטיקער נאָכדערציילט. און דאָך פילט זיך, אַז ליעסין האָט געהאַט פאַר אים גרויס באַוואונדערונג און פאַר־ערונג. אין דעם ערשטן, פאַרקערט זשאַלעוועט ניט דער פּאָעט קיין „שאַפונג" און ווייזט אונז דעם וואונדערליכן „באַהעלפער" ווי ער גייט אַרויס אין אַ זומערדיקן אינדערפרי און קלייבט צונויף אידישע קינדערלעך. נאָר אַנשטאָט צו פירן זיי אין חדר אַריין, פירט ער זיי אין וואַלד אַריין. און דער וואַלד וואַקסט מיט זיינע ריזיקע, גאָלד־שפּיזיקע, רויט־שטאַמיקע סאָסנעס. און עס וואַקסט די איינזאַמקייט „פול מיט סומנעקייט". אָבער די אידישע קינדער שרעקן זיך ניט. ווייל זיי שפירן „אין יעדן טראָט, אַז זיי גייען, ווי חנוך, מיט גאָט". און זיי זעען ניט די מורא פון דעם געדיכטן וואַלד, נאָר גאָט׳ס חסד און גאָט׳ס חן". דער באַהעלפער צעזינגט זיך, די קינדערלעך צעזינגען זיך, און עס „זינגט דורך זיבן הימלען הויך אַ שול, מיט צדיקים אין עטרות פול" און מיט זיי זינגט דער גאַנצער וואַלד און „דער גרויסער פרק שירה שאַלט" פון אַלע חיה׳ס, אַלע עופות, אַלע ווערעמלעך, אַלע גראָזן און אַלץ וואָס איז דאָ אין דומם און צומח. נאָר מיט צער שטייען דער מכשף און זיין האַר, דער אשמדאי. ווייל זיי „זעען דעם באַהעלפער ווי ער גייט, און אַ נייע וואונדערליכע פרייד אויפן פאָלק ישראל גייט מיט אים מיט, און עס זינגט דער וועלטאַל אין זיין שטים. ביידע שטייען שוואַרץ און ברומען: „דער בעל־שם־טוב איז געקומען! דער בעל־שם־טוב איז געקומען!"

און דאָך און דאָך פילט זיך דווקא אין דער פאַרכלינעטקייט און איבער־געזאַלצנקייט, אַז דער פּאָעט אַליין איז קאַלט צום בעל־שם־טוב, און איז קאַלט צום גאַנצן ענין, און אַז „דער באַהעלפער" איז פאַר אים געווען ניט מער ווי אַ גוטע טעמע, וואָס ער האָט פאַרפושט און געמוזט פאַרפושן, ווייל אין תוך האָט דער בעל־שם־טוב פאַר ליעסינ׳ען ניט געקאָנט זיין מער ווי אַ טעמע.

אין שמועסן וואָס איך האָב געהאַט מיט ליעסינ׳ען האָב איך אים געזאָגט, אַז ווען איך הער אים ריידן און ווען איך לייען זיינע לידער ווייס איך פאַרוואָס דער ווילנער גאון האָט גענומען אַזאַ פיינטליכע שטעלונג צו חסידות. וואָרים ער איז סוף־כל־סוף געווען אַקינד פון יענער ליטוויש־לומד׳ישער שיטה, וואָס האָט ניט גורס געווען קיין חריפות אָן בקיאות, און ביי וועלכער חריפות איז אין תוך געווען ניט מער ווי בקיאות. גאונות איז ביי דער שטה הויפּט־זעכליך זכרון. און געדענקען קאָן מען נאָר דאָס, וואָס איז שוין דאָ, פאַרשריבן און אָנגענומען. ממילא קוקט מען מיט חשד אויף אַלץ וואָס איז ניי און ניט פאַרשריבן פון פריער. גייט מען צו צו אַן ענין דאַרף מען גרינטליך קענען דעם ענין פון אַלף ביז תיו. און שרייבט מען וועגן אַן ענין דאַרף מען איבער־

געבן אין דעם געשריבענעם אַלץ, וואָס מען ווייס וועגן אים און ווי עס איז שוין איבערגעליפערט געוואָרן פון פריער. מען קאָן און מען מעג געבן אַן ענין אַן אַנדערן אויסטייטש. ביים למדן פון דער שיטה איז דאָס אַ רשות, ביים פּאָעט — אַ חוב. וואָרים אויב ניט, וואָס איז דאָ דער פּאָעט מחדש? אָבער קומען מיט אַבסאָלוט נייעס — דאָס קען די שיטה ניט סובל זיין.

באַנוגענען זיך מיט אַ פונק און פאַרלאָזן זיך אויף אים, אַז ער וועט ליכטיק מאַכן אין מוח און האַרצן, און דורך דעם וועט מען דערשפּירן דאָס גאַנצע פייער, דאָס טאָר מען אוודאי ניט. דאָס חסידות האָט זיך באַנוגנט מיט פונקען און מיט זיי געזוכט ליכטיק צו מאַכן דעם וועג פאַר דעם אויסדער־ווײילטן יחיד, דעם צדיק, וואָס אַרבעט אויף זיך צו קומען צו מדרגות, און פאַר דעם גרויסן עולם וואָס באַהעפט זיך אָן אים און לעבט אין שיין פון זיין ליכטיקייט.

דער מאָדערנער פּאָעט באַנוגנט זיך אָפט מיט אַ פונק, אַ רמז און סוגעסטיע, ליעסין האָט דאָס ניט געקאָנט. אים איז דאָס בטבע געווען פרעמד. יעדן ענין וואָס ליעסין האָט באַהאַנדלט, האָט ער אין זיינעם אַ ליד געגעבן אויספירליך מיט אַלע זיינע פּרטים ווי ער האָט זיי געקענט פון פריער. אַמאָל זיינען די פּרטים געווען בלויז אָנגעצייכנט בקיצור, און אַמאָל האָט ער יעדן איינעם אָדער די מערסטע פון זיי עלאַבאָרירט. פּרואוון אַרויסכאַפּן איין שטריך פון אַמענטשן און דורך אים וועלן ווייזן דאָס וויכטיקסטע פון דעם געגעבענעם מענטשן און ממילא שוין אַן אַנונג פון דעם גאַנצן מענטשן, דאָס וואָלט ער ניט געקאָנט, ווען ער זאָל געווען אין זיינע לידער פּרואוון געבן מענטשליכע כאַראַקטערן.

אים איז אויך געווען פרעמד דער עסק פון געבן אַ שטימונג פון אַ מאָמענט, וואָס קאָן אַמאָל באַליכטן דעם גאַנג פון אַ גאַנצן לעבן. ווען מען לייענט חסידישע ספרים׳לעך דערזעט מען ווי נאָענט דאָס חסידות איז אין אַזוינע זאַכן געווען צו דער מאָדערנער פּאָעזיע.

5

פון ליעסינ׳ס שטיבל ביזן טויער פון דער קאָלאָניע איז געווען אויס־געלייגט אַ וועג פון ברעטער. דאָס האָט אהרן ראַפּאַפּאָרט געלאָזט אויסלייגן דעם וועג אויף ליעסינ׳ס פאַרלאַנג, צוליב רחל׳ען. אַליין גיין האָט זי, ווי שוין געזאָגט, ניט געקאָנט. און מען האָט זי געמוזט פירן. און פירן זי אויפן גראָז האָט מען אויך ניט געקאָנט, ווייל די קינדערשע, פאַרקריפּלטע פיסלעך, וואָלטן אין גראָז ניט געקאָנט זיך נאָכשלעפּן אַפילו אַ טראָט, ווען אַפילו מען וואָלט זי געפירט.

איבער אַט דעם בריקל, וואָס איז געווען אַ צוויי הונדערט פוס לאַנג, האָט ליעסין געפירט זיין טאָכטער שפּאַצירן צוויי מאָל אַ טאָג. טיילמאָל האָט עס געטאָן ניט ער, נאָר זיין שוועגערין,ביילע, פירן זי האָט מען געמוזט, מחמת די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז זי מוז האָבן באַוועגונג. אָבער פירן רחל׳ען איז גאָר ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. פּאַקטיש האָט מען זי ניט געקאָנט פירן, נאָר געמוזט שלעפּן. ליעסין אָדער ביילע האָט זי גענומען פאַרן אָרים, און קליין ווי זי איז געווען אין וואוקס, איז זי געהאָנגען אויפן אָרים ווי אַ שווערע משא. נאָך אַזאַ „שפּאַציר" איז ליעסין אָפּט געווען איינגאַנצן באַדעקט מיט שווייס. איינמאָל איז רחל׳ע געפאַלן אויפן שפּאַציר און מיט זיך מיטגעשלעפּט איר פאָטער. ליעסין האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ קראַנק האַרץ, און אויפשטעלן זיך פון דעם פאַל, און נאָך דערצו אויפהייבן רחל׳ען, איז פאַר אים געווען אַ צו גרויסע אָנשטרענגונג. ער האָט זיך טאַקע תיכף געמוזט לייגן אין בעט אַריין און איז געבליבן ליגן אין בעט עטליכע טעג.

ביילע האָט אַמאָל געמוזט זיין זייער שיין. ווי אַלט זי איז געווען יענעם זומער אין דער קאָלאָניע — ווייס איך ניט. ווי אַלט זי איז געווען, ווען איר שוועסטער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט און איבערגעלאָזט נאָך זיך די וויסטע יתומה, דאָס ווייס איך אויך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך בין דאָס איינאיינציקע מאָל געווען אין ליעסינ׳ס הויז, אַ צוויי, צי דריי יאָר נאָך איר שוועסטער׳ס טויט, איז די קאַליקע שוין געווען אויף אירע הענט, און זי האָט אויך אויפגעפּאַסט אויף איר שוואָגער און אויף דער באַלעבאַטישקייט. ווען איך בין אין דער באַגלייטונג פון אַ דאַמע דעמאָלט אַריינגעקומען אין ליעסינ׳ס הויז, האָט ביילע געטראָגן אויף זיך אַ ברייט פאַרטוך און איר קאָפּ איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פאַטשיילע, ווייל זי איז גראָד געווען פאַרנומען מיט ראַמען דאָס הויז. איר איז מסתמא ניט געווען אָנגענעם אַזוי געזען צו ווערן פון אַ פרעמדן מאַנסביל. מיר איז ניט געווען אָנגענעם צו זיין אין הויז, ווען זי איז געווען אין דעם הולך. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אונזערע בליקן האָבן זיך אויסגעמיטן און אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט, האָב איך אַפילו ניט געקאָנט שאַפן זיך קיין באַגריף ווי אַזוי זי זעט אויס. עטליכע און דרייסיק יאָר שפּעטער איז די וויסטע יתומה נאָך אַלץ געווען אויף אירע הענט און זי האָט נאָך אַלץ אויפגעפּאַסט אויף איר שוואָגער און אויף דער באַלעבאַטישקייט.

אָט די צוויי לאַסטן און די לאַסט פון יאָרן האָבן, נאַטירליך, געטאָן דאָס זייעריקע. אָבער שפּורן פון אַמאָליקער שיינקייט זיינען נאָך אַלץ געווען אויף איר פּנים. די פיגור גלייך, און דער גאַנג לייכט. גאָרניט לויט אירע יאָרן. ווען אַ פרעמדער האָט זי געזען זיצן אויפן גאַניק מיט ליעסינ׳ען און

רחל׳ען, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט וויסן, אַז דער מאַן, לעבן וועמען זי זיצט, איז נאָר איר שוואָגער, ווייל איר האַלטונג איז געווען אַ היימישערע און אינטימערע.

עס זיינען אָבער אויך געווען טעג, וועןביילע איז געזעסן פּאַראומערט און דערשלאָגן. אין אַזוינע טעג האָט מען אַמאָל געקאָנט הערן צווישן די פרויען אין דער קאָלאָניע באַמערקונגען, וואָס האָבן געוויזן, אַז זיי טראָגן זיך אַרום מיט אַ שטילן תרעומות אויף ליעסינ׳ען. אַרויסזאָגן אָפן וואָס זיי פאַרדריסט האָבן זיי ניט געקאָנט. ס׳איז פאַרט געווען ליעסין און אַלע האָבן זיי געהאַט יראת־כבוד פאַר אים. אָבער פון אַ מורמעל טאָן אין דער שטיל האָט מען זיך ניט אַלעמאָל געקאָנט איינהאַלטן. פון אַ וואָרט דאָ און אַ וואָרט דאָרט האָט מען געקאָנט אַרויסדרינגען, אַז די פרויען פאַרדריסט, למאי ליעסין האָט ניט חתונה געהאַט מיט זיין שוועגערין נאָך דעם ווי זיין פרוי איז געשטאָרבן.

פאַרוואָס ער האָט טאַקע ניט חתונה געהאַט מיט ביילע׳ן, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. דאָס האָט מען געפּרואווט טרעפן, און עס זיינען אַרויס־געזאָגט געוואָרן צוויי מיינונגען. איינע איז געווען, אַז די מניעה איז געווען ניט פון אים, נאָר פון איר. ביילע, די טאָכטער פון סמאַרגאָנער רב, איז איר גאַנץ לעבן, טראָץ איר רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, פאַרבליבן אַ רב׳ס אַ טאָכטער, מיט די עטישע באַגריפן פון אַ רב׳ס אַ טאָכטער, היפּש אי־בערגעטריבן פון איר אייגענעם קאָדעקס. זי האָט פשוט ניט געקאָנט חתונה האָבן מיט ליעסינ׳ען נאָך איר שוועסטער׳ס טויט, פונקט ווי זי וואָלט אים ניט געקאָנט צונעמען פון איר ביים לעבן.

„באָבקעס״, האָט אַ זאָג געטאָן אַ פרוי, ווען זי האָט געהערט די דאָזיקע מיינונג. „באָבקעס!״ האָט אויך געזאָגט די זעלביקע פרוי, ווען עס איז אַרויס־געזאָגט געוואָרן די אַנדערע מיינונג, אַז ליעסינ׳ען איז געווען אַזוי הייליק דער אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, אַז ער האָט מער מיט קיינעם ניט געוואָלט חתונה האָבן. און דאָס רעטעניש איז פאַרבליבן אַ רעטעניש.

אין די עטליכע טעג, וואָס ליעסין איז געלעגן אין בעט, האָט ביילע, נאַטירליך, געמוזט פירן רחל׳ען שפּאַצירן איבערן בריקל ביידע מאָל אין טאָג און אַזוי ווי דער גאַנצער עול פון דער באַלעבאַטישקייט איז אויך געלעגן אויף איר, און אַחוץ אַרומגיין אַרום רחל׳ען, האָט זי אויך געמוזט אַרומגיין אַרום ליעסינ׳ען, האָט זי אויסגעזען זייער מיד, און מיט דער מידקייט איז אויך געקומען אַן אויסדרוק פון געוואַלדיקער דערשלאָגנקייט. איינמאָל האָט זי זיך אין אַ פאַרנאַכט אַוועקגעזעצט אויפן גאַניק אָפּרוען איינע אַליין. ליעסין און רחל׳ע זיינען פאַרבליבן אינעווייניק אין שטיבל. מיטאַמאָל האָט זיך איר גלייכע פיגור אויסגעבויגן פאָראויס, ווי טיף פאַרטראַכט אין

זיך, האָט זי זיך אָנגעהויבן פֿאַמעליך וויגן אין דער ברייט. מיין איינדרוק איז געווען ווי אַלץ אין איר וואָלט פּלוצים אויסגעשריען: „אויף וואָס האָב איך גע'פּטר'ט מיין לעבן?״

ווען איך האָב דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט אַננאַ מאַרגאַלין, איז זי געוואָרן אין כּעס אויף מיר:

„און אויף וואָס האָבן מיר אַלע גע'פּטר'ט אונזער לעבן?״ האָט זי געפרעגט.

נאָך יענע עטליכע טעג איז ליעסין מער ניט געווען דער זעלביקער. פון איצט אָן האָט מען אים מער ניט געזען אַזוי אָפט אויפן גאַניק, און דעמאָלט, ווען מען האָט אים יאָ געזען, איז אויף זיין פּנים זעלטן געווען אַ שמייכל. רחל'ע האָט אָפּנים געפילט, אַז איר פֿאַלן, וואָס האָט מיטגעשלעפּט איר טאַטן, איז פֿאַר אים געווען שעדליך. דאָס האָט זי אַליין געמאַכט קראַנק און גערייצט.

איר גערייצטקייט ווידער האָט פון דער אַנדערער זייט צוריק געווירקט שעדליך אויף ליעסינ'ען. אַזוי, אַז ס'איז אַפילו געקומען דערצו, אַז ליעסין זאָל, קעגן זיין טבע, וועגן דעם זיך זשאַלעווען פֿאַר אַנדערע. ער האָט אָפּנים געדאַרפט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן און ס'האָט אים ניט געאַרט פֿאַר וועמען ער טוט עס. איין אין דער פרי ווען מיר זיינען געשטאַנען אויפן וועג פֿאַרן טויער פון דער קאָלאָניע נאָכן אָפּנעמען די פּאָסט, האָט ליעסין מיר דערציילט, אַז רחל'ע האָט די נאַכט פריער ניט געקאָנט שלאָפן. אַזוי גרויס זיינען געווען אירע פיזישע יסורים, אַז זי האָט געסטראַשעט, זי וועט זיך עפּעס אַ מעשה אָנטאָן, דאָס לעבן נעמען, און ער, דער טאַטע, האָט מיט ווייטיק געטראַכט: „בינסט דאָך אַזוי געשלאָגן, אַז דו קאָנסט אַפילו דאָס ניט טאָן!״ קוים האָט ליעסין דאָס אַרויסגערעדט, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר זיינע אייגענע רייד, אַ פֿאָך געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט מיר וועלן זאָגן „צו וואָס אַ מענטש קאָן זיך אַלץ דעררעדן!״ זיך אַ קער געטאָן פון מיר און שנעל אַוועק צו זיין שטיבל.

עס איז שוין געווען אין מיטן חודש אויגוסט ווען ליעסין איז ענדליך אַביסל צוריקגעקומען צו זיך. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי זיין סעקרעטאַר, קרעפּליאַק, האָט אים פון ניו יאָרק גערופן צום טעלעפאָן און געלאָזט וויסן, אַז דער נייער נומער „צוקונפט״ מוז גלייך אָפּגעשלאָסן ווערן. דער דרוקער רייסט די פּאָלעס און לאָזט ניט אָפּ. אַ נומער „צוקונפט״ האָט ניט געקאָנט אָפּגעשלאָסן ווערן אָן ליעסינ'ס לייטאַרטיקל און אָן ליעסינ'ס אַ ליד, אוןביידע זאַכן האָט ליעסין זיך ניט געזעצט שרייבן ביז די לעצטער מינוט.

זעצן זיך שרייבן איז פֿאַר אים געווען זייער שווער. אָבער קוים האָט זיך אַוועקגעזעצט איז ער ניט אויפגעשטאַנען ביז ער האָט ניט געהאַט פֿאַרטיק

דעם לייטאַרטיקל אָדער דאָס ליד, און ניט זעלטןביידע זאַכן מיט אַמאָל. מערסטנס פלעגט דאָס זיין ביינאַכט. איינע פון ליעסינ׳ס גרויסע שוואַכקייטן איז געווען דאָס לייענען לידער פאַר אַנדערע. וועגן וואָס מען האָט ניט געזאָלט ריידן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז וועגן דעם ענין וועגן וועלכן מען רעדט האָט ער אַמאָל געהאַט אַ ליד אָדער גאָר אַ גאַנצע סעריע לידער, און באַלד טאַקע גענומען לייענען פון אויסנווייניק דאָס ליד אָדער די סעריע לידער. אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט ביי זיך איינגענייטע אָבער נאָך אָן טאָוולען אַלע דריי ביכער פון זיינע געזאַמלטע לידער, און ביי דער מינדסטער געלעגנהייט פלעגט ער אָפּשטעלן אויפן וועג, צי אויפן פעלד וועמען עס איז פון די שרייבער, וואָס האָבן זיך געפונען אין און אַרום דער קאָלאָניע און לייענען פאַר זיי גאַנצע סעריעס פון זיינע ביכער אַרויס. דאָס זיינען אַלץ שוין געווען געדרוקטע לידער. איך געדענק אָבער ניט, אַז ער זאָל פאַר פרעמדע אין דער קאָלאָניע ווען עס איז לייענען איינס פון זיינע נאָר וואָס אָנגעשריבענע, נאָך ניט געדרוקטע לידער. קוים האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד האָט ער עס תיכף איבערגעלייענט פאַר זיין שוועגערין און זיין טאָכטער. פאַרשטייט זיך, אַז זיי איז שטענדיק געפעלן געוואָרן אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. אָבער ווי אַלע דיכטער האָט ער גלייך דערשפּירט ווי וויט זיינס אַ ליד איז זיי ווירקליך געפעלן געוואָרן.

דאָס ליד וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר יענעם נומער „צוקונפט״ איז אָפּנים שטאַרק געפעלן געוואָרן אי ביילע׳ן און אי רחל׳ען. וואָרים ליעסין איז אויף מאָרגן אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג מיט אַ גליקליכן שמייכל אויפן פּנים ווי אַ קינד. עטליכע טעג האָט ער זיך געפילט זייער גוט. און ווי שטענדיק ווען ער האָט זיך געפילט גוט, האָט ער זיך ליב געהאַט צו באַרימען מיט זיין פיזישער גבורה און האָט זי דעמאָנסטרירט מיט אַ האַנט־דרוק ביי וועלכער מען האָט זיך געקאָנט זען מיט דער עלטער־באָבען, אַזוי שטאַרק איז געווען זיין גריף. אָבער דער דאָזיקער שטאַרקער גריף האָט אָפּגענאַרט. וואָרים ליעסין איז שוין דעמאָלט געווען זייער אַ קראַנקער מענטש.

באַלד נאָכדעם האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן ווערן זייער אומרואיק. וואָס איז? צו אים זיינען דערגאַנגען אַלערליי קלאַנגען וועגן דער „צוקונפט״. ער האָט שוין דעמאָלט אַ לאַנגע צייט געהאַט געוואוסט, אַז אין דער „פאָר־ווערטס״־אַסאָסיאיישאָן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די „צוקונפט״, איז דאָ אַ גרויסער צד, וואָס וויל אָפּשטעלן דעם זשורנאַל, צו וועלכן מען האָט דערלייגט שווערע טויזנטער יעדעס יאָר. צווישן די, וואָס האָבן דוקא געוואָלט אויפגעבן די „צוקונפט״, איז אויך געווען אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, וועמען ליעסין האָט געהאַלטן פאַר זיינעם אַ פּערזענליכן שונא. ניט דערלאָזט, אַז די „צוקונפט״ זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, האָט ב. וולאַדעק, דער דעמאָלטיקער

געשעפטס־פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס‟, וואָס איז געווען ליעסינ׳ס גאָר אַ נאָענטער פריינט און פאַרערער. אין יענע טעג איז צו ליעסינ׳ען דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די „פאָרווערטס‟־אַסאָסיאיישאָן האָט באַשלאָסן שטאַרק צו שניידן דעם בודזשעט פון דער „צוקונפט‟, און אַ צווייטער — אַז ניט געקוקט אויף וולאַדעק׳ס איינשטעלונג, האָט די אַסאָסיאיישאָן באַשלאָסן דעם זשורנאַל אין גיכן אינגאַנצן אָפּצושטעלן. ביידע קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר פאַלש. קיין איינער פון די באַשלוסן איז פון דער אַסאָסיאיישאָן דעמאָלט ניט אָנגענומען געוואָרן. ליעסין האָט אָבער פון די קלאַנגען, וואָס זיינען דער־גאַנגען צו אים, אַרויסגעדרונגען, אַז דער צד, וואָס וויל דעם זשורנאַל אָפּ־שטעלן, ווערט שטאַרקער, און וולאַדעק׳ס צד ווערט שוואַכער. דאָס האָט אים באַאומרואיקט און דאָס האָט אים געמאַכט נערוועז און נידערגעשלאָגן. אַלע ווייסן, אַז אויפרעגונג איז פאַר האַרץ־קראַנקע ווי סם. ליעסין האָט זיך איצט שטאַרק אָנגעהויבן קלאָגן אויפן האַרץ. יענע טעג זיינען געווען די שענסטע אין דער קאָלאָניע. נאָר אין די פאַרטאָגן און פריע פרימאָרגנס זיינען איבער די קאָלאָניע געהאָנגען שווערע נעפלען. די טעג אָבער זיינען געווען הערליכע. ערשטע רויטע בלעטער אויף שומאַק־קוסטעס און אין די גיפטיקע אַיווי־געוויקסן, האָבן נאָר אונטערגעשטראָכן דאָס זאַפטיקע גריןְ, דורכגע־וואָרפן מיט וויַיס, איבערן גאַנצן האַלב־רונדיקן טאָל, איבער וועלכן די קעטסקיל בערג האָבן געטורעמט העכער און בלויער ווי שטענדיק. עס זיינען אויך געווען אויסערגעוויינטליכע זון פאַרגאַנגען אין די פאַרנאַכטן. אָבער די טעג זיינען געוואָרן אַלץ קלענער און די נעכט אַלץ לענגער. וואָס לענגער די נעכט זיינען געוואָרן אַלץ לענגער האָט געדויערט ליעסינ׳ען איינצושלאָפן, אַפילו מיט דער הילף פון פאַרגרעסערטע דאָזעס שלאָף־פּילן. פון די גרויסע דאָזעס שלאָף־פּילן איז ער נאָכדעם האַלבע טעג אַרומגעגאַנגען ווי שכור. ליעסין איז דעריבער מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ אומרואיקער און ער האָט אָנגעהויבן ציילן די טעג, וואָס זיינען פאַר אים נאָך פאַרבליבן צו זיין אין דער קאָלאָניע. און ער איז טאַקע געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן די קאָלאָניע פאַרלאָזט.

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער. אַרום צוויי וואָכן שפּעטער האָט ער אָנגעקלונגען צו מיר אין „טאָג‟, אַז ער וואָלט מיך וועלן זען. ווען? אַפילו גלייך, אויב דאָס איז פאַר מיר ניט קיין טרחה. ער געפינט זיך אין אָפיס פון דער „צוקונפט‟־רעדאַקציע און ער וועט וואַרטן אויף מיר אונטן, אויף די טרעפּ פאַרן אַריינגאַנג צו דער „פאָרווערטס‟־געביידע. אין עטליכע מינוט אַרום בין איך שוין געווען לעבן אים. וואָס ער דאַרף מיך זען? איבער אַ קלייניקייט. אין מיטן זומער האָב איך אים געהאַט דערציילט, אַז איך וואוין אין ניקערבאָקער ווילעדזש, וואו איך האָב אַ „פּענטהויז‟

דירה, מיט אַ גרויסער טעראַסע. ער וואָלט אויך וועלן דינגען אַזאַ דירה, ווען ער זאָל קריגן אַ פּאַסיקע. רחל׳ע ווערט אַלץ קראַנקער און נערוועזער. סיי אים און סיי ביילע׳ן ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער זי אַרונטערצופירן אויף אַ שפּאַציר. אויב ער זאָל קאָנען דינגען אַזאַ דירה מיט אַ טעראַסע, ווי איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב, וואָלט דאָס פּאַר אים געלייזט צוויי פּראָבלעמען מיטאַמאָל. אי מען וואָלט זיין רחל׳ען ניט געדאַרפט אַרונטער־שלעפּן אונטן, אין גאַס, ווייל מען וואָלט דאָך זיך געקאָנט מיט איר דורכ־שפּאַצירן אויף דער טעראַסע, און אי ער וואָלט געקאָנט זיין נעענטער צו דער „צוקונפט״־רעדאַקציע און בכלל נענטער צו דער „פֿאָרווערטס״־געביידע. וואָרים די שונאים פון דער „צוקונפט״ האַלטן זיך אין איין פּאַרמערן, און ער פילט, אַז אויב ער וועט זיין נאָענט, און מען וועט אים אָפטער זען, וועלן די שונאים פון דער „צוקונפט״ זיך ניט דערוועגן צו טאָן וואָס זיי ווילן. איך האָב אים געזאָגט, אַז די בעסטע זאַך איז זיך דורכצוגיין מיט מיר עטליכע בלאָק ביז 10 מאַנראָו סטריט, אַריינגיין אין אָפיס פון דער פאַרוואַלטונג און אויסגעפינען צי זיי האָבן אַ ליידיקן פּענטהויז־אַפּאַרטמענט צו פּאַרדינגען. ווען מען קאָן דאָס טאָן? פּאַר מיינעטוועגן שוין, גלייך. און מיר זיינען טאַקע באַלד אַוועק אין אָפיס, אויסגעפונען, אַז אַ פּענטהויז אַפּאַרטמענט איז פאַראַן צו פאַרדינגען און מען קאָן אים גלייך אָנקוקן. מיר זיינען טאַקע באַלד געגאַנגען אָנקוקן די דירה און ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס׳איז ניט פאַר ליעסינ׳ען. זי איז צו קליין און די טעראַסע איז זייער אַ שמאָלע. אויף איר וועט מען מיט רחל׳ען ניט קאָנען זיך דורכשפּאַצירן.

מער האָב איך ליעסינ׳ען ניט געזען. אין פינף וואָכן אַרום האָט ב. וולאַדעק פּלוצים געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע און איז געשטאָרבן. ליעסין האָט נאָך באַוויזן אָנצושרייבן אַ פּרעכטיק ליד אויף וולאַדעק׳ס טויט און נאָך זיין פריינט׳ס לוויה האָט ער אַליין געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע און אויף מאָרגן, דעם 5טן נאָוועמבער, איז ער אַליין שוין אויך ניט געווען מער.

רחל׳ע איז איצט געבליבן אינגאַנצן אויף ביילע׳ס הענט. צען יאָר שפּעטער, ווען ביילע איז שוין געווען אַלט און צעבראָכן, איז רחל׳ע נאָך אַלץ געווען אויף אירע הענט. זי האָט זי געמוזט אָנטאָן און זי האָט זי געמוזט שלעפּן פון אָרט צו אָרט. ווי אַזוי ביילע האָט דאָס געטומען — דאָס ווייסן נאָר די, פּאַר וועמען ביילע האָט זיך פּאַרטרויט, אויב זי האָט זיך פּאַר עמיצן פּאַרטרויט. טאַקע אייגן בלוט, טאַקע מיט ליבשאַפט און געדולד גענומען אויף זיך אַן עול, וואָס זי האָט אַזוי געטריי און געדולדיק געטראָגן אַזוי פיל יאָרן. אָבער מיר איז האַיאָר אויסגעקומען צו וואוינען זעקס חדשים אין איין הויז מיט אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אויף די הענט פּונקט אַזאַ פּעקל ווי ביילע. אַ וואונדערליכע אַלטע געווען. די גוטסקייט און דאָס געדולד אַליין.

און דאָס פעקל איז געווען איר אייגן בלוט און פליש. אַ וואונדער־שיינע טאָכטער פון עטליכע און דרייסיק יאָר, וואָס איז איבערגעפאָרן געוואָרן פון אַ לאַסט־אויטאָ, ווען זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצען. דאָס האָט פּאַראַליזירט איר לייב. ביידע פיס אריע און איין האַנט זיינען אינגאַנצן פאַרקימערט געוואָרן. די צווייטע האַנט, כאָטש ניט פּאַראַליזירט, איז געוואָרן שלאַבערדיק. פּאַראַליזירט איז אויך געוואָרן איר לשון, אַזוי, אַז מען האָט קוים געקאָנט כאַפּן וואָס זי וויל זאָגן. און דווקא האָט זי זיך געוואָלט באַטייליקן אין שמועסן, ווייל זי איז זייער אינטעליגענט און האָט אַן אייגענע מיינונג וועגן זאַכן. אויך זי מוז מען שלעפּן, ווייל אַליין גיין קאָן זי ניט. אויך זי מוז מען אַנידערזעצן און אויפהייבן, ווייל אַליין קאָן זי עס ניט טאָן.

און זי איז אַ פרוי, מיט אַ פּנים פון אַ שיינער, יונגער פרוי, און מסתמא אויך מיט פאַרלאַנגען פון אַ יונגער פרוי. פאַרלאַנגען פון אַ יונגער פרוי, האָט מען, אגב, געקאָנט אויך באַמערקן ביי רחל׳ען, אין דער דער דערמאָנטער זומער־קאָלאָניע, באַזונדערס ווען צו איר פאָטער איז געקומען אַ מאַנספּאַרשוין, זומערדיק אָנגעטאָן, אין קורצע הויזן. און ס׳זיינען אויך געווען ווייבערשע אויסברוכן פון היסטעריע, ווער ווייסט אויב ניט פאַראורזאַכט פון ווייבערשע פאַרלאַנגען.

אָבער עס זייענען געווען טעג, ווען איר וואונדערליכער מאַמע האָט ניט געקאָנט טראָגן די לאַסט, וואָס דער גורל האָט אַרויפגעלייגט אויף איר. געווען טעג, ווען זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון איר גורל, כאָטש אויף אַ האַלבע שעה אַנטלויפן. און איינמאָל האָט זי זיך פאַרטרויט פאַר מיר:

„פאַראַן טעג, ווען איך קאָן ניט מער; פאַראַן טעג, ווען איך פיל, אַז עס מוז נעמען אַ סוף; פאַראַן טעג, ווען איך וויל לויפן און שרייען ווי אַ ווילדע. אין אַזוינע טעג פאַרבייס איך די ליפּן און בעט: גאָט באַרמהאַרציקער, שטאַרק מיך, אַז איך זאָל ניט פאַרלירן דאָס געדולד, אַז איך זאָל ניט טאָן קיין נאַרישקייטן!"

האָט אויךביילע געהאַט אַזוינע טעג? ווער ווייס.

איין טאָג האָט זיך באַוויזן אַ קורצע ידיעה אין די ענגלישע צייטונגען פון ניו יאָרק. „אַן עלטערע פרוי, ביילע טויזנער, איז אַרויסגעפאַלן אָדער אַרויסגעוואָרפן זיך דורך אַ פענסטער פון דער דירה, וואו זי האָט געוואוינט, און איז אויפן אָרט דער׳הרג׳עט געוואָרן." די אידישע צייטונגען האָבן אַביסל מער מאריך געווען וועגן דעם, אָבער אויך ניט צופיל. אין די אידישע צייטונגען איז דערציילט געוואָרן, אַז ביילע טויזנער, די שוועגערין פון דעם באַליבטן פּאָעט און זשורנאַליסט א. ליעסין, האָט געהאַט אַ טבע צו געבן עסן די פייגעלעך אַלע אינדערפרי, באַלד נאָכדעם ווי זי איז אויפגעשטאַנען. ווען זי איז אַ טאָג פריער צוגעגאַנגען צום פענסטער, געעפנט עס און געוואָלט געבן

די פייגעלעך עסן, האָט זי פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און איז אַרויסגעפאַלן. ווען שכנים האָבן דערהערט דעם קלאַפּ און זיינען געלאָפן זען וואָס עס איז געשען, האָט מען זי שוין געפונען טויט.

דאָס איז, אין תמצית, געווען די מעלדונג אין די אידישע צייטונגען. אָבער די, וואָס האָבן געוואוינט אין איין הויז מיט איר און זי געקענט, האָבן געוואוסט דעם אמת, אַז ביילע טויזנער, די שוועגערין פון א. ליעסין, איז ניט אַרויסגעפאַלן פון פענסטער, נאָר האָט זיך אַרויסגעוואָרפן.

רחל׳ע, וואָס האָט איבערגעלעבט אי דעם טאַטן און אי די מומע, איז צוגענומען געוואָרן אין אַ היים פון אומהיילבאַרע, און אין לעצטן ווינטער איז אויך זי איינגעזאַמלט געוואָרן צו אירע אייגענע.

דאָס איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן פון א. ליעסינ׳ען, זיינען זיינע געזאַמלטע לידער אין דריי בענד, וואָס ליגן, ווי ער האָט מיט צער פאָראויס־געזאָגט, אין אַ קעלער און קלייבן זיך אויף שטויב.

אפשר וועלן די דאָזיקע פאַרצייכנונגען מיינע גורם זיין דערצו, אַז כאָטש אַ טייל פון זיינע אַמאָליקע חסידים און פאַרערער זאָלן זיך דערמאָנען אין זיין דיכטערישער ירושה, זען אַז מען זאָל זיינע ביכער אָפּשטויבן, אַרויסטראָגן פון קעלער און ברענגען צום עולם. אפשר וועלן זיך פאָרט געפינען בעלנים זיי צו לייענען. מען וועט זיך אפשר שעמען, וואָס מען האָט געלאָזט אַזאַ ירושה קלייבן אויף זיך שטויב. אָבער עס וועט זיך לוינען. פאַר אונז אַלעמען וועט זיך לוינען. ווייל מיר וועלן זיך באַקענען מיט איינעם פון די וויכטיקסטע פּאָעטן און איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענליכקייטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

צווייטער טייל

עסייען און אויפזאצן

עלזאַ לאַסקער־שילער

עלזע לאַסקער־שילער איז געווען אַ וואונדער. אַן אוניקום ניט דווקא אין דער דייטשער דיכטונג. אָנגעהויבן גילטן האָט זי נאָך אין דער צייט פון די אימפּרעסיאָניסטישע, סימבאָלישע און נעאָ־ראָמאַנטישע גרופּעס. די עקספּרעסיאָניסטן האָבן זי געהאַלטן פאַר אַן אייגענע, אָבער זי האָט געהאַט פּונקט אַזוי ווינציק בשותפות׳דיקס מיט זיי, ווי מיט די ערשטע גרופּעס. השפעות זיינען זיכער געווען פוןביידע ריכטונגען. אָבער זי איז אַלע איינפלוסן ווייט אַריבערגעוואַקסן, און מער ווי זי האָט געצאָלט צינז איר צייט, האָט זי אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער צייט. און אַ מערקווירדיקער, אייגנ־אַרטיקער שטעמפּל איז דאָס געווען. אַ שאָד וואָס זי קאָן ניט פאַרנעמען איר פאַרדינט אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור. ווייל זי געהערט צו יענע זעלטענע אייגנאַרטיקע דיכטער, וואָס מען קאָן כמעט ניט איבערזעצן. דווקא דאָס אייגנסטע, דווקא דאָס מערקווערדיקסטע, דער קנייטש, די ווענדונג, דער נואַנס, די וואָרט־פּאָרונג און דער שפּרונג מוזן פאַרלוירן גיין.

דאָס בעסטע אין איר דיכטונג האָט זי געהאַט צו פאַרדאַנקען איר אידישקייט. דערפון אַ גרויסער טייל פון איר אַנדערשקייט. דערפון דאָס פיינסטע אין איר אייגנאַרטיקייט. דערפון אפשר דאָס גאַנצע וואונדער אין אירע פערזן. אַ זעלטענעם חן, אַ וואונדערליכע לופט און אַ כשוף׳דיקן ריטם גיט עס אירע לידער. די דייטשע שפּראַך קריגט ביי איר דעם טעם און דעם ריח פון אַ יונגער, פאַרצייטיקער מזרח־לענדישער לאַנדשאַפט.

פון אַלע אידיש־דייטשע דיכטער — און זייער צאָל איז געווען לעגיאָן — איז זי געווען דיכטעריש די גליקליכסטע, ווייל די אידישסטע, און גאַנצסטע. אין דער דייטשער ליריק איז זי געווען „די אידישע דיכטערין פון גרויסן וואורף״, ווי פּעטער הילע האָט וועגן איר געשריבן. ביי איר איז ניט געווען קיין שפּור פון שפּאַלטונג צווישן איד און דייטש. קיין שמץ פון יענעם ריס אין דער נשמה, וואָס בלויז געציילטע פון אירע שרייבעריש „גלויבנס־גענאָסן״ האָבן געהאַט דעם מוט צו דערמאָנען און באַקלאָגן, און אַלע איבעריקע האָבן האָזיק־פּחדנות׳דיק געזוכט צו באַהאַלטן. כאָטש געבוירן אין אַן אַסימילאַנטן־הויז, וואָס איז דורות־לאַנג געווען פאַרפלאַנצט אין דייטשלאַנד, כאָטש אָפּ־געריסן פון שטאַם, און „אָפּגעשטראַמט״ פון איר אייגן בלוט, ווי זי האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, איז זי דאָך געווען אַזוי עכט אידיש, אַזוי גאַנץ אידיש, אַזוי קינדעריש־פריש אור־אידיש, אַז זי האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז אידישקייט

איז עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף באַהאַלטן און פאַרלייקענען. זי האָט געשריבן אַ וואונדערליכן דייטש און, ווי אַ סך מאָדערנע דיכטער, באַנוצט אייגענע פּערז־פאָרמען און אייגענע גראַם־סכעמען, אין דער איראָפּעאישער טראַדיציע, פאַרשטייט זיך. באַקומען האָבן זיך אָבער ביי איר וואונדערליכע ביבלישע קאַדענצן.

כמעט אין אַלץ וואָס זי האָט געשריבן. אין אירע לידער צו די געליבטע, אין די לידער צו דער מוטער, אין די לידער צו איר קינד, אָבער מער פון אַלץ אין אירע „העברעאישע באַלאַדן", די קרוין פון איר שאַפונג, און דאָס וואונדער מער ווי פון איין דור. דאָס גאַנצע ציקל באַשטייט בלויז פון ניינצן לידער. קיין איינס פון זיי ניט לענגער פון צוואַנציק שורות. בלויז אַכצען ביבלישע נעמען ווערן דערמאָנט. אָבער וואָס פאַר אַ וואונדערליכע וועלט זי אַנטפּלעקט אין זיי! וואָס פאַר אַ געמיט שטראָמט פון די געשטאַלטן, און וואָס פאַר אַ לופט עס ווייעט פון זיי!

אַלץ איז דאָ אַנדערש ווי אין אַלע ביבלישע מאָטיוון, וואָס מיר האָבן געקענט ביז איצט. קיין זאַך איז דאָ ניט „באַאַרבעט", קיין זאַך איז דאָ ניט „איבערגעדיכטעט" אָדער „איבערגעשאַפן". אַלץ איז ניי און פריש, ווי צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט געקומען. מערכענהאַפט פרעמד, מיט אַ מאָדנעם הימל איבער זיך. אָבער דאָך אַזוי היימיש און אייגן, ווי דעם טאַטנס הויז, ווי דער מאַמעס אָטעם איבער די באַקן פון קינד, ווי דער וואַרעמער זינג־זאַנג פון דער באָבעס קול ביים לייענען דאָס טייטש־חומש.

אַ באַזונדער פענסטערל עפנט זי אויף צו דער ביבלישער וועלט. די ביבלישע געשטאַלטן ווערן געזען אין אַן אַנדערער ראַם, און ווי אַנדערש ווערן זייערע געשיכטן, כאָטש אין תוך בלייבן זיי די זעלביקע. קינ׳ס אויגן געפעלן ניט גאָט. אָבער הבל׳ס פּנים איז אַ גאָלדענער גאָרטן. הבל׳ס אויגן זיינען נאַכטיגאַלן. און דו דערפילסט פון דער ערשטער שורה, אַז דער טראַ־גישער סוף איז אומפאַרמיידליך. קין וועט דערשלאָגן זיין ברודער. אברהם בויט פאַר זיך אַ שטאָט. ניט אין אלוני ממרא, נאָר אין דער לאַנדשאַפט עדן. פון ערד און בלאָט בויט ער זי, און ער לערנט זיך ווי אַזוי מיט גאָט צו ריידן. מלאכים רוען פאַר זיין פרומען געצעלט און לאָזן דאָרטן שפּורן פון זייערע פליגל. ביז זיי דערהערן איינמאָל, אין זייער חלום, מיט שרעק דאָס מעקען פון געפיינִיקטע בעק, וואָס יצחק וויל אין זיין שפּיל ברענגען פאַר קרבנות. און גאָט דערמאָנט: אברהם! דאָס איז גענוג, אַז ער זאָל זיין איינציקן זון טראָגן געבונדן אויפן רוקן צום מזבח. עשו איז גרייט צו פאַרקויפן זיין בכורה און זיין גאַנצע ערד, ניט פאַר אַ טאָפּ לינדזן, נאָר פאַר דער ליבע פון זיין מאַמעס דינסט, וואָס גרייט צו מיט אירע ווייך־צאַרטע הענט אַ געקעכץ פון גאָלדענע לינדזן. די שטילע רות גייט קלייבן ניט זאַנגען,

נאָר קאָרנבלומען. זי ברענגט אַ זיסן שטורעם אין האַרצן פון מיטליעריקן בועז, וואָס כוואַליעט הויך אַקעגן דער פרעמדער שניטערין אין זיינע קאָרנ־געריטנער. אסתר איז שלאַנק ווי אַ פעלד־פאַלמע. פון אירע ליפּן שמעקן די ווייצענע זאַנגען און די יום־טובים אין יהודה. יעקב איז דער אָקס פון זיין סטאַדע. און מיט גאָט רעדט זי ווי מיט אַ הערליכן יונג, וואָס האָט זיך איר באַוויזן אין אַ רויזנקלייד, און זי האָט זיך גלייך פאַרליבט אין אים.

חוה איז זי אַליין. די אייביקע חוה, וואָס איר נשמה איז „שפּראָצנדיקע ליבע". ווי די אור־מאַמע וויל זי שטענדיק באַגליקן, און ברענגט נאָר אומ־גליק. אויף זיי און אויף זיך אַליין. מיט אירע אומציילִיקע געליבטע איז זי אין שטענדיקן געראַנגל, ווי יעקב מיטן מלאך, קומט אַרויס די זיגערין און די געבענטשטע, אָבער מיט טויזנט בלוטיקע וואונדן. אַ פאַרזעעניש און שרעק פאַרן פּיליסטער און — ווי אַלץ וואָס גייט אַרויס פון זיין וויסטער טאָג־טעגלעכער וואָכעדיקייט — אַן „אויסוואורף". אָבער פאַר ריכארד דעהמעל איז זי געווען „דאָס טייבעלע, וואָס שווימט אין אייגענעם בלוט". פאַר פּעטער הילע — „ישראל'ס שוואַרצער שוואַן" און איר „דיכטגייסט — אַ שוואַרצער דימענט, וואָס שניידט דעם שטערן און טוט ווי, זייער וויי". און פאַר אַ צענדלינק אַנדערע דיכטער און מאלער, ווי איר דינסט אין רבקה'ס געצעלט — „אַ הימלישע פרעמדע... מיט אַ שטערן אין פּנים". אויסטערליש ? אומ־היימליך ? אַוודאי. אָבער מיט וואָס פאַר אַ באַוואונדערונג מוז מען ריידן וועגן איר !

פּאָעטן, קריטיקער און ציטאַטן

איך פיל, אַז איך בין שולדיק אַ דאַנק דעם דיכטער י. אַ. ווייסמאַן דערפאַר, וואָס אין דעם מאַי העפט „אינזיך" האָט ער פאַר מיר אַנטפּלעקט מעינקע קאַץ ווי אַ פיינעם פּאָעט. אַז קאַץ האָט אין זיך אַן עכטן פּאָעטישן אָדער, דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג. איך האָב אָבער זיינס אַ ליד שוין יאָרן ניט געלייענט און איך האָב זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז אָט דער צעשויבערטער, אומגעהובעלטער, יונגער מענטש, וועט ווען־עס־איז זיך קאָנען צונויפנעמען אַזוי, אַז ער זאָל דערגרייכן פּאָעטישע פיינקייטן. איז איצט געקומען י. אַ. ווייסמאַן און מיר אַן איבעריקן מאָל באַוויזן, ווי מען טאָר ניט לאָזן אין זיך פאַרגליווערן אַ מיינונג, באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך וועגן לעבעדיקע מענטשן, און נאָכמער וועגן שאַפערישע מענטשן.

אמת, אַז ניט דאָס איז געווען ווייסמאַנ'ס כוונה. און זייער מעגליך, אַז איך האָב אַ טעות. מעינקע קאַץ איז גאָר ניט אַזאַ פיינער דיכטער, ווי איך מיין איצטער. אָבער אויב אַזוי האָב איך דעם טעות אויך צו פאַרדאַנקען ווייסמאַנען. איך אַליין האָב קאַצ'ס „ברענענדיק שטעטל" ניט געלייענט. איך בין אָבער זיכער, אַז ווייסמאַן ציטירט קאָרעקט און פון די ציטאַטן, וואָס ער ברענגט פון דעם בוך, באַקומט זיך אַ גאַנץ אַנדערער מעינקע קאַץ, ווי ער וויל אים פאַרשטעלן. און איך בין ניט שולדיק אויב זיין כוונה איז געווען פונקט אַ פאַרקערטע.

איך גלויב באמונה שלמה, אַז אויף ווייסמאַנען האָבן מעניקע קאַצ'ס לעצטע צוויי לידער געמאַכט אַזאַ שוידערליכן איינדרוק, אַז אַפילו מיט זיינע „ביט־שוואַכע נערוון האָט ער זיך געדאַרפט שטאַרק איינהאַלטן ער זאָל זיי ניט אַ זעץ טאָן אין דער ערד", און אויף וויפיל איך געדענק דעם יונגן פּאָעט פון אַמאָל, בין איך גרייט צו גלויבן, אַז זיין „ברענענדיק שטעטל" איז פונקט ווי זיין ערשט בוך, מסתמא אָנגעפּאַקט מיט אומגעלומפּערטקייטן. אָבער ווען איך לייען ביי ווייסמאַנען, אַז ער איז „גרייט זיך לאָזן קאָסטן מי יודע וואָס", אויסצוהערן מענטשן, וואָס קאָנען געבן אַ זיניקע באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ קינדער־ליד ווי:

„אונטער יעיסקע'ס וויגעלע
איז ניטאָ קיין ציגעלע —
דיך פאַרוויגן
דערשאָסענע — מיט כאַרכעלדיק געזאַנג."

ווײל איך זיך מעלדן נאָך דער באַלוינונג. איך ווײס ניט, וואָס עס שטײט פאַר דעם, איך ווײס אויך ניט וואָס עס קומט נאָך דעם. אָבער די פיר שורות פאַר זיך אַלײן — וואָס פאַר אַ פײנער פּאָעט דאַרף מען זײן מען זאָל מיט אַזאַ ביטערער איראָניע קאָנען איבערגעבן דעם יאָמער און די אָנגעצויגענע אַטמאָספערע פון אַ שטוב, אין וועלכער עס איז נאָר וואָס געווען אַ שחיטה!

איך בין אויך גרײט אויפצומאָנען דעם פּרײז פאַר די דאָזיקע פינף שורות, וואָס ווײסמאַן שטעלט — פּונקט ווי די ערשטע פיר — אויס צום שאַנד־קלאָץ:

„ער שפּירט
ווי די ערד זיפּט לעבעדיק(ן) בלוט,
און אים ווערט פײנליך גוט,
וואָס אַמאָל וועט אויך ער ציען
אַ שווערד פון שײד."

נאָר אַ מענטש וואָס האָט גאָר קײן נערוון ניט, וועט ניט דערפילן וואָס אַ וואונדערליכן עמפּינדליכן נערוון־סיסטעם עס פאַרמאָגט דער פּאָעט, וואָס „שפּירט ווי די ערד זיפּט לעבעדיק בלוט" און ווי אים קאָן ווערן „פײנליך גוט" פון דעם געדאַנק, אַז ער וועט אַמאָל קאָנען נקמה נעמען. הײנטיקע צײטן אפשר ניט מיט „אַ שווערד (וואָס ער וועט ציען) פון שײד", נאָר מיט אַ רעוואָלווער, אַ מעסער, צי אפשר גאָר אַ באָמבע. אָבער אַזאַ ביסל רעטאָריק איז לעגיטים, און דאַרף עס זײן אַפילו פאַר אַ געשוואוירענעם מאָדערניסט ווי ווײסמאַן. היטלער און מוסאָליני, למשל, סטראַשען נאָך אַלץ מיט דער שווערד, כאָטש מײנען מײנען זײ טאַנקן, האַרמאַטן און פליענדיקע באָמבען־וואַרפער.

ווען ווײסמאַן שרײבט, אַז —

„אין אַש פון ספר־תורה׳ס
איז יעהאָווע — אַ האַלטוועשקע געזעסן"

איז „אַן אומזיניקער אָנגריף אויף דער אידישער פאַרגאַנגנהײט, אויף דער אַלטער אידישער קולטור און אידישן גאָט", איז ער מסתמא שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן פון דעם וואָס עס קומט פאַר די צוויי שורות און דעם וואָס שטײט נאָך זײ. אַזוי ווי אונז ווײזט ער בלויז די דאָזיקע צוויי שורות, ווײס איך, אַז ווען ביאַליק וואָלט זײ אָנגעשריבן וואָלט מען — און מיט רעכט — געצאַצקעט זיך מיט זײ יאָרן און יאָרן. מיר איז בלויז ניט צום האַרצן דער אונז פרעמדער „יעהאָווע" אויפן אָרט פון אונזער אַלטן, הײמישן און ליבן „גאָט".

יעקב גלאַטשטײנ׳ען דאַרף שוין קײנער ניט אַנטפּלעקן. ער פאַרנעמט שוין לאַנג זײן פאַרדינטן חשוב׳ן אָרט אין אונזער דיכטערישן גאָרטן. אָבער

זיין בוך „אידישטייטשען״ איז מיר ליב געוואָרן אַ סך פריער אידער איך האָב עס געלייענט, און צו פאַרדאַנקען האָב איך עס אויך געהאַט ציטאַטן דורך וועלכע אַ רעצענזענט האָט געפּרואווט באַווייזן, וואָס פאַר אַ וויסטער קאַליקע גלאַטשטיין איז.

מער פון אַלץ האָט יענער רעצענזענט געלאַכט פון דער ערשטער סעריע לידער אין גלאַטשטיינ׳ס בוך. אָבער די ציטאַטן, וואָס האָבן געדאַרפט באַ־שטעטיקן זיין געלעכטער האָבן מיך אַזאַ נעם געטאָן, אַז ביז אויפן היינטיקן טאָג האָב איך יענע סעריע לידער שוין געלייענט אַ צענדליק מאָל און יעדעס מאָל קער איך זיך אַלץ צוריק צו איר. איך פאַרשטיי פאַרוואָס יענער פאַרשוין און אַ סך אַנדערע מיט אים מוזן זיך צעלאַכן ווען זיי קומען צו אַזאַ, אויפן ערשטן אויגנבליק קאָמיש אויסזעענדיקן, ליד ווי „זייגער און מאַמע״. אָבער מען דאַרף דאָך באמת האָבן גרויסן קונסט זי צו דערזען ווי דער דיכטער האָט אין פינף קורצע שורה׳לעך באַוויזן איבערצוגעבן, דאַכט זיך, ניט מער אפשר ווי אַ רגע אין לעבן פון אַ קינד, ביי וועמען דער שכל שלאָפט נאָך און וואָס איז אינגאַנצן נאָך בלויז אינסטינקט, אָבער וואָס פאַר אַ גרויסע איבערלעבונג איז די דאָזיקע רגע! די מאַמע האָט נאָך ניט קיין באַשטימט געשטאַלט. דער זייגער דערציילט נאָך גאָרניט, פון דער מאַמע בלויז אַ וואַרימקייט, אַן אויג, אַ האַנט און אַ קלייד; פון דעם זייגער בלויז דאָס טיקן. וואָס פאַר אַן עמפּינדליכע און וואַכיקע חושים דאַרף פאַרמאָגן דער פּאָעט, וואָס קאָן אַזוי שאַרף אויפלעבן יענע וואונדערליך פריידיקע און שטאַרק אָנגעצויגענע רגע, און דאָס מיט אַזאַ קאַרגשאַפט פון מיטלען, אַז דאָס גאַנצע ליד פאַרנעמט ניט אַ צענטל פון דעם, וואָס איך האָב איצט געדאַרפט כדי כאָטש ווי עס איז צו געבן אַ באַגריף פון זיין ווערט. אַודאי האָט יענער רעצענזענט געדאַרפט חוזק׳ן אויך פון אַזוינע לידער ווי „אַ אינגעלע און אַ זעמעלע״, „אַליין״ און „אַ רויטער הירש״. דריי פּערל וואָס זייער ווייניק זייערס גלייכן געפינט מען אין אונזער דיכטונג.

***

מיט ציטאַטן גליטשט זיך אָפטמאָל אויס אַפילו אונזער אָנגעזעענסטער קריטיקער, ש. ניגער.

אין דעם מאַי־נומער „צוקונפט״, למשל, האָט ער אַ לאַנגן ליטעראַרישן בריוו וועגן מיין פרי פאַרשטאָרבענעם חבר, זישא לאַנדוי, אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטן. צווישן זיי צוויי לידער, וואָס לאַנדוי האָט געשריבן וועגן בעש״ט. „לייענט ביידע לידער״, שרייבט ניגער, „וועט איר זען, וואָס פאַר אַ טיפער אונטערשייד עס איז צווישן זיי. דאָס ערשטע ליד איז איינע פון זיינע

פיינסטע שאַפּונגען, בעת דאָס צווייטע איז בלאַס און אָרעם. דאָס ערשטע ליד וועגן בעש״ט לייענט זיך אַזוי:

איז דער הייליקער בעש״ט אין פעלד אומגעגאַנגען,
באַגינען אין פעלד אינ׳ם קאַלטן געגאַנגען.
עס האָבן פון צפון געבלאָזן די ווינטן,
קאַלט און פראַסטיק האָבן געבלאָזן די ווינטן,
אַז ס׳האָבן גענומען אים פרירן די גלידער,
און ס׳האָט מיט פאַרפרוירענע גלידער
דער הייליקער בעל שם טוב געעפנט די לעפצן
און האָט אויפן קול זיך צעזונגען.
אַזוי האָבן זיינע געעפנטע לעפצן
געזונגען, געזונגען, געזונגען:
„אַז וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
„דיין ווינט זאָל אַמאָל אים באַרירן,
„אַז וואויל איז צו מיר, וואָס כ׳האָב זוכה געווען
„פון קעלטן פון דיינע צו פרירן:
„אַז וואויל איז צו מיר און אַז וואויל איז און וואויל,
„אַז וואויל איז און וואויל איז און וואויל.״

(זז. 137־183)

„דאָס איז אַ ליד, וואָס איז געזונגען, ניט געשריבן געוואָרן. און מען דאַרף עס ניט לייענען, נאָר זינגען מיט אַ ניגון. דאָס איז איינע פון יענע עטליכע שאַפונגען אין וועלכע לאַנדוי׳ס לירישע שטים איז דערגאַנגען ביז איר ריינסטן און העכסטן טאָן. קיין איבעריק וואָרט איז ניטאָ, קיין איין פרעמדער קלאַנג (אַ חוץ אפשר דעם צו באַקאַנטן אויסדרוק „ווי אין גיהנום״) דאָס זיינען ווערטער, וואָס דוקא דערפאַר, ווייל זיי זיינען אַזוי איינפאַך, זיינען אַזוי פּאָעטיש ערליך, אַזוי שיין, און געהערן צו יענעם סאָרט פערזן וועגן וועלכע זישאַ לאַנדוי האָט געזאָגט אַז „פאַראַנען ווערטער וואונדערבאַרע, דינע, קוים זאָגסטו זיי וואָרט לייכטער דיין געמיט״.

אַקעגן דעם ליד (פון וועלכן ער האָט, אגב, ציטירט בלויז די ערשטע העלפט), שטעלט ער אַקעגן דאָס „צווייטע, וואָס איז בלאַס און אָרים״ און וואָס לייענט זיך אַזוי:

ישראל בעל שם טוב, גאָט׳ס אייביקער קנעכט,
גייט זינגנדיק איבער די וועגן.
— וואָס זינגסטו, ישראל? — ווייל איך בין גאָט׳ס קנעכט
און איך גיי מיין כלה אַנטקעגן.

און שיין איז מיין כלה אַזוי ווי אַ בוים,
און אפשר נאָך שענער אַפילו.

— און זאָג מיר, ישראל, זאָג ווי רופסטו זי.
און ווי אַזוי רופן זי אַלע ?
— בת־טובים, בת־טובים, אַזוי רופט מען זי,
ביי מיר אָבער הייסט זי — מיין כלה,
אַזוי ווי די לבנה אַזוי איז זי ווייס,
און אפשר נאָך ווייסער אַפילו.

— און זאָג מיר, ישראל, זאָג, וואָס זאָגסטו איר,
ווען איר האָט זיךביידע באַגעגנט ?
— מיין כלה, מיין כלה, — אַזוי זאָג איך איר
ווען מיר האָבן זיך ביידע באַגעגנט.
קום, גיב מיר דיין האַנט, קום אין עק פון דער וועלט,
— כ׳וועל גיין מיט דיר ווייטער אַפילו !

(ז. 199).

און ער פאַרענדיקט : „דאָס איז אַ גאַנץ שיין ליד. אָבער דאָס איז נוסח לאַנדוי, ניט נוסח בעש״ט.״

מיר איז אַפילו שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַ ליד, וואָס איז „בלאַס און אָרים״ קאָן זיין „אַ גאַנץ שיין ליד״. אַ אינגל, אַ מיידל קאָן זיין „בלאַס און אָרים״ און דאָך „גאַנץ שיין״. אָבער אַ ליד קאָן ניט האָבן די מינדסטע שיינקייט, ווען עס איז „בלאַס און אָרים״. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס איך וויל אַרויסברענגען איז, אַז ניגער פּלאָנטערט דאָ. ווען ער ווייזט אָן אויף איין ליד, אַז ס׳איז „נוסח בעש״ט״ און אויפן צווייטן, אַז עס איז „נוסח לאַנדוי״, פּאַרמישט ער לעבנס סטיל מיט דיכטערישן סטיל. דעם בעש״ט׳ס דיכטערישן סטיל האָט דאָך ניגער ניט געקאָנט מיינען. ווייל דער בעש״ט האָט קיין לידער ניט געשריבן. מיר האָבן בכלל ניט קיין מוסטערן פון בעש״ט שרייבערישן סטיל, ווייל אפילו זיינע תורה׳ס האָט ער אויך ניט פאַרשריבן אַליין. מוזן מיר אָננעמען, אַז ווען ניגער זאָגט „נוסח בעש״ט״ מיינט ער, אַז דאָס ליד איז געשריבן אין גייסט פון יענער געשטאַלט, ווי זי האָט זיך אויס־געפורעמט אין דער פאָלקס פאַנטאַזיע, לויט זיין וועלט־באַנעם, ווי ער איז איבערגעגעבן געוואָרן פון זיינע תלמידים. עס איז אָבער בכלל ניט געדרונגען, אַז ווען אַ דיכטער שרייבט וועגן אַ היסטאָרישער אָדער לעגענדאַרישער גע־שטאַלט, מוז ער זיך דווקא האַלטן ביי דער פאָלקס אויפפאַסונג.

איבעריקנס איז נאָך גאָר ניט אַזוי זיכער, אַז דאָס ערשטע בעש״ט ליד לאַנדוי׳ס איז טאַקע בלויז אין „נוסח בעש״ט״ אַפּילו לויט וועלט־באַנעם. געוועזן מענטשן פאַר דעם בעש״ט און אַפּילו ביי ניט־אידן מיט דעם זעלביקן וועלט־באַנעם. געגנוג, למשל, אָנצואווייזן אויף דעם קאַטוילישן הייליקן, פראַנץ פון אסיסי. און זאָל דאָ טאַקע דערמאָנט ווערן, אַז לאַנדוי׳ס ליד, אין וועלכער ניגער זעט „נוסח בעש״ט״, איז לכתחילה געוועזן אַ ליד וועגן דעם הייליקן פראַנציסקוס.

דער אמת איז, אַז דאָס ערשטע ווי דאָס צווייטע בעש״ט ליד זיינעןביידע אין ריינעם „נוסח לאַנדוי״, אַפּילו אין וועלט־באַנעם. ווי דער בעש״ט ביי אונז, ווי דער הייליקער פראַנץ ביי די גויים, האָט אויך לאַנדוי גענומען דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע מיט דער זעלביקער ליבשאַפט, און אים האָט געקאָנט ווערן התלהבות׳דיק „וואויל״ ניט נאָר דערפון, וואָס ער איז „זוכה פון גאָט׳ס קעלט צו פרירן״, נאָר אַפּילו פון דעם, וואָס ער איז „זישאָ לאַנדוי״ און קאָן זיצן רואיק אויף דער אַזוי פיל אויסגעלאַכטער „וועראַנדע״, און ניט בלויז לשם גראַם.

עס איז בכלל ניט קיין ענין צו וועלן שלאָגן אַזוינע צוויי פאַרשיידענע לידער איינס מיטן אַנדערן. מען קאָן ניט האָבן קיין טענה צו אַ רויז, למשל, למאי זי איז ניט ווי אַ דעמב. ווייל זי דאַרף ניט זיין ווי אַ דעמב. דער עיקר איז, צי איז זי דאָס, וואָס אַ רויז דאַרף זיין. ווי דער דעמב און די רויזן, ווי דער לייב און דער לאַם, ווי דער רב און דער שוסטער, לעבט יעדעס ליד „אין זיין אייגענעם זכות״. ריכטיק מעסטן קאָן מען עס נאָר מיט זיין אייגענער מאָס.

**
*

צום סוף לאָמיך אויך זינדיקן מיט אַ ציטאַט.

אין זעלביקן מאַי נומער „צוקונפט״ איז געוועזן אַזאַ וואונדערליך ליד פון אַהרן ציישלין:

יאַנואַר 1938

אַ מידער הונט, וואָס דרעמלט פאַר דער בודע,
ליג איך פאַר דיר אָן מצוות און אָן זינד,
אַ ניט־געראָטן קינד
פון ווייטע עלטערן — לייבן אין יהודה.

קאָפּ אויף לאַפּע הויער איך אין זאַמד,
פאַרוויגט פון פליגן — און אין מיר איז הוילקייט

די זון — דיין וואָרט וואָס פלאַמט —
וואַרימט נאָר דעם רוקן פון מיין פוילקייט.

נאָר ערגיץ זאָטלט שוין דיין האַנט ס׳געוויטער,
און בעת צום זאַמד איז צוגעשמידט מיין קאָפּ —
בינדט ערד און הימל אין איין פייערדיקן סנאָפּ
דיין בליץ פול ציטער.

צערינען וועט מיין שלאָף ווי לייכטע טויען,
באַלד לאָזט דיין שטורעם זיך גאַלאָפּ,
און ס׳רייסט זיך פון דער לאַפּע אָפּ מיין קאָפּ —
און איך וועל וואַיען!

סאַלוט אהרן צייטלין!

מדרש יוסף

קיין אַנדער ווערק האָט אין די לעצטע יאָרן ניט אַזוי פּריטשמעליעט די אַמעריקאַנער קריטיקער ווי „יוסף אין מצרים", דאָס דריטע בוך פון טאָמאַס מאַנ'ס ראָמאַנען־ציקל „יוסף און זיינע ברידער". אַז דאָס בוך האָט אויף זיי אַלעמען געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק — האָט מען געקאָנט זען אין דעם געיעג נאָך סופּערלאַטיוון, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי. צווישן די שורות האָט מען אָבער אויך געקאָנט לייענען דאָס, וואָס אָפן האָבן זיי קיינער זיך ניט דערוועגט צו שרייבן: אַז גרויס ווי עס איז און מערקווירדיק ווי עס איז, שטעלט זיי דאָס ווערק פאָרט ניט אינגאַנצן צופרידן; אַז עפּעס און דאָס זייער אַ וויכטיקער עפּעס פעלט, און אַ סך, אפשר גאָר אַ סך אין דעם ווערק איז איבעריק. בלויז איין רעצעזענטין האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן, אַז ערטערווייז ליידט דאָס ווערק פון איינעם פון די אומפאַרגעבליכסטע חסרונות: — לאַנגווייל.

און דאָס איז דער ריינסטער אמת. ניט בלויז ערטערווייז, נאָר אין גרויסן און גאַנצן ליידט דאָס דאָזיקע ווערק פון לאַנגווייל; אָבער באַזונדערס דאָרט, וואו מען דערוואַרט דאָס לעבעדיקסטע און צאַפּלדיקסטע — אין דער ברענענדיקער ליידנשאַפט־געשיכטע פון פּוטיפר'ס ווייב צו יוסף'ן. וויסנשאַפטליך־פּסיכאָלאָגיש האָט אפשר מאַן ווירקליך גענוי צוריק אויפגעשטעלט די גאַנצע ליידנס־געשיכטע פון דער עגיפּטיש־אַריסטאָקראַטישער פרוי, וואָס אין איר האַרצן האָט זיך צעברענט אַזאַ ליידנשאַפטליך פייער צו אַ קנעכט. קינסטלעריש באַמייסטערט האָט ער אָבער די געשיכטע ניט. און איך קאָן ניט געפינען עפּעס לאַנגווייליקערס ווי דעם צעצויגענעם, מיט הויכע געדאַנקען באַפליגלטן און העכסט־פּאָעטישן דיאַלאָג צווישן פּוטיפר'ס ווייב און יוסף'ן.

ביי דעם אַלעמען איז עס פאָרט אַ גרויס ווערק, און וואָס נאָך מער — אַן אייגנאַרטיק און זייער מערקווירדיק ווערק. געמאָסטן מיט דער מאָס מיט וועלכער מען גייט צו צו געוויינטליכע ראָמאַנען קאָן מען פון טאָמאַס מאַנ'ס „יוסף און זיינע ברידער" ניט באַגייסטערט ווערן. אָבער די דריי ביכער דאַרפן ניט געמאָסטן ווערן מיט דער געוויינטליכער מאָס. מאַן אַליין גיט עס עטליכע מאָל אָנצוהערן. אָבער אַפילו אָן זיינע אָנצוהערענישן וואָלט מען עס אויך גלייך דערפילט. אין דעם ווערק איז מאַן ניט אויסן געווען צו שאַפן, נאָר צו קאָמענטירן. די וויכטיקסטע כאַראַקטערן זיינען שוין לאַנג געשאַפענע און טויזנטער יאָרן ווי זיי לעבן שוין אין דעם געדעכעניש און אין די הערצער

פון אַ האַלבער וועלט. וועלן זיי איבערשאַפן וואָלט געווען נאַריש. ער איז אַפילו ניט אויסן געווען צוריקצושטעלן די סביבה אין וועלכער יענע מענטשן האָבן זיך באַוועגט. זיין ציל איז געווען העכער און ווייטער: ער האָט געוואָלט צוריק אויפשטעלן דאָס וועלט־בילד פון יענע אַלטע צייטן און די ירושה, וואָס איז דורך פאַרשיידענע גלגולים איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און איז נאָך היינט צו טאָג אַ טייל — און אפשר דער וויכטיקסטער — פון דער גרויסער מערב־לענדישער ציוויליזאַציע. דאָס איז אים מערקווירדיק געלונגען און דאָס מאַכט „יוסף און זיינע ברידער" פאַר אַ גרויס ווערק.

אין די דריי ביכער, וואָס זיינען אַרויס ביז אַהער, ווייזט מאַן, אַז איידער ער איז צוגעטראָטן צו זיין ווערק האָט ער געזוכט און געגישטערט און געוואָלט זיך באַקענען מיט אַלע מקורות, וואָס קאָנען נאָך וואַרפן עפּעס אַ שטיקל ליכט אויף יענע אַלטע פאַרגעסענע צייטן. ער האָט זיך באַקענט מיט אַלע אַלטע און נייע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין בבל, מצרים און אַלע קלענערע לינדער, וואָס זיינען געלעגן צווישן די דאָזיקע צוויי פּאַרצייטיקע גרויסע אימפּעריעס. די צוויי אַזוי פאַרשיידענע קולטור־וועלטן אַנטפּלעקן זיך פאַר אים דורך די אומצייליקע מיפעז, זאגן, צערעמאָניעס, מנהגים, רעליגיעזע און וועלטליכע געזעצן, וואָס ער האָט גענוי אויסגעפאָרשט. אים האָט, ווי עס ווייזט אויס, מער פון אַלץ פאַראינטערעסירט צו וויסן ווי אַזוי איין צווייג — דער אידישער — האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם באַבילאָנישן שטאַם און פון אים איז אַרויס־געוואָקסן אַ גאַנץ נייער בוים מיט אַ גאַנץ אַנדערער נייער קולטור און נייעם לעבנסבאַנעם, וואָס האָט דערנאָך באַאיינפלוסט די גאַנצע וועלט; וויפיל איז אין אָט דעם וועלט־באַנעם פאַרבליבן פון דעם אַלטן, באַבילאָנישן און וויפיל האָט ער אין זיך אויך איינגעזאַפּט פון דעם עגיפּטישן מיט וועלכן ער איז געקומען אין אַזאַ נאָענטן באַריר; וואָס וויסן וועגן דעם אַלעמען צו דערציילן די אידן, אַחוץ דעם, וואָס מיר האָבן געלייענט אין דער ביבל? די קינסטלערישע נאָז האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אין די אידישע נאָך־ביבלישע ספרים (אין תלמוד און מדרשים) מוז זיך געפינען אַן אוצר מיט אומשעצבאַרע מאַטעריאַלן, וואָס די דרויסנדיקע ניט־אידישע וועלט האָט ביז איצט נאָך ניט אויסגעפאָרשט. און ער איז אַוועק זוכן אין די אידישע ספרים און ווירקליך געפונען — אפשר אַ סך מער ווי ער האָט אַליין דערוואַרט. ער האָט געפונען אַ וועלט פון לעגענדעס ווערטלעך און מאָרגנלענדישער חכמה, וואָס זיינען פאַר זיין צוועק פּונקט אַזוי וויכטיק און אפשר נאָך מער, ווי אַלע וויסנשאַפטליכע אויסגראָבונגען.

דאָ, אין די אידישע ספרים, האָט אָבער טאָמאַס מאַן געפונען נאָך עפּעס וויכטיקערס — אַ נייע פאָרם פאַר זיין געפּלאַנט ווערק. איך האָב אויבן געזאָגט, אַז אין דעם ווערק איז מאַן אויסן ניט צו שאַפן נאָר צו קאָמענטירן. דאָס איז ניט אין גאַנצן ריכטיק, וויל גאַנץ אָפט קאָמענטירט ער אַפילו ניט, נאָר ער

דרש׳נט. אין דעם גאַנג און סטיל פון מדרש. און דאָס איז אפשר דאָס אינ־טערעסאַנטסטע אין דעם ווערק. טאָמאַס מאַן, דער ניט־איד, דער ריינער אַריער און זון פון דייטשע פּאַטריציער, דער מענטש פון פיינעם סטיל און פיינער געשליפענער פאָרם, האָט געלערנט אַ נייע פאָרם פון שרייבן ביים מדרש, וואָס איז ביי אונז, היינטוועלטיקע אידן דער סימבאָל פון סטיל־ און פאָרמלאָזיקייט. אונז, מאָדערנע אידן, קאָן דאָס ניט געמאַכט ווערן פאַר קיין פאָרוואורף, מחמת מיר האָבן אין גאַנג צו אַ ניי־וועלטליך לעבן און צו קינסטלערישקייט געמוזט פאַרוואָרפן אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט שימעל און שטויב פון בית־מדרש. דער קוואַל, פון וועלכן מאַן שעפּט, איז פאַר אונז, היינטיקע אידן, געווען אַן אָנוואורף פון שטיקלעך און ברעקלעך, — אָן אַ סדר, און אויב עס האָט געהאַט אַ זין, איז עס געווען אַ מאָראַלישער און אַזאַ וואָס האָט בלויז געהאָלפן פּענטען דאָס לעבן. אָבער מאַנ׳ען האָט דער מדרש מאָראַליש נאַטירליך ניט געקאָנט באַווירקן; אָבער דער פרעמדער אייגנטאַרטיקער סטיל האָט אים עסטעטיש געקאָנט באַפרוכפערן.

„יוסף און זיינע ברידער" איז אַ מין מאָדערנער תרגום־שני, וואָס לעבט אויף אַ לאַנג־פאַרגעסענע צייט, ווייזט אָן אויף דעם נייעם, אייגנאַרטיקן, וואָס די אורפאָטערס פון אידישן פאָלק האָבן אַריינגעטראָגן אין יענער וועלט, אויף וויפיל דאָס דאָזיקע נייע איז געווען דירעקטער און אומדירעקטער פּראָ־דוקט פון עלטערע קולטורן, פון וועלכע עס איז אַרויסגעוואַקסן. ווי דער תרגום־שני זיינען די דריי ביכער פון דעם ווערק, וואָס זיינען ביז איצט שוין אַרויס, אויך פול מיט אַ וועלט פון אידישע לעגענדעס. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס מאַן באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט אָט די אידישע קוואַלן און טיפּן און זאָגן פון אַנדערע פאַרצייטיקע פעלקער, נאָר בויט אויף דאָס וועלט־בילד פון יענער צייט אויך מיט דער הילף פון אַרכעאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע און דער מאָדערנער פּרוידישער פּסיכאָלאָגיע. דער מדרש־סטיל גיט דעם ווערק אַ באַזונדערן רייץ. גאַנץ אָפט אָבער קלינגט דער באַזונדערער מדרש־קנייטש בטלנ׳יש אַפילו אויף דייטש. אָט זיינען צוויי ביישפּילן:

דאָס צווייטע בוך „דער יונגער יוסף" הויבט זיך אָן אַזוי:

„און עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז יוסף איז אַלט געווען זיבעצן יאָר און אַז ער איז געווען פון שיינער געשטאַלט און שיינעם אויסזען. וועגן דעם איז נייטיק עפּעס צו זאָגן". דערנאָך גייט אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם, וואָס מיר פאַרשטייען היינט ווען מען זאָגט שיין און וואָס עס איז געהאַלטן געוואָרן פאַר שיין אין לאַנד כנען אין דער צייט פון יעקב אבינו. דערמאָנט דאָס ניט אָן דעם אָפטן „ענין זה צריך בירור", וואָס מיר געפינען אין אַמאָליקע אידישע ספרים מיט אַ גאַנצן פלפול, וואָס פאָלגט נאָך אים?

אין דעם דריטן בוך „יוסף אין מצרים" שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם פסוק „ויהי יוסף בבית אדוניו במצרים". — „און יוסף איז געווען אין הויז פון זיין האַר אין מצרים", און ער פרעגט: וואָס לאָזט מען אונז דאָ הערן? וואו דען האָט ער געזאָלט זיין, אויב ניט אין הויז פון זיין האַר? ער איז דאָך אַהין פאַרקויפט געוואָרן? איז דאָס ניט קיין איבעריקער פסוק? און מאַן ווערט דאָ שיער ניט אַן אַלטמאָדישער אידישער מלמד און פאַרטייטשט, אַז דער פסוק איז ניט איבעריק. מען דאַרף אים נאָר ריכטיק לייענען, וועט מען איינזען, אַז ער וויל אונז עפּעס באַלערנען. ער וויל אונז זאָגן, אַז ער איז טאַקע פאַרבליבן אין „הויז" פון זיין האַר און ניט ערגיץ אַנדערש. וואָרים מען האָט דאָך אים געקאָנט נעמען אויף אַרבעט אין די פעלדער, וואָס האָבן געהערט צו זיין האַר, און דעמאָלט וואָלט דאָך פון אים גאָר ניט געוואָרן, און וואו ער וואָלט בייטאָג געליטן פון היץ אונטער דער האַרטקייט פון אַן אויפזעער, און ביינאַכט פון קעלט. איז אָבער געווען גאָט'ס ווילן, אַז ער זאָל בלייבן אין הויז פון זיין האַר און מען זאָל אים ניט פאַרשיקן אויף די פעלדער.

פון דער אַנדערער זייט ווידער באַקומט ביי מאַנ'ען גאָר אַ טיפן זין די לעגענדע, אַז צווישן אַלע שלעכטע רייד, וואָס יוסף האָט אָנגעטראָגן צו זיין פאָטער אויף זיינע ברידער האָט ער אויך דערציילט, אַז זיי עסן אבר מן החי. גאָר וואונדערליך צעבליען זיך ביי אים אַנדערע חלומות יוסף'ס; אַחוץ די צוויי, וואָס ווערן דערמאָנט אין חומש, און צווישן זיי יענע לעגענדע, וואָס איז אורשפּרינגליך דערציילט געוואָרן וועגן חנוכ'ן און דערנאָך אויך איבערגעטראָגן געוואָרן אויף משה רבינו און יוסף'ן. איך מיין די לעגענדע וועגן דעם, אַז איטליכער פון זיי איז געוואָרן מטטרון, דער שר־הפּנים, וואָס שטייט ביי גאָט'ס רעכטער האַנט און איז ניט נאָר דער מליץ־יושר אויף אידן, נאָר אויך דער פאַרמיטלער צווישן גאָט און די מענטשן. אַ לעגענדע, וואָס איז וואָרשיינליך אויפגעקומען ביים אידישן פאָלק נאָך דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום און ווען מען האָט דעם אידישן מענטשן אויך געמוזט געבן אַ מער־לייבליכן פאַרמיטלער צווישן זיך און גאָט. ביי מאַנ'ען ווערט די לעגענדע איינער פון יוסף'ס חלומות, אָדער נאָך בעסער, די קרוין פון אַלע זיינע חלומות, וועלכע ער האָט מורא צו ברענגען איבערן מויל, און וואָס נאָר זיין לייבליכן ברודער בנימין דערציילט ער אַמאָל בסוד סודות. אגב, אפשר אַן אָנווייז, אַז די שפּעטערדיקע קריסטליכע פאַרגאָטונג פון מענטשן איז ניט אינגאַנצן געווען אַ פרעמדע פלאַנץ ביי אידן, נאָר האָט געהאַט איר שורש אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען די אור־פּאָטערס פון די אידן זיינען נאָך געשטאַנען אין נאָענטן באַריר מיט עלטערע קולטורן.

איך האָב אויבן באַמערקט, אַז דאָס לאַנגווייליקסטע אין דעם בוך „יוסף אין מצרים" איז דער דיאַלאָג צווישן פּוטיפאַר'ס ווייב און יוסף'ן. די

רייד אין אַלע דריי ביכער לײַדן כמעט אַלע פון דעמזעלביקן חסרון. איך מיין, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מאַן האָט אונז ניט געוואָלט געבן קיין לעבעדיקע רייד פון רעאַלע לעבעדיקע מענטשן נאָר אידעאַליזירטע און דערהויבענע געשפּרעכן. פּונקט ווי ער האָט אונז ניט געוואָלט שאַפן קיין לעבעדיקע כאַראַקטערן, נאָר נעמען פּאַרטיקע און אַרום זיי אויסשפּרייטן דאָס וועלט־בילד פון יענער צײַט. אפשר דער לעבעדיקסטער מענטש ביי אים איז פּוטיפר. און דוקא וועגן אים איז אַזוי ווייניק פאַראַן אין חומש. דערפאַר אָבער איז מאַן אויסגעוויינטליך דאָרטן, וואו ער שילדערט לאַנדשאַפטן, שטעט און וועגן. דאָ איז ניטאָ קיין פּאַרטיקס און דעריבער האָט ער עס פאַר אונז געשאַפן. מייסטערהאַפט איז די וואַנדערונג פון די ישמעאלים, וואָס האָבן געקויפט יוסף׳ן ביי זיינע ברידער און האָבן מיט אים אַראָפּגענידערט קיין מצרים. מייסטערהאַפט איז די שילדערונג פון דעם אָנקום פון דעם קאַראַוואַן צו די טויערן פון מצרים, וואָס ווערן באַוואַכט פון פרעה׳ס פאַרפּאַסטנס ביים מדבר. גאָר מערקווירדיק איז די שילדערונג פון די שטעט דורך וועלכע די ישמעאלים ציען דורך ביז זיי קומען אָן קיין סעבען, די דאַמאָלסטיקע הויפּט־שטאָט פון מצרים.

איין קליינע סצענע וויזט מיט וועלכע מיטלען טאָמאַס מאַן האָט זיך באַנוצט כדי פאַר אונז אויפצולעבן אַ גאַסן־סצענע אין אַ פּאַרצייטיקער עגיפּטישער שטאָט. צווישן די פאַרשיידענע זאַכן, וואָס די ישמעאלים האָבן באַמערקט אין איינער פון די שטעט, איז געווען ווי בעקער־יונגען גייען אַרום און טראָגן קוישן מיט ברויט אויף די קעפּ און די גרויסע רויב־פייגל, וואָס קרייזן אַרום אין דער הויך, כאַפּן ברויט פון די קערב.

יעדער מענטש, וואָס האָט אַמאָל געלערנט חומש וועט זיך דערמאָנען אָן דעם חלום פון דעם בעקער־מייסטער, וואָס איז געזעסן מיט יוסף׳ן אין געפענגניש. — נאָר אַ וואונדערליכער קונסט־זין קאָן מיט דער הילף פון אַזאַ חלום צוריק אויפלעבן אַ שטיק פון רעאַלע ווירקליכקייט פון אַ לעבן, וואָס איז שוין טויזנטער יאָרן ניטאָ.

יולי, 1938

וועגן שלום אַש׳ס „נאַזאַרין״

.1

שלום אַש׳ס „דהי נאַזאַרין״ איז אַ בוך פון אַ אידן געשריבן פאַר גויים. ווען אַ איד נעמט זיך די מי צו שרייבן פאַר גויים, האָט ער דערביי באַשטימטע כוונות. אַמאָל גוטע און אַמאָל ניט אַזוינע זויבערע. אַש׳ס כוונות זיינען — ווי דאָס בוך באַווייזט עס אומעטום — געווען גוטע און נאָבעלע. אָבער מיט גוטע כוונות איז אויסגעפּלאַסטערט ניט נאָר דער וועג צום גיהנום. אַש׳ן האָבן זיי פאַרפירט צו צופּאַסונג און פאַרפלאַכונג, וואָס פאַר אַ קינסטלער איז עס כמעט דאָס זעלביקע ווי פעלשונג. דער רעזולטאַט? — אַ גרויסן און גאַנצן אַ שלעכט בוך, כאָטש דאָ און דאָרטן זיינען פאַראַן שטעלן און גאַנצע קאַפּיטלען פון גרויס שיינקייט און אַפילו פון הויכער קינסטלערישער דערגרייכונג.

ווען אַ נאָוועליסט האָט ניט פאַר די אויגן דעם לייענער, איז ער אַן אומאויפהערליכער אַנטדעקער. מעג דער ענין זיין פאַר אים ווי קלאָר, די פערזאָנאַזשן ווי לעבעדיק און דער פּלאַן ווי אויסגעאַרבעט, איז דאָס אַלץ פאַר אים אָבער, אין תוך, ניט מער ווי טויטער רוי־מאַטעריאַל, וואָס דאַרף ערשט באַלעבט ווערן. די באַלעבונג קומט, צו דער פריידיקער איבעראַשונג פון דעם דיכטער, ערשט ביי דער אַרבעט גופא. ווען אַ נאָוועליסט האָט אָבער פאַר די אויגן אַ באַשטימטן לייענער, איז ער, אין בעסטן פאַל, אַ גוטער אינפאָרמאַנט. און דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס מען קאָן נאָכזאָגן אַש׳ן פאַר זיין נייעם בוך. „דהי נאַזאַרין״ גיט אַ סך אינפאָרמאַציע צו די ניט־אינפאָר־מירטע — וועגן דעם לעבן פון די אידן אין ארץ־ישראל אין די צייטן פון יעזוס׳ן. דערין, גלויב איך, שטעקט צום גרויסן טייל דער סוד פון זיין ריזיקן דערפאָלג ביי אידן, ווי ביי ניט־אידן, וואָס זיינען אַלץ איינס פאַראינטערעסירט אין יענער, ביז גאָר אינטערעסאַנטער עפּאָכע פון אונזער געשיכטע.

אין אַן אינטערוויו, וואָס אַש האָט געגעבן צו אַ פאַרטרעטער פון דער ניו יאָרקער „וואָירלד טעלעגראַם״, האָט ער געזאָגט, אַז כדי געניו זיך צו באַקענען מיט יענער עפּאָכע, האָט ער געמוזט דורכלייענען איבער הונדערט ביכער אין פאַרשיידענע לשונות. און דאָס איז אַ גרויסער שאָד. דער גאַנצער מאַטעריאַל איז פאַראַן אַ גרייטער, אויסגעפאָרשט און צונויפגעקליבן. איך אַליין, למשל, ווייס פון איין בוך, „דאָס לעבן אין פּאַלעסטינע אין דער צייט פון קריסטוס׳ן״, פון עדמאָנד סטאַפּפער, פּראָפעסאָר פון פּראָטעסטאַנטישער

טעאָלאָגיע אין דער סאָרבאָנע, געבויט אויף מקורות אין תלמוד, יאָזעפוס, דעם ברית חדשה און די שריפטן פון די ערשטע קירכנפאָטערס, וואָס באַקענט דיך גענוי מיט דעם גאַנצן אידישן שטייגער פון יענער צייט. ווי אַזוי אידן האָבן געוואוינט, געלעבט, געאַרבעט, געהאַנדלט, געקליידט זיך, דער־צויגן זייערע קינדער, געפירט זיי צו דער חופה און צו דער קבורה; ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די הייזער פון די אָרימע, די פּאַלאַצן פון די רייכע און די עפנטליכע געביידעס; ווי אַזוי דער איינצלנער איד האָט זיך אויפגעפירט אין דער היים און ווי אַזוי אין דער עפנטליכקייט — ביי גאָט־דינסטן אין די שולן און אין בית־המקדש; די ימים־טובים און ווי אַזוי זיי זיינען געפּראַוועט געוואָרן; ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די חדרים פאַר קליינע קינדער, די בתי־מדרשים פאַר דערוואַקסענע, וואָס און ווי אַזוי מען האָט אין זיי געלערנט; די אידישע גרופּן, סעקטן און פּאָליטישע פּאַרטייען פון יענער צייט; די באַציאונגען פון איינע צו די אַנדערע און פון אַלע צו פרעמדע, אין אייגענעם לאַנד און אין חוץ־לארץ. אין פּראָפעסאָר סטאַפּפער׳ס בוך זיינען אַפילו פאַראַן לידער פון יענער צייט, און צווישן זיי אויך דאָס פּאָליטישע ליד וועגן דעם בית־ביתות, וואָס אַש ברענגט אויך אין זיין יעזוס ראָמאַן. וואָלט אַש ניט געדאַרפט פטר׳ן אַזוי פיל צייט, מי און ענערגיע אויף זאַמלען מאַטעריאַלן, וואָס זיינען שוין געזאַמלט פון פריער, וואָלט אים ממילא פאַרבליבן מער פאַר זיין שאַפערישער אַרבעט. זיכער וואָלט ער זיך דעמאָלט מער ניט באַנוגנט מיט דער ראָל פון אַן אינפאָרמאַנט, בפרט ווען ער זאָל געוועגן וויסן, אַז די אַרבעט איז שוין געטאָן געוואָרן און ער קאָן שוין מער ניט מחדש זיין. קינסטלער, ווי ער איז, וואָלט ער זיך מסתמא געשטעלט אַנדערע, העכערע אויפגאַבן. דער רעזולטאַט וואָלט דעמאָלט אפשר געווען גאָר אַן אַנדערער. אפשר, אָבער ניט זיכער. מיט צופיל זייטיקע כוונות, ניט קינסטלערישע, איז אַש צוגעטראָטן צו זיין יעזוס ראָמאַן, אַז דער קינסטלער אין אים זאָל ניט געפּענטעט ווערן.

.3

ביים שרייבן „דהי נאַזאַרין״ איז אַש, ווי עס ווייזט אויס, אויסן געווען צו באַווייזן: 1) אַז די רוימער און ניט די אידן זיינען געווען פאַראַינטערעסירט אים צו טייטן; 2) אַז יעזוס איז געווען אַ ריין אידישער מענטש, דער אויס־וואוקס פון אידישן שטייגער און אידישער קולטור פון זיין צייט; 3) אַז אין תוך האָט ער כמעט גאָרניט מחדש געווען, ווייל אַלץ וואָס איז שיין, גרויס און נאָבל אין דער לערע פון קריסטוס׳ן, איז אויך פאַראַן אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערן ביי אַנדערע גרויסע אידן פון זיין צייט; 4) אַז יעזוס איז פונדעסט־וועגן געווען גרעסער פון אַלע אידישע חכמים, וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט, ווייל ביי זייער גאַנצער גרויסקייט אַלס עטישע פערזענליכקייטן (און

נאָר אַזעלכע שטעלט אַש אַקעגן דעם נוצרי) זיינען זיי געווען ניט מער ווי שריפטגעלערנטע, וואָס זיינען געבונדן צו די פסוקים פון אַן איבערגעליפער־טער פאַרצייטיקער תורה, וואָס זיי קאָנען אפשר ניי אויסטייטשן אָדער עפּעס נייעס אין זיי אַריינטייטשן, בעת ער איז, אַרויסגייענדיק פון דער טראַדיציע, דערגאַנגען צו עפּעס, וואָס איז אינגאַנצן ניי און אייגנס און האָט ניט מורא צו זאָגן אַפילו אַזוינס, וואָס וואַרפט אום די מסורה; און 5) אַז מיר קאָנען אָנעמען בוכשטעבליך אַלץ, וואָס עס ווערט דערציילט אין ברית חדשה וועגן יעזוס׳ן. מער ניט, מיר דאַרפן בלויז וויזן די צייט, דעם אָרט און די מענטשן אַרום אים, ווער עס האָט דערציילט דעם מופת און ווער אַן אַנדערן, און ווי אַזוי זיי זיינען דערציילט געוואָרן. דעמאָלט וועט ווערן אַלץ קלאָר און אַלץ פאַרשטענדליך. אַוודאי איז וויכטיק צו וויסן, צי יעזוס איז יאָ אָדער ניט געווען אַ ריין אידישער מענטש און אַ פּראָדוקט פון אַ ריין־אידישער סביבה. עס איז אויך אינטערעסאַנט צו וויסן, צי האָט יעזוס יאָ אָדער ניט מחדש געווען עפּעס מיט זיין תורה. אָבער דעם דיכטער׳ס עובדה איז ניט צו געבן דאָס, וואָס עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן. דערצו איז ניט נייטיק קיין שום קינסטלערישע באַגאַבונג. דער געשיכטע־פאָרשער וועט דאָס מאַכן בעסער, געשיקטער און גרינטליכער אַוודאי, אויף זיין פּראָזאַאיש־וויסנשאַפטליכן אופן. צו וויזן די גרויסקייט פון אַ פּערזענליכקייט און ווי זי וואַקסט איבער אַלע אַנדערע פון דעם דור, דאָס זעט איר, איז שוין גאָר אַן ענין פאַר אַ קינסטלער. און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אורשפּרינגליך איז אפשר געווען דאָס אין דער יעזוס פיגור, וואָס האָט געלאָקט אַש׳ן דעם קינסטלער. אָבער זיין שקלאַפיש האַלטן זיך ביי דער יעזוס־געשיכטע, ווי זי ווערט איבערגעגעבן אין דעם נייעם טעסטאַמענט, ווייזט, אַז דאָס איז ניט געווען דער פאַל. נאָך ווינציקער פון אַ נביא צו אַן איבערגעליפערטער תורה קאָן אַ קינסטלער זיין געבונדן צו אַן איבערגעליפערטער געשיכטע. ווי אַלץ אַנדערע טאָר די איבערגעליפערטע געשיכטע ניט זיין פאַר אים מער ווי רוי מאַטעריאַל, פון וועלכן ער קלייבט זיך ערשט עפּעס שאַפן און מיט וועלכן ער דערלויבט זיך צו טאָן אַלץ, וואָס ער דאַרף האָבן פאַר זיין קינסטלערישן ציל. אַזוי לאַנג ווי דער קינסטלער פילט זיך ניט פריי גענוג צו פאַרוואַנדלען אַן ענין אין גאָר עפּעס אַנדערש, ווען עס איז נייטיק, איז ער קינסטלעריש ניט ראוי און אין בעסטן פאַל ניט צוגעגרייט זיך צו נעמען צו דעם שטאָף. מיט דעם וואָס אַש האַלט זיך אַזוי שקלאַפיש ביי דער איבערגעליפערטער יעזוס געשיכטע אין זיין „נאַזאַרין״, מיט דעם אַליין ווייזט ער, אַז ער איז לכתחילה ניט צוגעגאַנגען צו איר, ווי אַ קינסטלער. ממילא האָט שוין ניט געקאָנט אַרויס־קומען דאָס קונסט־ווערק, וואָס געוויסע אַמעריקאַנער רעצענזענטן ווילן אונז איינריידן, אַז עס איז. כדי „דהי נאַזאַרין״ זאָל ווערן אַ קונסטווערק, האָט

קודם כל די לעגענדאַרישע יעזוס פיגור געדאַרפט אויסוואַקסן אין אַ לעבע־דיקער געשטאַלט, און וואָלט זי אויסגעוואַקסן, וואָלט די לעגענדאַרישע ראַם געמוזט פּלאַצן אונטער איר פולער גרויס. ביי אַש׳ן, אָבער, איז געשען פּונקט דאָס פאַרקערטע. די יעזוס־פיגור איז ביי אים אַזוי איינגעשרומפּן געוואָרן, אַז די לעגענדאַרישע ראַם איז פאַר אים צו גרויס און צו עקזאָטיש, און דאָס מאַכט זי נאָך נעבעכדיקער.

ווען מען לייענט אַש׳ס „נאַזאַרין״, מוז מען זיך וואונדערן מיט וואָס דער „דאָזיקער מענטש״ האָט זוכה געווען, אַז ער זאָל פאַרהערליכט און דערהויבן ווערן אַפילו ביי ניט־גלויביקע. פון דער שיינער און עטישער פּערזענליכקייט אין דער לעגענדע ווערט ביי אַש׳ן שיער ניט אַ היינט־צייטיקער קליינשטעטלדיקער שטראָפער און מופתים־וויזער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט משונה׳דיקע איינריידעניש, הערט דערביי ניט אויף צו באַוויינען דעם ביטערן גורל, וואָס וואַרט אויף אים, און טוט אַלץ אין דער וועלט אים צו דערנענטערן. דער יעזוס אין דער לעגענדע ליידט, כדי דורך זיינע ליידן אויסצולייזן די וועלט. פאַרוואָס אַש׳ס יעזוס ליידט, דאָס הויבן מיר ניט אָן צו פאַרשטיין, כאָטש דער לעגענדאַרישער מאָטיוו ווערט אויך פון אים אָנגעגעבן. אַש האָט יעזוס׳ן געוואָלט פאַרמענטשליכן. דערביי האָט ער אָבער מורא געהאַט ביי אים צוצונעמען זיין געטליכקייט. דער רעזולטאַט איז, אַז די מעשים זיינע בלייבן צו אומנאַטירליך, אַז אַ ניט גלויביקער זאָל זיי נעמען ערנסט, אָדער צו נישטיק, אַז זיי זאָלן עמיצן אָנגיין. און די רייד זיינע, אַפילו די שענסטע און טיפסטע, ווערן ביי אַש׳ן עפּעס מאָדנע פלאַך, טויט און אָפּ־געריבן. ווי אַזוי אַש באַווייזט דעם נס, דאָס איז פאַר מיר ניט אינגאַנצן קלאָר. טיילוויז פרואוו איך עס זיך דערקלערן דערמיט, וואָס אָט די שיינע און טיפע רייד ווערן ביי אַש׳ן זייער אָפט אַרויסגעזאָגט דווקא אין דער אומ־פּאַסיקסטער צייט און אויפן אומפּאַסיקסטן אָרט, אין פאַרבינדונג מיט גע־שעענישן און סיטואַציעס צו וועלכע זיי זיינען צוגעקלעפּט ווי מיט ציכטערן שפייעכץ.

3.

ביים שרייבן זיין יעזוס ראָמאַן האָט אַש זיך באַנוצט מיט אַ מעטאָד ניט קיין נייעם אָבער אַן אינטערעסאַנטן. אינטערעסאַנט שוין דערמיט, וואָס ער גיט דעם מחבר אַ וואונדערליכע געלעגנהייט צו ווייזן זיין הויפּט־העלד און דעם וועג וואָס ער גייט דורך, פון פאַרשיידענע זייטן. דער מעטאָד באַשטייט דערין, וואָס די געשיכטע ווערט דערציילט פון דריי פאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן כלומר׳שט געלעבט אין איין צייט מיט קריסטוס׳ן, זיינען געווען אויגן־עדות פון די געשעענישן און איטליכער פון זיי גיט זיי איבער אויף זיין אייגענעם שטייגער.

און ווידעראַמאָל דאָס זעלביקע: וואָלט דער מחבר ניט געהאַט קיין זייטיקע כוונות, וואָס זאָלן שטערן, וואָלט פאַר אונז דורך דעם מעטאָד אפשר ווירקליך אויפגעוויקלט געוואָרן אַ פולע און פּלזייטיקע געשטאַלט פון דעם מענטשן יעזוס. אַזוי ווי אָבער אַש האָט יאָ געהאַט זייטיקע כוונות און זיי האָבן יאָ געשטערט, קומט ביי איטליכן פון די דערציילער אַרויס כמעט די זעלביקע קוקלע אַפילו ניט אַנדערש געשלייערט. קיין איינער פון זיי ווייזט אים אונז ניט אַנדערש, און אַלע דערציילן זיי נאָר — כאָטש איטליכער אויף אַן אַנדער אופן — דעם טפל אַנשטאָט דעם עיקר; דיזעלביקע באָבע־מעשיות וועגן מופתים, וואָס העלפן נאָך דיקער מאַכן דעם נעפּל אַרום דער אַזוי אויך שוין צופיל פאַרנעפּלטער יעזוס געשטאַלט.

דאָס אזי נאָך ווינציק. כדי צו האָבן דריי אויגן־עדות פון דער יעזוס געשיכטע, האָט אַש געמוזט אָנקומען צו אַ טריק, וואָס פּאַסט לחלוטין ניט פאַר אַ שרייבער פון זיין מדרגה. ער פירט פאַר אונז פאָר צוויי וואַרשעווער פאַרשוינען און וויל מיר זאָלן אים גלויבן, אַז אין אַ פריערדיקן גלגול האָבן זיי געלעבט אין ירושלים, אין איין צייט מיט קריסטוס׳ן, און נאָר די השגחה אַליין האָט זיי דערנאָך אין וואַרשע צונויפגעפירט, כדי דורך זיי זאָל אַנט־פלעקט ווערן אַ פאַרלוירענע פינפטע עוואַנגעליע, וואָס אַנטהאַלט די יעזוס־געשיכטע פון דעם דריטן אויגן־עדות, דעם געוועזענעם אַפּאָסטאָל און שפּעטערדיקן פאַררעטער, יהודה איש־קריות.

די צוויי וואַרשעווער פאַרשוינען זיינען דער פּוילישער האַלב־פאַרשער, האַלב־שאַרלאַטאַן און גאַנצער שונא־ישראל פאַן וויאַדאָמסקי, און אַן אַנאָנימער אידישער יונגערמאַן, וואָס גיט דאָס איבער אין דער ערשטער פּערזאָן אַש׳ס דריי־גאָרנדיקע יעזוס־געשיכטע. דער אידישער יונגערמאַן קומט צו דעם אַנטיסעמיטישן פּוילישן פאַן דורך דער רעקאָמענדאַציע פון אַ פּוילישער דאַמע, וואָס וויס, אַז וויאַדאָמסקי דאַרף האָבן אַ אידן, וואָס זאָל אים העלפן אַנטציפערן אַ פאַרצייטיקן העברעאישן מאַנוסקריפּט. נאָך אַ ריי באַגעגענישן הויבט אָן דער פאַן וויאַדאָמסקי ביסלעכווייז צו אַנטפּלעקן פאַר דעם אידישן יונגענמאַן, אַז ער געדענקט זיך פון אַ פריערדיקן גלגול, ווי דער רוימער קאָרנעליוס, וואָס האָט געלעבט אין ארץ ישראל אַלס לעגעמאַן פון ירושלים, אונטער דעם פּראָקוראַטאָר פּילאַט, וועלכער האָט געלאָזט קרייציקן יעזוס׳ן.

לכתחילה איז דער אידישער יונגערמאַן געווען סקעפּטיש צו דער גאַנצער געשיכטע און זי אָנגענומען פאַר ניט ריכטיק און דעם פאַן וויאַדאָמסקי פאַר אַ שאַרלאַטאַן און אַ האַלב־צעדרייטן מענטשן. אָבער נאָכדעם ווי פאַן וויאַדאָמסקי איז דורכגעגאַנגען עפּעס אַן איבערנאַטירליכע פאַרוואַנדלונג (וואָס קלינגט מסתמא אַש׳ן אַליין זייער ווילד, אַז ניט וואָלט ער זיך ניט באַמיט אַזוי שטאַרק זי מקרב צו זיין צום שכל דורך איבערקלוגער פּסיכאָ־

לאַגיזאַציע), און נאָכדעם ווי דער יונגערמאַן האָט ענדליך אַנטציפערט דעם געפונענעם פאַרצייטיקן כתב־יד, הויבט אויף אים אויך אָן צו „רוען דער גייסט" און ער דערמאָנט זיך, ווי ער אַליין האָט אויך געלעבט אין יענער צייט אין ירושלים, וואו ער איז געווען אַ תלמיד פון א תנא מיטן נאָמען ר' נקדימון, וואָס איז אַליין געווען אַ תלמיד פון ר' יוחנן בן זכאי און אַן אָנהענגער פון דעם תנא פון נצרת, וועלכער איז געווען אַ סך מער פון אַ תנא.

אין דעם ערשטן טייל, אין וועלכער וויאַדאָמסקי־קאָרנעליוס גיט איבער די מעשה אויף זיין אופן, הויבן מיר אָן אַש'ן ביסלעכווייז מוחל זיין דעם „טריק", ווייל דער סטיל און אופן פון דערציילן איז מער־ווייניקער אין דעם סטיל און כאַראַקטער פון דעם דערציילער. אַ רוימישער אָפיציר און קאַלאַניאַל באַאַמטער, וואָס האָט בכלל נאָר אַן אויג פאַרן דרויסנדיקן און זיין אימפעריאַ־ליסטישע גאוה פון אַ זיגער, וואָס לאָזט אים ניט זיך נעענטער צו באַקענען מיט דעם אינטימערן און אינערליכן לעבן פון די „בייטיווס", וועלכע ער פאַראַכט, פאַסט פאַר אים דער לויז־זשורנאַליסטישער און צינישער טאָן, אין וועלכן ער גיט איבער די יעזוס געשיכטע אַזוי ווי ער קען זי.

נאָכמער קויפט ער אויס דעם „טריק" מיט דער כלומר'שטער געפונענער פינפטער עוואַנגעליע פון יהודה איש־קריות. דאָס איז אַ שטיק סטיליזאַציע, אין וועלכער אַש האָט באמת אַרויסגעוויזן גרויס מייסטערשאַפט. זיין קינסט־לערישער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אָט די געפונענע עוואַנגעליע טאָר ניט געשריבן ווערן אין סטיל פון נייעם טעסטאַמענט און אויך ניט אין סטיל פון אַלטן, און אַש'ן איז געלונגען צו שאַפן אַ גאַנץ אייגענעם סטיל, אין וועלכן עס גיסן זיך זייער נאַטירליך צונויף דער סטיל פון תנ"ך, פון ברית חדשה, מדרש און אגדתא.

אָבער גאָר אַן אַנדערן טעם לאָזט נאָך זיך דער דריטער און לעצטער טייל פון דעם בוך, אין וועלכן דער תלמיד פון דעם אויסגעטראַכטן תנא ר' נקדימון, דערציילט, וואָס ער געדענקט פון דער יעזוס געשיכטע. זיין אופן פון דערציילן איז אַזוי פנימ'לאַז, אַז דו קאָנסט אים ניט צופאַסן, ניט צום דערציילער און ניט צום דערציילטן. אַזוי פאַלש אין טאָן איז דער טייל פון בוך, אַז כאָטש אין אים ווערן איבערגעגעבן די סאַמע וויכטיקסטע און טראַגישסטע געשעענישן פון דער יעזוס געשיכטע, רירט ער אונז ניט אויף דאָס מינדסטע.

4.

ווי אין פריערדיקע ווערק זיינע, האָט שלום אַש אויך געוויזן אין זיין בוך וועגן יעזוס'ן, אַז ער קען גוט פּרויען. די לעבעדיקסטע געשטאַלטן אין „דהי נאַזאַרין" זיינען ניט ישו הנוצרי, ניט שמעון פּעטרוס, יהודה איש־קריות און די אַנדערע תלמידים זיינען; אויך ניט הורדוס, ניט דער כהן־גדול

חנן און די אַנדערע מענער פון זיין הויז, און ניט קיינער פון די אמת'ע און אויסגעטראַכטע תנאים און זייערע תלמידים, וואָס אַש פירט אַרויס אין זיין בוך, נאָר די „שוואַרצע חנה", שושנה און מרים פון מגדל, איידער זי „דערזעט דאָס ליכט". די לעצטע ליידט אַפילו פון צופיל פּאַליטור און טעאַטראַלישע סצענעס, אין וועלכע דער מחבר פּאַרזעצט זי. זי איז אפשר אויך צוגעשניטן לויט פּאַרטיקע מוסטערן. זי האָט אָבער גענוג אייגנס און איינגנאַרטיקס, וואָס רייסן דורך און צעשטערן די פרעמדע ראַם און עס באַוועגט זיך פאַר אונז אַ הערליכע געשטאַלט פון אַ קאַפּריזנער, עקזאָטיש־עראָטישער פרוי, האַלב זונה און האַלב הייליקע, וואָס קאָן איר כח און נוצט אים אויס אויף אָנצוצינדן מיט תאוה יענע, וואָס באַצאָלן דערפאַר, כדי זי זאָל זיך קאָנען אַוועקשענקען גאַנץ און פרום צו די, וואָס זיינען איר נאָענט און ליב; און וואָס עראָטיק און רעליגיע מישן זיך ביי איר אַזוי, אַז אַ געשלעכטליכער אַקט קאָן ביי איר זיין אַ גאָט־דינסט, און אין רעליגיעזן עקסטאַז זאָל זי אויפגיין ווי אין אַ באַהעפטונג.

אַ טראַפּעלע ענליך צו איר, אָבער דאָך פון אַ גאַנץ אַנדערן מין, איז די „שוואַרצע חנה", וואָס גייט דורך אין דעם בוך בלויז צוויי מאָל. גאָר פון אָנהייב, צום ערשטן מאָל, און באַלד ביים סוף, צום צווייטן מאָל. מען קאָן אַפילו ניט זאָגן, אַז זי „גייט דורך", ווייל פּאַקטיש ווערט זי בלויז דערמאָנט פאַרבייגייענדיק. קאָרנעליוס, דער רוימישער העגעמאָן איבער ירושלים, דערציילט וועגן איר, דורך אגב, פון אָנהייב. יוחנן, אַ תלמיד פון דעם אויסגעטראַכטן תנא ר' נקדימון, דערמאָנט זי פונקט אַזוי פאַרבייגייענדיק צום סוף. פון קאָרנעליוס'ן דערוויסן מיר זיך, אַז אַזאַ פרוי האָט זיך אין רוים אַרומגעדרייט ווי אַ צושטעלערין פון מעדיקאַמענטן און פאַרפיומען צו די רוימישע מאַטראָנעס און אין איין וועג האָט זי שוין אויך פאַרהאַנדלט דעם אידישן גאָט אין די רוימיש־אַריסטאָקראַטישע הייזער. די „שוואַרצע חנה" האָט מען זי גערופן ניט ווייל זי איז טאַקע געווען שוואַרץ, נאָר ווייל מען האָט זי אין רוים שטענדיק געזען אין אַ שוואַרצן שלייער. דאָס איז ביי איר געווען אַ נדר אַזאַ. אַזוי לאַנג ווי דער ים איז צווישן איר און דעם בית־המקדש, וועט זי ניט טראָגן קיין קאָלירטע קליידער אָדער קאָלירטע שאַלן. זי איז קלוג, פּראַקטיש און פון גרויסער פיזישער שיינקייט. און דו ווייסט ניט, צי איז איר נדר טאַקע געמיינט געוואָרן ערנסט, אָדער דאָס איז געווען בלויז אַן אויסגערעכנטער „טריק אָוו דהי טרייד" פון אַ שיינער און קלוגער פרוי, וואָס קען אויסגעצייכנט זיך אַליין און די פרעמדע סביבה אין וועלכער זי באַוועגט זיך, און זי ווייסט גענוי וואָסער איינדרוק דאָס וועט מאַכן. אַן אייגנאַרטיקע פיגור, וואָס ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר דאַכט זיך דיר, אַז דו קאָנסט זי שוין פון לאַנג און זי ווערט דיר נאָענט.

דער שוואַרצער שלייער פאַלט אויף איר פּנים אַזוי, אַז ער זאָל מער אויפדעקן ווי פאַרדעקן און אַנטפּלעקט פאַר אונז מער ווי דעם שימער פון איר אָליוון הויט און מער ווי דעם גלאַנץ פון אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן. אַש האָט די געשטאַלט געצייכנט בלויז מיט עטליכע קאַרגע דרויסנדיקע שטריכן. אָבער אַזוי מייסטערהאַפט, אַז מיר זעען די גאַנצע פרוי, ווי זי איז און ווי אַזוי זי קאָן ווערן. אונז דאַכט זיך אַפילו, אַז מיר קאָנען טרעפן, ווי אַזוי זי לעבט מיט אַ מאַן, ווי זי פלירטעוועט און ווי זי לעבט איבער די שטילע אינער־ליכסטע מינוטן מיט גאָט און מיט זיך אַליין.

מיט בלויז עטליכע שטריכן איז אויך געצייכנט שושנה, די מוטער פון די צוויי אַפּאָסטאָלן יוחנן און יעקב. דאָס איז שוין אַ פרוי פון גאָר אַן אַנדערן שניט. אַ פּראָסטע, פּראַקטישע, פאַרמעגליכע פויערשע פישער־פרוי, וואָס פילט זיך אומגליקליך דערפון, וואָס אירע צוויי געראָטענע זין, געשיקטע פישערס און גוטע פאַרדינער, האָבן פּלוצים אַלץ איבערגעלאָזן אויף הפקר און גייען נאָך עפּעס אַ האַלב־צעדרייטן שווערמער, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבערן לאַנד, האַלט דרשות פאַרן המון און איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט בעטלערס, קאַליקעס און משוגעים. שפּעטער, נאָכדעם ווי זי ווייס, אַז זי וואַרט אומזיסט אירע זין זאָלן קליגער ווערן און צוריקקומען אַהיים, און נאָך דעם ווי זי הערט זיך אָן וועגן אַלערליי וואונדיירים, וואָס דער האַלב־צעדרייטער מענטש באַווייזט, און אַז ער איז גאָר משיח, איז זי שוין באַלד גרייט צו פאַרקויפן די שיפן און אַנדערע זאַכן, וואָס זי פאַרמאָגט, איבערגעבן דאָס געלט צו דער שותפות׳דיקער קאַסע פון דער געמיינדע, וואָס האָט זיך אַרומגעקליבן אַרום אים. אָבער אַפילו דעמאָלט פאַרלירט זי אויך ניט איר פּראַקטישקייט. זי איז טאַקע גרייט אַלץ אויפצוגעבן, אָבער נאָר מיט אַ תנאי: דער משיח זאָל איר צוזאָגן, אַז ווען ער וועט זיך אַנטפּלעקן אין זיין גאַנצער הערליכקייט, וועט ער אירע צוויי זין מאַכן פאַר פּרינצן, און איינער פון זיי וועט זיצן צו זיין רעכטער האַנט און דער צווייטער צו זיין לינקער האַנט. נאָך שפּעטער, ווען אַפילו אָט די קאַרגע, פּראָסטע, פּראַקטישע פויערטע־פישערין ווערט אויך פאַרכאַפּט פון דעם יעזוס גלויבן, פאַרקויפט אַלץ, פאַרלאָזט איר היים און שליסט זיך אָן אין דער סעקטע, קאָן איר געזונטער, פּראַקטישער אינסטינקט פון אַ באַלעבאָסטע בשום אופן ניט סובל זיין דאָס פוסט און פאַסטעווען פון אַזוי פיל מענטשן, וואָס וואַרטן אויף דעם הימלישן קעניגרייך און דערווייל טוען זיי ניט אַריין אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער. ווייל צו וואָס אַרבעטן, אַז באַלד קומט דער גרויסער טאָג, ווען אַלע וועלן געשפּייזט ווערן פון גאָט, אָן זאָרג, ווי די חיות אויפן פעלד און ווי די עופות פון הימל? און אַז שושנה דערזעט דעם שמוץ און די אָפּגעלאָזנקייט אין דעם לאַגער פון יעזוס׳עס נאָכפאָלגער, צעשרייט זי זיך אויף די פאַרשוינען, וואָס

דרייען זיך דאָרט אַרום שלינג און שלאַנג, אַז ווען קוילעטשן וועלן וואַקסן אויף דיביימער, וועלן זיי טאַקע גאָרניט דאַרפן טאָן. דערווייל אָבער מוז זיין אָרדענונג און יעדער מוז צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט. די פּראַקטישע פּויערטע אין איר רעבעלירט, און די באַלעבאָסטע נעמט איבער די פירונג פון דער באַלעבאַטישקייט און גיט באַפעלן אין אַזאַ טאָן, אַז אַלע מוזן פאָלגן.

אין זיין „נאַזאַרין" וויזט אַש אַן איבעריקן מאָל, וואָס פאַר אַ וואונדערליך אויג ער האָט פאַר לאַנדשאַפטן און נאָך מער פאַר געוואַנטן און טראַכטן. און ניט בלויז אַן אויג. גאַנץ אָפט גיט ער אונז אַ בגד אַזוי, אַז מען קריגט דעם איינדרוק, אַז דער מענטש האָט אַזוי ליב דעם בגד, אַז זיינע פינגער האָבן הנאה׳דיק באַטאַפּט און געשפּילט זיך מיט דעם שטאָף, פון וועלכן ער איז געמאַכט. דאָס זעלביקע איז אויך וועגן אַנדערע זאַכן און איבערהויפּט וועגן פרויען־זאַכן, ווי צירונג, איילן און זאַלבן. איך קאָן ניט נאָך אַ אידישן שרייבער, און זייער ווינציק אַפילו צווישן ניט־אידישע, וואָס זאָלן צווישן אַזוינע זאַכן זיך פילן אַזוי היימיש ווי אַש. פאַראַן שטעלן אין דעם בוך, אין וועלכע אַש האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מערקווירדיקן שילדערער און באַלעבער פון שטעט און גאַסן. דאָס אַריינמאַרשירן פון פילאַט׳ן מיט אַ רוימישן לעגיאָן קיין ירושלים, און דער אופן ווי אַזוי די שטאָט וויקלט זיך אויף פאַר אים, און זיין געהילף קאָרנעליוס — פון די אונטערשטע נידעריקע טיילן פון דער שטאָט, וואו די אָרימקייט איז צונויפגעדריקט אין ליימענע כאַטעס, אין לעכער, אין שפּאַלטן פון אַלטע שטיינערנע מויערן; דורך די פאַראַדנע גאַסן פון דער אויבערשטער שטאָט מיט די אומגעהייערע פּאַלאַצן פון די רייכע הערשנדיקע שיכטן און די כהנים, ביז דעם הר הבית מיט דעם פּרעכטיקן בנין, זיינע הויפן און טויערן, וואָס פאַרכאַפּן אַפילו די אויגן פון די רוימער, וואָס זיינען געוואוינט צו דעם שענסטן און הערליכסטן — דאָס איז אַ דערגרייכונג, וואָס זייער ווינציק שרייבער קאָנען אויפווייזן. אַ גאַנצע וועלט פון אַמאָל איז צוריק אויפגעשטעלט און באַלעבט געוואָרן. און דו וואונדערסט זיך, מיט וועלכן כשוף דער מחבר האָט עס געטאָן.

פעברואַר, 1940.

פון ריינער קונסט צו נאַציאָן משיחיזם

(די טראַגעדיע סטעפאַן געאָרגע)

.1

פונקט ווי מיט געטע'ן אין זיין צייט, און ווי מיט היינע'ן אין זיין צייט, הויבט זיך אויך אָן מיט סטעפאַן געאָרגע אַ ניי בלאַט אין דער דייטשער דיכטונג. נאָך אים קאָן שוין קיין דייטשער דיכטער מער ניט שרייבן ווי מען האָט געשריבן פאַר אים. מען קאָן שרייבן — און מען שרייבט — אַנדערש ווי סטעפאַן געאָרגע. מען קאָן אָבער שוין ניט שרייבן ווי פאַר דעם איידער ער איז געקומען. די גאַנצע דייטשע דיכטער־שפּראַך איז דורך אים געוואָרן אַן אַנדערע. ער האָט זי באַנייט, פאַראיינגערט, געגעבן איר אַ נייע דיקציע, נייע מעגלעכקייטן און נייע אויסדרוקסמיטלען, וואָס אָן זיי וואָלט זי איצט אויסגעזען בלוט־אָרים, פאַרעלטערט, דין און וואַסערדיק־צעקראָכן.

ניין ביכער לידער האָט סטעפאַן געאָרגע פאַרעפנטליכט ביי זיין לעבן, אַחוץ עטליכע ביכער־איבערזעצונגען פון ענגליש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש. און יעדעס פון די דאָזיקע ביכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייע קינסטלערישע דערגרייכונג און אַ נייעם קינסטלערישן נצחון איבער זיך אַליין. אין צוויי פון אָט די ביכער („דאָס יאָהר דער זעעלע" און „דער טעפּיך דעס לעבענס"), האָט ער לידער פון סוביעקטיוו־לירישע איבערלעבונגען (אין ערשטן) און אָביעקטיוו־עפּישער שויאונג (אין צווייטן) וואָס מוזן ביי אָן אַנדער דיכטער אַרויסרופן קנאה ביז צום פאַרשטומען. „דאָס יאָהר דער זעעלע" איז אייגנטליך ניט מער ווי אַ בוך פון ליבע־לידער, אָדער, בעסער געזאָגט, אַ בוך פון לידער אין וועלכע עס ווערט אויף צענדליקער אופנים געשילדערט ווי אַזוי דער דיכטער האָט געליטן, ווי ער האָט געהיט, ווי ער האָט זיך געוועהרט, און ווי ער האָט ענדליך בייגעקומען און איז באַפרייט געוואָרן פון אַן איינזייטיקער ליבע. עס וואָלט אָבער געווען פראָפאַן די דאָזיקע לידער צו רופן שילדערונגען. יעדעס ליד איז אַן אויפזאַמלונג און איבערשאַפונג פון אַלע דינסטע אינערלעכע רעגונגען פון אַ געגעבענעם מאָמענט, וואָס קריגן דרויסנדיקן אויסדרוק אַמאָל אין אַ וואָרט און אַמאָל גאָר אין אַ חפץ — ווי אַ רינג, וואָס געפינט זיך אויפן פינגער פון דער געליבטער, און אַלעמאָל קלינגען זיי אָפּ, די דאָזיקע אינערלעכע רעגונגען, אין דער אַרומיקער לאַנדשאַפט, ווערן איינס מיט איר און קריגן פון איר צוריק אָפּקלאַנג און פולענדונג. „דער טעפּיך דעס לעבענס" איז אַ פאַרזוך

אין אַ קאַרגן צענדליק בילדער איבערצוגעבן די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער מיטל־אייראָפּעאישער קולטור־געשיכטע, פון די ערשטע פּאַרהיסטאָרישע צייטן אָן ביז דער ניי־צייט. און ווידעראַמאָל זיינען דאָס ניט קיין געוויינטליכע „היסטאָרישע" מאָמענטן, ווי מיר זיינען געוואוינט צו זען, ווייל אַזוי האָבן אונז געלערנט די פּאַטענטירטע היסטאָריקער, נאָר אַן אייגענער פּרואוו אַליין פאַר זיך צוריק אויפצולעבן די געשיכטע מיט דער הילף פון בלוט וואָס איז דורך דורות געשפּייזט געוואָרן פון מיפן און סאַגאַס און מיטן זאַפט פון דער ערד. דאָס ערשטע בילד ווייזט בלויז ווילדערניש פון אונטן, וואָלקנס פון אויבן און אַ גאָט, וואָס יאָגט דורכן כאַאָס אויף אַ פייערדיק פערד און דריקט צו זיך — ניט מיט ליבע, נאָר געטליך אומבאַרמהאַרציק — די געשטאַלט פון אַ פרוי. דאָס צווייטע בילד ווייזט אַ פעלד באַזוימט מיט אַ וואַלד. צוויי רויב־פייגל פליען אַרויס פון וואַלד און פאַרשווינדן אין דער ווייט. אַ וואָלף מיט אַ וועלפּין קומען אַרויס פון וואַלד קוקן זיך אַרום און באַהעפטן זיך. אַ סטאַדע הירשן קומען טרינקען צו אַ קוואַל, דערזעען די רויב־חיות און גאַלאָפּירן אַוועק אין שרעק. נאָר איין הירש דערפילט, אַז זיין פרואוון אַנטלויפן איז אומזיסט — בלייבט ער פאַרגליווערט אויפן אָרט און גיט זיך אונטער דעם גורל. די ווילדקייט איז דאָ נאָך הערשערין. נאָר פון דער ווייטנס גלימערצט שוין אַן אייזן אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון. אַ פויער שטייט אָנגעבויגן און גראָבט די ערד. אָן אַ זייט, ביי אַ ביידל, קניט אַ פרוי און מעלקט אַ בהמה. דאָס גאַנצע בילד מיט דעם גאַנצן געשען ווערט איבערגעגעבן אין אַ צענטל פון די ווערטער וואָס איך באַנוץ דאָ — אַזוי ענג, קאַרג און דאָך אַזוי פול און פּלאַסטיש, אַז עס דאַכט — מען קאָן עס מיט דער האַנט אָנטאַפּן, און דאָס גאַנצע בילד ווערט פאַרשלאָסן מיט צוויי שורות, וואָס דריקן אויס ליריש־פילאָזאָפיש דעם גרויסן היסטאָרישן אמת, אַז אָט די צוויי אור־מענטשן זיינען די אָנהייבער און באַגרינדער פון דעם גאַנצן מיטל־אייראָפּעאישן היסטאָרישן און קולטור־לעבן.

„ערץ־פּאַטער גרוב, ערץ־מוטער מאָלק
דאָס שיקזאַל נעהרענד פיר איין גאַנצעס פאָלק".

דערנאָך קומען בילדער פון דעם אָנהייב פון אַ מענטשליך צוזאַמענלעבן. פון די ערשטע אַבערגלויבנס געבוירן אין שרעק פאַר פרעמדע מענטשן. פון דעם גאָטישן פּעריאָד, פון דעם פעאָדאַלן פּעריאָד, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז די העכסטע שפּיצן פון אָט דעם קולטור־בוים — די גייסטיקע ריזן; די בילד־שטיין־און־וואָרט־קיסטלער.

אין אָט די צוויי ביכער האָט געאָרגע דער קינסטלער דערגרייכט דאָס העכסטע וואָס אַ דיכטער קאָן זיך ווינטשן: די פולסטע באַהערשונג פון

זיין קינסטלערישן מעדיום — דאָס דיכטערישע וואָרט. די שפּראַך איז אים שוין געווען אײַנגאַנצן אונטערטעניק, ווי דאָס ליים דעם סקולפּטאָר. ער האָט שוין געקאָנט טון מיט איר וואָס אים האָט זיך געוואָלט און קנעטן זי און איבערשאַפן לויט זיין גוסט און גייסט. דאָ האָט ער שוין שטענדיק דאָס פּאַסיק־סטע וואָרט אויפן פּאַסיקסטן אָרט. ער קאָן פאַרבילדליכן דעם אַבסטראַקטסטן באַגריף און באַלעבן דעם טויטסטן שטיין. די שפּראַך איז ביי אים פולטאָניק און פילטעניק, רייך אין קלאַנג, פאַרב, בילד, אין ניואַנס, און שטענדיק קאַרג און פּרעציז. קיין איבעריק וואָרט. קיין אונטערבעטן, אויסציִען אָדער איינציִען צוליב ריטמישן עפעקט. יעדעס וואָרט מוז ביי אים לעבן פאַר זיך, און נאָר מיט זיין לעבן צוגעבן צו דעם ריטמישן לעבן פון דער שורה.

מיט אָט דעם גרויסן כוח איז ער צוגעטראָטן צו זיינע ווייטערדיקע ווערק. און די שפּראַך האָט אים דערנאָך געדינט נאָך געטרייער און אונטערטעניקער ווי ביז אַהער. אָבער דאָ איז עפּעס געשען אין זיין לעבן, וואָס האָט דעם קינסטלער פאַרוואַנדלט אין אַ נביא, גאָט־אַנטפּלעקער און גאָט־אַנזאָגער. און דאָ הויבט זיך אָן די טראַגעדיע פון סטעפאַן געאָרגע, און צוזאַמען מיט אים אפשר אויך די טראַגעדיע פון דייטשן פאָלק.

2.

סטעפאַן געאָרגע האָט קיין דייטשלאַנד געבראַכט דעם קולט פון „ריינער" קונסט, געבויט פאַר איר אַ טעמפּל (די „בלעטער פיר די קונסט") וואו ער איז געוואָרן דער כהן גדול און אויפגעשטעלט אַ דור, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין גאַנצן קינסטלערישן לעבן פון דייטשלאַנד.

ווי אַלע אַפּאָסטאָלן פון דער ריינער קונסט, איז אויך געאָרגע אין אָנהייב געווען אַמאָראַליש און אַסאָציאַל. פראַגן פון מאָראַל, עטישע באַ־ציאונגען און סאָציאַלן יושר האָבן אים ניט פאַראינטערעסירט. אַזוי ווײַ־ניקסטנס האָט ער דעמאָלט געמיינט. ער איז געווען אַ תלמיד פון פרידריך ניטשע, און ווי ביי ניטשע'ן דער אויבערמענטש, האָט געאָרגע געהאַלטן, אַז אויך דער קינסטלער שטייט, אָדער דאַרף שטיין „אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס". ער איז געווען אַ תלמיד פון די פראַנצויזישע פּאַרנאַ־סיאַנער און סימבאָליסטן, די שאַפער און פריידיקער פון דער קונסט־פאַר־קונסט טעאָריע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דעם קינסטלער דאַרף איבערהויפּט גאָר ניט אָנגיין אַחוץ זיין קונסט. „די קונסט איז גענוג גרויס, אַז זי זאָל פאַרנעמען דעם גאַנצן מענטשן", האָט געשריבן פלאָבער אין איינעם פון זיינע בריוו. אָבער ווי אַ גרויסער טייל פון די קונסט־פאַר־קונסט־אַפּאָסטאָלן — פלאָבער אַריינגערעכנט — איז אויך געאָרגע מיט דער צייט געוואָרן פון

אַמאָראַליש — אַנטי־מאָראַליש און פון אַסאָציאַל — אַנטי־סאָציאַל. (דזשאָרדזש מור האָט אין זיינע „קאָנפעשאָנס אָוו איי יאָנג מען" געוואָלט באַווייזן, אַז די וויכטיקסטע קונסט ווערק זיינען אַנטשטאַנען אַלס פּאָלגן פון אַ געוויסן אַנטי־סאָציאַלן און אַנטי־מאָראַלישן אַקט). און פאַרענדיקט האָט געאַרגע דוקא אַלס מאָראַל־פּריידיקער. אָבער די מאָראַל וואָס ער האָט אָנגעהויבן פּריידיקן נאָך מיט עטליכע יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה און פאַרקערפּערט אין אַ תורה וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט אין יאָר פון מלחמה־אויסברוך איז די דורך־און־דורך מענטשן־פיינטלעכע „הערן־מאָראַל" פון דער פויסט, וואָס ווערט איצט אַזוי ברוטאַל דורכגעפירט אין לעבן דורך היטלערן און זיינע לייט, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי — און דוקא די בעסטע, און דעריבער די געפערליכסטע, ווי עס באַמערקט מיט רעכט קלאַוז מאַן — האָבן זיי געשעפּט דירעקט פון קוואַל אין דעם אין דייטשלאַנד אַזוי באַרימטן „געאָרגע־קרייז".

ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז געאָרגע, דער אינדיפערענטער צו יעדער מאָראַל, זאָל פּלוצים ווערן אַ מאָראַל־פּריידיקער, און דער קעמפער פאַר ריינער קונסט, דעם העכסטן און שענסטן מענטשן־ציל, זאָל זי דערנאָך פאַרוואַרפן צוליב נאָך אַ „העכערן" ציל?

טיילוויז לאָזט זיך דאָס דערקלערן דערמיט, וואָס אין תוך איז ער קיינמאָל ניט געווען אַזוי אינדיפערענט צו מאָראַל ווי ער האָט געוואָלט איינריידן זיך און אַנדערע. אין תוך האָט ער גלייך אין אָנהייב שוין געהאַט פאַר זיך אַ באַשטימטן מאָראַלישן ציל און שוין דעמאָלט איז דאָס געווען די ניטשעאַנישע „הערן־מאָראַל". דעמאָלט האָט ער זי נאָך ניט געפּריידיקט, אָבער אין וואָרט און בילד האָט ער זי שוין פאַרהערליכט. שפּעטער איז נאָך צוגעקומען אַ ריין סוביעקטיווע פּערזענליכע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונג וואָס האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענעם פּריידיקער פון דער דאָזיקער מאָראַל.

אין איינעם פון זיינע פריעסטע ביכער באַגעגענען מיר שוין אַזאַ געשטאַלט ווי „אַלגאַבאַל" אין וועלכער געאָרגע פאַרהערליכט און שטעלט אַרויס פאַר אַ מוסטער פון אַ גרויסן מערקווירדיקן מענטש אַזאַ גרויזאַמען, אויסגע־לאַסענעם און אייגנוויליקן דעספּאָט, וואָס קאָן אין קאַלטסטן בלוט דערשטעכן זיין געטרייען דינער נאָר דערפאַר, וואָס יענער שטערט אים אויף אַ רגע דאָס פאַרגעניגן פון פיטערן זיינע טויבן, און וועלכער צייבערט אַרויס פאַר זיך מיט געוואַלטיקער הנאה אַ וויזיע, ווי מען פירט צו דער היגריכטונג זיין אייגענעם לייבליכן ברודער נאָר ווייל אין זיין האַרצן האָט זיך אויף איין מאָמענט אַריינגעכאַפּט אַ חשד, אַז דער ברודער טראַכט אפשר וועגן פאַרכאַפּן די מלוכה. אַלגאַבאַל איז אַ פּאָעטישע איבערשאַפונג — און ממילא אויך אַן

איבערשאַצונג — פון דער היסטאָרישער פיגור פון העליאָגאַבאַלוס, איינעם פון די שפּעט־רוימישע קיסרים, וואָס האָט נאָך ביי זיין לעבן מיט זיין אויסגעלאַסנקייט און מיט זיינע גרויזאַמע מעשים שאָקירט און אויפגעבראַכט אַפילו דאָס דעמאָלטיקע אויסגעלאַסענע רוים און איז דורות נאָך זיין טויט נאָך אַלץ פאַרהאַסט און פאַרשאָלטן געוואָרן אַלס סימבאָל פון דער ערגסטער פאַרדאָרבנקייט און גרויזאַמער דעספּאָטיע. געאָרגע פּרואווט ניט פאַרגלעטן זיינע מעשים. ער ווייזט אים, אדרבא, אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט און מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט. אָבער ער ווייזט אים אונדז אַזוי, ווי מיר וואָלטן אים געדאַרפט נעמען פאַר אַ מוסטער פון אויבערמענטשליכקייט, וואָס איז פּונקט אַזוי גרויס אַלס זעער ווי אַלס הערשער און קאָן פאַר זיך פּונקט אַזוי שאַפן אַן אייגענע, פּאָעטישע און קינסטלעכע וועלט ווי ער קאָן באַהערשן זיין אימפּעריע. יעדע פּערווערזע טאָט זיינע, יעדער אוממענטשליכער וואונטש און יעדער דערווידערדיקער חלום אַלגאַבאַל׳ס ווערט ביי געאָרג׳ן איבערגעגעבן אין אַזאַ טאָן, אין אַזוינע הערליכע פאַרבן און מיט אַזאַ אַנטציקן, אַז די גרעסטע געמיינהייט זיינע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טוגנט. אין אָט דער שפּעט־אַנטיקער געשטאַלט געאָרגע׳ס זעען מיר שוין אין בילד דאָס, וואָס געאָרגע האָט שפּעטער געפּריידיקט אין זיינע „נייע לוחות״: זיינע שליחות׳ן און נביאות׳ן, וואָס מיר באַגעגענען אין זיין זיבעטן און אין זיין אַכטן בוך לידער „דער זיבעטער רינג״ און „דער שטערן פון בונדעס״. ניט אומזיסט ווערן די דאָזיקע צוויי ביכער געאָרגע׳ס פאַררעכנט ביי די היטלעריסטן פאַר די „הייליקע שריפטן״, דאָס עוואַנגעליום פון נאַציזם.

אויפן ערשטן פון אָט די „הייליקע שריפטן״ לוינט זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל לענגער, ווייל דאָ געפינען מיר דעם שליסל צו דעם פּסיכאָלאָגישן רעטעניש פון געאָרגע׳ס פאַרוואַנדלונג. אין „דער זיבעטער רינג״ אַנטפּלעקט זיך צום ערשטן מאָל דער „נייער גאָט״, וואָס געאָרגע ווערט זיין פאַרקינדיקער און זיין נביא און וואָס אין זיין נאָמען ווערן דאָס געגעבן די „נייע לוחות״. „מאַקסימין״ הייסט דער נייער גאָט ביי געאָרגע׳ן. (אינטערעסאַנט וועט זיין צו באַמערקן, אַז דער דאָזיקער „הייליקער״ און „געטליכער״ נאָמען ווערט בלויז איינמאָל דערמאָנט, און דערנאָך ווערט ער ערפאַרכטיק פאַרשוויגן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די נעמען פון אַ סך געטער).

ווער איז געווען דער דאָזיקער „מאַקסימין״ און מיט וואָס האָט ער זוכה געווען פּראָקלאַמירט צו ווערן פאַר אַ גאָט? כדי דאָס צו פאַרשטיין, וועט נויטיק זיין זיך נאָכאַמאָל אומצוקערן צו געאָרגע׳ס פריערדיקן בוך „דאָס יאָהר דער זעעלע״. אויבן איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז אין דער לידער־זאַמלונג האָט געאָרגע אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן פאַרדיכטעט זיינע ליבע־איבערלעבונגען. עס איז אָבער ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז פון אָט די אַלע וואונדער־

ליכע ליבע־לידער, ווי פון אַנדערע פריע לידער געאָרגע׳ס, קלינגט און קלאָגט אַרויס אַ באַהאַלטענער יאָמער פון אַנטוישונג. אין וואָס איז באַשטאַנען די דאָזיקע אַנטוישונג? געאָרגע אַליין גיט ניט קיין שליסל צו איר. ווי עס ווייזט אָבער אויס איז געאָרגע געווען געשלאָגן מיט עפּעס אַ פּיזישן חסרון, וואָס האָט אים ניט געלאָזט זיך געשלעכטליך באַפרידיקן מיט פרויען. זיינע פאַרערער און פאַרגעטערער, צווישן זיי אויך דער איד פרידריך גונדאָלף, זוכן צו פאַרטושן דעם דאָזיקן אמת. אויף אַ מיסטיש־מעטאַפּיזישן אופן זוכן זיי צו דערקלערן, אַז געאָרגע האָט ניט געקאָנט האָבן די פולע געשלעכטליכע באַפרידיקונג ביי פרויען, ווייל ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט דעם העכסטן מענליכן פּרינציפּ — דעם גייסט, וואָס קאָן זיך ניט דערנידעריקן און פול־שטענדיק אַראָפּלאָזן צום ווייבליכן פּרינציפּ — דעם וויסטן חומר. אַזוי צי אַזוי, אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט זיך געאָרגע סוף־כל־סוף אינגאַנצן אָפּגעקערט פון דעם פרויענגעשלעכט און אָנגעהויבן זוכן ליבע ביי אינגלעך. יעדע טאַט פאָדערט אַ זין, אַ באַרעכטיקונג. בפרט ווען די טאַט איז אַזאַ, וואָס גייט קעגן דער נאָרם, און קעגן דער אָנגענומענער מאָראַל. געאָרגע האָט זיך אין זיין גאַנצן לעבן געהאַלטן פאַר אַ „העלענער״, וואָס די אָנגענומענע קריסטליכע און געזעלשאַפטליכע מאָראַל פון זיין צייט גייט אים ניט אָן. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט געאָרגע ביי זיין גאַנצן „העלענענטום״ פאָרט ניט געקאָנט אַרויס פון זיין דייטש־קריסטליכער הויט. אַנדערש ווען ער האָט בלויז פאַרהערליכט האָמאָסעקסואַליזם דיכטעריש אין אַזאַ געשטאַלט ווי אַלגאַבאַל, און ווידער אַנדערש ווען ער האָט אַליין אָנגעהויבן פּראַקטיצירן האָמאָסעקסואַליזם. דאָ האָט וואַרשיינליך דער דייטש און קריסט אין דעם „העלענער״ געאָרגע זיך דערפילט שולדיק און זינדיק, און כדי צו פאַרטויבן דאָס דאָזיקע שולד־ און זינד־געפיל אין זיך האָט ער די טאַט געמוזט סובלימירן. האָט די האָמאָסעקסואַליטעט געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן פון אַ זינד אין אַ העכערער טוגנט. נאָר דער נידעריקער מאַן גייט צו דער פרוי. דער העכערער, קינסטלערישער און גייסטיקער מענטש קאָן זיך נאָר באַהעפטן מיט דער פולקאָמער לייבליכער שיינקייט, און די פולקאָמע לייבליכע שיינקייט געפינט מען נאָר ביים מאַן. די אייגענע נייגונג צו האָמאָסעקסואַליטעט ווערט ביי געאָרגע׳ן פאַרוואַנדלט אין אַ קולט, וואָס אַלע העכערע און באַרופענע דאַרפן פאָלגן. דער קולט פון האָמאָסעקסואַליזם ווערט פון איצט אָן געפּריי־דיקט און געפלעגט אין דעם געאָרגע־קרייז, ווי פריער דער קולט פון ריינער קונסט.

(אויך דאָ קאָן מען זען דעם דירעקטן איינפלוס פון געאָרגע׳ן און זיין קרייז אויף דעם קרייז, וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום אַדאָלף היטלער).

אַרום 1907 באַגעגנט געאָרגע אַ יונג, שיין און אַטלעטיש אינגל, פאַרליבט

זיך אין אים, לעבט מיט אים און וואַנדערט מיט אים. באַשענקט אים מיט מתנות און צערטליכקייטן און באַזינגט אים אין הערליכע לידער. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס אינגל געהאַט געזונטע נאַטירלעכע אינסטינקטן, און דאָס ווילדע, אומנאַטירליכע איז אים געוואָרן דערווידער און עקלדיק. וואָרים אין איין שיינעם טאָג האָט מען אים געפונען אַ דערטרונקענעם, און אַלע סמנים האָבן געוויזן, אַז ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען. געאָרגע האָט זיך מסתמא דאָ ווידעראַמאָל דערפילט זינדיק און שולדיק. אָבער צוגעבן די שולד מיינט דאָך דאָס אויך צוגעבן, אַז ער, דער גרויסער, שטאָלצער און געפייערטער דיכטער איז געוואָרן עקלדיק אַ פשוט׳ן, נישטיקן אינגל, און דאָס וואָלט נאָך צום שולד־געפיל צוגעגעבן אַ פיינליך געפיל פון שפּל׳דיקייט. דאַרף מען ווידער געפינען אַן אַנדערן „זין״ פאַר דער גאַנצער טראַגישער און פאַר געאָרגע׳ן טאָפּלט פיינליכער געשעעניש. האָט ער באַרעכטיקט דעם אינגלס טויט מיט דעם, וואָס ער האָט דאָס אינגל דערהויבן און אים פּראָקלאַמירט פאַר גאָט.

ווי קאָמיש די דאָזיקע גאָט־פּראָקלאַמירונג זאָל ניט אויסזען, האָט זי אָבער געאָרגע גענומען זייער און זייער ערנסט. און מיטן זעלביקן ערנסט ווי ער האָט פריער פאַרשפּרייט צווישן זיינע תלמידים און פאַרערער דעם קונסט־פאַר־קונסט־פּרינציפּ האָט ער איצט גענומען פאַרשפּרייטן צווישן זיי די גאָט־אַנטפּלעקונג פון דעם אינגל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „מאַק־סימין״. און אַז דער רבי האָט דעם ענין גענומען ערנסט האָבן אים די חסידים זיינע אַוודאי ערנסט גענומען. בפרט נאָך ווען די מערסטע פון די איצטיקע מענטשן אין דעם געאָרגע־קרייז זיינען אַליין שוין האָמאָסעקסואַליסטן און פונקט ווי זייער רבי און מייסטער דאַרפן זיי אַליין אַ באַרעכטיקונג און אַ זין פאַר זייער פּערווערזיטעט — און וואָס פאַר אַ גרעסערער זין קאָן זיין ווי אַ געטליכער?

דער ערשטער טראָט איז געמאַכט געוואָרן. אַ נייער גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אויף דער ערד. דאַרף די בשורה צעטראָגן ווערן, פריער אין דעם אייגענעם ענגן קרייז און דערנאָך פון דאָרטן אין אַלץ ברייטערע קרייזן, ביז זיין הערליכקייט וועט פאַרקינדיקט ווערן אויף דער גאַנצער ערד. אין אָרגל־טענערדיקע דיטיראַמבישע פערזן ווערט אָנגעזאָגט דאָס קומען פון דעם נייעם גאָט און דערנאָך ווערט געוויזן זיין אַנטפּלעקונג. אַ לייבהאַפטיקער גאָט אין דער געשטאַלט פון אַ מענטש. איינער פון יענע געטער וואָס פלעגן פאַר־צייטנס, אין דער אַנטיקער גערמאַנישער וועלט, אַרומשפּאַצירן צווישן די מענטשן. די דאָזיקע געטער לעבן אייביק. דאָס קריסטנטום — דאָס אומגליק פון דער אייראָפּעאישער וועלט — האָט זיי בלויז געקאָנט פאַרטרייבן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. פון צייט צו צייט, ווען דאָס אָרט איז צוגעפּאַסט

און ווען כאָטש איינער פון דעם דור איז ראוי צו ווערן זיין נביא און פאַר־קינדיקער, באַווייזט זיך ווידער איינער פון זיי אויף דער ערד און ברענגט ניי לעבן פאַר וועלט און מענטשן. באַווייזן באַווייזט ער זיך, ווי אַמאָל, אין דער געשטאַלט פון א יונגן און אויסערגעוויינטליך שיינעם מענטשן. נאָר אַזוי ווי די ערדישע מענטשליכע געשטאַלט קאָן ניט שטענדיק בלייבן שיין, און אַזוי ווי גאָט קאָן ניט בלייבן שטעקן אין אַ לייב וואָס ווערט העסליך, שאָקלט ער פון זיך באַצייטנס אָפּ דאָס ערדישע, נאָך איידער עס האָט פאַר־לוירן זיין שיינקייט, און שטייגט צוריק אַרויף אין די העכערע ספערן.

אין אַנדערע ווערטער: דאָס שיינע אינגל איז ניט געווען גלאָט אַ שיין אינגל, נאָר אַ גאָט פון די הערליכע און אייביקע פאַגאַנישע געטער. ער האָט זיך ניט גענומען דאָס לעבן, נאָר איז אַנטלאָפן פון דעם ערדישן לייב איידער עס איז מיאוס געוואָרן. אָבער איינמאָל האָט זיך דער גאָט לייבהאַפטיק באַוויזן אויף דער ערד און דאָ געפונען אַ מענטשן מיט וועמען ער האָט געפּייערט קאָמוניאָן, בלייבט זיין גטליכער גייסט וואַלטן אויף דער ערד אין דער געשטאַלט פון דעם אַנדערן מנעטשן מיט וועמען ער האָט זיך באַהאָפטן און וועלכער האָט איבערגענומען די געטליכע שליחות. יעדער נייער גאָט ברענגט מיט זיך אַ נייע תורה מיט נייע געזעצן. אָט די תורה און די געזעצן ווי אַ טייל פון דעם געטליכן גייסט ווערן פון דעם נביא און שליח איבערגעגעבן צו די מענטשן וואָס שליסן זיך אָן אָן זיין קרייז. יעדער איינער פון דעם קרייז נעמט אויף אין זיך אַ טייל פון דער געטליכקייט און אַ טייל פון דער שליחות דורך נייע באַהעפטיקונגען און דורך מקיים זיין די געזעצן פון דער נייער תורה. דער קרייז איז ווי אַ פייערדיקער קוגל, וואָס האָט אין זיך דעם מאַג־נעטישן כוח אַריינצוציען אין זיך אַלץ מער און מער תלמידים און אָנהענגער. דער צענטער פון דער קוגל איז דער נביא. אַלע איינצלנע פון דעם קרייז ציען צום צענטער און פון צענטער גייט אויס לעבן און געטליכקייט ביז צו די ראַנדן און פליסט צוריק צום צענטער מיט פאַרגרעסערטע כוחות.

„אויס דיעזעם ליעבעסרינג דעם ניכטס ענטפאַלט,
האַלט קראַפט זיך יעדע נויע טעמפליין,
אונד זיינע אייגענע — גרעסערע — שיעסט אין אַלע
און פלוטעט וויעדער ריקווערטס אין דען קרייז".

3.

געפונען אַ נייעם גאָט און דערזען דאָס „אמת׳ע" ליכט, האָט אים מער ניט געקאָנט באַפרידיקן דאָס בלויז שיינע אין דער קונסט. די „שיינע קונסט" ווערט פאַרוואָרפן צוליב „דאָס שיינע לעבן". „דאָס שיינע לעבן שיקט

מיך צו דיר ווי אַ שליח״. די קונסט מוז אים איצט דינען פאַר אַ „העכערן״ און „הייליקערן״ ציל. דעם דיכטער־קראַנץ פאַרבייט ער אויף דעם מאַנטל פון אַ נביא, וואָס האָט אַ שליחות צו זיין פאָלק. אָט ווי ער קינדיקט עס אָן אין „דאָס יאָהר דער זעעלע״:

„איך ליעס מיך פאָן דען שולען קרענען,
זי היעסטען ווערט מיך איהרער ווירדען...
די צייט דער איינפאַלט איזט ניכט מעהר.
דאָן קאַם דער אָנפאַנג עכטער לעהרע...

איין וויזער איזט נור ווער פאָם גאָט אויס וויס.
דורכס הייליגע פעלד קאָם איך געריטן
מיט דיר דעם הייליגען ציעלע צו״.

וואָס איז דער נייער הייליקער ציל? צוגרייטן די ערד פאַר דער נייער געטליכקייט. ניט קיין הימליש קעניגרייך קומט ער פאַרקינדיקן אויף דער ערד. דאָס גאַנצע אומגליק פון דער וועלט נעמט זיך פון יענעם הימלישן קעניגרייך, פון יענעם אַבסטראַקטן גאָט, וואָס איז ניט מער ווי אַ געשפּענסט, אַן אויסוואוקס פון דעם מדבר, וואו אַלץ איז אויסגעלייזט אין ווילדער נישטי־קייט, וואו דער מענטש קאָן זיך ניט אויסלעבן אין דער הייטערקייט און ריינקייט פון גאָט און בילד. אַלע וואָס דינען דעם דאָזיקן גאָט־געשפּענסט פאַרלירן דאָס לעבן.

„איהר אויסערסטע, פאָן ווינדאומאוסטער קליפּע
אונד שנעיאַגער בראַכע! איהר פאָן גליענדער וויסטע
שטאַמאָרט דעס גאָט געשפּענטעס גלייך ענטפּערנטע
פאָן הייטערעס מעער אונד בינען וואָ זיך לעבען
צו ענדע לעבט אין וועלט פון גאָט אונד בילד!...
בלאַנד אונד שוואַרץ דעמזעלבען שאָס ענטשפּרונגענע,
פערקאַנטע ברידער זוכענד אייך אונד האַסענד
איהר אימער שווייפענד און דרום ניע ערפילט!״

די ערד דאַרף ווידער ווערן דער וואוינפּלאַץ פון אמת׳ע לייבהאַפטע געטער. דאָס לייב מוז פאַרגאָט ווערן און גאָט מוז פאַרלייבט ווערן. מען טאָר ניט זוכן קיין אומענדליכקייט, ווייל דאָס לעבן ווי אַלץ אויף דער ערד איז ענדליך. מען דאַרף נאָר זען, אַז אין די געגעבענע ענדליכע גרעניצן זאָל מען זיך גאַנץ און שיין אויסלעבן. מען טאָר ניט טראַכטן וועגן דער צוקונפט און זיכער טאָר מען ניט מקריב זיין דעם איצט פאַר דעם שפּעטער, ווייל יעדער

איצט דאַרף און מוז געלעבט ווערן גאַנץ און שיין. מען טאָר ניט טראַכטן וועגן גליַיכקייט, וויַיל די וועלט באַשטייט דורכאויס פון אומגליַיכקייטן און פאַר יעדן מענטשן איז פון פאָראויס באַשטימט די גרעניץ אין וועלכער מען מוז זיך אויסלעבן. פון דער גרעניץ טאָר מען ניט חלומ׳ען וועגן אַרויסגיין. מען טאָר זיך גאָר ניט קלאָגן אויף נויט און הונגער, וויַיל די ערד איז פול מיט כל טוב, נאָר די מענטשן פאַרזעען עס אין זייער בלינדקייט.

אַלץ האָבנדיק, אַלץ וויסנדיק, זיפצן זיי:
אַ קאַרג לעבן! נויט און הונגער אומעטום!
שפּע פעלט! —

פון שפּייכלער וויַיס איך איבער יעדן הויז
וואו ס׳פליסט און הויפט זיך אָן דער קאָרן —
קיינער נעמט ניט.

פון קעלערן וויַיס איך אונטער יעדן הויז
וואו ס׳שפּילט און אין זאַמד פאַררינט דער איידעלער וויַין —
קיינער טרינקט ניט.

טאָנען ריין־גאָלד וואַלגערט זיך אין שטויב:
המון אין שמאַטעס פאַרשאַרט עס מיט דער פּאָלע —
קיינער זעט ניט.

מען טאָר זיך ניט פאַרמעסטן צו הויך. די הויכע פאַרמעסטונג וועט פירן דערצו אַז —

„צען טויזענד וועלן געשלאָגען ווערן פון הייליגען שגעון.
צען טויזענד וועלן פאַרכאַפּט ווערן פון דער הייליגער מגפה.
און צען טויזענד פון הייליגען קריג״.

נאָך די אַלע פאַרבאָטן קומט ווידער אַ גאַנצע ריי פון געבאָטן, וואָס מען דאַרף און מען מוז טוען. מען מוז איינזען דאָס הייליקע געטליכע געזעץ פון אומגליַיכקייט. מען מוז דינען די געטער און זיין אונטערטעניק די הערשער. מען מוז זיך לאָזן פירן און פאַרערן די פירער. מען דאַרף פון זיך אַפּוואַרפן אַלץ וואָס קומט פון גייסט און זיך נאָר צוהערן צום געבאָט פון בלוט. מען מוז אָפּטרייסלען פון זיך אַלץ, וואָס איז פרעמד און רייניקן די פאַמיליע פון „פרעמדן וויַיב״. מען מוז זיין שיין, שטאַרק און שטענדיק

גרייט צום קריג. אַפילו אין אַ שטרויס בלומען דאַרף מען אויך האַלטן גרייט דעם קינזשאַל.

ווי איר זעט — די גאַנצע תורה, וואָס ווערט איצט אַזוי ברוטאַל דורכגע־פירט אין דייטשלאַנד פון די נאַציס.

אָט אַזוי האָט געאָרגע פאַרענדיקט זיין וועג. פון ריינער קונסט איז ער דערגאַנגען צו נאַציִשן משיח׳יזם. איז די קונסט־פאַר־קונסט טעאָריע שולדיק דערין? איז געאָרגע אַליין שולדיק דערין?

די פראַגע לאָז איך אָפן. איך אַליין האָב זיך נאָך ניט דערגרונטעוועט צו קיין ענטפער.

אָקטאָבער, 1934.

נאָכוואָרט צום „געזאַנג פון הירש״

„דאָס געזאַנג פון הירש״ איז אַרויסגעוואָקסן פון מיין קאָנצעפּציע פון „שיר השירים״. מיט עטליכע יאָר צוריק בין איך געקומען אויפן געדאַנק, אַז די הייליקייט פון „שיר־השירים״ איז אַ סך עלטער ווי די הייליקע שריפטן, פון וועלכע ער איז אַ טייל. נעמען, סימילן, מעטאַפאָרן און שילדערונגען אין דעם בוך האָבן מיך איבערציינט, אַז „שיר־השירים״ איז ניט קיין אידיליש געזאַנג וועגן דער ליבע פון שלמה המלך און אַ פּאַסטוך־מיידל מיטן נאָמען שולמית, ווי עס איז איין צייט געווען אָנגענומען, אויך ניט קיין זאַמלונג פון פּראָפּאַנע פאָלקס־לידער, ליבע־לידער, חתונה־לידער, אָדער פראַגמענטן פון אַ האַלב־פאַרלוירענער ליִרישער דראַמע, ווי געוויסע ביבל־קריטיקער ווילן האָבן. נאָר איז אורשפּרינגליך געווען אַ זאַמלונג פון הייליקע לידער. וואַר־שיינליך געזונגען אָדער אינטאָנירט אין אַ זינגשפּיל אָדער מיסטעריע צו אַ פאַרצייטיקן, לאַנג־פאַרגעסענעם סעמיטישן — אפשר אור־עברי׳שן — גאָט (און געטין) פון ליבע און פרוכטבאַרקייט.*)

די דאָזיקע ערדיש־פּאַגאַנישע לידער פון ליבע און לוסט זיינען פאַרבליבן אין מויל פון פאָלק לאַנג נאָכדעם ווי דער קולט פון יענעם גאָט איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען, און זייער הייליקייט איז געבליבן אין געדעכעניש פון פאָלק, כאָטש עס האָט שוין מער ניט געדענקט פאַר וואָס זיי זיינען הייליק. אַזוינע לעבעדיקע ירושות פון טויטע, פאַרגעסענע קולטן און קולטורן קאָן מען געפינען ביי יעדן פאָלק אין אַלע ווינקלען פון דער ערד. אונזער אייגן אָרטאָדאָקסיש אידיש לעבן ווערט נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג רעגולירט

*) ביי וועלכער געלעגנהייט, דאָס איז שווער צו זאָגן. ווען מען זאָל וויסן גענוי ווי אַלט עס איז דער מנהג צו זאָגן „שיר־השירים״ פּסח, וואָלט מען געקאָנט דרינגען, אַז דאָס זינגשפּיל איז געווען אַ טייל פון אַ ריטואַל ביי אַ פרילינג יום־טוב פון יענעם גאָט. פון דעם מנהג צו זאָגן „שיר־השירים״ פרייטיק צונאַכט קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז דער פרייטיק־צו־נאַכט איז אין איינער פון די צייטן געווען געהייליקט צו יענעם גאָט. אַ רמז אויף דעם קאָן מען זען אין דער מצוה אָדער דעם מנהג פון „עונה״, און נאָך מער אין דעם אַבערגלויבן, וואָס האָט בימי התלמוד געהערשט צווישן אידן, אַז אין די פרייטיק־צו־נאַכטן זיינען שכיח שדים. אומעטום וואו מען פאַרבינדט אַן אָרט צי אַ צייט מיט שדים, דאַרף מען אַ זוך טאָן צי זיינען זיי ניט אַמאָל געווען פאַרבונדן מיט אַ גאָט אָדער געטער. מחמת די מערסטע געטער זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר שדים נאָכדעם ווי זייער קולט איז אונטערדריקט געוואָרן און דער קולט פון אַ נייעם גאָט האָט פאַרנומען זייער אָרט. אויב דער דאָזיקער גאָט האָט, ווי די מערסטע אַנדערע סעמיטישע געטער פון פרוכטבאַר־קייט, אויך געהאַט אַרום טעמפּל די אינסטיטוציע פון קדשות, איז גאַנץ מעגליך, אַז טיילן פון „שיר־השירים״ זיינען געזונגען אָדער אינטאָנירט געוואָרן ביי דער איינווייאונג פון אַ נייער קדשה. ביי אַלע געלעגנהייטן זיינען די דאָזיקע לידער, אין וועלכע עס אַנטפּלעקן זיך אַלע מאַניפעסטאַציעס פון ליבע, מסתמא באַנוצט געוואָרן ווי אַ סגולה און באַשווערונג: כדי מאַן און ווייב זאָלן זיין גליקליך אין זייער אינטימסטן צוזאַמענלעבן; כדי זיי אַליין און אַלץ וואָס געהערט צו זיי אין לעבעדיקע באַשעפענישן זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן, און כדי די ערד, וואָס זיי באַאַרבעטן, זאָל געבענטשט ווערן מיט שפע.

פון אַ ריי געבאָטן, פאַרבאָטן, טראַדיציעס און מנהגים, וואָס וואָרצלען אין אַן אַלטן, לאַנג־פאַרגעסענעם קולט.

דאָס איז אפשר די הויפּט־סבה פאַרוואָס די חכמים האָבן ניט „באַהאַלטן" דאָס ספר „שיר־השירים", ווי זיי האָבן עס געוואָלט טאָן לויטן עדות זאָגן פון דער גמרא. די לידער זיינען געווען צו טיף איינגעקריצט אין האַרצן פון פאָלק, אַז מען זאָל זיי קאָנען אויסמעקן, און צו אייגן און „הייליק", אַז מען זאָל זיי קאָנען דערקלערן פאַר „דרויסנדיקע". ווי מען טוט שטענדיק אין אַזוינע פאַלן, האָט מען זיי קאַנאָניזירט, נאָר זיי געגעבן אַ נייעם מיין, צוגעפּאַסט צום נייעם, דעמאָלט הערשנדיקן קולט. דאָס זינגשפּיל צו אַ פאַרצייטיקן, פאַרגעסענעם גאָט אָדער גאָט־פּאָר, וואָס האָט ביים נייעם קולט לויט זיין גאַנצן מהות געמוזט אויסזען פאַרשייט און זינדיק, איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַן אַלעגאָריע אויף דער ליבשאַפט צווישן דער כנסת־ישראל און דער שכינה. פאַר דעם איז מסתמא געווען אַן אַנדערע אויסטייטשונג, פּונקט ווי שפּעטער איז ביי די קריסטן „שיר־השירים" אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַן אַלעגאָריע אויף דער ליבע צווישן יעזוס'ן און דער קירך.

דער סימבאָל פון יענעם פאַרצייטיקן סעמיטישן גאָט איז וואַרשיינליך געווען אַ הירש, ווי דאָס קאַלב, דער אָקס, דער באָק און דער ווידער זיינען עס געווען אין אַנדערע צייטן און אויף אַנדערע ערטער. דער אָרט פון זיין קולט איז וואַרשיינליך געווען דאָס פאַרצייטיקע כנען, און זיין הויפּט־טעמפּל — אָדער מזבח צווישן סלופּעס (אשרות) אָדער קאָנישע שטיינער — האָט זיך וואַרשיינליך געפונען אין ירושלים. מיין השערה וועגן הירש־גאָט איז געבויט אויף דעם פאַקט, וואָס אין „שיר־השירים" פיגורירט דער הירש אַזוי פיל אין אַלע זיינע געשטאַלטן און אונטער אַלע זיינע נעמען. פון אויבן אויף קאָנען „הירש", „הירשין", „אינד", „אינדין" אָנגענומען ווערן בלויז ווי פאַרצערטלטע צונעמען אין מויל פון דער געליבטער און דעם געליבטן. ביי אַ טיפערן איינבליק אָבער דערזעט מען אין דעם הירש פון „שיר־השירים" אַ מיטאָלאָגיש פיגור. ער קומט צו שפּרינגען ווי אַ הירש, ער ווערט עטליכע מאָל פאַרוואַנדלט אין אַ הירש, און ער פּיטערט זיך צווישן רויזן (אָדער ליליען ווי אַנדערע טייטשן דאָס וואָרט „שושנים"), ניט ווי אַ מענטשליכער געליבטער, נאָר ווי אַ גאָט אין דער געשטאַלט פון אַ הירש, און אַז די געליבטע באַשווערט עטליכע מאָל די טעכטער פון ירושלים, איז עס ווידער „ביי די הירשינס אָדער אינדינס פון פעלד" באַשווערן באַשווערט מען נאָר ביי הייליקייטן.

איבעריקנס ווערט די דאָזיקע השערה מיינע, דאַכט מיר, באַשטעטיקט פון דעם פאַקט, וואָס ארץ־ישראל ווערט אין תנ"ך אָנגערופן דאָס „לאַנד פון הירש" און „אַרב פון הירש", און דער באַרג מוריה — „באַרג פון הייליקן הירש". אגב, איז דער באַרג מוריה, כידוע, געווען פאַרהייליקט אַ סך הונדער־

טער יאָרן פאַר דעם אידער אונזער בית־המקדש איז אויף אים אויפגעשטעלט געוואָרן. ווען מען האָט דערבײַ אין זינען, אַז אַלע פּאַרצײַטיקע סעמיטישע געטער פון פּרוכטבאַרקייט, ווי פאַרשיידן זייערע נעמען און סימבאָלן, זײַנען פאַקטיש געווען איינער און דער זעלביקער גאָט, און האָט מען ווייטער אין זינען, אַז לויט דער לעגענדע איז די מוטער פון דעם פיניצישן גאָט, וואָס די גריכן האָבן שפּעטער איבערגענומען און פאַרגרייזט געררופן אַדאָניס, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מירע־ (מור) בוים אידער ער איז געבוירן געוואָרן, און אַז די מירע אָדער „מור" האָט בכלל געשפּילט אַ גרויסע סימבאָלישע ראָלע ביים דינסט פון אַלע סעמיטישע געטער פון פּרוכטבאַרקייט, דעמאָלט קאָן מען זיך לײַכט פאָרשטעלן פון וואַנען עס נעמט זיך אי דער נאָמען („מור־יה) און אי די הייליקע טראַדיציע צו דעם דאָזיקן באַרג.

פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַלע געשטאַלטן און אַלע סימבאָלן זעט דער מענטש זיין גאָט אין דער געשטאַלט וואָס איז אים צום נאָענטסטן — זײַן אייגענע, די מענטשליכע. די סטאַטוע, דעם געץ, וואָס דער מענטש שטעלט אויף פון זיין גאָט, טראָגט מערסטנס די מענשטליכע געשטאַלט. גאַנץ אָפט באַצירט מיט די קענטיקסטע צייכנס פון דער חיה, וואָס איז זיין סימבאָל. אָבער נישט שטענדיק. די פּסוקים 11, 14 און 15 אין קאַפּיטל פינף פון „שיר־השירים" קאָנען בשום אופן ניט זיין עפּעס אַנדערש ווי די שילדערונג פון אַ געץ, וואָס זיין קאָפּ איז פון לויטערן גאָלד, זיינע הענט גילדענע וואַלצן איינגעפאַסט מיט תרשיש־שטיינער, זיינע געשלעכט־אָרגאַנען פון עלפנביין באַצירט מיט סאַפּירן, און זיינע שענקלען מירמלשטיינערנע זיילן באַפעסטיקט אויף גינגאָלדענע שוועלן. אַנדייטונגען אויף אַ סטאַטוע (דאָס מאָל פון אַ געטין), געפינט מען אויך אין קאַפּיטל זיבן, באַזונדערס אין די פּסוקים 3, 5 און 6. ווען דער נאָפּל פון אַ פרוי ווערט געשילדערט ווי אַ „לבנה בעקן"**) און איר בויך ווי אַ הויפן ווייץ באַזוימט מיט רויזן, איז עס אומזין. אָבער די סטאַטוע פון אַ געטין פון פּרוכטבאַרקייט דאַרף האָבן אַ נאָפּל ווי אַ „לבנה־בעקן" מיט אַ צוזאָג, אַז עס וועט ניט פעלן קיין ווײַן, און איר בויך דאַרף זיין אויסגעמאָלן אָדער אויסגעקריצט מיט אַ הויפן ווייץ, ווי אַ צוזאָג, אַז זי וועט בענטשן דאָס פעלד מיט שפע.

מיר דאַכט, אַז אַפילו דער צוזאַמענקלאַנג פון די נעמען „שלמה" און „שולמית" איז ניט קיין צופאַל. ער איז אויך ניט אויסגערעכנט אויף דיכטערישן וואוילקלאַנג ווי מען וואָלט געקאָנט אָננעמען, נאָר ווי „בעל" און „בעלת" זיינען זיי די נעמען פון דעם פאַרגעסענעם גאָט־פּאָר, און זייער מיין

**) „לבנה־בעקן" איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אַ צערעמאָניאַלער בעכער אין קולט פון דער לבנה. דער קיניגין פון הימל, וואָס איז בלויז אַן עפּיטעט פאַר דער געטין „בעלת", „עשתורת" („אשטאַרטאַ" אָדער „אַפראָדיטע"), ווי די גריכן האָבן זי פאַרגרייזט געררופן, פון וועלכע מען האָט אונזערע אור־עלטערן ניט געקאָנט אָפּגעוואוינען אפילו אַזוי שפּעט ווי נאָך דעם ערשטן חורבן.

איז ניט „פרידן", נאָר „גאַנצקייט" און „דערפילונג", און אפשר אויך יענער אידעאַלער פרידן, וואָס קומט מיט גאַנצקייט און דערפילונג, דערפון אויך מיין אַנדערע השערה, אַז דער הויפּט טעמפּל פון יענעם גאָט האָט זיך געפונען אין ירושלים, וואָס האָט אורשפּרינגליך געהייסן „עיר־שלם". און ווער ווייס? אפשר איז דאָס געווען יענער „אל־עליון", וואָס אונזער ערץ־קרוב, מלכי־צדק, דער קיניג פון עיר־שלם, איז געווען זיין כהן.

יעדער גאָט־סימבאָל איז פון צייט צו צייט געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן צו זיך אַליין. שפּעטער, ווען זיין קולט איז אונטערדריקט געוואָרן, איז זיין סימבאָל געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן צום נייעם גאָט, וואָס האָט פאַרנומען זיין אָרט, טיילוויז צו ווייזן ווי נישטיק ער איז, און טיילוויז כדי אויך צו ווייזן, אַז דער נייער גאָט האָט צוגענומען אַלע זיינע געטליכע אַט־ריבוטן. דורך די קרבנות, וואָס מען האָט מקריב געווען אין אונזער בית המקדש, קאָן מען קריגן אַ שטיקל באַגריף, וואָס פאַר גאָט־סימבאָלן אונזערע אור־אור־עלטערן האָבן געהאַט אין פאַרשיידענע צייטן. צווישן יענע קרבנות האָט זיך דער הירש ניט געפונען. דער דאָזיקער פאַקט וואָלט גערעדט קעגן מיין השערה, וועגן הירש אַלס גאָט־סימבאָל, ווען מען וואָלט דעם הירש קאָנען צאַמען און אים מאַכן פאַר אַ שטוביקע חיה, ווי דעם אָקס, דעם באָק, דעם לאַם, דעם ווידער און די טויב, וואָס איז ביי אַ טייל סעמיטישע פעלקער אויך געווען אַ גאָט־סימבאָל.

אגב, איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער הירש איז מיט אונז אידן שטענדיק מיטגעגאַנגען אין וואָרט, בילד און צייכן. אין אַלטע צייטן ווי אַ סימבאָל פון דער העכסטער שיינקייט, אָפט פאַרבונדן מיט שטראַלנדיקער הערשערישקייט, ווי דאָס ווייזן אַ סך מעטאַפאָרן אין תנ"ך. שפּעטער זיינע סטיליזירטע הערנער ווי שריפט־באַצירונגען אויף הייליקע פאַרמעטן, און ממילא ווי געהיימע צייכנס פאַר מקובלים. ווי אַן אָרנאַמענט אין שול, ווי אַ וויניעטע אין ספר, און ביז אויף אונזערע טעג זוי די ליבלינג־פיגור אין פרימיטיוו־אינגלשע פאַרזוכן אין שניצן און מאָלן, און אין מיידלשע אויסהעפ־טיקונגען אויף לייוונט און קאַנווע.

אין די לעצטע שווערע יאָרן — די גרויליקסטע אין אונזער געשיכטע — איז דאָס קאָנען זיך פאַרטראַכטן וועגן אונזער זייער ווייטן, אין נעפּל שטעקנ־דיקן עבר געווען אַן אמת'ע ברכה. מעגליך אַז אונטער דעם אַנאַליז פון שטרענגער, רייין־וויסנשאַפטליכער פאָרשונג וואָלטן מיינע השערות צערונען געוואָרן ווי זייפן־בלאָזן. איך אָבער בין פון זיי געווען באַזעסן ווי פון אַ לעבעדיקן, צאַפּלדיקן אמת, וואָס האָט מיך געהאַלטן געשפּאַנט יאָרן נאָכאַנאַנד. על כל פנים בין איך צופרידן, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן די מעגליכקייט פאַר נייע פּאָעטישע סימבאָלן און אַלטע ניי צו באַלעבן.

1944

חסידות אַ קונסט

דער געדאַנק, אַז חסידות קאָן אויפגעפאַסט ווערן ווי אַ קונסט, איז צו מיר געקומען מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען עס זיינען אין מיינע הענט צופעליק אַריינגעפאַלן עטליכע חסידישע מעשה־ביכלעך, אויף אידיש און לשון־קודש, וואָס זיינען מיר געווען באַקאַנט נאָך פון מיינע אינגלשע יאָרן. אויפגעמישט האָב איך זיי מיט דעם זעלביקן געפיל, ווי מען שטעלט אָן אַן אויער צו אַן אַלטן ניגון, וואָס מען דערהערט פלוצים, און וואָס ברענגט דיר צוריק אַלץ, וואָס איז געווען פאַר דיינע אויגן ווען דו האָסט אים געהערט צום ערשטן מאָל. אָט די עטליכע געציילטע חסידישע מעשה־ביכלעך האָבן ביי מיר דערוועקט אַ דורשט וואָס איך האָב געפּרואווט שטילן מיט גאַנצע פעק פון חסידישע ספרים. אין יעדן חסידישן ספר, וואָס איך האָב זינט דעמאָלט אַריינגעקוקט, איז דער דאָזיקער געדאַנק ביי מיר פאַרשטאַרקט געוואָרן, און נאָך יאָרן פון פאַרנעמען זיך מיט דעם ענין חסידות, איז ער ביי מיר געוואָרן איבערצייגונג.

ווען איך זאָג, אַז חסידות קאָן אויפגעפאַסט ווערן ווי אַ קונסט, מיין איך מיט דעם, אַז די ערשטע צדיקים — די פאָטערס פון חסידות און אַפילו די פון אַ דור און צוויי נאָך זיי — זיינען אין תוך געווען קינסטלער, כאָטש זיי האָבן דאָס וואָרט קיינמאָל ניט געהערט אַפילו, און אַז זייערע תלמידים און חסידים האָבן גענאָסן דעם דרך־החסידות ווי מען געניסט אַ קונסטווערק. דער אָביעקט פון זייער קונסט איז געווען דער מענטש, די פערזענליכקייט, די אייגענע פערזענלעכקייט, אויף וועלכער זיי האָבן געאַרבעט זי זאָל אַרויס־קומען אַ כלי־שלמה. ווי עס אַרבעט דער מאָלער אויף זיין געמעל, דער מוזיקער אויף זיין קאָמפּאָזיציע, און דער פּאָעט אויף זיין ליד. אמת, אַז ביי זיי איז דאָס ניט געווען קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַן ערשטער שטאַפּל, וואָס דאַרף דערפירן צו אַ העכערן ציל — די דערקענטעניש פון דער גאָטהייט און די דערנענטערונג צו איר. אָבער, צוריק געשמועסט, וועלכע אמת'ע קונסט איז דען מעגליך אָן אַ דערקענטעניש, און וועלכער אמת'ער קינסטלער זוכט דען ניט צו דערגיין ערגיץ־וואו מיט זיין יעדער אַרבעט?

טעאָרעטיש האָבן די פאָטערס און באַגרינדערס פון חסידות כמעט גאָר ניט מחדש געווען. אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן מהות פון דער גאָטהייט און וועגן דער השגה פון דער גאָטהייט איז שוין געזאָגט געוואָרן פאַר זיי, הגם אפשר אין אַנדערע טערמינען. דאָס זעלביקע אַפילו וועגן

דעם צדיק און דעם כוח פון צדיק. זיי האָבן בלויז שטאַרק אונטערגעשטראָכן די ראָל פון צדיק, דעם וועג, אָדער די וועגן וואָס פירן צו דער מדרגה פון צדיק. און דאָס האָט אייגנטלעך דערפירט דערצו אַז זיי זאָלן אויפן וועג צו זייער השלמה, דערפירט ווערן צו דער מדרגה פון קינסטלער, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען.

וואָס איז געווען דאָס נייע, וואָס די פאָטערס פון חסידות האָבן מיט זייער קומען געבראַכט? דער אופן. דער אופן פון דערקענען גאָט, און אויך דעם אופן פון אַרבעטן אויף זיך כדי צו קומען צו דערקענטעניש און צו אייגענער פאַרפולקאָמונג. דער אופן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געלערנט, אַז עס איז ווינציק צו דערקענען גאָט מיטן שכל אַליין, נאָר עס איז נויטיק, אַז מען זאָל אויך דערפילן גאָט מיט אַלע חושים. דאָס אַליין זאָגט שוין, אַז כדי דאָס צו דערגרייכן מוז מען שטאַרק אַרבעטן אויף זיך. און נאָר יענער וואָס האָט נאָך לאַנגער און שטאַרקער אַרבעט דאָס דערגרייכט, נאָר יענער איז געקומען צו דער מדרגה פון אַ צדיק. דער מעזריטשער מגיד ר׳ דוב בער, האָט דאָס מסביר געווען אויף אַזאַ אופן: דאָס אויג זעט. וויל עס דען זען אַלץ? נאָר עס האָט ניט קיין ברירה. ס׳איז אַזוי באַשאַפן געוואָרן, אַז אין דער רגע ווען עפּעס קומט אים אַנטקעגן מוז עס זען. פונקט אַזוי מוז דער מענטש אויסאַרבעטן זיינע חושים, אַז אויף יעדן קער און ווענד זאָל ער דערפילן און ממש דערזען אַפילו, אַז גאָט׳ס כבוד איז אומעטום, אַז עס איז ניטאָ קיין אָרט אָן אים. אַז עס איז ניט פאַראַן אויף דער וועלט קיין זאַך, וואָס זאָל ניט האָבן עפּעס אַ חיות. ווארים אָן דעם חיות וואָלטן זיי דאָך בלי ספק ניט געווען. און נאָר דאָס חיות וואָס זיי האָבן, גיט זיי זייער געשטאַלט. און אָט דאָס חיות אין אַלע זאַכן קומט פון דעם באַשעפער פון די אויבערשטע וועלטן צו די אונטערשטע, און אַזוי פון וועלט צו וועלט ביזן סוף פון די וועלטן.

דעם בעש״ט זאָגט מען נאָך, אַז ווען מען לערנט זיך אויס צו דערקענען די וועלט אויף אַזאַ אופן, לערנט מען זיך אויסצוהיטן פון זינד. אַזוי, למשל, ווען אַ מענטש פאַרקוקט זיך אויף אַ שיינער פרוי און קריגט זינדיקע מחשבות זאָל ער זיך פרעגן: וואָס מאַכט מיך גלוסטן צו דער פרוי? איר שיינקייט. אָבער וואָס איז איר שיינקייט? אַז ער וועט זיך פאַרטראַכטן וועט ער מוזן איינזען, אַז דאָס שיינע אין דער פרוי איז דער געטליכער פונק, דער ניצוץ אלהות, וואָס איז דאָ אין יעדער זאַך און אויך אין איר צורה. קוים וועט ער דאָס איינזען, וועט ער פאַרלירן זיינע זינדיקע מחשבות. ווייל ער וועט זיך מוזן זאָגן: פאַרוואָס גלוסטן בלויז צום פונק ווען איך קאָן גלוסטן צום גאַנצן פייער?

אָט דער צוגאַנג איז אַ קינסטלערישער. ווייל ווען דערקענען דורך די

חושים זאַכן, מענטשן, וועלט און דאָס מיסטעריעזע, ניט דערגרונטעוועטע, וואָס באַלעבט אַלץ און גיט אַלץ און אַלעמען די באַשטימטע צורה — דאָס איז דער וועג פון קינסטלער. כדי אַ מענטש זאָל קאָנען דערקענען גאָט דורך זיינע חושים, מוז ער פריער פון אַלץ דערקענען זיך אַליין. זוכן און פאָרשן אין דער אייגענער נשמה. פּרואוון און מעסטן אַלע זיינע גלוסטונגען, כדי צו וויסן פון וואַנען זיי קומען. פון אַ ריינעם אָדער פון אַן אומריינעם קוואַל. אויב פון אַן אומריינעם, זיי אָפּטרייסלען פון זיך. און אויב פון אַ ריינעם, זיי איינהאַלטן, היטן, צערטלען און קולטיווירן, און פון פונק אויפבלאָזן אַ פלאַם. דערביי מוז מען אָבער זיין זייער און זייער געוואָרנט. ווייל אַלץ וואָס איז דאָ אין דער קדושה איז אויך דאָ אין דער טומאָה, און מען קאָן זייער לייכט מאַכן אַ טעות און אָננעמען דאָס אומריינע פאַר דעם ריינעם און דאָס פאַלשע פאַר דעם אמת׳ן. און פון קיין זאַך האָבן די ערשטע חסידישע רביים זיך ניט אַזוי געשראָקן ווי פאַר אַזוינע טעות׳ן. וועגן אַ סך צדיקים ווערט דערציילט, אַז נאָכדעם ווי זיי זיינען געזעסן מיט זייערע תלמידים און האָבן פאַר זיי מגלה געווען פאַרבאָרגענע סודות, וואָס דאָס מיינט אייגנטליך ניט מער ווי אַנטפּלעקט פאַר זיי זייערע נייע דערקענטענישן צו וועלכע זיי זייען דער־גאַנגען, איז זיי באַפאַלן אַ מרה־שחורה, און זיי האָבן זיך געשראָקן, צי זיינען זיי אַליין ניט פאַרפירט געוואָרן, און צי האָבן זיי ממילא ניט פאַרפירט אַנדערע. אָט די מרה־שחורה וואָס קומט פון צווייפלען אין אייגענעם גאַנג און נאָכמער אין דער דערגרייכונג, באַפאַלט אָפט אויך יעדן קינסטלער.

כמעט יעדער צדיק האָט זיך געשראָקן, אַז ער זאָל ניט פאַרלירן זיינע מדרגות. די שרעק צו פאַרלירן די מדרגות איז כמעט שטענדיק געקומען מיט דער מורא, טאָמער איז ער פאַרפירט געוואָרן מיט אַנטפּלעקן פאַלשע סודות פאַר עכטע. זעצט איבער צדיק׳ישע מדרגות אויף קינסטלערישע דער־גרייכונגען און איר וועט געפינען דאָס זעלביקע ביי קינסטלער. פאַראַן פעריאָדן כמעט ביי יעדן קינסטלער ווען ער שרעקט זיך צי האָט ער ניט פאַרלוירן זיינע קינסטלערישע כוחות, און כמעט שטענדיק קומט דאָס נאָכדעם, ווען ער איז ניט זיכער אין דעם קינסטלערישן ווערט פון זיין לעצטן ווערק.

אַ סך צדיקים האָבן אָפט גערעדט וועגן דעם צדיק און זיינע וועגן ווי קינסטלער רײדן וועגן קינסטלער און זייערע וועגן. ר׳ שלמה קאַרלינער האָט געזאָגט, אַז קיין מענטש קאָן ניט קומען צו דער מדרגה פון אַ צדיק ביז ער האָט ניט פריער מקבל הארה געווען פון אַן אַנדערן צדיק. ער קאָן אָבער ניט אויפשטעלן קיין תלמידים, ביז ער פאַרגעסט ניט פריער, וואָס ער האָט מקבל געווען. פונקט אַזאַ וואָרט האָט געזאָגט געטע וועגן קינסטלער. ניטאָ קיין קינסטלער, האָט געטע געזאָגט, וואָס זאָל אין אָנהייב ניט שטיין אונטער השפעות פון אַנדערע קינסטלער. אָבער קיין קינסטלער קאָן ניט

באַאיינפלוסן אַנדערע, ביז ער פאַרגעסט ניט פריער די איינפלוסן אונטער וועלכע ער איז געווען.

אַט דעם געדאַנק האָט געצויגן ווייטער ר׳ שלמה קאַרלינער׳ס וויכטיק־סטער תלמיד, ר׳ אורי סטרעליסקער, באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט ווי דער „שרף״. נאָכדעם ווי ער האָט איינמאָל איבערגעגעבן די אויבן־דערמאָנטע רייד פון זיין רבי׳ן, האָט ער אַ זאָג געטאָן וועגן זיך: „אורי האָט ניט מורא טאָמער וועט מען אים וועלן שטראָפן למאי ער איז ניט ווי משה רבינו, אָדער אברהם אָבינו. ווייל אורי דאַרף ניט זיין ווי משה רבינו אָדער ווי אברהם אבינו. וואָס אורי האָט מורא איז, טאָמער וועט מען אים וועלן שטראָפן, „פאַרוואָס ביזטו ניט געווען דאָס, וואָס דו, אורי, האָסט געקאָנט ווערן״. דאָס איז אַ שטראָף פאַר וועלכער עס שרעקט זיך שטענדיק יעדער אמת׳ער קינסטלער ווען נאָר ער פרואווט זיך אָפּגעבן אַ חשבון־הנפש פאַר דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן און פאַר דעם, וואָס ער האָט נאָך ניט דערגרייכט. אַזוינע מימרות וואָלט מען געקאָנט אָנציילן צענדליקער. איך וועל זיך אָבער באַגנוגענען בלויז נאָך מיט עטליכע.

ר׳ מענדל קאָצקער, זאָגט מען נאָך, אַז ווען ער האָט אַמאָל געוואָלט ציען אַ פאַרגלייך צווישן זיך און ר׳ מענדל ליובאַוויטשער, האָט ער געזאָגט: „דער חילוק צווישן מיר און אים איז, וואָס איך האָב אָנגעהויבן פון האַרצן און בין דערגאַנגען צום מוח, און ער האָט אָנגעהויבן פון מוח און איז דער־גאַנגען צום האַרצן. ווי ווייט קאָן מען דערגיין מיטן מוח? צו גאָר ניט. אָבער דאָס האַרץ איז ווי אַ ים, און מען קאָן אין אים שווימען און שווימען.״ אַט האָט איר אייך די אייביקע מחלוקה צווישן קינסטלער וועגן דעם, וואָס עס איז בילכער אין דער קונסט, האַרץ צי מוח. דער רבי ר׳ מלך פון ליזשענסק שטעלט זיך אָפּ אין זיין ספר „נועם אלימלך״ אויף דעם, וואָס רש״י זאָגט אויף דעם פסוק „וצהר תעשה לתיבה״, אַז גאָט האָט געהייסן נח׳ן באַלייכטן די תיבה מיט אַן אבן־טוב, און ער פאַרענדיקט: „דער טייטש פון ,תיבה׳ איז ניט בלויז ,קאַסטן׳ נאָר אויך ,וואָרט׳. דאָס איז אַ רמז, אַז דער מענטש דאַרף זיין געוואָרנט, אַז יעדעס וואָרט וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל זאָל לייכטן ווי אַן אבן־טוב. אַזאַ פאָדערונג דאַרף זיך שטעלן ניט נאָר דער מענטש וואָס וויל דערגרייכן די מדרגה פון אַ צדיק, נאָר אויך יעדער וואָרט־קינסטלער. דער דאָזיקער רבי ר׳ מלך איז געווען דער פאָטער פון גאַליצישן און פוילישן חסידות, כאָטש אַליין איז ער געווען אַ ליטוואַק, אַ געבוירענער פון טיקטין, אָדער אין אַ דאָרף לעבן טיקטין. אַ טייל פון זיינע תלמידים האָבן אים געשטעלט כמעט אויף איין מדרגה מיט דעם בעש״ט. דאָס דערמאָנטע ספר זיינס „נועם אלימלך״ איז שטאַרק פאַרהייליקט צווישן די חסידים. ער אַליין האָט דעם בעל שם טוב ניט געקענט, און לויט דער לעגענדע איז ער

עטליכע מאָל אַרויסגעפאָרן פון זיין שטאָט אין אַנדערע ערטער זיך באַקענען מיט מענטשן, וואָס האָבן זוכה געווען צו זען דעם פאָטער פון חסידות, אפשר וועלן זיי אים קאָנען עפּעס נאָכזאָגן פון אים. איינמאָל איז אויף אַ שבת געקומען קיין ליזשענסק דער זאַסלאַווער חזן, וואָס האָט נאָך געדאַוונט פאַרן בעש״ט. פאַרשטייט זיך, אַז דער רבי ר׳ מלך האָט זיך זייער דערפרייט מיט אים און אים שטאַרק נוהג כבוד געווען. נאָך שבת האָט דער רבי ר׳ מלך געבעטן דעם זאַסלאַווער חזן, ער זאָל אים עפּעס נאָכזאָגן פון זיין רבי׳ן. האָט אים דער זאַסלאַווער חזן געזאָגט, אַז דער בעש״ט האָט געזאָגט אַז ווען ער זעט אַ כלי קאָן ער זאָגן וואָס פאַר אַ מענטש עס איז געווען דער בעל־מלאכה, וואָס האָט געמאַכט די כלי. פאַרטראַכט זיך דער רבי ר׳ מלך און זאָגט: „דאָס איז ניט קיין חידוש״. זאָגט דער זאַסלאַווער חזן: „דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז ווען ער זעט אַ כלי קאָן ער זאָגן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער מענטש וואָס האָט געמאַכט די כלי״. פאַרטראַכט זיך רבי ר׳ מלך און זאָגט: „דאָס איז אויך ניט קיין חידוש״. זאָגט דער זאַסלאַווער חזן: „דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז ווען ער זעט אַ כלי, קאָן ער וויסן די מחשבות וואָס עס האָט געהאַט דער בעל־מלאכה, ווען ער האָט געמאַכט די כלי״. זאָגט דער רבי ר׳ מלך: „דאָס איז אַ חידוש.״

נאָך איין קליינער אַנעקדאָט און איך וועל זיין פאַרטיק מיט די אילוסטראַציעס. אין דער חסידישער לעגענדע ווערט דערציילט, אַז ווען מען האָט דעם ליאַדער גענומען תפוס, האָבן זיינע קינדער אַרויסגעשיקט שלוחים צו אַלע אַנדערע צדיקים פון דור, זיי זאָלן פאַר אים איינרייסן וועלטן. ווען איינער פון די שלוחים איז אָנגעקומען צום בערדיטשעווער, וואָס איז געווען דעם ליאַדיער׳ס אַ מחותן, האָט ער געפרעגט דעם שליח, צי ר׳ שניאור זלמן איז געווען צעדרודערט ווען מען האָט אים צוגענומען. „שטאַרק צעדרודערט״, האָט דער שליח געענטפערט. „פון אינווייניק צי נאָר פון דרויסן?״ האָט דער בערדיטשעווער ווייטער געפרעגט. „נאָר פון דרויסן״, האָט דער שליח געענטפערט. „וואָס איז דער סימן אַז נאָר פון דרויסן?״, האָט דער בערדיטשעווער געפרעגט. „ווייל די פאַנטאָפל האָט ער פאַרגעסן אָנצוטאָן״, האָט דער שליח געענטפערט, „אָבער טלית און תפילין האָט ער ניט פאַרגעסן מיטצונעמען״, האָט דער שליח געענטפערט. רופט זיך אָפּ ר׳ לוי יצחק צו זיינע מקורבים: „דער ליטוואַק קוקט גוט!״

אגב, האָט דאָס קוקן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין חסידות. חסידות, האָבן די פאָטערס פון דער באַוועגונג געזאָגט, קאָן מען ניט לערנען פון ספרים, ווייל אַ גרויסער טייל פון חסידות באַשטייט אין עבודה, און דעם דרך־העבודה מוז מען זען מיט די אויגן. „איך בין געגאַנגען קיין מעזעריטש

ניט כדי צו לערנען תורה פון מגיד", האָט געזאָגט איינער פון זיינע תלמידים, „נאָר כדי צו זען ווי ער פאַרבינדט זיינע פאַנטאָפל". גאַנץ ריכטיק באַמערקט וועגן דעם פּראָפעסאָר גרשון שלום, אַז דאָס איז אַ היפּשע גוזמא, וואָס דאַרף ניט גענומען ווערן בוכשטעבליך. אָבער פונדעסטוועגן קאָן מען פון דעם איינעם זאָג לערנען, וויפיל געוויכט די ערשטע צדיקים האָבן געלייגט אויף דעם קוקן. מען מוז זען מיט די אייגענע אויגן ווי אַזוי דער רבי איז זיך נוהג ביים דאַוונען, ווי אַזוי ער פּראַוועט טישן פאַרן גרויסן עולם, און ווי אַזוי ער פּראַוועט ביי זיך אין זיין באַזונדערן יחוד־שטיבל. און ווידעראַמאָל דאָס זעלביקע. זען דאַרף מען ניט כדי צו קאָפּירן און אימיטירן, נאָר כדי צו האָבן אַ רמז און אַן אָנוויז, ווי אַזוי צו דערגיין צו אַן אייגענעם דרך. כמעט יעדער צדיק האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך. און אויב ניט קיין גאַנץ אייגענעם דרך, איז ווינציקסטנס אַן אייגענעם קנייטש. דאָס איז געווען גילטיק אַפילו שפּעטער נאָך דער אַנטשטייאונג פון די רבי'שע דינאַסטיעס, ווען קינדער האָבן איבערגענומען דאָס רביסטווע פון זייערע טאַטעס. איך אַליין האָב נאָך געקענט פיר רביים, זין פון איין־איינציקן פאָטער, וואָס איטלעכער פון זיי האָט געמאַכט אַזאַ קנייטש אין דעם דרך, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייער פאָטער, אַז דאָס איבערגענומענע האָט ביי יעדן פון זיי געקראָגן אַ גאַנץ אַנדער פּנים.

די גרויסע רביים, באַזונדערס די ערשטע, האָבן געהאַט ניט נאָר חסידים, נאָר אויך תלמידים וואָס אַ טייל פון זיי זיינען מיט דער צייט אַליין געוואָרן רביים. ביידע האָבן זיך שטאַרק פאַרקוקט אויפן רבי'ן בעת ער האָט געפּראַוועט זיין עבודה. די תלמידים האָבן געוואָלט עפּעס אָפּלערנען פאַר זיך בעת זיי האָבן געהאַלטן זייערע בליקן אָנגעשטעלט אויפן רבי'ן. און די גרויסע מאַסע חסידים האָט גלאַט געהאַט הנאה פון קוקן. די תלמידים האָבן גע־פּרוּווט טרעפן, און גאַנץ אָפט האָבן זיי געטראָפן, דעם מיין פון יעדער תנועה, וואָס דער רבי האָט געמאַכט ביי זיין עבודה. די חסידים האָבן גלאַט הנאה געהאַט פון די באַוועגונגען און האַוואַיעס, וואָס זייערע אויגן האָבן געזען, פונקט ווי זיי האָבן הנאה געהאַט פון דעם, וואָס די אויערן האָבן געהערט. ווען מען איז צוריק געקומען אַהיים פון רבי'ן, האָבן די תלמידים נאָכגעזאָגט די תורות וואָס זיי האָבן געהערט, און אויך דעם מיין פון דער אָדער יענער תנועה, וואָס דער רבי האָט געמאַכט. די חסידים האָבן מיט גרויס התפּעלות נאָכגעזונגען די ביי̇ע ניגונים, וואָס זיי האָבן געהערט, און מיט גרויס התפּעלות נאָכדערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי דער רבי האָט אויסגעזען ווען ער האָט זיך פאַר'מוח'ט. ווי ער האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און אַ פיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער די אויגן, כאָטש זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו וויסן דעם מיין פון דעם אַלעמען.

דער ריטם פון די באַוועגונגען האָט פאַרכאַפּט זייערע אויגן, פּונקט ווי דער ריטם פון די ניגונים האָט פאַרכאַפּט זייערע אויערן, און דאָס אַליין איז פאַר זיי געווען גענוג, אַז דער רבי זאָל זיי ווערן ליב און אייגן. מיט די חסידיםביים רבי׳נס טיש איז געשען דאָס זעלביקע, וואָס מיט דער גרויסער מאַסע צוהערער ביי אַ מאָדערנעם קאָנצערט, גרויסע מאַסע צוקוקער ביי אַ מאָדערנעם טאַנץ, און אַ גאַר גרויסן טייל באַזוכער פון קונסט־אויסשטעלונגען. זיי האָבן הנאָה פון דעם געהערטן און געזעענעם, כאָטש זיי זיינען אין די קונסטן ניט איינגעווייט, און קאָנען ניט דערקלערן, פאַרוואָס און מיט וואָס דער קאָנצערט, דער טאַנץ און די אויסשטעלונג האָבן ביי זיי אַרויסגערופן דעם וואונדערליכן גענוס. אין אַנדערע ווערטער וואָלט איך געזאָגט, אַז סיי די תלמידים און סיי די חסידים האָבן ביים רבי׳נס טיש איבערגעלעבט אַ קינסטלערישן גענוס. די תלמידים, ווי אינגערע קינסטלער אָדער קונסט־מבינים, האָבן געהאַט דעם גרעסערן גענוס, ווייל זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען די זאַך, וואָס רופט אַרויס דעם גענוס און די מיטלען מיט וועלכע דאָס ווערט דערגרייכט. די פּראָסטע חסידים אָבער האָבן בלויז הנאָה געהאַט פון דעם וואָס זיי האָבן געזען און געהערט. די דאָזיקע הנאָה אַליין אָבער, איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זי אַנגעהויבן קולטיווירן, און דאָס האָט געפירט צו איינעם פון די גרויסע ניסים וואָס איז מיט אונז געשען.

מיטן אויפקום פון חסיד׳יזם האָבן מיר צום ערשטן מאָל נאָך זייער אַ לאַנגער תקופה געעפנט די אויגן און אַנגעהויבן זען, געעפנט די אויערן און אַנגעהויבן הערן. צום קלאָרסטן דערזעט מען דאָס ווען מען פאַרגלייכט חסיד׳ישע מעשיות מיט סתם אידישע פאָלק מעשיות. פון דער אידישער פאָלק מעשה קריגט מען דעם איינדרוק, אַז מיר אידן האָבן אין דער לאַנגער גלות־געשיכטע געקראָגן טעמפּע חושים, באַזונדערס טעמפּ זיינען געוואָרן דער חוש פון זען און דער חוש פון הערן. פון דער אידישער פאָלק־מעשה קאָן מען קיינמאָל ניט וויסן, ווי אַזוי דער העלד פון דער מעשה האָט אויסגעזען, ווי אַזוי ער איז געווען אָנגעטאָן און ווי אַזוי ער האָט גערעדט. אַלץ וואָס מיר דערוויסן זיך אין דער פאָלק־מעשה איז, אַז דער העלד איז געווען רייך, צי אָרים, מיט אַ הדרת־פּנים צי אָן אַ הדרת־פּנים. און וועגן דער העלדין, אַז זי איז געווען סתם אַ „יפת־תואר", און „ליכטיק ווי דער זון", ווען דאָס גליק האָט איר געשיינט, און „שוואַרץ ווי די נאַכט", ווען זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ צרה.

אָבער פון דער חסיד׳ישער מעשה קריגן מיר שוין מער־ווייניק אַ באַגריף וועגן דעם, ווי דער אָדער יענער רבי האָט אויסגעזען. בכלל אָדער ביי ספּע־ציעלע געלעגנהייטן. מיר באַקענען זיך אויך מיט זיין הלבשה און מיט זיין

התנהגות. אַזוי, למשל, ווייסן מיר, אַז דער רבי ר׳ מלך פון ליזשענסק האָט געהאַט גרויסע געדיכטע ברעמען, און ווען ער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אַ מענטשן, האָט ער געמוזט מיט אַ פינגער אויפהייבן די ברעם פון איבער אַן אויג. ביים זעלביקן צדיק זיינען די אָדערן פון די שלייפן געוואָרן אָנגעשוואָלן פון גרויס דבקות ביים דאַוונען. פאַראַן אַן אָדער הינטער דעם אויער פון אַ מענטשן, וואָס רוט, לויט דער לעגענדע, דאָס גאַנצע לעבן, נאָר הייבט אָן ציטערן ווען דער מענטש איז אַ גוסס. ביים רבי׳ן ר׳ מלך האָט דער דאָזיקער אָדער געציטערט דאָס גאַנצע לעבן. אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ער און זיין ברודער ר׳ זישאַ פון האַניפּאָליע האָבן אָפּגעריכט גלות, זיינען זיי אַרומגעגאַנגען קרוע בלוע, ווי אַלע שלעפּערס, און האָבן געלעבט בלויז אויף ברויט מיט זאַלץ, וואָס זיי האָבן געטראָגן מיט זיך אין טאָרבעס. איין צייט האָט ער אַליין אַרומגעוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט אין אַ קורץ רעקל, וואָס איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, ווי דאָס רעקל פון אַ טרעגער. דער רבי ר׳ פּנחס׳ל פון קאָרעץ איז געווען קליין און דאַר און ווען ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען, האָט מען ביי אים ניט געהערט קיין קול און מען האָט ניט געזען קיין שום תנועה. וועגן דעם קאָזשעניצער מגיד ווערט דערציילט, אַז ער איז שטענדיק געווען אַ חולה און האָט אויף זיך ניט געהאַט קיין לויט פליש, און די דאָקטוירים האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי ער קאָן לעבן. זיינע פיס זיינען געווען דין ווי שטעקעלעך, און מען האָט אים געמוזט טראָגן אויף אַ שטול. אָבער, אַז עס איז געקומען צום דאַוונען האָט ער געברענט ווי אַ פייער פון גרויס התלהבות. און ווען מען האָט אים אַריינגעטראָגן אין בית־מדרש איז ער אַראָפּ פון שטול און איז געלאָפן אויף זיינע פיס צום עמוד, ווי ער וואָלט געפלויגן אין די לופטן. ער האָט ניט געטראָגן קיין שיך, נאָר איז געגאַנגען אין די בלויזע זאָקן, און פאַרן עמוד האָט מען אויסגעשפּרייט אַ בערן־פעל כדי ער זאָל קאָנען שטיין אויף די פיס. דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו, איינער פון די פיר הויפּט־תלמידים פון רבי׳ן ר׳ מלך (די אַנדערע דריי זיינען געווען: דער לובלינער חוזה, דער קאָזשעניצער מגיד און דער אַפּטער רב, ר׳ יהושע העשל), איז געווען הויך און דין, און זיין גאַנצע האַלטונג איז געווען פול מיט אצילות. אין די יונגע יאָרן האָט ער געטראָגן קורצע „דייטשע" מלבושים, ווייל ער איז, לויט דער חסידישער לעגענדע געקומען פון אונגאַרן. אָבער זוי עס ווייזט אויס, איז דאָס גיכער געווען אַן איבערבלייב פון די טעג ווען ער האָט געלערנט אין דער ישיבה פון רבי׳ן ר׳ שמעלקע אין ניקעלשבורג, מערען, איידער ער איז געוואָרן אַ תלמיד פון ליזשענסקער. ר׳ חיימ׳ל צאַנזער, דער לעצטער פון די גרויסע צדיקים אין גאַליציע, דער פאָטער פון דער צאַנזער גזע, האָט פון קינדווייז אָן געהאַט אַ קראַנקן פוס, וואָס האָט געדאַרפט שטאַרק אָפּהיטן, אָבער ווען ער האָט זיך

געשטעלט דאַוונען, איז ער אַריין אין אַזאַ ברען און ער האָט אין התלהבות געטופּעט מיט זיין קראַנקן פוס אַזוי לאַנג, ביז פון אים האָט אָנגעהויבן רינען בלוט. דאָס זיינען בלויז עטליכע ביישפּילן פון אַ לאַנגן צעטל, וואָס מען וואָלט געקאָנט אויסרעכענען.

ניט ווינציקער באַקאַנט ווערן אונז די צדיקים דורך די רייד, וואָס ווערן פון זיי געבראַכט אין די חסיד׳ישע ספרים, הגם אין דעם פּרט קאָן מען זיך ניט שטענדיק פאַרלאָזן אויף דער פּינקטליכקייט פון די מחברים, מחמת די רייד פון איין צדיק ווערן מער ווי איינמאָל אויך אַריינגעלייגט אין מויל פון אַנדערע צדיקים. פונדעסטוועגן וועט דער קענער און דער געניטער לייענער לייכט דערקענען וועלכע רייד עס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָדער יענעם צדיק, און וועלכע ניט. צום ווינציקסטן טעות קאָן מען מאַכן דאָרטן, וואו די מחברים זיינען שטאַרק מקפּיד איבערצוגעבן די רייד פּינקטליך אַזוי, ווען אַפילו זייערע ספרים זיינען געשריבן אויף לשון־קודש גיבן זיי אָבער איבער די רייד פון דעם רבי׳ן אויף אידיש. דאָס טוען זיי ניט נאָר ווייל זיי ווילן איבערגעבן דעם עקזאַקטן מיין, נאָר, וואָס נאָך וויכטיקער, דעם ספּעציעלן קנייטש און דעם באַזונדערן טעם וואָס איז, אָדער דאַרף זיין, כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר דעם באַשטימטן רבי׳ן און פאַר דער געלעגנהייט ביי וועלכער זיי זיינען געזאָגט געוואָרן. דאָ האָבן שוין, ניט די צדיקים, נאָר זייער תלמידים און חסידים, וואָס האָבן מחבר געווען די ספרים, אויסגע־פאָלגט איינעם פון די קאַרדינאַלע געבאָטן פון דער דערציילערישער קונסט, און זיי — ניט די משכילים — זיינען אפשר געווען די אָנהייבער פון דער מאָדערנער דערציילערישער ליטעראַטור ביי אונז אידן. אָבער וועגן דעם וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידן. דאָ ווילט זיך נאָר באַמערקן, אַז אָט די פּינקטליכקייט געפינט מען צום מערסטנס אין די ספרים׳לעך, אין וועלכע עס ווערט דערציילט וועגן די שפּעטערדיקע צדיקים, שוין אַ סך נעענטער צו אונזער צייט. אַזוינע, וואָס אונזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן נאָך געקאָנט קענען. צום בעסטן זעט מען דאָס אין די פיר „עשר׳ס" פון ר׳ ישראל בערגער, אין וועלכע עס גייען דורך פערציק צדיקים, פון אַזוינע ראשונים ווי דער מעזריטשער מגיד ביז ר׳ דוד משה׳לע פון טשאָרטקאָוו. אָבער אַפילו צווישן די ערשטע באַקענען מיר זיך מיט אַזאַ אייגנאַרטיקע פיגור, ווי דער בערדיטשעווער, למשל, מער דורך די מליץ־יושר׳דיקע רייד, וואָס ווערן אים נאָכגעזאָגט, ווי פון זיינע ספרים. און צווישן די לעצטע קאָנען מיר דעם קאָצקער, למשל, בלויז פון די שניידיקע ווערטער, וואָס ווערן אים נאָכגעזאָגט. און ווען אַפילו אַ סך פון זיי זיינען אפשר פון אַנדערע פאַרפאַסט געוואָרן, שוין נאָך זיין פּטירה, ווייזט אָבער דער פאַקט וואָס זיי ווערן געלייגט אים אין

מויל אַריין, וואָס פאַר אַ געשטאַלט עס איז פון אים געבליבן אין געדעכעניש פון זיינע פאַרערער.

אינטערעסאַנט וועט אפשר זיין צו דערמאָנען, אַז אַ סך צדיקים האָבן זיך אויסגעצייכנט ניט נאָר מיט מעלות, וואָס זיינען מער שכיח צווישן קינסטלער. זיי האָבן אויך פאַרמאָגט חסרונות, וואָס קומען מער צום אויסדרוק ביי קינסטלער ווי ביי אַנדערע מענטשן. אַזוי, למשל, האָבן אַ סך פון זיי ביי זייער גאַנצער אַרבעט אויף זיך, פאַרמאָגט אייטלקייט און גאווה. און ווי אַלע אייטעלע מענטשן זיינען זיי אויך געווען זייער עמפּינדליך צו דער מינדסטער קריטיק. דער קלענסטער פגיעת־כבוד האָט זיי שטאַרק ווי געטאָן און זיי געקאָנט ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלן, ווען אַפילו נאָר צייטווייליק, פאַרלירן זייערע מדרגות. איבערגעזעצט אויף אונזער לשון וואָלט עס הייסן, דערפילן אַז מען פאַרלירט די קינסטלערישע כוחות. די אמת גרויסע צווישן זיי האָבן, ווי אַלע גרויסע מענטשן, געקאָנט קומען צו דער גרעסטער הכנעה אָבער פונקט אַזוי האָבן זיי אין מינוטן פון שוואַכקייט געקאָנט ווערן שרעקליך באַרימעריש. ר׳ נחמן בראַצלאַווער איז זיכער געווען איינער פון די זעלטענע אמת־גרויסע מענטשן. פון זיינע מעשיות, תורה׳ס און מימרות קאָן מען זען, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען ער האָט געשטעלט זיך אַליין און אַלע מענטשן בנוגע הכנעה און שפלות הרוח. און פונדעסטוועגן האָט ער אין אַ מינוט פון יהרות זיך געקאָנט אָנמעסטן דאָס העכסטע און אַ זאָג טאָן, אַז אויב די תורה וואָלט ניט געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני דורך משה רבינו, וואָלט ער זי געקאָנט ברענגען. אויף דעם רבי׳ן ר׳ הערש פון זידיטשויב, דער פאָטער פון זידי־טשויבער גזע, האָט ר׳ נפתלי ראָפּשיצער עדות געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געזען אַ מענטשן מיט אַזאַ שפלות־הרוח ווי אים. און דאָך האָט דער זעלביקער רבי ר׳ הערש זיך געקענט אַוועקזעצן צוויי שעה נאָכאַנאַנד, טאַקי פאַרן זעלביקן ראָפּשיצער, און אויסרעכענען די מדרגות און השגות, וואָס ער האָט דערגרייכט. אָט דער רבי ר׳ הערש איז, ווי באַקאַנט, געווען דער זון פון אַן אַרענדאַר, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ תלמיד פון לובלינער חוזה, און אַלע זיינע פיר זין זיינען דערנאָך געוואָרן גרויסע רביים. ווען דער רבי ר׳ הערש איז שוין געווען אַ רבי פון טויזנטער חסידים, האָט ער זיך איינמאָל אומגעקערט אין דאָרף סאַפּרין, לעבן סאַמבאָר, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. און נאָכדעם ווי ער האָט דאָרטן געטאָן וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, און זיך אויפגעזעצט אויף דעם בריטשקעלע, וואָס האָט אים געזאָלט צוריקפירן קיין זידיטשויב, האָט ער מיטאַמאָל זיך אַ קער געטאָן מיטן פנים צום וואַלד פון דאָרף, און אַ זאָג געטאָן צו זיינע

מקורבים, וואָס זיינען מיט אים מיטגעפאָרן: „ניט פון אַלע וועלדער קומען אַרויס אַזוינע הערשן!"

עס זיינען אויך געווען רביים, וואָס האָבן, ווי קינסטלער, געליטן פון ספּעציעלע חולאת׳ן, וואָס קומען מערסטנס פון איבערשפּאַנען צופיל די נערוון. ביישפּילן קאָן מען ברענגען אַ סך. עס איז אָבער גענוג צו דערמאָנען דאָס אויבן־געבראַכטע חולשות פון קאָזשעניצער מגיד, די צוועלף איינגעשלאָסענע יאָרן פון קאָצקער, און דאָס מאָדנע חולאת פון ר׳ אייזיקל קאַליווער, ערשטער חסיד׳ישער רבי אין אונגאַרן, וואָס האָט אָפּט געמוזט ליגן נאַקעט אין בעט, ווייל ער האָט געפילט, אַז ניט נאָר די קליידער, נאָר אַפילו זיין אייגענע הויט איז אויף אים צו שווער. אין פאַרבינדונג מיט דעם ווערט דערציילט די שיינע מעשה, ווי אַזוי איינמאָל איז צו אים געקומען זיינער אַ תלמיד ר׳ שאול, וואָס איז שפּעטער אַליין געוואָרן אַ רבי, און אים געפונען אַ נאַקעטן אין בעט. דער קאַליווער האָט זיך, לויט דער לעגענדע, שטאַרק פאַרשעמט. „ווי אַזוי זע איך אויס?" האָט ער געפרעגט. „ווי אדם הראשון פאַרן חטא", האָט דער אינגערער רבי געענטפערט. ווי קינסטלער האָבן אַ טייל צדיקים אויך געהאַט די אייגנשאַפט זיך מבטל צו זיין כעפרא דארעא. ווען זיי האָבן עס געטאָן, האָבן זיי עס זיכער געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן. מחמת דאָס פלעגט געוויינטליך קומען אין אַ צייט פון צווייפל. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך געפילט שרעקליך געטראָפן ווען זיי האָט זיך נאָר געדאַכט אַפילו, אַז אַנדערע זיינען מיט זיי מסכים.

אויבן איז דערמאָנט געוואָרן דער פאַקט, אַז די מחברים פון חסיד׳ישע ספרים האָבן שטאַרק מקפיד געווען ביים איבערגעבן די רייד פון רביים, און מיט דעם האָבן זיי אויסגעפאָלגט איינעם פון די קאַרדינאַלע געבאָטן פון דער דערציילערישער קונסט. דאָס ברענגט אונדז צו דער חסיד׳ישער מעשה׳לע, וואָס איז אפשר געווען דער אָנהייב פון אַ מאָדערנער דערציילערישער ליטע־ראַטור ביי אונז אידן, הגם די מחברים פון די מעשיות האָבן גאָר ניט געוואוסט, אַז זיי שאַפן ליטעראַטור. דעם לייענער וועלן מסתמא פריער פון אַלץ קומען אויפן זכרון די מעשיות פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער. אָבער דווקא זיי גייען ניט אַריין אין דעם רייסטער פון חסיד׳ישע מעשיות. מיט זייער געניאַלקייט, רייכקייט און פאַנטאַזיע, דערפינדערישקייט, און טיפקייט פון מחשבה, זיינען זיי אַ מין פאַר זיך. קינסטלערישע אַלעגאָריעס, דערציילט צי איבערדערציילט פון גאָר אַ זעלטענעם און איינציקאַרטיקן מענטשן, וואָס איז געווען אַ חסיד׳ישער צדיק. אָבער צו דער חסיד׳ישער מעשה האָבן זיי לחלוטין קיין שייכות ניט. חסיד׳ישע מעשיות זיינען פון אַ גאַנץ אַנדערן זשאַנר. פון איין זייט טראָגן זיי אויף זיך דעם חותם פון אַלטקייט און טראַ־

דיציע, און פון דער אַנדערער זייט קומען זיי צו צום נאָענטסטן צו דעם, וואָס איז אייגנטימליך דער מאָדערנער דערציילערישער קונסט. מיט זייער קורצ־קייט, זאַכליכקייט און אַנעקדאָטישקייט זיינען זיי אַ המשך פון דער אַלטער אידישער מעשה, ווי זי איז אונז באַקאַנט — דורך אַלע אירע גלגולים — פון תנ״ך, דורך די אגדתות און מדרשים, און פון דער מיטלאַלטערליכער מוסר־ליטעראַטור. דאָס נייע אין זיי איז אַטמאָספערע און אינטימע איבערלעבונג. מיט דעם ערשטן זאַץ פירט אייך דער מחבר אַריין אין אַ ווינקל, וואָס איז אים ליב און אינטים און וואָס ווערט ליב און אינטים אויך דעם לייענער. דאָס האָט געקאַנט אויפקומען נאָר אונטערן חסידיזם, וואו סיי די געציילטע תלמידים און סיי די גרויסע מאַסן אָנהענגער און פאַרערער זיינען מיט אויג און אויער געהאָנגען אָן דעם פנים און מויל פון מנהיג, און האָבן אין זיך איינגעזאַפּט יעדע תנועה און יעדן דבור זיינעם, און אַלץ וואָס אַרום אים. פון דעם קוקן און הערן געשפּאַנט איז געקומען יענע ליבשאַפט און פיעטעט ביי וועלכער דער קלענסטער עפּיזאָד און דער מינדסטער זאַג איז געוואָרן אַ וואונדערליך געשעעניש, וואָס מען האָט געפילט, אַז מען דאַרף און מען מוז עס טיילן מיט אַנדערע.

זייער אָפט ווילט זיך אַ שמייכל טאָן ווען מען לייענט איבער די צען צי פופצן שורות אין וועלכע עס געשעט צום מערסטן כמעט גאָרניט, און וואָס ווערן פונדעסטוועגן איבערגעגעבן ווי „נאָך אַ וואונדערליכע מעשה״ פון דעם אָדער יענעם רבי׳ן. אָבער גאָר גיך גייט דער שמייכל איבער אין שטוינונג. מען ווערט פשוט נשתומם ווי אַזוי די דאָזיקע מחברים האָבן אויף זייער אומגעניטן און פרימיטיוון אופן אָנגעטאָפּט דאָ דעם סאַמע עיקר — דאָס וואָס איז פאַר זיי געווען דאָס וויכטיקסטע און ממשות׳דיקסטע. וויכטיק און ממשות׳דיק איז פאַר זיי געווען אַלץ, וואָס האָט זיי געגעבן יענע דינע, העכערע פרייד, וואָס הייבט אויף איבער דער וואָכעדיקער אַלטעגליכקייט. אַמאָל איז עס געווען אַ שאַרפער זאַג, אַמאָל אַ סצענקע, וואָס האָט זיך איינ־געפּרעסט אין זכרון, און אַמאָל אַפילו בלויז אַ הלצה׳לע. די וויכטיקסטע זיינען נאַטירליך, יענע מעשיות פון וועלכע עס וואַקסט אַרויס דער שיינער מענטש אָדער די טיפע עטישע פערזענליכקייט. צום ווינציקסטן „וואונדערליך״ זיינען דווקא יענע, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן וואונדער — די מעשיות וואָס גיבן איבער די מופתים פון דעם אָדער יענעם צדיק. מיט אַן אויסנאָם פון געציילטע, וואָס ווערן נאָכגעזאָגט די סאַמע ערשטע פאָטערס פון חסידות, און וואָס זיינען, אַ סברא, געשריבן געוואָרן דווקא פון ניט חסידים, זיינען די מערסטע פול מיט שטות און אומגעלומפּערט דערציילט. אגב, האָבן די צדיקים אַליין געקוקט מיט ביטול אויף דעם ענין מופתים, טראָצדעם, וואָס אַ סך פון זיי זיינען געווען זיכער, אַז זיי אַליין האָבן דערגרייכט מדרגות ביי

וועלכע זיי קאָנען זיין פועלי ישועות. צום בעסטן אילוסטרירט דאָס די חסיד׳י־שע מעשה, וואָס דערציילט, אַז ביים מגיד אין מעזריטש האָבן זיך מופתים געוואַלגערט אונטערן טיש און קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, האָט זיך אָנגעבויגן ר׳ נחום׳טשע טשערנאָבאָלער און האָט זיי אַלע אויפ־געקליבן.

אָט דער קליינער אַנעקדאָט איז, אגב, איינער פון אַ סך, וואָס ווייזן די היפּשע דערגרייכונגען פון דעם חסיד׳ישן דערציילער. צו קאָנען זיך פּאַסן אַזוי קורץ און צו מאַכן אַ תל פון דעם גאַנצן ענין מופתים דורך איין בילדליכן שטריך, וואָס ווייזט ווי זיי האָבן זיך געוואַלגערט אונטערן טיש ביז איינער האָט זיך מטריח געווען זיך אָנצובויגן כדי זיי אויפצוהייבן, דאַרף מען זיין אַן אמת׳ער קינסטלער. אַזוינע מיניאַטור בילדלעך געפינט מען אין די חסיד׳ישע מעשה־ביכלעך גאַנצע הויפנס, און אַלע זאָגן זיי עדות אויף דער גרויסער באָאָבאַכטונג קראַפט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן די חסידים, פּונקט ווי אומצאָליקע אַנדערע אַנעקדאָטן ווייזן ווי עס האָט זיך ביי זיי בכלל אַנט־וויקלט אַ חוש פאַר עסטעטישע דינקייטן און עטישע טיפקייטן. פאַראַן אַ מעשה׳לע, וואָס דערציילט, אַז ווען דער רבי ר׳ נפתלי פון ראָפּטשיץ איז איינמאָל אויף אַ שבת געקומען אין אַ פרעמדער שטאָט, איז צו זיין טיש זיך צונויפגעלאָפן אַ גרויסער עולם אין בית־מדרש און עס איז געוואָרן אַזאַ טומל, אַז איינער האָט ניט געקאָנט הערן דעם אַנדערן. האָט מען אָנגעהויבן שרייען פון אַלע זייטן: שאַ, שאַ, און עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן מאָן זייען. רופט זיך אָפּ דער ראָפּטשיצער: „עך זענט געוואָרן אַזוי שטיל, אַז עך זענט מיך מבלבל מיט אייער שטילקייט״. נאָר מאָדערנע שבמאָדערנע קינסטלער האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען עפּעס מחדש, ווען זיי זאָגן, אַז די שטילקייט שרייט, בעת פון דעם דאָזיקן סוד האָט שוין געוואוסט אַ פּרימיטיווער דערציילער פון אַ חסיד׳ישער מעשה. ווי טיף עטיש זיי האָבן געקענט פילן ווייזט אַן אַנדער מעשה׳לע, וואָס ווערט דערציילט וועגן דעם רבי׳ן ר׳ מלך, אויך אין פאַרבינדונג מיטן ראָפּשיצער. ווען ר׳ נפתלי ראָפּ־טשיצער, דערציילט די מעשה, האָט אין זיינע יונגע יאָרן געוואָלט ווערן אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מלך, האָט אים דער לישזענסקער געזאָגט: „איך וויל דיך ניט פאַר קיין תלמיד, ווייל דיין טאַטע איז געווען אַ רוצח.״ פרעגט ר׳ נפתלי מיט שטוינונג: „מיין טאַטע, דער לינסקער רב און דער איידעם פון ר׳ איציקל האַמבורגער, אַ רוצח?״ ענטפערט אים דער ליזשענסקער: יאָ, דיין טאַטע אַ רוצח. הער, אדרבא, און זאָג אַליין. ווען איך מיט מיין ברודער זושאָ האָבן אָפּגעריכט גלות האָבן מיר נאָך צוויי יאָר זיין נע־ונד געזאָגט געגנוג און מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים. אויפן וועג אַהיים זיינען מיר אָנגעקומען קיין לינסק און זיינען אַריין צום רב נאָך אַ נדבה. האָט ער מיר דערלאַנגט אַ מטבע,

און מיין ברודער אַ מטבע. ווען מיר זיינען אַרויס פון רב און מיין ברודער זושאַ גיט אַ קוק, זעט ער, עס איז אַ גאָלדענע מטבע. ווען איך האָב געגעבן אַ קוק, זע איך, אַז אויך איך האָב אַ גאָלדענע מטבע. טראַכטן מיר, דאָ איז אַ טעות. דער רב האָט אונז געוואָלט געבן קופערנע מטבעות און האָט אונז געגעבן גאָלדענע. זיינען מיר צוריק אַריין אינעווייניק. ווען דיין טאַטע האָט אונז דערזען, האָט ער געפרעגט „וואָס זענט עץ שוין ווידער דאָ?" זאָגן מיר אים: „רבי, איר האָט געהאַט אַ טעות. איר האָט אונז געוואָלט געבן קופערנע מטבעות און אונז געגעבן גאָלדענע". רופט ער זיך אָפּ: „איך האָט שוין גאָר ניט געהאַט קיין טעות. עץ מיינט, איך ווייס ניט ווער עץ זענט? נאָר איין זאַך קאָן איך ענק זאָגן. ווען איך וואָלט געוווען אָפּריכטן גלות אַזאַ לאַנגע צייט, וואָלט איך געהאַט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה". נו, וואָס־זשע האָבן מיר געקאָנט טאָן? האָבן מיר געמוזט גיין אין גלות אַריין אויף נאָך אַ יאָר."

די תורה פון חסידות, וואָס האָט געלערנט אַז עס איז ווינציק צו דערקענען גאָט מיטן שכל, נאָר מען דאַרף אים אויך דערפילן מיט אַלע חושים, האָט דערפירט דערצו, אַז דער צדיק זאָל פריער פון אַלץ אַריינקוקן טיף אין זיך אַליין, כדי זיך אַליין צו דערקענען. די זעלביקע תורה, וואָס האָט אויך גע־זאָגט, אַז חסידות קאָן מען ניט לערנען פון ספרים, נאָר מען מוז האָבן אַ רבי'ן כדי זיך אָפּצולערנען פון זיינע מעשים, האָט געמוזט פירן דערצו, אַז דער חסיד זאָל זיך שטאַרק פאַרקוקן אויף זיין רבי'ן, און אויפכאַפּן יעדעס וואָרט וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל, יעדע תנועה פון זיינע הענט און יעדע האַוואַיע פון זיין פּנים. דאָס האָט ווידער געפירט דערצו, אַז דער רבי זאָל שטאַרק מקפיד זיין אויף זיין התנהגות, באַזונדערס ווען ער איז געווען פּנים אל פּנים מיטן עולם. מיט זיינע תנועות האָט דער צדיק געדאַרפט מכוון זיין כוונות און יחידים. פונדעסטוועגן איז — אפשר פאַר אים אַליין ניט וויסנדיק — דערין אויך געווען אַ שמץ פון שוישפּיל. מיט פאַרקוקן זיך אויפן רבי'ן האָט דער חסיד בכלל זיך אויסגעלערנט צו קוקן. דאָס איז ביי אונז געווען אפשר דער ערשטער אָנשטויס צו קוקן אויף וועלט און מענטש, און ווערן אַ גוטער באַאָבאַכטער. סיי ווי האָט דאָס פאַרקוקן זיך און צוהערן זיך צו דעם, וואָס האָט אים פאַרשאַפט פרייד, אויך געפירט צום חשק צו וועלן איבערדערציילן פאַר אַנדערע, וואָס מען האָט געהערט און געזען. דער וועג פון חסידות האָט אויף אַזאַ אופן דערפירט צו דער מדרגה פון קינסטלער ניט נאָר די צדיקים, נאָר אויך יענע באַגאַבטערע פון די חסידים, וואָס זיינען געוואָרן די מחברים פון חסיד'ישע מעשה־ביכלעך. אַ טייל פון זיי האָבן אין זייער דערציילן, זיך אַפילו דערהויבן צו גאַנץ פיינע פלאַסטישע שיל־

דערונגעו, ווי מיר זעען דאָס, למשל, אין דער מעשה אין וועלכער עס ווערט איבערגעגעבן די עבודה פון דעם קאָזשעניצער מגיד.

ווי עס איז ידוע", דערציילט די מעשה, „איז דער גוף פון קאָזשעניצער מגיד געווען דאַר ווי אַ שפּאָן, און תמיד האָט מען איינגעהילט זיין גוף אין האָזענע פעלכלעך, אַז ער זאָל כאָטש אויסזען ווי אַ שטיקל מענטש. און תמיד איז ער געלעגן אויפן בעט ווי אַ חולה מסוכן, און אַלץ וואָס ער האָט גערעדט איז געווען מיטן זעלביקן ניגון ווי ביים דאַווענען און לערנען. נאָר אין דער פרי, אַז דער הייליקער רבי איז געגאַנגען דאַווענען, האָבן זיך זיינע מענטשן אויסגעשטעלט אין אַ וואַרע פון ביידע זייטן, און דער הייליקער רבי האָט זיך געלאָזט גיין אין בית־המדרש אַריין איינגעוויקלט אין טלית און באַקרוינט מיט די תפילין. און זיינע משמשים זיינען געגאַנגען מיט אים איינער פון דער זייט און איינער פון דער אַנדערער זייט. און איטליכער פון זיי האָט געטראָגן צוויי ברענענדיקע ליכט אין זיינע הענט. און דער רבי איז געגאַנגען מיט התלהבות און מיט שמחה, מיט אַ ספר תורה אויף דער האַנט. און אַז ער איז אריין אין בית־המדרש, האָט ער אַ טאַנץ געטאָן אַנטקעגן דעם ארון־קודש, און דאָרטן אַריינגעשטעלט די ספר תורה, דערנאָך האָט ער אַ טאַנץ געטאָן אַנטקעגן דעם עמוד, וואו ס'איז געשטאַנען די מנורה, און די משמשים האָבן אין איר אַריינגעשטעלט די ליכט. און ער אַליין האָט זיך געשטעלט פאַרן שולחן, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַן עמוד, און דאָרטן האָט ער גע־דאַוונט. ער איז אָבער ניט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט ביים דאַווענען, נאָר האָט זיך געדרייט אַהער און אַהין, און פון גרויס דבקות איז ער אַמאָל אַפילו אַרויפגעשפּרונגען אויפן שולחן, און פאַרגעסן, אַז ער איז קראַנק. אָבער נאָך שמונה־עשרה האָט ער זיך געמוזט אַוועקלייגן אויף דער פוטערנער קאָץ, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט פאַר זיינע פיס, און אַזוי האָט ער ליגנדיק געמוזט פאַרענדיקן דאָס דאַוונען. פון דאַוונען האָט מען אים שוין געמוזט אַהיים טראָגן אַ קראַנקן און צוריק לייגן אין בעט אַריין."

אַוודאי איז דאָס פּלאַסטישע שילדערונג פון אַ גאַנץ פּרימיטיווער מדרגה. אָבער דערווייל האָבן זיך איבער איר געקאָנט איבערהויבן בלויז געציילטע פון אונזערע מאָדערנע אידישע דערציילער.

1948

קונסט און פּראָפּאַנאַציע

אין אָנהייב איז געווען דאָס געשריי — דער אויסדרוק פון יחיד'ס צער און שרעק. און ווען די געשרייען פון עטליכע האָבן זיך באַהאָפטן אינאיינעם איז אַנטשטאַנען דער טאַנץ, וואָס האָט געבוירן די פרייד — די מוטער פון אַלע קונסטן.

***

דער וועג פון דער קונסט איז פון אָפּלאָכונג צו אָפּלאָכונג דורך באַוואונדערונג, הכנעה און אַנטציקונג. פאַראַן קינסטלער וואָס מאַכן דורך דעם גאַנצן וועג אַליין. פאַר די איבעריקע טוען דאָס די עפּאָכן און שולן.

יעדע נייע קונסט־עפּאָכע הויבט אָן און דעגענערירט אין אָפּלאָכונג. ביים אָנהויב לאָכט זי פון אַ פריערדיקער, ביים סוף פון זיך אַליין. דער אָנהויב פון יעדער נייער עפּאָכע איז דער סוף פון איר פאַרגייערין.

***

דער קינסטלער איז קיינמאָל ניט קיין נביא. ווייל נביא זיין מיינט קעמפן פאַר אַ פאַראויס באַשטימטן אמת, וואָס מוז גילטן פאַר אַלעמען, און קינסטלער זיין מיינט זוכן נייע אמת'ן, וואָס דאַרפן פריער פאַר אַלץ באַפרידיקן אים אַליין. דער נביא איז מאָנאָטעאיסט, דער קינסטלער, פּאָליטעאיסט.

***

דער אויפריכטיקסטער שונא פון דער קונסט איז דער נביא. דער גרעסטער באַוואונדערער פון נביא איז דער קינסטלער.

***

בלויז איין זאַך איז זיי ביידע אייגן: ביידע זוכן זיי אַ תיקון פאַרן לעבן. דער נביא דורך זיין איינציקן אמת, דער קינסטלער דורך אַלע זיינע אמת'ן. אַפילו דורכן נביא ווען ער ווערט פאַר אים אַן אמת.

***

ווען דאָס פאָלק ישראל איז געוואָרן מאָנאָטעאיסטיש איז עס געוואָרן פיינטליך צו יעדער קונסט. „לא תעשה לך פסל...״ איז דער וויכטיקסטער פון אַלע געבאָטן.

דער גייסט פון נבואה האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעטאָן פון אונז אידן. די שנאה צום בילד איז אָבער פאַרבליבן ביז אויפן היינטיקן טאָג. דעריבער זיינען מיר אַזוי אומקינסטלעריש אַפילו ווען מיר ריידן וועגן קונסט.

***

ווי אַלע ניט־קינסטלערישע מענטשן קאָנען מיר ניט פאַרשטיין, אַז יעדע דערשיינונג האָט איר אייגענעם זכות הקיום, נאָר מיר מוזן איר געבן אַ פונקציע. זי מוז דוקא דינען עפּעס אונזערן אַ תכלית. ווען ביי אונז האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אַ ליטעראַטור האָט זי געמוזט דינען דער „הימלישער טאָכטער" השכלה, שפּעטער — סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן, און היינט — דער וועלט־איבערקערעניש, משיח׳יזם און דעם גייסטלאָזסטן פון אַלע גייסטיקע פאַרזעענישן: דעם אידישיזם.

***

אַ גרויסער טייל פון אונזער היינטיקער ליטעראַטור איז ניט מער ווי אַ פאַרזעעניש פון אונזער אַמאָליקער אַלעגאָריע. ווי „אויפגעקלערטע" מענטשן „ווייסן" מיר שוין, אַז שיר־השירים איז ניט מער ווי אַ זאַמלונג פון אַלטע העברעאישע ליבע־לידער. אין אונזער קונסט־אויפפאַסונג זיינען מיר אָבער די געזעצליכע יורשים פון אונזערע זיידעס, וואָס האָבן געוואוסט, אַז דער שיר־השירים איז אַ הייליקער משל אויף דער כנסת־ישראל מיט דער שכינה. אויף אַזאַ אופן פּראָפאַנירן מיר אי די הייליקייטן פון אונזערע אבות און אי די הייליקייט פון קונסט.

***

כדי דער גאָט־באַגריף זאָל ווערן לעבעדיק מוז ער איינגעהילט ווערן אין די קליידער פון אַלעגאָריע. כדי די קונסט זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן מוז מען זי לאָזן נאַקעט. יעדע זייטיקע כוונה וואָס ווערט אַריינגעטייטשט אין אַ קונסטווערק איז פּראָפאַנאַציע.

***

ביז מען וועט ביי אונז ניט וויסן, אַז אַ וואָרט אין אַ ליד איז ניט מער ווי דאָס, וואָס עס זאָגט, וועט ביי אונז ניט זיין קיין פאַרשטענדעניש פאַר פּאָעזיע.

***

ווען מען וועט אויפהערן זוכן ביי אונז רמזים, וועט מען ערשט דעמאָלט זען ווי מיסטיש עס איז דאָס וואָרט אין זיין הוילער נאַקעטקייט.

***

ווען עס פעלט דער חוש פאַרן לעבעדיקן וואָרט, ווערט געבוירן די אָנ־געשוואָלענע מליצה; ווען עס פעלט דער חוש פאַר אמת׳ער שיינקייט, צירט

מען זיך מיט אָנגענומענע שיינקייטן; ווען עס פעלט דער זין פאַרן סוד פון לעבן, קלערט מען אויס מיסטיפיקאַציעס, און ווען עס פעלט באַהעפטונג צו דער וועלט, לייגט מען אײַן וועלטן וועגן קאָסמאָס.

***

פאַראַנען קינסטלער וואָס מוזן דוקא האָבן אַ לייטער, וואָס זאָל זיי פירן אין הימל אַרײַן. פאַר אַנדערע איז גענוג אַ קליין ווערעמיל זאָל זיי באַהעפטן מיט דער ערד. און ווידער פאַר אַנדערע איז די קלענסטע קלייניקייט דער פעגאַז, וואָס טראָגט זיי אויף זיין רוקן איבער אַלע וועלטן. און קיינער האָט נאָך ניט אויסגעמאָסטן װעלכער וועג עס איז דער קירצסטער.

קאַרל סאַנדבורג באַהעפט זיך מיט דער וועלט דורך אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער געפינט אין גאַס. מאַני לייב דורך אַ ווייס רויכל וואָס גייט פון אַ קוימן.

***

אַלץ קאָן דינען דעם קינסטלער פאַר זיין טעמע. ווען דאָס ווערק איז אָבער געשאַפן לעבט עס מער ניט אין זכות פון דער אידייע אָדער דעם געפיל, וואָס האָט עס אַרויסגערופן, נאָר אין זיין אייגענעם זכות. בלויז די ניט־קינסטלערישע סענטימענטאַלע דייטשע בחורים און מיידלעך זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איבער געטעס „ווערטער"; נאָר די ניט־קינסטלערישע רע־וואָלוציאָנערן האָבן אין די מייסטער פון רוסישן ראָמאַן און נאָוועלע געזען בלויז דעם הומאַניטאַרן אָדער, און נאָר די ניט־קינסטלערישע נאָכלויפער פון מאָדערנעם עקספּרעסיאָניזם זעען בלויז דאָס אין וואָלט וויטמאַן.

***

ווען מען לייענט ביי אונז די נאַרישע דיסקוסיעס וועגן פאָרם און אינ־האַלט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז פאָרם איז עפּעס אַ מין זעלבסטשטענדיקע כלי, וואָס אַז מען וויל קאָן מען זי אָנפילן מיט וויין און וויל מען גיסט מען זי אָן מיט וואַסער. און זיי ווייסן ניט, די טפשים, אַז דער זאַפט באַשטימט די פאָרם פון דער טרויב.

***

נאָר דעמאָלט קאָן מען זאָגן אויף אַ ווערק, אַז עס פאַרמאָגט פאָרם, ווען אַלע איינצלנע באַשטאַנדטיילן זיינען אונטערוואָרפן דעם קינסטלערישן ענד־ציל.

***

געבן אַ זאַך פאָרם, מיינט צווינגען זי אָנצונעמען איר אייגענע געשטאַלט.

מערץ, 1925.

וועגן עטיק און עסטעטיק*)

דער יסוד פון דער עסטעטיק איז באַוואונדערונג. דער יסוד פון דער עטיק — פליכט־באַוואוסטזיין.

די עטיק שטעלט אַוועק געזעצן און גרעניצן. דאָס מוזטו און דאָס טאָרסטו ניט. די עסטעטיק וויל פוןביידע ניט וויסן. זי מוז האָבן פרייען רוים און פרייען אויסוואַל.

באַוואונדערן קאָן מען אַלץ וואָס איז שיין, גרויס, מעכטיק און העלדיש. שיין, גרויס און מאַכטיק קאָנען זיין זאַכן, אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע, טויטע און לעבעדיקע. שיין, גרויס און מאַכטיק קאָן אויך זיין די מענטשליכע טאַט. אָבער נאָר זי קאָן זיין העלדיש.

די עטיק פאָדערט פון מענטשן אַ גאַנצע ריי גוטע מידות, ווי ריינקייט פון מחשבה און מעשה, עניוות, זעלבסטזיכטלאָזיקייט, אָפּערווילליקייט און אַנטזאָגונג. די אַלע מידות זיינען שיין, און דעריבער קאָנען זיי עסטעטיש באַוואונדערט ווערן. באַזונדערס די לעצטע צוויי, ווייל צו זיי פאָדערט זיך אַ גרויסע מאָס העלדישקייט.

אָבער פונקט אַזוי קאָנען מיר אויך באַוואונדערן מענטשליכע מעשים, וואָס גייען להיפוך די עטישע פאָדערונגען, און אַפילו וואָס זיינען דערווידער דעם עטישן געפיל. די עטיק וועט קיינמאָל ניט שלום מאַכן מיט אונטערדריקונג, רויב און מאָרד. אָבער עסטעטיש וועלן מיר אַמאָל באַוואונדערן אונטערדריקער, רויבער און מערדער, ווען דורך זייער טאַט וואַקסן זיי אויס צו מעכטיקע און העלדישע פיגורן, און אויף אונזער אייגענער הויט פילן מיר ניט זייער דרוק, רויב און מאָרד.

קיינער פון אונז געדענקט מער ניט די צענדליקער טויזנטער שקלאַוון, וואָס זיינען מיט געוואַלט געצוואונגען געוואָרן צו שלעפן ריזיקע שטיינער פון גאָר וויטע מקומות און דערנאָך פון זיי אויפשטעלן די מצרישע פּיראַמידן. אָבער אַלע שטייען מיר פאַרגאַפט פאַרן רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרויפגעצוואונגענער שקלאַוון־אַרבעט, און ממילא אויך פאַר די אַרויפצווינגער.

קיינער פון אונז געדענקט מער ניט די טייכן בלוט, וואָס אַלעקסאַנדער מוקדן און נאַפּאָלעאָן באַנעפּאַרט האָבן פאַרגאָסן אין זייערע דעראָבערונג־

*) איך געדענק ניט מער ווען איך האָב די דאָזיקע זאַצן פאַרצייכנט. וואַרשיינליך צווישן 1920 און 1925, מחמת אין יענע יאָרן בין איך מיט דעם פּראָבלעם געווען שטאַרק פאַרנומען.

מלחמות. אָבער ביז אויפן היינטיקן טאָג ווערן די דאָזיקע טיראַנען באַוווּנ־דערט פאַר די גרויסע און געשיקטע מיליטערישע מאַרשן, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט, און פאַר די אַלע לענדער, וואָס זיי האָבן איינגענומען, הגם די אימפּעריעס וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט זיינען זיך צעפאַלן נאָך איידער מען האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט.

אַ מאַסע מאָרד־פּראָצעסן האָבן אין אונזערע טעג באַוויזן, ווי פּשוט׳ע, געמיינע מערדער וואַקסן אָפּטמאָל אויס אַזוי העלדיש אין די אויגן פון אַ סך, אַז זיי ווערן אין זייערע געפענגעניש־קעמערלעך ממש פאַרוואָרפן מיט אומ־צייליקע בריוו פון ליבע און פאַרערונג.

באַוווּנדערונג פירט צו נאָכמאַכונג און פאַרגעטערונג. נאָכמאַכונג דאָרטן וואו עס לאָזט זיך נאָכמאַכן, און פאַרגעטערונג דאָרט, וואו דער אויפטו אָדער אויפטוער זיינען אַזוי פולקום אין זיך, אַז מען קאָן זיי ניט נאָכמאַכן.ביידע זיינען זיי דערווידער דעם עטישן מענטשן, ווייל ביידע קאָנען זיי אומוואַרפן די געזעצן און גרעניצן וואָס די עטיק האָט אַוועקגעשטעלט.

דער קוואַל פון עטישן געפיל איז ליבשאַפט. ליבשאַפט צו יעדן מענטש און צום מענטשליכן מין בכלל. דער עטיקער האָט ליב, אַלע מענטשן דעריבער קאָן ער ניט פאַרטראָגן ווען איינער וויל לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע. אַלע פאָדערונגען פון דער עטיק זיינען ניט מער ווי אַ מין שלחן ערוך מיט שטרענגע דינים פאַרן יחיד, כדי אַנדערע יחידים און דער כלל זאָלן ניט ליידן.

צו אַ דיכטער וואָס האָט זיך געפּלייסט
צו מאַכן גוטע איבערזעצונגען

חשובער קאָלעגע: —

די איבערגעזעצטע לידער וואָס איר האָט אונז צוגעשיקט פאַרן „אינזל״ ווייזן, אַז איר האָט זיך שטאַרק געפּלייסט צו מאַכן אַ נעט שטיקל אַרבעט. פאַר דעם קומט אייך זיכער אַ יישר כח. וואָרים צום באַדויערן האַלט מען ביי אונז זייער ווייניק פון אַרבעט. פון די הונדערטער לידער, אָריגינעלע און איבערזעצטע, וואָס ווערן ביי אונז פאַרעפנטליכט יעדעס יאָר קריגט מען דעם איינדרוק, אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון וואונדער קינדער, וואָס פאַרלאָזן זיך אויפן געפיל און אויף דער געשיקטקייט פון די פענס, אַז זיי וועלן שוין דערפירן צום געווינטשטן ציל. געשיקטקייט איז אודאי אַ וואוילע זאַך. און געפיל איז זיכער איינער פון די פאַרבאַדינגונגען פאַר יעדן איינעם, וואָס פאַרמעסט זיך אויף שרייבן לידער. אָבער פון געפיל ווערט געפילעכץ און פון געשיקטקייט קונצנמאַכעריי, ווען זיי ווערן ניט דיסציפּלינירט. שוין דאָס געפיל אַליין מוז ווערן געוואויגן און געמאָסטן. און נאָכמער זיין אויסדרוק — דאָס וואָרט. עס איז אַפילו ווינציק דאָס פּאַסיקע וואָרט. עס מוז אויך זיך געפינען אויפן פּאַסיקן פּלאַץ. די אַראַנזשירונג פון די ווערטער באַשטימען ניט ווינציקער דעם ווערט פון אַ ליד ווי דער אָפּקלייב. דערצו פאָדערט זיך, אַחוץ אינטואיציע, אויך פשוטע אַרבעט, פלייס און אויסדויער. ביי אונז פאַרמאָגן דאָס בלויז עטליכע געציילטע. און דעריבער געפינט מען ביי אונז אַזוי פיל בליציקע שורות און ווערטער וואָס ווייזן העכסטנס אויף פּאָעטישקייט. דער פּאָעטישער מענטש קאָן ערגיץ בלינד אָנטאַפּן דעם פּאָעטישן אינהאַלט. אָבער נאָר דער פּאָעט קען דעם מאַטעריאַל באַמייסטערן און אים געבן פאָרם און געשטאַלט.

איר, חשובער קאָלעגע, ווייזט אַרויס גוטן ווילן צו אַרבעט. אָבער ביי אייער גאַנצן פלייס קאָנען מיר זיך מיט אייערע איבערזעצונגען, לײדער, ניט באַנוצן. וויל... לאָמיך מיר דערלויבן די פריקייט — איר זייט קיין פּאָעט ניט. איך דערקען דאָס אין דעם אופן פון אייער אַרבעט. איר באַמיט זיך טאַקע שטאַרק צו געפינען פּאַסיקע ווערטער און אויסדרוקן. אָבער די וואָס איר געפינט ווייזן, אַז איר זוכט פאַלש. איר זוכט בלויז מיטן קאָפּ, בעת דער פּאָעט זוכט און געפינט מיט אַלע חושים. ווערטער זיינען פריער פאַר אַלץ פאַרן געהער. אָבער דער אמת׳ער פּאָעט לאָזט זיך ניט פאַרפירן אַפילו פון

וואוילקלאַנג. נאָר אָפּט פּרואווט ער זיי, די ווערטער, ווי דער פיינשמעקער דעם וויין, מיט צונג און גומען, ווי דער מבין דעם זייד — מיט פיינפילנדיקע פינגער און אַמאָל שטעלט ער אויס דאָס נאָקעטע לייב צו אַ וואָרט, ווי צום שניט פון אַ בייטש. מיט זיין פיינער עמפּינדליכקייט צו ווערטער, איז שערוואוד אַנדערסאָנען געלונגען בפועל ממש צו פאַרוואַנדלען איינע פון זיינע העלדינס אין אַ סטאַטוע, וואָס דערפילט אויף זיך שטיינערן דעם ווינט און די זון און דעם שווענקענדיקן גאָס פון אַ רעגן.

אייערע איבערזעצונגען זיינען ערטערוויז גאַנץ פיין. אין אַנדערע פלע־צער מאַכט איר אפילו צום גלויבן, אַז איר האָט אַ חוש פאַר יענע דינקייטן, וואָס פאָעטן קאָנען אָנטאַפּן. האָט איר אָבער אַ געוואַלטיקע פאַרליבע פאַר העברעאיזמען און סלאַוויזמען און דוקא אַזוינע, וואָס זיינען אין דעם פאָלקס־מויל ניט פאַראַן. און דאָס ווייזט ווידער אויף מאַנגל אין פאָעטישער עמפּ־פינדליכקייט. ווארים פאָעזיע איז אוממעגליך אָן אַ געוויסער אינטימקייט — אין דער לירישער פאָעזיע איז זי עלעמענט — אינטימקייט איז נאָר פאַראַן אין דעם, וואָס איז אייגן און היימיש. אייגן און היימיש אין אַ שפּראַך איז נאָר דאָס וואָרט, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעכאַליעט אין לויף פון דורות, אָדער וואָס דער פאָעט אַדאָפּטירט פון דער פרעמד אַזוי, אַז עס זעט אויס ווי אייגנס, צי דאָס וואָס ער שאַפט אַליין לויטן גייסט און גוסט פון דער פאָלקס שפּראַך. פאַר די לעצטע יאָרן זיינען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט אומצייליקע ווער־טער, וואָס מיר האָבן פאַרטיקע איבערגענומען פון דער פרעמד. די השכלה, פּאָליטישע באַוועגונגען, די איבערוואַנדערונגען און אין די לעצטע יאָרן די מלחמה און די רוסישע רעוואָלוציע, האָבן אונז רייכער געמאַכט מיט אָן אַ שיעור באַגריפן פאַר וועלכע מיר האָבן ניט געהאַט קיין אויסדרוקן אין אונזער היימישן שפּראַך־אוצר. די שפע פון נייע איינדרוקן און באַגריפן איז געקומען אַזוי מיט אַמאָל, אַז מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו קלייבן און אָפּקלייבן. האָבן מיר גענומען פרעמדע ווערטער און אויסדרוקן ווי און וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. על פי נויט באַנוצן מיר זיך מיט זיי אין אונזער זשורנאַליסטיק און פּובליציסטיק, און ממילא לייגן מיר זיי אַריין אין מויל פון פאָלק. אָבער די שפּעטערדיקע דורות וועלן אונז ערשט ווייזן, וויפיל פון די נייע ווערטער זיינען געווען מסוגל אויפגענומען צו ווערן אין אונזער שפּראַך. אין די הונדערטער יאָרן וואָס אידן ריידן אידיש האָבן זיך העברעאישע ווערטער כסדר געפּלאָנטערט אויף דער צונג פון פאָלק. דאָס זעלביקע, אפשר אין אַ קלענערער צאָל, סלאַווישע. אָבער אין זיין שפּראַך האָט דאָס פאָלק אויפגענומען נאָר יענע העברעאישע און סלאַווישע ווערטער, וועלכע עס האָט געקענט פאַרדייען. און אַלע איבעריקע וואָס זיינען געבליבן אין דרויסן, וועלן שוין קיינמאָל מער ניט אויפגענומען ווערן. סיידן ווען זיי

וועלן קומען דערגאַנצן און אויספילן אַ חסרון, ווען זיי וועלן קומען געבן אויסדרוק צו באַגריפן, וואָס האָבן ביז איצט דעם פאָלק געפעלט. אַ ביישפיל זעען מיר שוין איצט אין די פילאָזאָפישע און קאַבאַליסטישע טערמינען, וואָס מיר האָבן אַדאַפּטירט פון העברעאיש און גלאַט ווערטער פאַר אַבסטראַקטע באַגריפן אין וועלכע אונזער לשון איז געווען אַזוי אָרים.

אָרים ווי עס איז אונזער שפּראַך אין אַבסטראַקטע באַגריפן, אַזוי רייך איז זי אין ווערטער, וואָס דריקן אויס דאָס געפילס לעבן. פּאָעזיע בכלל און לירישע פּאָעזיע בפּרט איז פריער פאַר אַלץ די געשטאַלטונג פון דעם גע־פילס לעבן. און ווען אַ לידער שרייבער פאַרוואַרפט אַן אַלט איינגעוואָרצלט וואָרט אין אונזער שפּראַך כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייעס געזנומען פון דער פרעמד — און אין דער הינזיכט איז העברעאיש אונז פּונקט אַזוי פרעמד ווי יעדע אַנדערע שפּראַך — ווייזט ער דערמיט אַליין, אַז ער האָט צו פּאָעזיע קיין שייכות ניט; אַז מיט דעם זוכן אַ וואָרט, איז ער ניט אויסן צו געבן אויסדרוק צו דעם וואָס מאַטערט אים און ער וויל אַרויסברענגען, נאָר ער איז גיכער אויסן צו איבערראַשן מיט בריה׳שקייט און וואוילאַינגישקייט. און ווי מיט אַלץ מיט וואָס מען וויל באַוואוסטזיניק איבעררעאַשן, דערגרייכט מען פּונקט דאָס פאַרקערטע: פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט און וואָס נאָך ערגער רעכט פאַרדינטע אָפּלאַכונג. וואָרים אָפטמאָל ווייזן די אַלע בריה׳שקייטן אויף פּשוט׳ער בטלנות. גאָר באַזונדערס איז דער פאַל ווען מען בריה׳ט זיך מיט העבראַאיזמען.

און האָט ניט קיין פאַראיבל, ליבער קאָלעגע. די אויסגעזוכטע העב־רעאישע ווערטער אין אייערע איבערזעצונגען ווייזן באַשיינפּערליך אויף אַזאַ בטלנות. „בלחש״, „סגי־נהור־יללות״, „שתיקה׳דיקער וואַלד״ און ענליכע אַזוינע אויסגע׳מוח׳טע ווערטער שמעקן מיטן שטויב פון בית מדרש און דעם שימל פון פּלפּול. אַ חוץ אַ קלויזניק וועלן אַזוינע אויסדרוקן ניט איינפאַלן, און אַפילו דער קלויזניק וועט זיך אויך נאָר באַנוצן מיט אַזוינע אויסגעזוכטע און אויסגע׳מוח׳טע ווערטער נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט זיך וועלן בריה׳ן אַקעגן אַן אַנדערן קלויזניק, פאַר זיינער אַן אמת׳ער עמפּפינדונג וועט אפילו דער קלויזניק אויך געפינען אַן אַנדערן מער לעבעדיקן אויסדרוק.

נאָר לאָמיך אייך טרייסטן, ליבער קאָלעגע, — אויב דאָס איז אַ טרייסט פאַר אייך — אַז אין דער הינזיכט זייט איר איצט ביי אונז ניט דער איינצי־קער. אין די לעצטע יאָרן פון זינט נאָך דער מלחמה, האָט זיך ביי אונז באַוויזן אַ גאַנצע מחנה גמראַ קעפּלעך — מעג אַפילו זיין אַז זיי האָבן קיינמאָל קיין גמראַ ניט אָנגעקוקט — וואָס האָט זיך אַ נעם געטאָן צו שרייבן לידער — מסתמא מיט דער אויסרעכענונג אַז אויב פּראָסטע פאָלקס מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געקוועטשט די באַנק אין קלויז צי אין דער גימנאַזיע,

שרייבן לידער, וועלן זיי, די עלוי׳שע קעפּלעך עס אַודאַי קענען באַווייזן — און אַט די כאַלאַסטרע האָט זיך גענומען פאַרזשאַרגאָניזירן אונזער שפּראַך מיט אַזוינע העבראַאיזמען ווי תכלת, און שקיעה און שתיקה און תשוקה און ווער קען זיי דען אויפציילן די אַלע סמישנע ווערטער, וואָס ביז איצט האָבן זיי זיך נאָר געוואַלגערט אין שטויב פון בית מדרש?

געווען אַמאָל אַ צייט ווען אונזער שפּראַך האָט געהאַט אַ ביי־טעם פון טשאָלנט. דאָס איז געווען שלעכט געגוג. נאָך ווי שלעכט! ביז אויפן הייגטיקן טאָג גייט ער אונז נאָך דער דאַזיקער טשאָלנט ריח און רופט אַרויס ביי אונז יענעם איבלדיקן נאָכ׳טעם, וואָס האָט אַזוי פאַרזויערט דאָס שענסטע פון אונזערע קינדערשע יאָרן — דעם שבת. אָבער שלעכט ווי ער איז געווען דער טשאָלנט ריח אין אונזער שפּראַך, איז ער אַלץ ניט געווען אַזוי שלעכט ווי דער איצטיקער בית־מדרש ריח. וואָרים דער טשאָלנט האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונזער שפּראַך פון דעם פּאַקטישן לעבן. און דער בית־מדרש האָט זיך אָנגעהויבן וואו דאָס לעבן האָט אויפגעהערט. מיר האָבן אַמאָליקע יאָרן אין גאַנצן געשטעקט אין טשאָלנט. ער האָט געקלעפּט אויף אונזערע פינגער, ער האָט אַראָפּגעשמעקט פון די ווענט און אַלע אָפענע און פאַרשטעלטע ווינקלען אין אונזערע הימען. און מיט זיין גאַנצן זויערן נאָכ׳טעם האָט ער אויף אַ וויל צום ווינציקסטן געגעבן פרייד כאָטש דעם גומען. אָבער דער בית־מדרש האָט אונז קיינמאָל קיין פרייד ניט געגעבן. און אויב עס איז אַמאָל געווען אַביסל פרייד אין בית־מדרש, האָבן מיר זי מיט געוואָלט אַריינגעטראָגן אַהין. קעגן דעם ווילן פון זיינע אויפזעער, קעגן דעם ווילן פון זיינע אייביק כמורנע וועגט און כמורנעם גייסט, וואָס האָט געהויערט ווי אַ שטיקנדיקער נעפּל צווישן זיי.

זייער מעגליך, חשובער קאָלעגע, אַז לגבי אייך פּערזענליך בין איך אפשר אומגערעכט, אַז איך זאָג אייך אָפּ דאָס פּאָעטישע לעבן אויפן גרונט פון אַ טעות. וואָרים עס קען דאָך זייער געמאָלט זיין, אַז אייער זייער שטאַרקע פאַרליבע צו עקסצענטרישע העברעאיזמען און סלאַוויזמען, נעמט זיך גאָר דערפון וואָס איר לעבט אין אַ דייטשער שטאָט, וואו ריינע אידישע ווערטער קלינגען אין אייערע אויערן ווי פאַרדאָרבן דייטש. עפּעס ענליכס האָבן מיר דאָך געזען אין שלמה בירנבוימ׳ס איבערזעצונג פון מאַקס בראָד׳ס טיקאָ בראהע. אויך בירנבוים איז אין זיין צו שטאַרקן פלייס צו זיין עכט אידיש דערגאַנגען צו אַזוינע לעכערליכקייטן, אַז דאָס אומשולדיקע זייער כשר׳ע אידישע וואָרט „צופיל״ האָט אים אויך געקלונגען דייטשיש, און ער האָט דעריבער פאַרפאַסט זיין אייגענעם „צו אַ סך״. איז אויב דאָס איז דער פאַל מיט אייך, בעט איך טויזנט מאָל אַנטשולדיקונג. און אין איין וועג דערלויבט

מיר אייך צו געבן אַן עצה ווי אַזוי צו פּרואוון די עכטקייט און ריינקייט פון אידיש.

פריער פאַר אַלץ שטרענגט אָן אייער זכרון. פּרואווט זיך דערמאָנען ווי אַזוי עס האָבן גערעדט אייערע זיידעס און באָבעס. טאָמיר אָבער זיינען אייערע זיידעס געווען בלויז בית־מדרש אידן און טרוקענע למדנים דערצו, מעגט איר אָן זיי פאַרגעסן און דערמאָנט זיך בעסער ווי אַזוי עס האָט גערעדט אייער באָבע און אייער עלטער מומע, און איר שכנה, און די איינגייערין אין הויז און די זיצערקע אויפן מאַרק, און די בעקערין, די נייטאָרין, דער שניי־דער, דער שוסטער און דער סטאָליער, און דער חסיד וועו ער האָט נאָכדער־ציילט מופתים פון זיינע רביים און דער באַלעגאָלע ווען ער האָט זיך באַרימט מיט זיינע יאָזדעס, און די קלעזמאָרים און די גנבים. נאָר ניט ווי עס האָט גערעדט אייער טאַטע, אויב ער איז שוין געווען אַ שטיקל משכיל, און ניט ווי איר אַליין, אויב איר זענט שוין אויך געווען אַ כלומר׳שט היינטוועלטיקער.

און פאַרלאָזט זיך ניט אויף אייער זכרון אַליין. נאָר פאַרשאַפט אייך די אַלע פרומע ספרים׳לעך אויף עברי־טייטש, וואָס אייער באָבע האָט געלייענט. דעם צאינה וראינה, דעם נחלת צבי, מנורת המאור און תם וישר, די תחינות, דעם מעין טהור, דעם קרבן מנחה סידור און מחזורים מיט עברי־טייטש — נאָר למען־השם ניט די ווילנער אויסגאַבן פון די לעצטע פופציק־זעכציק יאָר — און די הונדערטער פאַרשיידענע מעשה ביכלעך, וואָס די פּאַקן־טרעגער פלעגן צעטראָגן איבער די הייזער, און חסיד׳ישע מעשיות און עטליכע זאַמלונגען מיט פאָלקסלידער. לייענט זיי און פאַרטיפט זיך אין זיי, וועט איר אין זיי אַנטפּלעקן דעם אמת׳ן געניוס פון דער אידישער שפּראַך.

איר וועט אין זיי געפינען אַ ווערטער אוצר, וואָס איז רייך אין ניואַנסן און שאַטירונגען פון וועלכע אייך האָט זיך אַפילו ניט געחלומ׳ט. איר וועט געפינען שוין לאַנג פאַרשטאָרבענע ווערטער, וואָס קענען אונטער דער האַנט פון מייסטער אויפשטיין צו אַ נייעם לעבן און איר וועט אויך דערזען דער־שטוינענדיקע מעגליכקייטן פאַר נייע ווערטער און נייע קאָמבינאַציעס, וואָס זאָלן האָבן אין זיך דעם גייסט פון היינט און אָטעם פון טראַדיציע.

שלום עליכם און פרץ האָבן געוואוסט פון דעם סוד און דער יונגער אַש האָט שוין געשעפּט פון דעם אוצר מיט פולע הויפנס. אָבער סיי די ערשטע און סיי דער לעצטער האָבן דערזען און גענומען נאָר דאָס פאַרטיקע, אָבער די מעגליכקייטן פאַר עפּעס נייעס וואָס איז פאַראַן אין אָט דעם אַלטן קוואַל, דאָס האָבן ערשט אַנטפּלעקט מיר, די „יונגע״ פון אַמעריקע. וואָס עס האָט אונז דאָ געטריבן צו דעם אַלטן אוצר, דאָס איז נאָך שווער צו באַשטימען. אפשר דערפאַר ווייל דער וועג אַהין איז שוין טיילווייז געווען אויסגעטראָטן, און אפשר ווייל מיר זיינען געווען מער מסוגל דערצו, און גאָר מעגליך, ווייל

מיר האָבן זיך געניטיקט אין אים מער ווי אַנדערע. וואָרים מיר, די אַמעריקאַנער אידן, וואָס אַריבערשווימענדיק דעם ים, האָבן מיר מיט איינמאָל איבערגעריסן מיט דער טראַדיציע פון אַן איינגעפונדעוועטן אידישן לעבן, וואָס האָט מאָראַליש באַהערשט דעם יחיד, האָבן מיר שוין במילא אויך געמוזט פאַרוואָרפן איר אויסדרוק. און כדי צו קריגן נייעם אויסדרוק, וואָס זאָל פונדעסטוועגן ניט זיין פרעמד, האָבן מיר געמוזט צוריקפאַלן צו אַן עלטערער טראַדיציע, וואָס האָט שוין ניט געהאַט גענוג כח אונז מאָראַליש צו באַוועלטיקן, אָבער וואָס האָט נאָך אין זיך גענוג עסטעטישן גייסט אונז שאַפעריש צו באַפרוכפּערן. נאָר סיי ווי, דער פאַקט בלייבט פאַקט, אַז קיינער האָט פון דעם דאָזיקן וואונדערליכן פאָלקס אוצר ניט אַזוי פיל געלערנט ווי מיר, די אַמעריקאַנער „יונגע".

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו קלייבן ווערטער. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרוואָרפן ווערטער. מיר האָבן געטויט און געמאַכט לעבעדיק ווערטער. מיר זיינען דערגאַנגען דעם סוד, ווי אַזוי אָפּצוהיטן די אידיאָמאַטישקייט פון אידיש, אָדער געבן אונזער שפּראַך אַ שיין פון אידיאָמישקייט און דערביי דאָך ניט דאַרפן באַנוצן קיין פאַרטיקע אידיאָמען, וואָס זיינען ווי קלישעען און דערלאָזן ניט צו פערזענליכן אויסדרוק נאָר פאַרטושן אים, ווי די נאָכשלעפּענישן פון אַ פּסוק אין דער העברעאישער מליצה. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט די קונסט פון עקאָנאָמיע און צמצום; ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט אַ וואָרט און זיין שאָטן, מיט זיין קלאַנג און זיין נאָכקלאַנג. מיר זיינען דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַראַנזשירן ווערטער אַזוי, אַז עס האָבן זיך באַקומען די וואונדערליכסטע ריטמען. אין דער הינזיכט זיינען מיר שוין אָפּטמאָל דערגאַנגען ביז קונץ. אַזוי אַז מיר האָבן געקענט אָפּנאַרן מיטן בלויזן ריטם כאָטש הינטער אים איז גאָר קיין ממשות׳דיקס ניט געווען. דאָ איז אונז געקומען צו הילף דער פיין קולטיווירטער חוש פאַרן וואָרט. וואָרים אויב מיר האָבן אַפילו ניט תמיד געפונען דאָס עקזאַקטע וואָרט, האָבן מיר אָבער כמעט שטענדיק געוואוסט ווי אויסצומיידן דאָס האַמעטנע באַליידיקנדיקע וואָרט, וואָס שטעלט זיך אַוועק פּאַפּעריק אין מיטן, און שטעלט אָפּ דעם פלוס פונ׳ם פערז. מיר האָבן אויסגעשיילט די וואָרצלען פון אַלטע ווערטער, פאַרפלאַנצט פון זיי נייע, וואָס האָבן שפּעטער אָפּגעוואָרפן זאָמען פאַר נאָך נייערע.

מיר האָבן מיט דער קולטור פון וואָרט געפירט אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן די שפּראַך שוין צופיל פאַרדינט און פאַראיידלט. אין איין צייט זיינען מיר שוין געהאַט דערגאַנגען צו אַזאַ פּוריזם, אַז זי האָט שוין אָנגעהויבן פאַרבליען. און דעמאָלט איז געקומען די רעאַקציע. מיט אונזער קומען האָבן מיר פון דער אידישער דיכטונג פאַרטריבן דעם פּיפּיקן זשורנאַליזם, וואָס מיט זיין

וואוילויגישקייט איז אים קיין זאַך ניט שווער, און פאַר די סאַמע טיפסטע און פאַרבאַרגנסטע פלאַנטערנישן קריגט ער גלייך גרילצנדיק באַמבאַסטישן לשון. מיט אונזער פאַלן האָט זיך דער זשורנאַליזם, הגם ניט אויף לאַנג, ווידער אַרויפגעכאַפּט אויפן פערדל. אָבער מען קאָן ניט זאָגן, אַז דער צוריקקער צום זשורנאַליזם האָט גאָר קיין פאַרדינסטן ניט געהאַט. איינער פון זיינע פאַרדינסטן איז זיכער באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט באַצייטנס אָנגעוויזן אויף דער צו שטאַרקער פאַרדינונג פון אונזער שפּראַך. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדערע זאַך, וואָס האָט מיטן עצם ניט צו טאָן.

אין דער האָפנונג אַז איר וועט ניט נעמען פאַר אומגוט עטליכע צו שאַרפע ווערטער אויף אייער חשבון, פאַרבלייב איך מיט דרך־ארץ,

אייער,

ר. אייזלאַנד

1926